STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08458

UNTER EYN DAKH

Lazarus Monfried

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



לאַזאַרוס מאָנפריד

צו זיין 40־יאָריגען ליטעראַרישן יובילײ

אונטער איין דאַך

לידער, דערציילונגען, פובליציסטיק,
דראַמע, און מוזיק

◈

— פון —

לאַזאַרוס מאַנפריד

◈

פאַרלאַג: בוכפאָלק
Bookfolk Publishing Co., New York 3, N. Y.

Copyright, 1949, by
BOOKFOLK PUBLISHING CO.
112 E. 19th St., New York N. Y.

(Printed in the United States of America)

אַלע רעכטן רעזערווירט
All rights reserved

The Shoulson Press, New York
255

צו אברהם רייזען

דו ביזט מיין ערשטער וועג־ווייזער
געוועזן צום ערשטן שפור
פון אונזער גרויסן אוצר־קוואַל
אין דער ליטעראַטור.

טאָ זאָל דאָס בוך געווידמעט זיין
צו דיר און דיין זשעני,
מיט דאַנק פאַר דיין גוטהאַרציגקייט,
דערמוטיגונג און מי.

[illegible]

אינהאַלט

אַ וואָרט פון די אַרויסגעבער 7
לאַזאַרוס מאָנפריד — דער האַרמאָנישער (אַלמי) 8
לאַזאַרוס מאָנפריד׳ס ביאָגראַפיע 15
איינלייטונג 19

ערשטער טייל — לידער

די צייט און מיר 25
דער טאָג, דער ים 26
פרילינג טענער 27
דער „פעטער שנייער" 29
וואו זיינען די פייגל? 30
צום אַסטראָנאָם 31
אַ מלחמה 33
צו היטלערן 34
דער אייביגער פורים 36
די קשיות 37
די „איכה" 38
נעילה 40
ניט גע׳דאגה׳ט 42
מיין וועג 43
די באַפרייאונג 44
שיר הגאולה 45
„הימן אָוו דזשואיש פרידאָם" (ענגליש) 47
זומער־לעב 50
ברודערשאַפט 51
מוטער׳ס־טאָג 52
„קאָנפערענץ" 53
אייניגקייט 54
טעאַטערייען 55
די דריי קריגער 56
„סקרעפ" 57
צו „1942" 58
צום יאָר תש״ד 59
כפרות 60
אַ גוטער גוי 61
אַ מיידעלע 62

צווייטער טייל — דערציילונגען

פונקען און רויך 65
לעבן אין אַ זייגער 68
פאַר׳יתומ׳טע אוגערקעס 71

אידיש בלוט 74
פאַרבייִנקט נאָך טרערן 81
פאַרליבט אין אַ ניגון 86
אַ סדר אין דרויסן 93
אירע הינדעלעך 98
זיין נייע דערפאַרונג 104
די ריכטיגע פּאָר 110
גליקלין פאַרהייראַט 117
מיין גליקליכע באַגעגעניש 125
שולדיג אַ לעבן 131
ווי אַלט זיינען זיי ? 143
אַ מיטל צו רעדוצירן 147
אַ שרעקליכע פאַרשווערונג 153

דריטער טייל — פּובליציסטיק

דער כאַאָס אין אידיש 161
דער איד און זיין בוך 165
וואו זיינען אונזערע קינדער ? 167
דער וואַרשעווער געטאָ־קאַמף 169
אייניגקייט אויף אַלע פראָנטן 172
אידישן אָפּטימיזם פאַרלאַנגט 175
אונזער צווייפאַכע פאַרטיידיגונג 178
די פאַמיליע אין דער מלחמה 180
פון פאַרטיידיגונג צום זיג 184
צום נייעם יאָר תש״ג — 5703 189
ווילקאָמען, תש״ד — 5704 ! 192
דאַרפן מיר טאַקע אַ אידישע אַרמיי ? 195
רעדאַקטאָריזמען (שראַפּנעלן) 201
רעדאַקטאָריזמען (פעפערלעך) 208
אַ אידישע גלות־רעגירונג 213
צו וואָס אַ גלות־רעגירונג ? 223
הגדה און קניידלעך 230
געשטויגן און געפלויגן 234
דאָס מזל־פויגעלע 239

פירטער טייל — דראַמע

ערשטער אַקט 249
צווייטער אַקט 270
דריטער אַקט 293
ענגלישע ווערטער אין אַמעריקאַנער אידיש 315

פינפטער טייל — מוזיק

פּאַדערבלאַט, זייט 321. נאָטן צו 6 לידער, איינלייטונגען אין ענגליש — לינקס.

אַ וואָרט פון די אַרויסגעבער

מיר נעמען זיך די פרייהייט, און דעם פאַרגעניגען, צו פאַר־נעמען דאָ אַ שטיקל פלאַץ פאַר אַ וואָרט וועגן דעם בוך.

אונזער דערפאַרונג, וואָס מיר האָבן שוין פון פריער, מיט פובליצירן אַ בוך פון דעם חשוב'ן שריפטשטעלער, לאַזאַרוס מאַנ־פריד, איז אַ העכסט צופרידענע. אַזאַ דערפאַרונג סטימולירט אונ־זער גלויבן און צוטרוי צו דעם דערפאָלג אויך פון דעם איצטיגן בוך, וועלכעס אַנטהאַלט „אונטער איין דאַך" אַן אויסוואַל פון זיינע בעסטע שריפטן, זינט זיינע אינגלשע יאָרן.

די דערפאַרונג וואָס מיר האָבן געקראָגן איז פון זיין בוך „פריי־ליכקייטן" (פערל פון הומאָר און סאַטירע), וועלכעס מיר האָבן אַרויס־געגעבן אין 1944, און געהאַט אַ קאָלאָסאַלן דערפאָלג. מיר האָבן אים געדרוקט אין אַ גרויסער צאָל עקזעמפּליאַרן — און עס איז שוין פון אים כמעט גאָרניט געבליבן.

מיר ווילן האָפן — און מיט פולער באַרעכטיגונג — אַז דער לייענער וועט אויך אין דעם איצטיגן בוך ניט געפינען קיין איינציגן פאַראַגראַף וואָס איז לאַנגווייליג אָדער אומאינטערעסאַנט. דאָס איז דאָס וויינציגסטע וואָס מיר דערלויבן זיך צו זאָגן מיט אונזער גאַנ־צער אויפריכטיגקייט וועגן זיין אינהאַלט. ווי דער לייענער וועט דאָס אַליין איינזען.

דערפאַר האָפן מיר, אַז דאָס בוך וועט געטריי דערפילן זיין מיסיע און ערליך פאַרדינען זיין באַרוף: אַ גייסטיגער גענוס פאַר דעם לייענער און אַ צירונג פאַר זיין ביכער־אַלמער.

פאַרלאַג בוכפאַלק

נאכבאַמערקונג: אין אַנערקענונג פון די פיל פריינט וועלכע לאַזאַרוס מאַנפריד האָט געוואונען דורך זיינע ענגלישע שריפטן, ווערן דאָ די איינ־לייטונגס־אַרטיקלען צוזאַמען מיט זיין ביאָגראַפיע געדרוקט אויך אין ענגליש (פון דער לינקער זייט).

לאַזאַרוס מאַנפריד — דער האַרמאַנישער

(אַן אַריינפיר — אַ פּאָרטרעט)

פון א. אַלמי

די איינדרוקן פון דער קינדהייט און פריער יוגנט, נאָך ניט באַשווערט און געשטערט פון קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען, זאָרגן און אידייען, זענען די שאַרפסטע, די טיפסטע און די ריינסטע. זיי פאַרבלייבן אין זכרון און אין געמיט אויפן גאַנצן לעבן. אַפילו די גרויסע און שווערע לאַסט פון איבערלעבונגען, דערפאַרונגען און אַנטוישונגען פון די שפּעטערדיקע יאָרן קאָן זיי ניט דערשטיקן. אדרבה, אין מאָמענטן פון טראַגישער איבערלעבונג, אָדער יאוש, שווימען זיי אַרויס פאַר דיינע אויגן, רופן אַרויס און באַלעבן דאָס ווייטע, דעם פרילינג פון לעבן מיט זיינע ציטערדיקע חלומות, מיט זיין ריינקייט און שיינקייט — און זיי ברענגען דיר טרייסט, כח און נייע האָפנונג.

גאַנץ אָפט, אין אַזעלכע מאָמענטן, לעבט פאַר מיר אויף, ווי דורך אַ כישוף, דאָס אַמאָליקע וואַרשע, מיין קינדהייט, מיין פריע יוגנט, די ערשטע ליטעראַרישע אַספּיראַציעס און אינספּיראַציעס. דאָס איז געווען יענע וואונדערלעכע צייט, ווען צו מיר, אַ יונג יינגל פון דער געדיכטער וואַרשעווער אָרימקייט, האָבן זיך דער־טראָגן די לידער פון באַוועגונגען און רעגונגען, וואָס זענען דאַ־מאָלט אויפגעגאַנגען אין דער יידישער וועלט — לידער וועגן ציון און לידער פון קאַמף, רעוואָלוציע; עס מישן זיך אין מיין געמיט תנ"ך, תלמוד, און די נייע יידישע ליטעראַטור; מענדעלע, פּרץ, דר. הערצל, נאָרדוי — און אַלץ איז אַזוי האַרמאָניש אין מיר, ווי איין ליד, איין סימפאָניע.

נישטאָ אין יוגנטלעכן חלום, אין יוגנטלעכער אויפוואַכונג קיין אָרט פאַר סתירה, פאַר געראַנגל. דאָס קומט שפּעטער, מיט די

יאָרן. די פריע און פרישע יוגנט איז שלום ושלוה'דיק, האַרמאָ־ניש. אַלץ איז „בכי טוב".

און ווען יענע וואונדערלעכע וויטע — און דאָך אַזוי נאָענטע — צייט שטייט־אויף תחית־המתים אין מיין געמיט און עס דער־טראָגן זיך צו מיר אויף דאָסניי בילדער, געשטאַלטן און לידער פון דעם גאָלדענעם אַמאָל, דערהער איך אויך אַ ליד, אַ ליד פון יידישער דערוואַכונג, יידישע האָפנונג, „ציונ'ס פאַן", וואָס איז דאַמאָלט געווען אַזוי פּאָפּולער אין יידישן וואַרשע — און מסתמא אין אַ סך אַנדערע יידישע מקומות — ווי „התקוה" און „דאָרט וואו די צעדער". דאָס ליד האָט גערופן:

וואַך שוין אויף, מיין פאָלק,
נעם דיין פאָן אין האַנד;
און מאַרשיר אַרויס
צו דיין פאָטערלאַנד. (א. אַ. וו.)

קינד און קייט האָבן דאָס געזונגען. מען האָט עס געזונגען אין יידישע הייזער און אין די גאַסן און אין וואַלד, וואוהין דאָס יידישע יונגוואַרג האָט אין די פּרעכטיקע פרימאָרגנס פון פרילינג און זו־מער זיך אַרויסגעלאָזט אויף אַ שפּאַציר.

און איינמאָל, בעת מיר האָבן דאָס דאָזיקע פשוט'ע, פאָלקס־טימלעכע ליד געזונגען, האָב איך פּלוצלינג דערהערט דעם נאָמען „מאַנפריד". דאָס איז מסתמא געווען אַן ענטפער אויף עמיצענס אַ פראַגע, ווער דער מחבר פון דעם ליד איז. און אָט אַזוי האָט זיך צום ערשטן מאָל דער נאָמען מאַנפריד — אליעזר, אָדער לאַ־זאַרוס מאַנפריד — אַ שניט געטאָן אין מיין זכרון אַריין.

זינט יענעם מאָמענט האָב איך אָט־דעם נאָמען אָפט באַגעגנט: פריער אונטערגעשריבן אונטער לידער אין דעם זשורנאַל „דער יוד", וואָס פלעגט אַריינקומען צו אונז אין שטוב אַריין, שפּע־טער אויף פּאָסט־קאַרטלעך, וואָס פלעגן צו אונז קומען פון קרובים אין אַמעריקע. די דאָזיקע פּאָסט־קאַרטלעך זענען געווען „זשור־נאַלן", אין דער פאָרם פון אַ פּאָסט־קאַרטל, געדרוקט מיט דראָב־ניינקע שריפט, אונטער דער רעדאַקציע פון לאַזאַרוס מאַנפריד...

דאָס קאַרטל, אָדער זשורנאַל, האָט געטראָגן דעם נאָמען „דער לץ" — און איז געווען אָנגעפּיקעוועט מיט וויצן און האָט, דאַכט זיך, אויך געהאַט אַ לייט־אַרטיקל. אויף דער צווייטער זייט פון פּאָסט־קאַרטל איז געווען אָרט פאַר אַן אַדרעס און אפילו פאַר אַדווערטייזמענטס. און אַזוי האָט זיך דאָס אָפענע קאַרטל, מיט דער דראָבנינקער יידישער שריפט, געטראָגן איבער לענדער און ים'ען. דאָס איז באמת געווען אַזאַ טשיקאַווער און אָריגינעלער אויפטו, אַז די קאַרטלעך זענען געגאַנגען פון האַנט צו האַנט, ווי אַ גרויסער חידוש. איך האָב די זשורנאַל־קאַרטלעך געזאַמלט און מיט יאָרן־שפּעטער, ווען איך בין שוין געווען אַ בירגער פון דער יידיש־ליטעראַרישער וועלט און זיי געוויזן צו יידישע שרייבערס, האָבן זיי פון מיר די קאַרטלעך צוכאַפּט. נח פּרילוצקי האָט זיך גאָר מחיה געווען מיט זיי און איין מאָנפּריד־קאַרטל, וואָס ער האָט פון מיר ממש אויסגעכאַפּט, האָט ער באַהאַלטן ווי אַן אבן־טוב.

פון דעם קאַרטל־זשורנאַל „דער לץ" בין איך געוואָר געוואָרן, אַז לאַזאַרוס מאָנפּריד איז ניט בלויז אַ דיכטער און מוזיקער, וואָס פאַרפאַסט סיי די ווערטער, סיי דעם ניגון פון זיינע לידער, נאָר אויך אַ הומאָריסט און פּעליעטאָניסט. ערשט מיט יאָרן שפּעטער, שוין דאָ אין אַמעריקע, האָב איך זיך דערוואוסט, אַז מאָנפּריד איז בכלל אַ מושלם: ער שרייבט פעליעטאָנען און דערציילונגען, לידער און עסייען, דראַמען און הומאָרעסקעס, שפּילט פידל, איז אַ לערער פון מוזיק און אַ פאָרשער פון מעדיציניש־כעמישער וויסנשאַפט. ועל כולם טראָגט ער זיך אַרום מיט אינטערעסאַנטע אידייען און פּלענער ווי צו לעזן יידישע און אַלמענטשלעכע פּראָבלעמען, וואָס ביי אַנדערע, מער גינסטיקע באַדינגונגען, וואָלטן זיי אפשר געקענט רעאַליזירט ווערן.

אָבער ביז מיין קומען קיין אַמעריקע איז לאַזאַרוס מאָנפּריד פאַר מיר געווען אַ מין לעגענדע. איך האָב ניט געהאַט דעם מינדסטן באַגריף וועגן זיין אויסזען. האָב אַפילו ניט געוואוסט, אַז ער האָט יאָרן־לאַנג געוואוינט אין וואַרשע, געטיילט אַ דירה מיט אברהם רייזענ'ען און אַז זיין ליד „וואָך שוין אויף, מיין פאָלק" האָט ער געשריבן (די ווערטער און מוזיק) טאַקע אין וואַרשע, ווען

ער איז נאָך אַ יונג אינגל געווען. דערפאַר בין איך ממש איבער־ראַשט געוואָרן, ווען אַ שטיקל צייט נאָך מיין קומען קיין אַמעריקע, אין 1913, איז אין רעדאַקציע פון „טאָגעבלאַט“, וואו איך בין געוואָרן אַ מיטאַרבעטער, אַריינגעקומען אַן עלעגאַנט־גע־קליידטער יונגערמאַן, אַ שוואַרץ־חנ׳עווודיקער, מיט אַ ווירדיקער האַלטונג און מיט רואיקע, געמאָסטענע טריט, און איינער פון די מיטאַרבעטער האָט אים פאַר מיר פאָרגעשטעלט:

— לאַזאַרוס מאַנפריד!

הייסט עס, אַז מאַנפריד איז ניט קיין לעגענדע, נאָר אַז אַזאַ מענטש מיט אַזאַ נאָמען איז טאַקע פאַראַן... און אַז ער איז דערצו אַ „טאָגעבלאַט“־מיטאַרבעטער. איך געדענק ניט, צי איך האָב דאָס דאַמאָלט טאַקע געזאָגט מאַנפריד׳ן, אָדער בלויז אַזוי געטראַכט. דער עיקר איז, אַז זינט יענעם טאָג איז מיר לאַזאַרוס מאַנפריד נאָענט געוואָרן מיט זיין פריינטלעכקייט, מיט זיין קאָרעקטער האַל־טונג, מיט זיין גוטמוטיקייט — און די נאָענטקייט צו אים און מ י ט אים איז קיינמאָל ניט איבערגעריסן געוואָרן אין די אַלע לאַנגע יאָרן אין אַמעריקע, כאָטש איך האָב זיך זינט דאַמאָלט, ווי מיר ווייזט זיך אויס, אַ סך געענדערט, דורכגעמאַכט אַלערליי גייסטי־קע גלגולים. אפשר האָט די נאָענטקייט אָנגעהאַלטן גראָדע דער־פאַר, וואָס ער, מאַנפריד, האָט זיך נ י ט געענדערט.

מאַנפריד איז דערזעלביקער איצט, וואָס מיט עטלעכע און דרייסיק יאָר צוריק. דאָס איז ניט קיין מליצה און ניט קיין גוזמא. אין די לעצטע צענדליקע יאָרן, וואָס איך קאָן מאַנפריד׳ן, זענען פאָרגעקומען די גרעסטע וועלט־איבערקערעניש, מלחמות, רע־וואָלוציעס, בירגער־קריגן; אויך אויף דער יידישער גאַס זענען פאָרגעקומען מורא׳דיקע און גורל׳דיקע ענדערונגען אין קלאַסן, גרופּן, יחידים; רעוויזיעס פון „איזמען“, חשבון־הנפש, איבער־ראַשונגען פון ווערטן; אפיקורסים זענען געוואָרן רעליגיעז; ראַ־דיקאַלן זענען געוואָרן קאָנסערוואַטיוו; אַנטי־ציוניסטן זענען גע־וואָרן ציוניסטן; רעוואָלוציאָנערן זענען געוואָרן רעאַקציאָנערן און רעאַקציאָנערן זענען געוואָרן רעוואָלוציאָנער, בונטאַריש.

אָבער לאַזאַרוס מאַנפריד איז פאַרבליבן דערזעלביקער, דער

אייגענער — סיי אין אויסזען, סיי אין זיין שרייבן, סיי אין זיין טעטיקייט. די יאָרן האָבן זיין פיזישן אויסזען ווייניק אָנגערירט: דיזעלביקע פרישקייט, דיזעלביקע גמיטלעכקייט, דיזעלביקע געמאָסטענע טריט, דיזעלביקע ציכטיקייט און עלעגאַנץ. און אויך אידעאיש, ווי דאָס דריקט זיך אויס אין זיין שרייבן און אין זיין טעטיקייט — דער אייגענער מאַנפריד. ער איז אַלעמאָל געווען נאָענט צו אַלץ, וואָס איז יידיש און וואָס איז מענטשלעך און אַלעמאָל פריינטלעך צו אַלע מענטשן, וואָס זענען געקומען אויף זיין וועג, אַלצאיינס ווער דער מענטש איז און וואָס דער מענטש איז — אַבי דער מענטש איז ניט קיין שווינדלער, קיין פאַררעטער און פאַרברעכער. אויף קיין פּאַרטיי־פּאַספּאָרט האָט ער קיינמאָל קיינעם ניט געפרעגט. דורך זיין נאַטירלעכער באַשיידנקייט האָט ער קיינמאָל ניט געזוכט צו וואַרפן זיך אין די אויגן פון דער עפנטלעכקייט און שאַפן זיך פּאָפּולאַריטעט ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן.

מאַנפריד האָט קיינמאָל אין זיין גאַנץ לעבן, קיינעם ניט אויפגערעגט מיט אַ שאַרף וואָרט, מיט אַן אַרויסטריט; ער האָט קיינמאָל ניט אָנגעטראָטן אויף קיינעמ׳ס אידעאָלאָגישע הינעראויגן; און איר וועט דערפאַר קיינמאָל פון קיינעם ניט הערן קיין בייז וואָרט אויף זיין חשבון. פון דעם פרומסטן ביז דעם פרייסטן, פון דעם רעכטסטן ביז דעם לינקסטן, פון דעם קאָנסערוואַטיווסטן ביז דעם רעוואָלוציאָנערסטן — קיינער פון זיי איז אויף מאַנפריד׳ן ניט אָנגעשטויסן. אַן אַריינפיר צום מאַנפריד׳ס בוך וואָלט מיט פאַרגעניגן געשריבן אַ קאָנסערוואַטיווער, אָרטאָדאָקסישער קאָלעגע, אָדער אַ לינקער שבלינקער קאָלעגע. דער גוטער גורל איז געפאַלן אויף מיר — דווקא אויף איינעם וואָס איז צוריסן מיט דער „וועלט" און מיט זיך — אפשר דערפאַר, וואָס אין מיר לעבט מאַנפריד סיי אין יוגענט־חלום ווי אַ לעגענדע; סיי ווי אַ רעאַלער מוסטער פון שלום — שלום מיט זיך און מיט דער וועלט; אַ מענטש, אַ ביישפּיל פון גאַנצקייט, פון האַרמאָניע, וואָס טיף אין אונזער וועזן זענען מיר — די אייביקע בעלי־מחלוקה, גריבלער, פּאָלעמיקער, צוריסענע און צוביסענע — אַזוינעם מקנא.

דערמיט מיין איך בשום־אופן ניט צו זאָגן, אַז מאַנפריד איז, חלילה, קאַלט, גלייכגילטיק, אומבאַרירט פון אַלע אויפטרייסלע־

נישן. דאָס איז נאָר אויסערלעך אַזוי. אַ וואַרימער, האַרציקער מענטש, ווי מאַנפריד, קאָן ניט זיין גלייכגילטיק אין אַזאַ אומגעהויער־צערודערטער, גורל׳דיגער צייט. אָן עדות אויף זיין אינערלעכער אויפרעגונג זענען זיינע דערציילונגען, לידער, דראַמען, אַרטיקלען, וואו ער רופט זיך אָפּ אויף צייט־פראַגן. אָבער ער האָט אַ זעלטענעם זעלבסט־קאָנטראָל. ער צאַמט און באַהערשט זיינע געפילן סיי אין זיין פערזענלעכן אומגאַנג מיט מענטשן, סיי אין זיין שרייבן. ער פאַרלירט זיך ניט. אין אַ שׂרפה, אָדער בעת אַ שיף־ברוך, ווען מענטשן לויפן אַרום צעווילדעטע, שרייען, יאָמערן, שעלטן, טרעטן איינע אויף די אַנדערע, איז ער דער מענטש, וואָס פאַרלירט ניט זיין גלייכגעוויכט. ער שפּאַנט מיט געמאָסטענע טריט, ריטמיש, צום טאַקט, צום געהעריקן אַרויסגאַנג, צו רעטונג, און דערמיט באַרואיקט ער אויך אַנדערע, אַז זיי זאָלן זיך ראַטעווען אָן היסטעריקע.

דער נאָמען פון זיין איצטיקן בוך — „אונטער איין דאַך״ — איז ניט נאָר אַ געראָטענע כאַראַקטעריסטיק פון דעם אינהאַלט, וואָס נעמט אַריין לידער, דערציילונגען, הומאָר, סאַטירע, דראַמע, אַרטיקלען און מוזיק, אָן אָפּקלייב פון זיין פאַרשיידנאַרטיקן שאַפן זינט זיינע קינדער־יאָרן, נאָר איז אויך סימבאָליש פאַר זיין גאַנצער באַציאונג צו דער וועלט: אַלע לעבן מיר אונטער איין דאַך, מיט אַלע אונזערע פּאַרטייען, ריכטונגען, איזמען, אידעאָלאָגיעס און דעוויזן, און אַלע שטרעבן מיר צו אַ בעסערער וועלט. ווער אויף אַ גלייכן און ווער אויף אָן אומגלייכן וועג — טאָ פאַרוואָס, טאַקע, אַרומרייסן זיך, קריגן און שלאָגן זיך? לאָמיר לעבן בשלום. לאָמיר איינער דעם אַנדערן ניט פאַרלויפן דעם וועג. נאָר גיין צום טאַקט, רואיק, ניט פאַרלירנדיק די קעפּ.

דאָס איז לאַזאַרוס מאַנפריד. דאָס איז, וואָס לאַזאַרוס מאַנפריד זאָגט אונז.

לאַזאַרוס מאַנפריד — דער מענטש פון האַרמאָניע, ריטם און טאַקט, וואָס כאַראַקטעריזירט זיין מוזיקאַלישקייט.

לאַזאַרוס מאַנפריד — דער אומפאַרענדערלעכער.

לאַזאַרוס מאַנפּריד'ס ביאָגראַפיע

אַנטנומען פון „לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור", רעדאַק־
טירט פון זלמן רייזען, ווילנא, 1927; „לעקסיקאָן פון יידישן
טעאַטער", רעדאַקטירט פון זלמן זילבערצווייג,
וואַרשע, 1934, און אַנדערע קוואַלן.

לאַזאַרוס (אליעזר) מאַנפּריד איז געבאָרן געוואָרן אין שאַדאָווע (דאַן קאָוונער גובערניע), ליטע. זיין פאָטער, ר' יהודה־לייב מאַנ־פריד, ע"ה, איז געווען אַ משכיל און תלמוד חכם, און האָט אַזוי געשטרעבט צו דערציען זיין זון, לייזער'ל, וועלכער האָט שוין אין זיינע חדר־יאָרן אַרויסגעוויזן אַ טאַלאַנט צו ליטעראַטור און מוזיק. צו 8 יאָר האָט ער אָנגעפאַנגען צו לערנען פידל שפּילן ביי אַ קלעזמער אין שטעדטל און שפּעטער ביי אַ גרעסערן לערער אין שאַוול, וואו ער האָט אויך געשטודירט אידישע לימודים. צו 15 יאָר איז ער געקומען קיין וואַרשע, וואו ער האָט שטודירט פידל און אַלגעמיינע מוזיק אין דער דאָרטיגער קאָנסערוואַטאָריע.

קומענדיג אין וואַרשע האָט ער זיך באַקענט מיט דר. יוסף לוריע, רעדאַקטאָר פון „יוד", וועלכער האָט אים באַקענט מיט אברהם רייזען. רייזען האָט זיך מיט אים שטאַרק פאַראינטערע־סירט, אַריינגענומען אים שפּעטער אַלס אַ מיט־קוואַרטיראַנט אין זיין צימער, און האָט געהאַט אויף אים אַ גרויסע השפּעה.

אין זיינע מעמואַרן, „עפּיזאָדן פון מיין לעבן", 2־טער טייל, קאַפּיטל 32, שרייבט אברהם רייזען וועגן מאַנפּריד'ן דאָס פאָלגענדע:

> דאָס צימער אויף סווענטאַ יערסקאַ האָט שוין צוליב דער רייכערער געגנט, געקאָסט 10 רובל אַ חודש. פונדעסטוועגן האָב איך געהאַט צו אים אַ שותף, אליעזר מאַנפּריד, דאַן נאָך גאָר אַ יונג בחור'ל, וואָס האָט זיך אויף עפּעס געשניטן, צי אויף אַ פּאָעט, צי אויף אַ פידל שפּילער — איז נאָך ניט געווען באַוואוסט. באַקאַנט האָב איך זיך מיט אים אין רעדאַק־ציע פון „יוד", וואו דער רעדאַקטאָר דר. יוסף לוריע האָט מיר אים פאָרגע־שטעלט אַלס יונגן טאַלאַנט, וואָס זאָגט צו.

מאַנפריד האָט זיך צו מיר צוגעלאָזט. אַן איידעלער, אַ העפליכער, אַ יוגענטליכער, איז ער מיר געפעלן געוואָרן פערזענליך און ער איז מיט דער צייט געוואָרן מיין שותף צום צימער. אַ פּינקטליכער אין צאָלן פּאַראויס דאָס דירה־געלט, האָט ער אויך אויף מיר געווירקט איך זאָל זיין פּינקטלי־כער... עס איז געווען אַ שמאָלער אָבער לאַנגער צימער. געשטאַנען איז אין אים אַ בעטל, אַ זאָפע, אַ טישל און צוויי שטולן... אָבער מאַנפריד האָט זיך אין די בייטאָגס זעלטן געפונען אין צימער. ער איז שוין דאַן געווען אַ „מענש", הגם איינגאַנצן אַ זיבעצן יאָר אַלט. ער איז שוין דאַן געווען פול מיט פּלענער, סאַי ליטעראַרישע, סאַי מוזיקאַלישע, און אפילו ריין קאָמערציעלע. איך האָב פון אים גאָר אַנגעקוואָלן. אַז מ. ספּעקטאָר האָט געדאַרפט האָבן אַ פּסח ליד פאַר'ן פּסח־נומער „פאָלקס־צייטונג" און ניט געהאַט, האָט שוין מאַנפריד דאָס גלייך דערפאַרן און אָנגעשריבן אַ ליד „די קשיות", שיער ניט אַ פילאָזאָפישע. — —

דער גוטער אברהם רייזען, וועלכער זעט אין אַלץ און אין אַלע־מען נאָר דאָס בעסערע און שענערע, זאָגט וועגן מאַנפריד'ן, אַ ביסל ווייטער, דאָס פאָלגענדע:

אַליעזר מאַנפריד שלאָפט אויף דער זאָפע און שמייכלט פון שלאָף, ווי ער וואָלט זיך מכין געווען צו שפילן אויפ'ן פידל, אָדער ווי עס וואָלט זיך אים גע'חלום'ט אַז מ. ספּעקטאָר נעמט ביי אים אָן אַ ליד פאַר דער „פאָלקס־צייטונג".

אין וואַרשע האָט לאַזאַרוס מאַנפריד פאַרעפנטליכט לידער אין „יוד", „יודישע פאָלקס־צייטונג", „פריינד", „טאָג", און אין עפּעל־בערג'ס „יום־טוב בלעטער", וועלכע ער האָט שפּעטער, אַרום 1904, אַליין אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן*). אין דער זעלביגער צייט האָט ער פאַרפאַסט זיין ערשטע קאָמפּאָזיציע, טעקסט און מוזיק פון דעם ליד „ציונ'ס פאַן", אויך געווען טעטיג אַלס כאָר־דיריגענט אין דער קאָר־שול „שערי ציון" און פון אַ געזאַנגפאַראיין, וואָס איז פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין דעם באַוואוסטן „הזמיר".

נאָכ'ן אויסבראָך פון דער רוסיש־יאַפּאַנעזישער מלחמה איז ער אַוועקגעפאָרן צו זיין פאָטער קיין סאוט־אַפריקאַ, וואו ער האָט

*) דער באַרימטער נאָוועליסט, לאַמעד שאַפּיראָ, ע"ה, פלעגט אָפט דער־מאָנען דעם פאַקט — און אויך אַזוי אָנגעגעבן אין זיין ביאָגראַפיע — אַז לאַזאַרוס מאַנפריד איז געווען זיין ערשטער רעדאַקטאָר, ווען ער האָט אין זיין „סוכות בלאַט" (וואַרשע) געדרוקט שאַפּיראָ'ס ערשטע סקיצע „די פליגל" (פון דער סוכה).

געגומען אַ נאָענטן אָנטייל אין די דאָרטיגע אידישע צייטשריפטן, ווי „הכוכב״, „פאָלקסצייטונג״, „אַפריקאַנער״, אויך קאָרעספּאָנדירט אין איראָפּעאישע און אַמעריקאַנישע צייטונגען.

אין 1908 איז מאַנפריד, צוזאַמען מיט זיינע עלטערן, שוועסטער און ברידער, געקומען קיין אַמעריקאַ. אַ געוויסע צייט איז ער געווען אַן אָפטער מיטאַרבייטער פון „יידישן טאַגעבלאַט״ און זיך באַטייליגט אויך אין אַנדערע צייטשריפטן מיט לידער, דערציילונגען, פעלעטאָנען, פובליציסטישע אַרטיקלען, און האָט שפּעטער אויך פיל געשריבן אין ענגליש.

אין אַמעריקאַ האָט מאַנפריד רעדאַקטירט אַ הומאָריסטישע וואָכנשריפט „דער לץ״, ניו יאָרק; אַ וואָכנבלאַט „די אידישע שטימע״, סינסינעטי, אָ.; „אידישע דראַמע און פאַמיליען־זשורנאַל״, ניו יאָרק; „די מוזיקאַלישע וועלט און טעאַטער זשורנאַל״, ניו־יאָרק; און פאַר עטליכע יאָר דעם „אידישן פאַמיליען־זשורנאַל״, אין אידיש און אין ענגליש. ער האָט אויך פאַרפאַסט די פּיעסן „אידישע חלומות״ — דראַמע אין 3 אַקטן, און „גאָדעס אָוו מיוזיק״ (געטין פון מוזיק) — אַ מוזיקאַלישע דראַמע אין ענגליש.

אין 1944 האָט די בוקפאָלק פּאַבלישינג קאָ. (פאַרלאַג „בוכפאָלק״) אַרויסגעגעבן מאַנפריד׳ס בוך פון הומאָר, „פריילעכקייטן״ — פּערל פון הומאָר און סאַטירע — וועלכעס באַשטייט פון טשיקאַווע אַנעקדאָטן, שאַרפע וויצן, און שפּאַסיגע רעטענישן. דאָס בוך האָט געהאַט אַ גרויסן אָפּגאַנג אין אַמעריקאַ און אויך אין אַנדערע לענדער.

אויף דעם מוזיקאַלישן געביט איז לאַזאַרוס מאַנפריד פאַר פיל יאָרן באַוואוסט געווען אַלס דערפאָלגרייכער פידל־פעדאַגאָג. ער האָט אויך פאַרפאַסט קאָמפּאָזיציעס פאַר פידל, און מוזיק צו אַ צאָל אידישע און ענגלישע לידער, מערסטנס זיינע אייגענע.

דורך דער צווייטער וועלט מלחמה האָט לאַזאַרוס מאַנפריד פאַרפאַסט די „סערוויס מענ׳ס פּרייער״ — אַ תפילה פאַר אונזערע באַוואָפנטע כחות פון אַלע גלויבנס, וועלכע איז געדרוקט געוואָרן אין פיל טויזנטער קאָפּיעס פון די פילאַמעריקאַ פּאַבלישינג קאָ. די תפילה איז אינדאָרסירט געוואָרן פון לייטענדע פּראָטעסטאַנטישע

און קאַטוילישע בישאָפּס, רבנים, און רעליגיעזע פירער, דורך וואַרע־מע בריוו, וועלכע זיינען אויך געדרוקט און פּובליצירט געוואָרן. מיט דער הילף פון דעם „וואָר דעפּאַרטמענט" און „נייווי דעפּאַרטמענט" איז די תּפילה צעשיקט געוואָרן צו די טשעפּליינס פון אַלע גלויבנס אין דער מלחמה, און קאָנגרעסמאַן סעמיועל דיקשטיין, פון ניו יאָרק (איצט אַ סופרים קאָרט ריכטער), האָט די תּפילה פאַרגעבראַכט אין קאָנגרעס, און איז פאַראייביגט געוואָרן אין „קאָנגרעשיאָנאַל רעקאָרד" — געדרוקט דעם 12־טן אַפּריל, 1945.

אין דעמזעלביגן יאָר, 1945, האָט די „דזשואיש אַרטיסטס פראַ־טוירניטי", מיט דער מיטווירקונג פון אַ גרופּע שריפטשטעלער, פריינט און פאַרערער פון לאַזאַרוס מאַנפריד, אַראַנזשירט זיין 40־יאָריגן ליטעראַרישן יובילי, וואָס איז געפייערט געוואָרן מיט וואָרט און מוזיק — מערסטנס פון זיינע אייגענע פאַרפאַסונגען — אין ניו־יאָרקער טאַון האָל. אַ גרויסער עולם האָט אָנגעפילט דעם באַרימטן ניו־יאָרקער מוזיק צענטער און פאַרבראַכט מיט דעם יובילאַר אַן אומפאַרגעסליכן אָוונט.

אַ וואָך פריער פאַר דעם יובילי איז געפייערט געוואָרן דער 40־יאָריגער ליטעראַרישער יובילי פון דעם באַרימטן דיכטער און שריפטשטעלער זלמן שניאור, וועלכער האָט אין וואַרשע אָנגעפאַנגען זיין ליטעראַרישע קאַריערע כמעט אין דער זעלביגער צייט. לאַזאַ־רוס מאַנפריד האָט אין דעם גראַנדיעזן פראָגראַם זיך באַטיי־ליגט מיט אַ באַגריסונג, לויבנדיג די גרויסע פאַרדינסטן פון דעם חשוב'ן יובילאַר, וועלכער האָט דורך די 40 יאָר פיל גרויסע ווערטן געשאַפן און פאַר איין טאָג זיין פען ניט אָוועקגעלייגט. דערביי האָט ער פאַר דעם עולם זיך מודה־געווען אין זיין אייגענער הינטערשטע־ליגקייט, דערמיט וואָס ער האָט דורך די 40 יאָר ניט גענוג געשאַפן. ער האָט עס פאַרענטפערט דערמיט, וואָס ער האָט דורך דער צייט פאַרבראַכט מיט נאָך אַ „געליבטע" — מוזיק. ער האָט אָבער דעם יובילאַר און דעם עולם פאַרזיכערט דאָס גוט־צו־מאַכן דורך די „נעקסטע פערציג יאָר"...

דער עולם האָט אים וואַרעם אַפּלאָדירט און געוואונשן צו האַלטן זיין פאַרשפּרעכן...

איינלייטונג

ווען איך האָב מיך געזעצט שרייבן די „איינלייטונג" צו מיין בוך, האָב איך באַלד אויסגעפונען, אַז מיר איז פיל לייכטער אָנצושרייבן אַ פּאָר דערציילונגען אָדער אַרטיקלען ווי אָנצושרייבן די־דאָזיגע הקדמה. און ניט מחמת איך האָב ניט וואָס צו זאָגן, נאָר ווייל עס איז מיר פשוט שווער צו ריידן וועגן זיך און מיין שאַפונג. די הויפט שוועריגקייט ליגט אין דעם, וואָס איך קען דאָ ניט זיין אָפנהערציג — און דאָס איז דאָך גאָר אַ גרויסער חסרון. וואָס פאַר אַ ווערט קען שוין האָבן די פען אָדער דאָס מויל ווען זיי קענען ניט איבערגעבן אָפענהערציג און אויפריכטיג, דאָס, וואָס דער מוח טראַכט און דאָס האַרץ פילט?

פאַרוואָס מיר איז שווער צו זיין אָפנהערציג אין מיינע רייד וועגן דעם בוך — און ממילא וועגן זיך אַליין — איז אפשר זעלבסט־פאַרשטענדליך. ווען איך זאָל דאָ זאָגן אויפריכטיג, דאָס, וואָס איך דענק וועגן זיין אינהאַלט און פיל וועגן זיך אַליין אין פאַרבינ־דונג מיט דעם בוך, וואָלט מיר אויסגעקומען צו זאָגן אַ רעכט ביסל שבחים וועגן זיין אינהאַלט און וואָלט זיך ניט געקענט צוריקהאַלטן פון אַרויסווייזן מיין פערזענליכע באַגייסטערונג פאַר אַלץ, וואָס איך האָב דאָ אַריינגעגעבן — ווייל ווען איך וואָלט אַליין ניט געוועזן באַגייסטערט וואָלט איך דאָס ניט געשריבן, און דאָס, וואָס איך האָב געשריבן מיט ווייניגער באַגייסטערונג האָב איך אין דעם בוך ניט אַריינגעגעבן.

דירעקט אָדער אומדירעקט וואָלט איך אויך געהאַט ניט ווייניג גוטע ווערטער וועגן זיך אַליין און די פאַרשידענע שטימונגען, וועל־כע האָבן מיך באַוואויגן און דיקטירט צו שרייבן דאָס, וואָס דער לייענער וועט דאָ געפינען.

דערפאַר זאָג איך, אַז ווען איך זאָל דאָ זיין אָפנהערציג און אויפריכטיג צו זאָגן, וואָס איך דענק און פיל וועגן דעם בוך — און ממילא אויך וועגן זיך — וואָלט מיר אויסגעקומען צו רימען זיין אינהאַלט און מסתמא, אומדירעקט, אויך קאָמפּלימענטירן זיך

אַליין פאַר דער שאַפונג — אַ זאַך, וואָס מיר איז שטאַרק דערווידער און קען עס בשום אופן ניט טאָן.

אָט דאָ ליגט די שווערקייט.

אונטער די אומשטענדן האָב איך באַשלאָסן צו „אונטער־דריקן" מיינע פּערזענלעכע געפילן וועגן דעם בוך אין דעם מאָמענט, וואָס איך שרייב די־דאָזיגע שורות, און דאָס אַלץ איבערלאָזן צום אינטעליגענטן לייענער און אויפריכטיגן קריטיקער.

פאַר זיך האָב איך דאָ נאָר איבערגעלאָזן אָנצומערקן געוויסע דערקלערונגען וועגן דער טעכניק פון זיין אינהאַלט.

די פינף טייל און זייער איינשטעלונג

ווי דער לייענער זעט שוין אַליין, האָב איך צוזאַמענגענומען „אונטער איין דאַך" פיר פאַרשידענע פאָרמען פון ליטעראַטור, וואָס מיין פען האָט געשאַפן פאַר פילע יאָרן: 1) לידער, 2) דערציילונגען, 3) פובליציסטיק, 4) אַ דראַמע. אַז מען וויל, קען מען די־דאָזיגע אָפּטיילונגען צוטיילן אין ווייטערע קלאַסיפיקאַציעס, ווי למשל: לידער — ערנסטע, סאַטירישע, יום־טובֿ'דיגע א. אַז. וו.; דערציילונגען — סקיצן, בילדער, הומאָרעסקען א. אַז. וו.; פובליציסטיק — עדיטאָריעלס, לייט־אַרטיקלען, עסייען א. אַז. וו. איך האָב זיי ניט אַזוי קלאַסיפיצירט, אָבער איך האָב, יעדנפאַלס, זיי צוזאַמענגעשטעלט, מער אָדער ווייניגער, לויט זייער כאַראַקטער.

די דראַמע „אידישע חלומות", איז אַ טייל (4) אַן־און־פאַר־זיך, און איך גלויב, אַז זי איז באַרעכטיגט צו אַ פּלאַץ אונטער דעמזעלבן „דאַך". איך האָב זי דאָ אַריינגענומען ניט נאָר ווייל זי איז אַ טייל פון מיינע שריפטן, נאָר ווייל זי גיט אונז אַ בילד פון אַן עפּאָכע אין דעם אידישן לעבן אין וואַרשע, וואָס איז, לײדער, דאָ ניט לאַנג צוריק אויסגעלאָשן געוואָרן. אויב די דראַמע וועט אין דעם זין קענען דינען ווי אַ „זכר לחורבן", וועל איך פילן, אַז איך האָב עפּעס בייגעטראָגן צו דער געשיכטע פון'ם אידישן לעבן אין פוילן.

דער 5־טער טייל — מוזיק — איז, דענק איך, אַ נייעס אין אַזאַ זאַמלונג. און ווייל דאָס איז, ווי איך גלויב, ביז איצט ניט

געטאָן געוואָרן, האָב איך שטאַרק געצווייפלט אויב איך זאָל עס דאָ אַריינגעמען. אָבער מיינע ליטעראַרישע קאָלעגן האָבן מיר דורכ־אויס געראָטן דאָס צו טאָן, ווייל דאָס קען בשום אופן ניט שאָטן דעם ליטעראַרישן ווערט פון דעם בוך, בפרט אַז דאָס איז די מוזיק וואָס איך האָב געשריבן צו מיינע אייגענע לידער, וועלכע זיינען אַריין אין דער זאַמלונג.

און ווען איך האָב באַשלאָסן אויף דער מוזיקאַלישער ביילאַגע, האָב איך שוין דאָרט איינגעלאָדן צוויי קאָלעגן, וועלכע האָבן אָנ־געשריבן צוויי פּרעכטיגע לידער צו וועלכע איך האָב אויך געשריבן די מוזיק. די צוויי געסט זיינען דער באַוואוסטער דיכטער און שריפטשטעלער א. אַלמי (עליאש), מיט זיין ליד „אידיש", און דער וואויל־באַקאַנטער דיכטער, א. ל. באַראָן („ראַבין זיידמאַן"), מיט זיין ליד „אַ נדבה".

איך גלויב דערפאַר, אַז דער ליטעראַרישער ווערט פון דעם בוך וועט אין די אויגן פון קריטיקער ניט געמינדערט ווערן דורך דער מוזיקאַלישער ביילאַגע, און די, וואָס וועלן האָבן דעם בוך וועלן גאָר אפשר דאַנקבאַר זיין פאַר דער מוזיקאַלישער מתנה...

דער אויסוואַל און אידיש פון דעם בוך

און איצט אַ פּאָר ווערטער וועגן דעם אָפּקלייב און אויסוואַל פון דעם מאַטעריאַל, וואָס איך האָב דאָ אַריינגעגעבן און וועגן דעם סאָרט אידיש, וואָס איך געברויך אין דער שפּראַך.

ווי דער לייענער וועט שוין אַליין איינזען, האָב איך אין דעם בוך אַריינגעגעבן זאַכן, וועלכע איך האָב געשריבן אין פאַרשידענע צייטן, וואָס רעפלעקטירן פאַרשידענע פאַזן פון לעבן, סאַי אידישע סאַי אַלגעמיינע. עס איז דערפאַר פאַרשטענדליך, אַז געוויסע בעלעטריסטישע און פּובליציסטישע שריפטן אין דעם בוך זיינען פון פאַרגאַנגענע צייטן, פון וועלכע די אומשטענדן, פּאַסירונגען און לאַגעס עקזיסטירן מער ניט, אָדער זיינען פאַרגעסן געוואָרן. כדי דעם לייענער אָנצואווייזן אויף דער צייט ווען די אומשטענדן האָבן געשאָפן די טעמען פאַר די־דאָזיגע שריפטן, האָב איך, וואו נויטיג

איז, אַנגעמערקט די דאַטע און דעם פּלאַץ, ווען און וואו, אָדער אונ־טער וועלכע אומשטענדן, זיי זיינען געשריבן געוואָרן.

באַרירנדיג די פראַגע וועגן דעם סאָרט אידיש, וואָס איך גע־ברויך אין דעם בוך, וויל איך זיך דאָ ניט אַריינלאָזן אין אַ דיסקוסיע וועגן דער אידישער שפּראַך בכלל. מיין שטעלונג אין דער פראַגע וועט דער לייענער, יעדנפאַלס, געפינען אין מיין אַרטיקל „דער כאַאָס אין אידיש", וואָס איז דאָ איבערגעדרוקט. איך וויל נאָר צוגעבן, אַז ווילנדיג אָדער ניט ווילנדיג, בעט זיך אָפט אַן ענגליש וואָרט דאָ און דאָרט אין דעם אַמעריקאַנער אידיש. דאָס ענגלישע וואָרט, וואו עס נויטיגט זיך, גיט צו קלאָר און אויסדרוק צו דעם באַטרעפנדן געדאַנק, בפרט ווען דאָס ווערט געברויכט אין דער שפּראַך פון דעם העלד אין בעלעטריסטיק. דאָס זעלביגע טוען דאָ אויך די דייטשן, רוסן, איטאַליענער א. אַז. וו. — און עס איז גאַנץ כשר... אַלע ענגלישע ווערטער, וועלכע קומען אַריין אין דעם בוך, האָב איך אָבער צוזאַמענגענומען אין אַלפאַבעטישער אָרדע־נונג און דאָ אַריינגעגעבן באַזונדער מיט זייערע פאַרטייטשונגען, אין דער פאָרמע פון אַ ווערטער־בוך.

וואָס אַנבאַלאַנגט די אָרטאָגראַפיע, קען איך דאָ נאָר זאָגן בקיצור, אַז איך האַלט זיך „אין דער גאָלדענער מיטע" — צווישן דעם טראַדיציאָנעלן אידיש, ווי ער ווערט געברויכט אין אונזערע טעגליכע צייטונגען, און דעם „מאָדערנעם" אידיש, ווי ער ווערט מערסטנס געברויכט אין ביכער און זשורנאַלן.

צום סוף וויל איך דאָ באַדאַנקען מיינע חשוב'ע ליטעראַרישע קאָלעגן, וועלכע האָבן מיך כסדר דערמוטיגט און ענדליך באַוואויגן אַרויסצוגעבן כאָטש איין זאַמלונג פון מיינע שריפטן.

לאַזאַרוס מאַנפריד

ערשטער טייל

לידער

וועלטליכע און אידישע טענער

די צייט און מיר

די צייט זי פליט
און נעמט אונז מיט,
זי קומט קיינמאָל ניט צו אַ ברעג;
די צייט זי שוועבט
און אייביג לעבט,
נאָר אונז פאַרלירט זי אויף איר וועג...

דער טאָג, דער ים

דער טאָג דערבליצט מיט טויזנט בליצן;
דער ים, ער שפּריצט מיט טויזנט שפּריצן —
בליץ און שפּריץ,
שפּריץ און בליץ.

דער טאָג, ער שטראַלט מיט טויזנט שטראַלן;
דער ים, ער קוועלט מיט טויזנט קוואַלן —
שטראַל און קוואַל,
קוואַל און שטראַל.

דער טאָג, ער שטיפט מיט טויזנט שטיפן;
דער ים, ער שיפט מיט טויזנט שיפן —
שטיף און שיף,
שיף און שטיף.

דער טאָג פאַרגייט אין ווייטע ווייטן;
דער ים נאָר שטייט פאַר אַלע צייטן —
ווייט און צייט,
צייט און ווייט...

מוזיק פאַר דעם ליד (פּאַסיג פאַר פאָלקשולן), פון לאַזאַרוס מאַנפריד — אין דער מוזיק אָפּטיילונג.

פרילינג טענער

אַלעגראָ

שוין לאַנג אַוועק
די ווינטער טעג,
די בייזע צייט
זי איז שוין ווייט;
און שטראַלן שיט
די זון און גליט,
און פוצט און צירט
און פאַרבט און שמירט
אַהער, אַהין,
און אַלץ ווערט גרין.

דער פרילינג גייט,
אַ ווינטל ווייט,
די לופט איז ריין,
די פעלדער — שיין,
דאָס טייכל שפּילט,
מיט גאָלד געגילט,
דער פויגל זינגט,
עס שאַלט, עס קלינגט,
און ס'קומט אויפסניי
דער ליבער „מאַי".

אַנדאַנטע

דער „מאַי" וועט אָבער לאַנג ניט שטיין,
און אויך דער זומער וועט פאַרגיין,

פאַרוועלקט וועט ווערן יעדע בלום,
פאַרדאַרט, פאַרטריקנט אַלץ אַרום,
אין פעלד — פאַרשניטן יעדער זאַנג,
אין וואַלד — פאַרשטומט דער פויגל־קלאַנג,
דער הערבסט מיט זיינע גרויע טעג
וועט אַלץ פאַרניכטן אויף זיין וועג,
און שטורעם־ווינטן, נעץ און קעלט
פאַרשטערן וועלן דיר דיין וועלט...

פינאַלע

דער פרילינג קומט, דיין „מאַי" צעבליט,
באַשטראַלט מיט פרייד איז דיין געמיט —
טאָ לעב, געניס פון יעדער שעה,
ווילאַנג דיין פרילינג איז נאָך דאָ...

דער „פעטער שנייער"

(אַ קינדער ליד צום ערשטן שניי)

אין דרויסן — קאַלט, דער הימל — גראָ,
עס פרירן הענט און בעקלעך;
דער אַלטער „פעטער שנייער" קומט
און שיט אויס זיינע פעקלעך...

. . . .

וואָס מאַכט איר עפּעס, פעטער־לעב,
האָט איר געבראַכט מתנות?
געבליבן נאָך פון חנוכה,
צי גאָר אַ שלח מנות.

צי האָט איר דאָ פאַר אונז געבראַכט
אויף ווינטער גאַנצע קליידער?
פאַר מיר אַ וואַרעם מאַנטעלע —
איך דאַרף דאָך גיין אין חדר.

און פאַר מיין שוועסטער שרה'לען,
וואָס האָט איר, וויל איך וויסן;
זי קען אין גאַס ניט גיין, ווייל ס'איז
די שיכלעך איר צעריסן.

און פאַר מיין טאַטן, פעטערל,
צי קענט איר וואָס געפינען?
ער גייט אַרום אָן אַרבייט לאַנג,
און קען ניט מער פאַרדינען.

צי האָט איר אַ רפואה כאַטש
געבראַכט דאָ פאַר דער מאַמען?
זי זאָל אַרויס פון האָספּיטאַל
און זיין מיט אונז צוזאַמען.

. . . .

דער „פּעטער שנייער” האַלט זיך קאַלט
און ווייס ניט פון רחמנות;
טאָ האָט ער ניט קיין וואַרעם וואָרט
און ברייגנט ניט קיין מתנות...

וואו זיינען די פייגל?

(אַ ווינטער ליד)

וואו זיינען די פייגל, די לוסטיגע פייגל,
וואָס זיינען צעפלויגען אַצינד;
וואָס ווערן פאַרציטערט ווען ס'קומט אָן אַ ווינטער,
מיט שנייען, מיט פראָסט און מיט ווינט...

וואו זיינען די פייגל, די פייגלינגע פייגל,
וואָס קענען ניט ליידן קיין קעלט;
וואָס ווערן אַנטרונען מיט שרעק, ווען אַ שטורעם
פאַרשפּרייט זיך אַמאָל אויף דער וועלט...

וואו זיינען די דאָזיגע פייגל וואָס קומען
אונז זינגען און שמייכלען אין „מאַי”,

ווען קלאָר איז דער הימל און ליבליך דער דרויסן,
און אַלצדינג לעבט-אויף סאַי ווי סאַי.

וואו זיינען די פייגל וואָס זינגען נאָר זומער,
ווען שיין די נאַטור איז און רייך;
ווען ס׳שמעקן די בלומען, ווען ס׳רייצן די גראָזן,
די לופט און דער וואַלד און דער טייך.

וואו זיינען זיי איצט, ווען אַרום איז פאַרפינסטערט,
פאַרפראָרן, פאַרשאָטן מיט שניי;
וואו זיינען זיי איצט, אין די ביטערע צייטן? —
געבליבן איז קיינער פון זיי!...

צום אַסטראָנאָם

ניט רייס אַרויף די אויגן הויך
צום הימל, צו די שטערן,
און טראַכט ניט, וואָס עס קומט דאָרט פאָר,
זאָלסט גאָר פון זיי ניט קלערן.

זיי זיינען שוין אַליין פאַרזאָרגט
מיט שטראַלן, ליכט געגרייטע;
און ווער עס האָט אַליין קיין ליכט
באַשיינט ווערט פון די צווייטע...

זיי וועלן אויך אַליין אָן דיר
זיך גיין אין זייער וועג;
זיי וועלן ניט פֿאַרטשעפּען זיך
מיט קריג און מיט געשלעג...

דו לאָז די אויגן דאָ אַראָפּ
און וואַרף דיין בליק אַהער;
באַטראַכט די וועלט — דיין אייגענע,
אָט דאָס באַטראַכט, באַקלער.

באַטראַכט צו מענשען שיינקן דאָ
אויך ליכטיגקייט און שטראַלן,
דעם צווייטן ברודער וואָס איז קליין,
און פינסטער און געפאַלן.

צי מענשן טשעפּען זיך ניט דאָ
און לעבן רוהיג, שיין,
אַזוי ווי יענע שטערן דאָרט,
וואָס פינקלען אַזוי ריין.

באַטראַכט, באַטראַכט, דאַן וועסטו זען,
אַז ד י י ן וועלט איז קיין שטערן —
ווייל איינגעטונקט איז זי אין בלוט
און דורכגעווייקט מיט טרערן.

אַ מלחמה

שווערדן, ביקסן און קאַנאָנען,
שיפן, מינעס, לופטבאַלאָנען,
פּויקן רוישן, ס'ווייען פאָנען,
ערגעץ ווייט;
די טרומפּייטן, די סיגנאַלן,
מיט פאַרניכטונג הילכן, שאַלן,
יונגע לעבנס קעמפן, פאַלן,
ס'איז אַ „שטרייט"...

און די קרעכצן און דאָס ברומען —
קולות ביז צום הימל קומען,
און דאָס פעלד מיט בלוט פאַרשוואומען
אָן אַן עק;
און עס ברייננגט אַ וועלט קרבנות,
מיט יתומים, מיט אלמנות,
הערצער פּלאַצן פאַר רחמנות
און פאַר שרעק.

און די הערשער, די רעגירער,
פון דעם קריג די גרויסע פירער, —
הערצער האָבן די ראַבירער
ווי פון שטיין;
מיט מיליאָנען מענשן שיטן,
יענעמס כאַפּן, זיך פאַרהיטן,
אָ, די וועלט זיי, פּאַראַזיטן,
איז צו קליין!

קומט דער נביא פון די אידן
און ער טרייסט דער וועלט מיט פרידן:
פון דעם שווערד אַ קאָסע שמידן
ווערט די צייט;
וואָלף און שעפּסעלע — בשלום,
אויס רציחות, אויס חללים, — —
אָ, דו שיינער, זיסער חלום,
ביזט נאָך ווייט!...

מוזיק פון לאַזאַרוס מאַנפריד — אין דער מוזיק אָפּטיילונג.

צו היטלער׳ן

(געדרוקט אין „מאָרגען זשורנאַל״, ניו יאָרק, 1934 — די ערשטע
צייט פון היטלער׳ס בלוטיגער הערשאַפט)

אַדאָלף היטלער, פּינזל שמירער,
מאַנסטער־העלד און באַנדע „פירער״,
זינג איך דיר אַ ליד:
מעגסט מיר גלויבן, מעגסט מיר הערן,
כאָטש עס וועט נישט־גוט דיר ווערן,
ווייל איך בין אַ איד.

אידן, „יודן״, „איזראַעליטן״ —
פון דיין באַנדע אַנטיס׳מיטן
ליידן, אוי, אַ שרעק!
אידן, דאַכט זיך, גאָר אַ הייפל,
דאָך עס ברענט און בראָט דער טייפל,
גרויזאַם אָן אַן עק.

היטלער, היטלער „איבער אַלעס״,
איבער מאָרד און שרעק און דלות,
איבער שמאַך און שאַנד;
ברען די ווערק פון גרויסע מייסטער,
און פאַרטרייב די גרעסטע גייסטער
פון דיין נאַצי־לאַנד.

מענדלסאָן, היינע, מאַרקס און אַיינשטיין,
קענען מער ביי דיר ניט אַיינשטיין
אין דיין אַריער נעסט;
אידן קינסטלער, פּראָפעסאָרן,
וויכן פון דיין ווילדן צאָרן,
לויפן ווי פון פּעסט.

היטלער־חכם, גרויסער דיינקער,
גרעסטער העלד פון אַלע הײנקער,
הער נאָר מיט אַ זין;
ועסט שוין לאַנג אַזוי ניט שאַלטן,
און די פרייהייט ניט פאַרגוואַלטן,
ס׳קומט דיין יום הדין.

פּרעה, המן, טאָרקוואָמאַדע —
האָסט פון זיי געהערט אַוואַדע
און פון זייער שטראָף;
קומען וועט אויך דיין מפּלה,
און דיין לאַנג פאַרדינטע קללה,
קומען וועט דיין סוף.

דער אייביגער פורים

„וימי הפורים האלה לא יעברו מתוך היהודים"
— מגילת אסתר.

אויף אייביג וועט בלייבן
דער פורים ביים איד,
די זעלביגע מעשה,
דאָס זעלביגע ליד,

דער זעלביגער המן,
דער זעלבער פראָצעס,
די זעלביגע גזירה,
דער זעלביגער נס,

די זעלבע בלבולים
אין יעדערעס לאַנד,
די זעלבע פאָגראָמען,
די זעלביגע האַנט,

די זעלביגע טענות,
דער זעלבער געשריי,
פון אַנטיסעמיטן
און פיינט אַלערליי.

*

נאָר ס'וועלן די שנאים,
די אידישע פיינט,
די מערדערס, די המנס,
פון נעכטן און היינט,

זיך צאַפּלען אין צאָרן
פאַרביטערט און מיד,
און קיינמאָל ניט קענען
פאַרניכטן דעם איד;

זיי וועלן פאַרשווינדן,
פאַרגיין פון דער וועלט,
דער איד — ער וועט בלייבן
דער אייביגער העלד.

די „קשיות"

פרעג, מיין קינד, די סדר קשיות,
וואָס דו קענסט נאָך פון דיין רבין;
פרעג דיין טאַטן — איצט דער „מלך",
ער וועט דיר אַ תירץ געבן.

וועסט, מיין קינד, אויך עלטער ווערן,
וועסט אַליין צום שכל קומען,
און מיט קשיות פון דעם ל ע ב ן
וועסטו זיין אַרומגענומען.

קשיות האַרבע, קשיות שווערע,
וועלען צושטיין, ניט אָפּטרעטן,
און אַ תירוץ ביי דיין ש כ ל
וועלן זיי מיט העזה בעטן.

און אָט יענע נייע קשיות
וועלן דיר קיין רו ניט געבן,
און וועסט בלאָנזשען אָן אַן ענטפער,
אָן אַ טאַטן, אָן אַ רבין...

די „איכה״

(אַ ליד אויף תשעה־באב)

מיט אַ האַרץ וואָס איז צעלעכערט
און אַ פּנים פון אַ לייכע,
זיצט דער איד אויף דר׳ערד צעבראָכן
און ער כליפּעט ביי דער „איכה״.

און ער כליפּעט און ער זיפצעט
ביי די „איכהס״, ביי די שטומע,
אויף זיין ווייטאָג, אויף זיין אומגליק,
אויף דעם חורבן פון זיין אומה.

און ער כליפּעט און ער זיפצעט,
טרערן גיסן גאַנצע שטראָמען,
אויף די שחיטות און הריגות,
אויף די שריפות און פּאָגראָמען.

אַזוי זיצט ער ביי זיין „איכה״
שוין פון לאַנגע, לאַנגע יאָרן,
פּונקט ווי ר׳וואָלט מיט איר צוזאַמען,
מיט דער „איכה״ זיין געבאָרן...

און די „איכה״ ציט זיך ווייטער,
פול מיט וויינען און מיט קלאָגן,
און די כחות ווערן שוואַכער,
שווער דעם ווייטאָג צו פאַרטראָגן.

גאַנצע בלוטיגע קאַפּיטלען
פול מיט אימה׳דיגע בילדער,
מיט אַ תליון, מיט אַן אַכזר,
וואָס ווערט גרויזאַמער און ווילדער.

און די „איכה״ ציט זיך, ציט זיך,
אָן אַן אויסלאָז, אָן אַן עק,
פול מיט חורבות, פול מיט מתים,
אַז אַ שוידער נעמט פון שרעק.

— — — — — — —

מיט אַ האַרץ וואָס איז צעלעכערט
און אַ פּנים פון אַ לייכע —
און ער כליפּעט און ער זיפצעט:
אַך, ווען ענדיגט זיך די „איכה״?...

נעילה

אַיינגעהויקערט, אַיינגעצויגן,
און אין דרייען אַיינגעבויגן,
מיט דעם טלית אויפ׳ן קאָפּ;
ניט געגעסן, ניט געטרונקען,
פון די אויגן — טרערן־פונקען
טריפן איינציגווייז אַראָפּ. —

שטייט דער איד און דאַוונט „נעילה״,
דאָרט אין שול, די לעצטע תפילה,
פאַר דעם בלאַסן שיין פון ליכט;
און דאָס האַרץ איז אים פאַרביטערט,
און ער שרעקט זיך און ער ציטערט
פאַר דעם גרויסן גאָט׳ס געריכט.

מיט חרטה, אַ פאַרקלעמטער,
קלאַפּט ער זיך ווי אַ פאַרשעמטער
דעם „אָשמנו״, דעם „על־חטא״,
וואָס איז דורך־און־דורכגענומען
מיט עבירות, וואָס פלעגט קומען
צו באַשטראָפן מיט דעם טוידט.

און ער וויינט און בעט מיט טרערן,
אַז גאָט זאָל זיין תפילה הערן
פון זיין הייליגען געצעלט;

און זאָל אים אַ חתימה געבן
פול מיט גליק און לאַנגעס לעבן,
כבוד, מזל, און פיל געלט.

און ער זאָגט אים צו מיט גערן,
אַז ער וועט שוין פרימער ווערן,
בעסער, פיינער, פון היינט אָן ;
זאָל נאָר גאָט אים איצט באַגליקן,
און צום נייעם יאָר אים שיקן
אַל־דאָס־גוטס, ווי נאָר ער קאָן...

*

שוין מיט גליק געענדיגט „נעילה״,
שוין אַוועק די לעצטע תפילה,
מיט אַ „תקיעה״ אויך צום ענד ;
שוין פאַרשריבן און פאַרזיגלט,
און פאַרשלאָסן און פאַרריגלט,
פעסט, מיט גאָטעס שטאַרקע הענט.

און ער אײַלט אַהיים וואָס גיכער,
און איז פריילעך און איז זיכער —
אויסגעבעטן אַ גוט יאָר !...
נאָר אויף מאָרגן ווערט פאַרגעסן
אָן די אַלע גאָט׳ס־פּראָצעסן,
— ווערט ניט בעסער אויף אַ האָר...

ניט געדאגה׳ט

ניט געדאגה׳ט, ניט געזאָרגט,
ניט פאַרצווייפל, ליבער פריינט,
וואָס דיין הימל איז פאַרשטעלט
מיט אַ שווערן וואָלקן היינט.

וואָלקנס טראָגן זיך אַרום,
שטייען קיינמאָל אויף איין אָרט;
קומען וועט אַ נייער ווינט
און פאַרטרייבן אים פון דאָרט.

*

ניט געדאגה׳ט, ליבער פריינט,
וואָס דיין שיקזאַל איז דיר שווער,
און עס ציטערט און עס גליט
אין די אויגן דיר אַ טרער.

ס׳איז דער שיקזאַל אייביג בלינד,
בלאָנדזשעט ער פון טיר צו טיר;
היינט איז יענעם וואויל און גוט,
מאָרגן וועט דאָס זיין ביי דיר.

*

ניט פאַרצווייפל, ליבער פריינט,
וואָס דו ביזט אַזוי געקוועלט,
און דיר דאַכט זיך אַז דיר איז
ערגער פון דער גאַנצער וועלט.

קוק אַרונטער, ליבער פריינט,
וועסטו זען אַ וועלט מיט פיין,
דאַמאָלסט וועסטו טרייסטן זיך,
אַז עס קען נאָך ערגער זיין...

מוזיק פון לאַזאַרוס מאָנפריד — אין דער מוזיק אָפּטיילונג.

מיין וועג

(געווידמעט די בויער פון ציון)

ווי שטאַרק דער הימל זאָל פאַרכמאַרעט זיין,
און די וואָלקנס ווי צעפּאַרעט זיין
אין די בייזע טעג ;
און זאָל פון אויבן גיסן, רעגענען,
און דער דונער — מיך באַגעגענען,
גיי איך מיר מיין וועג.

און זאָל דער שטורעם זיך פאַרמאַטערן,
זיינע לעצטע כחות פּטרן,
שטערן מיר מיין וועג ;
און מעג דער שטורעם, די געוויטערן,
כאָטש די גאַנצע וועלט פאַרציטערן,
גיי איך מיר אָן שרעק.

און ווען דער שטורעם אומדערטרעגליך איז,
און צו גיין דאַן שנעל אוממעגליך איז
אין דעם שווערן וועג ;
דאַן גיי איך לאַנגזאַם, ווי שפּאַצירנדיג,
אָבער פאָרווערטס, פּראָגרעסירנדיג,
ביז איך קום צום ברעג...

די באַפרייאונג

(אַ וויזיע)

„אויב איר ווילט, איז דאָס ניט קיין פאַבל" — הערצל

1

אײַגעשטילט דער אַלטער ווייטאָג,
אָפּגעווישט פון אויג די טרער;
ס'ווערט דער לעצטער זיפץ פאַרקלונגען,
און דער מאָרגן שרעקט ניט מער.
ס'גייט דאָס אַלטע פאָלק צו פרייהייט
און צום גלות נעמט אַן ענד, —
גרויס און הערליך איז דאָס וואונדער,
גרויס און הייליג דער מאָמענט!

2

אַלע הערצער ענג פאַרבונדן,
פעסט געשלאָסן האַנט אין האַנט, —
ציט דאָס גרויסע פאָלק באַגייסטערט
צו זיין אַלט און הייליג לאַנד.
און עס ווערט אויפסניי געבאָרן
די אומשטערבליכע נאַציאָן, —
איבער ציון פריי און פרידליך
פלאַטערט ווידער אונזער פאָן.

3

אַלע לענדער, אַלע פעלקער,
סאַי פון נאָענט, סאַי פון ווייט,
נעמען־אויף מיט פרייד די בשורה
אַז ישראל איז באַפרייט.
אַך, ווי ס׳קלינגט די גרויסע בשורה,
צו דעם אייביג יונגען איד!
זינגט באַפרייטע, זינגט באַגליקטע,
אונזער זיג און פרייהייטס־ליד.

שיר הגאולה

(חזיון)

אם תרצו, אין זו אגדה. — הרצל.

1

סר לנצח כאב הדורות,
כליל נמחו דמעות־עם;
כל אנחותיו כבר נדמו,
פחד ימים כולו תם.
הולך לו ישראל סבא
מן המצר אל הדרור, —
הוי, מה גדול זה הפלא,
מה מאושר זה הדור!

2

יחד חוברו כל הלבבות,
יד ביד ורוח רם;
ובארצו ארץ קדשו,
לגדולתו יקום עם.
עם־קדומים, עם הספר,
שב לתחיה ולאור;
על הר ציון ירים נסו,
דגל שלום, דגל דרור.

3

ומקרוב ומרחוק,
כל העמים תוקעים כף,
שמח לבם על הבשורה,
על פדות הגוי השב.
מה נעימה זאת הבשורה,
בשורת דרור לעם החי!
שירו עברים שיר גאולה,
שירו זמרו עד בלי־די.

דאָס ליד, אין די דריי שפּראַכן מיט דער מוזיק, האָב איך געשריבן ווי אַ „נבואה״ נאָך דער באַלפור דעקלאַראַ־ציע, און איז אין 1929 אַרויסגעגעבן געוואָרן פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע פון אַמעריקע. די מוזיק — אין דער מוזיק אָפּטיילונג.

ל. מ.

HYMN OF JEWISH FREEDOM

(*A Vision*)

"If you will it, it is no fable" — Herzl

1

Stilled the pains of generations,
Dried is every anguished tear,
Sighs and sobs are heard no longer
And the morrow brings no fear.
Proudly strides the Jew to freedom,
Bitter exile draws away,—
Oh, how splendid, full of wonder,
Great and sacred is the day!

2

Heart to heart is closely welded,
Firmly clasped is hand to hand;
Full of joy our ancient people
Seeks its old and holy land.
Like the phenix from its ashes
We revive to life anew,
And in Zion free and peaceful
Waves our flag of white and blue.

3

Forward speeds the cheerful message
Land to land and sea to sea;
East and West the news is echoed:
Israel at last is free!
Oh, how welcome are the tidings
To a race that suffered long!
Sing ye free men, sing ye glad men,
Sing with joy our freedom song.

לייכטע
לידלעך

אין ערנסט און שפאס

זומער־לעב

קומט דער זומער מיט די היצן,
פאַנגט דער עולם אָן צו שוויצן
אין די הייסע טעג;
און מען סאַפּעט און מען בלאָזט זיך,
און מען רוט ניט, ביז מען לאָזט זיך
ווייט אַריין אין וועג.

*

פאָרט מען אין די בערג־האָטעלן,
וואו די נאַכטיגאַלן טרעלן
אין דער טיפער נאַכט;
וואו די לופט איז ווי אַ נייע,
ביימער, בלומען — אַ מחיה,
און דער וואַלד — אַ פּראַכט.

*

קוים נאָר, אָבער, קומט מען דאָרטן,
נעמט מען גלייך זיך צו די קאָרטן
און מען מאַכט אַ „גיים“;
שפּילט מען טעג און נעכט אָן דרימל,
און מען קוקט ניט אָן דעם הימל
ביז מען פאָרט אַהיים...

ברודערשאַפט

(לכבוד „בראָדערהוד וויק” — די אַמעריקאַנער
ברודערשאַפט וואָך)

ברודערשאַפט און ברודער־ליבע,
ניט קיין צופאַל, ניט קיין סיבה
דאָ ביי אונז אין לאַנד;
פּראָטעסטאַנטן, קאַטאָליקן,
מיט די אידן הענט זיך דריקן,
שליסן אַ פאַרבאַנד.

*

אַלע גלויבנס, אַלן ראַסן —
מער ניט קעמפן, מער ניט האַסן,
איז דאָס לעצטע וואָרט;
און פון אַלע שנאה־שקלאַפן
ווערט אַ נייער בונט געשאַפן
פון דעם פיינסטן סאָרט.

*

קריסטן פריינטלען זיך מיט אידן —
זיינען מיר מיט דעם צופרידן,
שעצן זייער הויך;
איצטער פעלט אונז נאָך אַ קלייניגקייט,
דאָס איז שלום, אָדער אייניגקייט,
צווישן אידן אויך...

מוטער׳ס־טאָג

(„מאָדהער׳ס־דעי״ — אַמעריקאַנער יום־טוב)

„מוטער׳ס־טאָג״ — אַ יום־טוב פּייער,
ווען איר האַלט דער מאַמען טייער
כאָטש איין טאָג אין יאָר;
ס׳איז דער טאָג פון אַייער קומען
זי באַזוכן, ברייננגען בלומען,
אָדער שיך אַ פּאָר...

*

וואוינט די „מאַ״ ביי פרעמדע שכנים,
אָדער גאָר אין מושב זקנים —
זיצט זי אָפּט און טראַכט:
פרעמד די מענטשן, פרעמד איר דירה,
און נאָך אַלע קינדער אירע
בייקנט זי טאָג און נאַכט. —

*

גאַנצע טעג און נעכט פאַרלאָפן,
ניט גערוט און ניט געשלאָפן
יאָרן לאַנג און שווער;
קומט די מאַמע אויף דער עלטער,
אויסגעמאַטערט, שוואַך און קעלטער,
דאַרף זי קיינער מער...

„קאָנפערענץ"

(געווידמעט דער „אַמעריקאַנער
אידישע קאָנפערענץ", 1943)

אויסגעהאַמערט, אויסגעפּורעמט,
און דאָס גאַנצע לאַנד געשטורעמט
מיט דער „קאָנפערענץ";
אַן אַל־אידישע פאָרמאַציע
פון אַ לאַנד־אָרגאַניזאַציע —
העכסטע קאָמפּעטענץ!

*

און „זי וועט זיך באַלד פאַרנעמען
מיט די אידישע פּראָבלעמען,
סאַי פון נאָנט און ווייט;
אַלע נויטן, אַלע זאָרגן,
וועט זי שוין אַליין באַזאָרגן
צו אַ יעדער צייט"...

*

קוים נאָר אָבער קומט צו פּראַקטיק,
שווימט אַרויף די אַלטע טאַקטיק,
אַלטע קאָנקורענץ; —
יעדער נאָר פאַר זיך באַוועגט זיך,
און עס וואונדערט און עס פרעגט זיך:
וואו'ז די קאָנפערענץ?!

אייניגקייט

(געווידמעט דער אייניגקייטס־באַוועגונג, 1944)

הערן מיר פון אַלע זייטן
העכער ווי אין אַלע צייטן:
זייט פאַראייניגט, אידן!
אין דעם קריזיס אין דעם שווערן
מוזן מיר פאַראייניגט ווערן,
און זאָל הערשן פרידן!

*

„אייניגקייט, נו יאָ, נו זיכער,
טאַקע שאַפן, און וואָס גיכער
צווישן אַלע קלאַסן" —
אַזוי ענטפערט יעדע גרופּע,
יעדע חברה, יעדע קופּע,
פון די ברייטע מאַסן —

*

„קומט נאָר קומט צו אונז אַריבער,
אונזער ,תורה' נעמט נאָר איבער,
ווערט עס באַלד אַ שלום"...
אָבער קיינער לאָזט זיך פאַנגען,
און פון אַלע איינהייטס־קלאַנגען
לאָזט זיך אויס אַ חלום.

טעאַטערייען

(מאָריס שוואַרצ׳ן געווידמעט)

אויסגעפּוצט דאָס אידיש טעאַטער
ווי אַ רייכער, ווי אַ זאַטער,
פול מיט לוסט און מוט ;
גוטע פּיעסן און אַקטיאָרן,
גאָר ווי אין די גוטע יאָרן —
איז דאָך, דאַכט זיך, גוט...

*

קומט צוגייען דער גרויסער מאָריס,
און דערציילט אונז פון די צרות
וואָס ער׳ט דורכגעמאַכט :
אידן זיינען ניט געקומען,
האָט ער אַזוי פרי געגומען
און די טיר פאַרמאַכט...

*

אידן גייען, יאָ זיי גייען,
און זיי שטייען אין די רייען
— זען אַ „היינגליש פליי״ ;
ווערט דאָס אידיש טעאַטער קלענער,
פוסט די קאַסע — ברעכן פלענער,
און ס׳איז אָך און ווייִ.

די דריי קריגער

(מיט דאַנק צו יוסף באַנק)

היטלער שרייט צו מוסאָליני:
„גרויסער העלד פון אַביסיני,
טויגסט דאָך אויף כּפּרות!
דו אַליין ווערסט גראָבער, דיקער,
ווען די עלייס רייסן שטיקער
דיינע טעריטאָרעס״.

*

קלאָגט דער „דוטשע״ צו דעם „פּירער״:
„מיין סאָלדאַט איז אַ פאַרלירער,
טוט ניט וואָס איך הייס אים;
גיב איך מענשן דיר מיליאָנען —
פּלייש פאַר דיינע בליץ־קאַנאָנען —
קריג צוריק נאָר מתים״.

*

קוויטשעט אונטער דער מיקאַדאָ:
„כ׳שיק אַ פלאָטע, אַן אַרמאַדאָ,
כאַפּן זיי מפּלות״...
זאָגט דער איד צו אָט דעם „דרייער״:
„ברענט איר אַלע ווי אַ פּייער
אונטער מיינע קללות!״

„סקרעפּ"

(אַלטע ברוך־וואַרג — מלחמה צייט)

„סקרעפּ" — גענוצטע מאַטעריאַלן,
אַלטן אַייזן, ברוך מעטאַלן —
וואָס האָט מער קיין נוץ,
גיט אַוועק צו דער רעגירונג
פריי, פאַר דער מלחמה פירונג,
און פאַר אונזער שוץ.

*

מ'וועט פון אָט די אַלע זאַכן
שיפן, טאַנקען, באָמבעס מאַכן,
פאַר דער גרויסער שלאַכט;
וואו די נאַצי־פאַשי־יאַפּעס
וועלן ברעכן קעפּ און לאַפּעס,
אונטער אונזער מאַכט.

*

„סקרעפּ" און „סקרעפּ" פון אַלע זייטן,
אַלטע שמאַטעס — נייע צייטן
זיינען אויפ'ן וועג;
ס'וועט דאָס „אַלטוואַרג" אונז באַנייען,
און פון שקלאַפעריי באַפרייען
נאָך די שטורעם טעג...

צו „1942״

שוין פאַרענדיגט איז „דעצעמבער״
און צעשמאָלצן — דער קאַלענדער
ווי דער ערשטער שניי ;
און מיט מזל קומט צופאָרן
איינער פון די נייע יאָרן :
„ניינצן־פערציג־צוויי״.

*

זאָג מיר, ליבער „גאַסט פון פרידן״,
זאָג, וואָס וועסטו טאָן פאַר אידן
און דער קראַנקער וועלט ?
אפשר וועסטו ווייזן גבורות,
אָדער ברייִנגען גוטע בשורות :
פרידן איינגעשטעלט ?

*

וועסטו אפשר אונז באַפרייען
פון די ווילדע מערדערייען
דורך דיין קומען דאָ ? —
און וועסט ווערן דער פאַרמיטלער
צווישן טויט און אַדאָלף היטלער
אין אַ גוטער שעה ?!...

צום יאָר תש״ד

קומט אַ נייער ראש השנה,
אויפגעלייגט, מיט גרויס כונה,
ווי אַ ליבער גאַסט;
נעמען מיר אים אויף מיט פייער,
און מיר האַלטן אים גאַנץ טייער,
ווי פאַר אים נאָר פּאַסט.

*

און מיר גלויבן און מיר האָפן,
אַז דאָס יאָר וואָס איז פאַרלאָפן
קומט ניט מער צוריק...
אַז דאָס נייע יאָר פון אידן
וועט אונז ברייגנען רו און פרידן
זיכערהייט און גליק.

*

יאָ מיר מעגן איצט שוין ריידן
און דערוואַרטן טעג פון פריידן,
טרייסטן זיך ביז גאָר;
היטלער׳ס באַנדע וועט באַלד פּלאַצן,
אָן אַ נאָכפאָלג, אָן „ערזאַצן״,
אין דעם נייעם יאָר.

כפרות

מיר זינדיגן אויף יעדן טריט
אַ קיילעכדיגן יאָר,
חטאים'לעך פון יעדן סאָרט —
דאָס איז דאָך אַזוי קלאָר.

*

און ווען עס קומט דער יום הדין,
יום כפור, ביי דער טיר,
דערשרעקן מיר זיך פאַר די זינד,
— איז וואָס־זשע טוען מיר?

*

מיר כאַפּן אָן אַ ווייסן האָן,
אַן אומשולדיגן עוף,
און פאַר די אַלע זינד פון אונז
קריגט ער דעם שוואַרצן סוף.

*

מיר שעכטן אַלס „כפרה" אים,
דעם אומשולדיגן עוף,
און עסן שטיקער פון זיין פלייש,
— אָט דאָס איז אונזער „שטראָף"...

אַ גוטער גוי

אַ גוטער גוי, אַ ליבער מענש,
צו קיינעם פיינטליך ;
אַ שמייכל רוט אויף זיין געזיכט,
מיט יעדן פריינטליך.

*

ער האָט קיין טענות צו דער וועלט,
מיט אַלץ צופרידן ;
איז ליבט ער אַלעמען צוגלייך
— אַפילו אידן...

*

ער וועט זיין ביסן און זיין געלט
מיט אייך זיך טיילן —
און דאָך ניט רימען זיך דערמיט
און ניט דערציילן.

*

אַ גוטער גוי צו אַלעם גלייך,
דאָס איז דער עיקר ;
אַ גוטער גוי, אַ וואוילער גוי
— ווען ער איז שיכור...

אַ מיידעלע

אַט שטייט פאַר דיר אַ מיידעלע,
אַ שייניגקע, אַן איידעלע,
איר שטימע קלינגט ווי גלעקעלעך,
ווי רויזן אירע בעקעלעך,
ווי קאַרשן אירע אויגעלעך,
אַ מיילכעלע פון פייגעלעך,
ווי גאָלד געלאָקטע הערעלעך,
די ציינדעלעך ווי פּערעלעך,
ווי פּערל אירע ציינדעלעך —
ווי ס׳קליידן איר די חנ׳דעלעך!

— — — — — — —

און פאַר אַ קאָמפּלימענטעלע
באַקומסט דו באַלד איר הענטעלע,
דערצו אַ דימענט רינגעלע —
און דו ווערסט באַלד איר אינגעלע.

צווייטער טייל

דערציילונגען

סקיצן, בילדער, הומאָרעסקעס

פונקען און רויך

(אַ שטימונגס־בילד)

איך בין אַריינגעקומען אין וואַגאָן פאַר אַ נאַכט־רייזע און זיך געזעצט ביים פענסטער. דער צוג האָט זיך גערירט פון אָרט און אין דעם נעקסטן מאָמענט האָט ער געשוועבט דורך דער טיפעניס פון דער פינסטערער נאַכט.

איך בין געזעסן ביים פענסטער און אַרויסגעקוקט אין דרויסן, כאָטש די סוף־חודש'דיגע נאַכט האָט אַלץ אין שוואַרצן פאַר־שלייערט און פון אויג באַהאַלטן... נאָך אַ שטאַרקער אָנשטריינ־גונג פון מיין בליק איז מיר דאָך געלונגען עפּעס צו באַמערקן, אָבער דאָס זיינען געווען בלויז פאַרביילויפיגע, אויסגעשפּרייטע שאָ־טענס פון פעלדער, בערגיגע לאַנדרייען, און פאַרשלאָפענע ביימער...

עס האָט אָבער לאַנג ניט גענומען, און מיין מאָנאָטאָנער בליק האָט זיך אין אַ טשיקאַווער און אינטערעסאַנטער באַאָבאַכטונג פאַר־וואַנדלט. פאַר מיין פענסטער האָט זיך ביסלעכווייז אַ הערליך בילד אַנטוויקלט און ווי מיט אַ מאַגנעט מיין גאַנצע אויפמערקזאַמקייט צוגעצויגן: דאָס איז געווען די פּרעכטיגע פּאַנאָראַמע פון פ ו נ ק ע ן וואָס דער לאָקאָמאָטיוו האָט פון זיך אַרויסגעהויכט...

צוערשט האָט זיך פאַר מיין פענסטער בלויז איין איינציגער פונק באַוויזן. שנעל האָט ער זיך פאַרבייגעטראָגן און ווי אַ פאַלנ־דיגער שטערן פאַרשוואונדן... נאָכדעם זיינען עטליכע פונקען מיטאַמאָל פאַרבייגעפלויגן, געיאָגט זיך מיט גרויס אימפּעט פונקט ווי זיי וואָלטן מיט זיך אַ וויכטיגע שליחות געטראָגן, אָבער זיי האָבן אויך געהאַט אַ פינסטערן סוף... און וואָס ווייטער זיינען די פונקען אַלץ געדיכטער געוואָרן, אין גאַנצע מחנות האָבן זיי זיך פאַרביי מיין פענסטער פאַרבייגעטראָגן, און ווען איך האָב מיר אין די שטראָמען פונקען פאַרטיפט האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך שוועב אין דעם אומענדליכן רוים צווישן מיליאָנען שטערן. אָט

דערזע איך שוין קלאָר דעם „מילך־וועג״, און אָט באַלד וועל איך מסתמא גרייכן די זון... עס וועט ליכטיג ווערן...

עס איז אָבער ניט ליכטיג געוואָרן, און אַנשטאָט זונען האָב איך בלויז „פאַלענדע שטערן״ באַגעגנט...

זיי פליען, די פונקען, מיט פייער און אימפעט, און ווילן די פינסטערע נאַכט מיט שטראַלן פאַרפלייצן, אָבער זיי ווערן באַזיגט. זיי ווערן פון ווינט צו דער שוואַרצער, קאַלטער ערד געשליידערט און געפינען דאָרט זייער קבר. — די גליענדיגע פונקען ווערן אין אַש און שטויב פאַרוואַנדלט...

אַ טרויעריגער געפיל פאַרנעמט מיין האַרץ. איך נורע מיין קאָפּ אַריין נאָך טיפער אין פענסטער און קוק צו דער ריכטונג פון וואַנען די פונקען קומען. דער לאָקאָמאָטיוו איז נאָענט צו מיין וואַגאָן, און ווען דער צוג פאַרנעמט זיך אַ ביסל צו דער זייט וואו מיין פענסטער קוקט אַרויס, קען איך, דורך דעם בלאַסן שיין פון די פענסטער מיט דער הילף פון די פונקען, באַטראַכטן דעם לאָקאָמאָטיוו, וועלכער איז אויך אין אַ טונקעלן ליכט איינגע־הילט. קוקנדיג אויף דעם לאָקאָמאָטיוו דערזע איך דעם געבורטס־פּלאַץ פון די גלענצנדיגע פונקען. אָבער ווען מיין בליק ווערט צו יענער ריכטונג צוגעצויגן דאַן אַנטפּלעקט זיך פאַר מיר נאָך אַ בילד, וואָס רופט אַרויס ביי מיר נאָך אַ שטראָם מיט געדאַנקען. — איך זע דעם ר ו י ך.

פון דעם זעלבן קוואַל וואָס די פונקען שפּריצן אַרויס שטייגט אויך דער רויך אַרויס. אָבער גאַנץ פאַרשידן איז זיין כאַראַקטער און גאַנץ אַנדערש איז זיין שיקזאַל. מיט גדלות און שטאָלץ קומט ער פון קוימען אַרויס און שפּאַרט זיך חוצפה׳דיג גלייך צום אויבנ־אָן — אַזש אין די הימלען אַריין... און ניט נאָר די הימלען זוכט ער צו פאַרנעמען נאָר אויך אָט־דאָס וועלטל וויל ער פאַרכאַפּן; מיט העזה און ברייטקייט צעלייגט ער זיך מיט זיינע שטיקנדיגע רויך־קנוילן איבער דעם גאַנצן שטח, וואָס מיין אויג קען נאָר פאַרנעמען, פונקט ווי די גאַנצע וועלט וואָלט געווען זיינע — ד י וועלט און י ע נ ע וועלט...

און איך פילאָזאָפיר:

וואָס איז ער, דער רויך, נאָך אַלעמען? גאָרנישט מיט גאָרנישט — אַ פּוסטע בריאה, דער אָפּפאַל פון ענערגיע און מענש־ליכער פּראַצע. ניט ער לייכט און ניט ער וואַרעמט, ניט ער איז אַרבייטס־פעיאיג און ניט ער קען ברייגען וועלכע נוצן — און אָט־די אומווירדיקע, שמוציקע בריאה קריכט עס אין די הימלען אַריין!...

און די פונקען? — אָ, די ליכטיגע, גליענדיגע פונקען — די איינציגע וועלכע שאַפן די קראַפט דעם גאַנצן צוג צו באַוועגן, די איינציגע וועלכע לייכטן און שיינען און זוכן די פינסטערניס צו באַזיגן, אָ, די ערליכע פונקן — זייער לעבן איז אַ קורצער, זייער קאַמף אַ פאַרצווייפלטער, און זייער סוף אַ פינסטערער...

פונקען און רויך! — ווי פאַרשידן עס איז זייער כאַראַקטער און ווי פאַרשידן עס איז זייער שיקזאַל!

און ווען איך פאַרטיף זיך אין מיינע מחשבות, דאַן מאָלט זיך פאַר מיינע אויגן דאָס גאַנצע לעבן אין אַ בילד פון פונקען און רויך: די גליענדיגע, שיינענדיגע, ריינע און ערליכע פייער־פונקען פאַלן פרי־צייטיג צו דער האַרטער, קאַלטער און פינסטערער ערד, און די פּוסטע, שמוציגע, שטיקענדיגע, פינסטערע רויך־קנוילן קריכן אין די הימלען אַריין...

יאָ, אַזוי איז דאָס לעבן!

לעבן אין אַ זייגער

(אַ זייגערמאַכער'ס אילוזיע)

דער זייגערמאַכער האָט פונאַנדערגענומען דעם זייגער אויף פיצלעך, אויסגערייניגט און אויסגעפוצט יעדעס שטיקל באַזונדער, צוזאַמענגעשטעלט זיי צוריק, אַנגעצויגן — און דער זייגער האָט אויפגעלעבט...

אַזוי ווי דער זייגער איז פון אַ סאָרט, וואָס קומט אים גאַנץ זעלטן צו דער האַנט, האָט ער אים געשאָנקען ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט: איידער ער האָט אים אַריינגעהאַנגען אין שאַפּקעלע צווישן די איבעריגע פאַרריכטע זייגערס האָט ער אים אַוועקגעלייגט אַפּענערהייט אויף זיין אַרבעטס־טיש, געַנוי זיך צוגעקוקט צו זיין גאַנג, און זיך אין אים פאַרטיפט...

דער זייגער באַוועגט זיך מיט דעם ריכטיגן שוואונג — טיק־טאַק, טיק־טאַק, טיק־טאַק, טיק־טאַק... דער זייגערמאַכער פאַרטראַכט זיך און עס אַנטפּלעקט זיך פאַר אים אַ שטיק לעבן.

אַ לעבעדיגע באַוועגונג...

פאַלט אים איין אַ טשיקאַווע פראַגע: צו איז דאָס אַ אידישע באַוועגונג אָדער ניט?

זוכנדיג אַן ענטפער פאַלט זיין פאָרשונג־בליק צוערשט אויף דעם פעדערקאַסטן — דער גרעסטער ראָד, וואָס אַנטהאַלט די ספּרוזשינע און איז דער אמת'ער פירער פון דער גאַנצער באַוועגונג...

דער פעדערקאַסטן, דער פירער, טוט זיך זיין אַרבייט שטיל, באַשיידן, וואַרפט זיך ניט אין די אויגן, און קיינער זעט אפילו ניט ווי ער באַוועגט זיך... נייך, דאָס קוקט ניט אויס ווי אַ אידישע באַוועגונג — באַשליסט ער.

אָבער באַטראַכטנדיג זיינע מיטאַרבייטער — די וויטערדיגע רעדלעך, וואָס זיינען מיט אים פאַרבונדן — האָט ער דערזען גאָר

אַן אַנדער לאַגע: וואָס אַ רעדל ווייטער אַלץ קלענער און שוואַכער זיינען זיי. דאָס ווייטסטע און קלענסטע רעדל איז אינגאַנצן אַ שוועבלינג, און דאָך — וואָס קלענער און שוואַכער זיי זיינען אַלץ מער העזה׳דיג דרייען זיי זיך אַרום... ציען די אויפמערקזאַמקייט פון באַאָבאַכטער און טומלען זיך. יאָ, דאָס איז אַ אידישע באַוועגונג — בייט ער זיין מיינונג.

אָבער אַ גרויסע מעלה האָבן זיי אַלע — גיט ער צו ווייטער, — זיי האַלטן זיך צוזאַמען אין געשלאָסענע רייען, יעדער טוט זיין אַרבעט צו וואָס ער איז באַרופן און זוכט ניט צו פאַרכאַפּן דעם צווייטנס פּאָזיציע. אַזאַ האַרמאָנישע צוזאַמענאַרבייט זעט מען זעלטן אין אַ אידישער באַוועגונג... איז דאָס, אפשר, טאַקע ניט קיין אידישע.

און דאָ פאַלט זיין בליק אויף דעם אַנקער־שטיק — דער שוואַכסטער מיטגליד פון דער גאַנצער באַוועגונג. דער אַנקער־שטיק וואַרפט זיך כסדר אַהער־און־אַהין און האָט פאַר זיך גאַר־ניט קיין ריכטונג... און דאָך מאַכט ער דעם גערויש און גאַנצן טומל אין דער באַוועגונג, פּונקט ווי ער וואָלט דאָ געווען דער גאַנצער רעדל־פירער... יאָ, דאָס איז טאַקע אַ אידישע באַוועגונג — באַשטימט ער מיט זיכערקייט.

ער האָט אָבער מיט דער באַשטימונג לאַנג זיך ניט געקאָנט האַלטן. באַטראַכטנדיג דעם זייגער פון דער אַנדערער זייט — דעם ציפערבלאַט מיט די ווייזערס — און זיך אַריינטראַכטנדיג אין זייער פונקציע, האָט ער איינגעזען אַז דאָס איז פאַרט ניט קיין אי־דישע באַוועגונג. דער גאַנצער סיסטעם פון אַקטיוויטעט איז גענוי אויסגערעכנט אויף דער מינוט און אויף דער סעקונדע. די ווייזערס באַוועגן זיך כסדר פאָרווערטס און מאַכן קיינמאָל ניט קיין צוריק־טריט. זיי קומען שטענדיג צו דער ריכטיגער מינוט וואו זיי דאַרפן און פאַרשפּעטיגן זיך ניט אויף גאַנצע שטונדן, ווי עס פּאַסירט אָפט אין אַ אידישער באַוועגונג. ווען זיי קומען זיך צו־זאַמען אין די געוויסע פלעצער הערט מען ניט קיין טומל אָדער צאַנקעריי. אַפילו ווען זיי „גייען זיך פאַנאַנדער" מאַכן זיי אויך ניט קיין ריס אין דער באַוועגונג...

— ניין — קומט ער צו דער איבערצייגונג, — דאָס איז פאַר קיין פאַל ניט קיין אידישע באַוועגונג.

מיט דעם באַשלוס האָט ער צוגעמאַכט דעם זייגער און זיך אויפגעהויבן אים אויפצוהענגען צווישן די אַנדערע פאַרטיגע זייגערלעך. אָבער פּלוצלינג האָט ער דערהערט עפּעס אַ שאָרך — און דער זייגער איז שטיל געבליבן...

מיט אַ נערוועזער אומגעדולד האָט ער שנעל אַ כאַפּ געטאָן אויפן אויג דעם פאַרגרעסער־גלאָז, שנעל אָן עפן געטאָן דעם זייגער, אַריינגעקוקט אין דעם מעכאַניזם — און דערזען, אַז אַ האָר האָט זיך דאָרט אַריינגעדרייט...

און דאָ האָט ער צום סוף זיך איבערצייגט, אַז דאָס איז דורכאויס אַ אידישע. — — איבער איין האָר איז שטיין געבליבן די גאַנצע באַוועגונג...

פּאַרײַתומ׳טע אוגערקעס

(אַ בילד)

עס איז זומער; אין רעכטן ברען פון סוף חודש תמוז.

די זון האָט זיך צעלאָזן אין טויזנט פלאַמען און האָט אַלץ אַרום אין אַ גלוטיגן קאַלך־אויוון פאַרוואַנדלט. עס ברענט דער הימל, עס פּולווערט די ערד, און עס דאַכט זיך, אַז אָט־אָט — און אַלץ ווערט צעשמאָלצן.

אין אַ ווינקל גאַס פון דער אָרעמער אידישער געגנט אין ניו יאָרק, זיצט זי, די אַלטיטשקע, און פאַרקויפט געזייערטע אוגערקעס.

זי זיצט ביי איר „ביזנעס״ אין אירע געוויינליכע קליידער: אַן אונטער־קלייד, אַן אויבער־קלייד, אַ וואַרעמען יאַק, אַ פאַרטוך, אַ פאַרוק מיט אַ טיכל איבער דעם, און נאָך אַנדערע ווייבערשע אַנטועכץ. דאָס איז איר שטענדיגער „גאַנג״ סאַי זומער סאַי ווינטער, און דאָס בייט זי קיינמאָל ניט. מיט׳ן וועטער רעכענט זי זיך ניט.

וואָלט זי געווען אַזוי רייך ווי איר טאָכטער און וואָלט פאַר׳ן זומער געפאָרן אויף אַ דאַטשע אין די בערג, אין די רייכע האָטעלן, וואו מען דאַרף, ווי די טאָכטער דערציילט, זיך איבערטאָן עטליכע מאָל אַ טאָג, וואָלט געווען עפּעס אַנדערש. אַז מען דאַרף איז דאָך ניט שייך. אָבער דאָ, אין העסטער סטריט, ווער קוקט זיך אום אויף איר? קען זי זיך טאַקע דערפאַר פאַרגינען צו גיין שטענדיג אין די זעלביגע קליידער און איז ניט מחויב צו „באַדערן״ זיך מיט אַזעלכע נאַרישקייטן... האָט זי טאַקע בעסער אין זינען איר ביזנעס פון וואָס זי דאַרף אַ לעבן מאַכן.

די היץ שטאַרקט זיך און די קליידער ווערן איר צוגעבאַקן צום לייב. אָפטמאָל דאַכט זיך איר, אַז איר גאַנצער קערפּער איז אַרומגענומען מיט אַ זענעפט פלאַסטער... אָבער זי ווערט פון אַזעלכע זאַכן גאָרניט נתפעל. זי האָט שוין גענוג אַזעלכע זענעפט

פלאַסטערס אין איר לעבן געהאַט; געענוג היץ און קעלט אין איר לעבן אויסגעשטאַנען, און — גאָט צו דאַנקען, מען לעבט.

דערפאַר אָבער גיט זי שוין בעסער אַכטונג אויף אירע אוגערקעס — די שטומע באַשעפעניסן, וועלכע קענען, נעבעך, אַליין זיך ניט העלפן אין אַזעלכע היצן.

גאַנץ פרי, ווען זי איז דאָ געקומען מיט איר ברייטער כלי אוגערקעס, איז דאָרט געווען גענוג ראָסל־וואַסער די אוגערקעס צו פאַרדעקן און באַשיצן זיי פון דער בריענדיגער זון. אָבער די גרויסע חמימה האָט משמעות אַ טייל וואַסער אויסגעטריקנט, כאָטש די צאָל אוגערקעס וואָס זי האָט געבראַכט צו פאַרקויפן איז נאָך ניט פאַרקלענערט געוואָרן... ווערן דעריבער די אוגערקעס אָפּט אַרויפגעשטויסן אויף דעם אויבערפלאַך און כאַפּן אַ ברי פון דער ברענענדיגער זון. די אַלטיטשקע האַלט אָבער אויף זיי אַן אויג. קוים זעט זי ווי אַן אוגערקע גליטשט זיך אַרויף פון אונטערן וואַסער און פאַנגט אָן חלש'ן אין דער גרויסער חמימה, שעפּט זי גלייך אָן איר גרויסן הילצערן לעפל מיט ראָסל־וואַסער און גיסט זי אָפּ. די אוגערקע ווערט גלייך אָפּגעפרישט — און זי אַליין איז זיך אויך מחיה...

אָט אַזוי זיצט די אַלטיטשקע שטונדן לאַנג, און האַלט אירע אוגערקעס אין איין מינטערן. אָט באַמערקט זי ווי איין אוגערקע שטעלט אַרויס איר קעפל און כאַפּט אַ זונענשטיך. אַ צווייטע אוגערקע דרייט זיך אויס מיט איר רוקן און בלייבט ליגן פאַר־חלש'ט. אַ דריטע אוגערקע שפּאַרט זיך אָן אָן אַ פּירטער אוןביידע צאַפּלען זיך אונטער די פייערדיגע ריטער פון דער זון. אָבער זי לאָזט זיי לאַנג ניט מאַטערן זיך. זי גיסט זיי אָפּ מיט וואַסער אויף זייערע נאַקעטע לייבער, און זיי זיינען זיך מחיה... אָ, ווי גוט דאָס מוז זיין!...

זי איז די אוגערקעס חלילה ניט מקנא. ווי שיקט זיך עס מקנא צו זיין אַזעלכע אָרימע, שטומע באַשעפענישן? נאָר יעדעס מאָל, וואָס זי באַגיסט זיי מיט וואַסער גיט זי אַ טראַכט ווי גוט זי וואָלט דאָס געפילט ווען אימיצער טוט דאָס צו איר... אָבער

אין דעם נעקסטן מאָמענט פאַרשעמט זי זיך פאַר זיך אַליין, וואָס איר פאַלט איין אַזעלכע נאַרעשקייטן אין קאָפּ.

די זון ברענט, די אוגערקעס זוכן הילף — און די אַלטיטשקע ווערט פאַרמאַטערט מיט זיי... דער רוקן פולוווערט איר, דער קאָפּ צינדט זיך ביי איר אָן, און — אַך, ווען אימיצער באַגיסט זי איצט מיט קאַלט וואַסער!...

. . . .

מיט דעם הילצערנעם לעפל אין האַנט זיצט זי, די אַלטיטשקע, אָנגעשפאַרט אָן ווענטל פון אַ פאַרלאָזענעם „סטענד", אָבער — די היץ פילט זי שוין מער ניט...

די אוגערקעס זיינען יתומים געבליבן...

אידיש בלוט

1

אַ דייטשישע לופט עסקאַדרע פון אַ פּאָר הונדערט עראָפּלאַנען איז באַפאַלן לאָנדאָן אין דער צווייטער וועלט־מלחמה. אין אָנפאַנג זיינען די עראָפּלאַנען געפלויגן אין אַ געוויסער פאָר־מאַציע, אָבער אַזוי שנעל ווי זיי זיינען געקומען נאָענט צו לאָנדאָן האָבן זיי זיך צעלאָזן אין פאַרשידענע ריכטונגען.

לייטענאַנט האַנס קרויצער, אַ בלוטיג־פאַרביסענער אַנטיסע־מיט, וועלכער האָט אָנגעפירט מיט איינעם פון די עראָפּלאַנען, האָט זיך אָוועקגעלאָזן דירעקט צו ווייטשעפל — די באַוואוסטע אידיש־באַוואוינטע געגנט פון לאָנדאָן — דאָרט אַראָפּצווואַרפן זיינע באָמבעס און אויס׳הרג׳ענען אַזוי פיל אידן וויפיל עס וועט זיך אים נאָר איינגעבן. דאָס איז ביי אים געווען אַ „הייליגער צוועק״, נאָך וויכטיגער ווי צו פאַרניכטן אַמוניציע פאַבריקן, לופט פאַרטן, און פעסטונגען.

האַנס קרויצער האָט אָבער זיין בלוטיגע מיסיע ניט דורכגע־פירט. אַזוי שנעל ווי ער האָט די ערשטע באָמבע אַראָפּגעוואָרפן, האָט אים געטראָפן אַ קויל פון אַן אַנטי־לופט־קאַנאָן, זיין עראָפּלאַן האָט זיך אַ פּאָר מאָל איבערגעדרייט און אַראָפּגעקראַכט אין צענ־טער פון דער אידישער געגענט, איינגעטונקט אין פלאַמען.

עס זיינען זיך באַלד צונויפגעלאָפן מענשן פון אַלע זייטן. פייערלעשער האָבן זיך גלייך געוואָרפן אויף דעם ברענענדיגן עראָפּלאַן אים אויסצולעשן; אַ מיליטערישער אַמבולאַנס מיט אַ דאָקטאָר און געהילפן האָבן פון אונטער די חורבות פון עראָפּלאַן אַרויסגעשלעפּט די קרבנות: איינער אינגאַנצן פאַרברענט, אַ צוויי־טער צעריסן אויף שטיקער, און האַנס איז געבליבן גאַנץ, אָבער ער איז געווען באַוואוסטלאָז און פון זיין מויל האָט געשפּאָרט בלוט. דער דאָקטאָר מיט זיינע געהילפן האָבן מיט שוועריגקייט פאַרהאַלטן

דעם שטראָם בלוט פון זיין האַלז, און האָבן אים אין אַמבולאַנס שנעל אָפּגעפירט צו אַ מיליטערישן שפּיטאָל.

2

האַנס קרויצער האָט זיך געפונען אין אַ טויטלעכער לאַגע אי־בער דער אינערלעכער צעטרייסלונג פון זיין קערפּער און בלוט־פאַרלוסט. די דאָקטוירים אין שפּיטאָל האָבן געטאָן אַלץ וואָס איז מעגליך געווען אים צו ראַטעווען. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס ערשטע וואָס איז געטאָן געוואָרן צו דערהאַלטן איםביים לעבן איז געווען אַ בלוט־טראַנספוזיע, דורך וועלכער אַ נייער שטראָם בלוט איז אין אים אַריינגעגאָסן געוואָרן.

ווען דער נאַצישער לייטענאַנט איז געקומען צו זיך און האָט אָנגעפאַנגען צוזאַמענצונעמען זיינע געדאַנקען, האָט ער זיך דערמאָנט אַז זיין עראָפּלאַן איז אַראָפּגעשאָסן געוואָרן אין לאַנ־דאָנער וויטשעפּל, נאָר וואָס עס האָט מיט אים נאָכדעם פּאַסירט — וועגן דעם האָט ער קיין באַגריף ניט געהאַט. ער האָט אָבער גלייך איינגעזען, אַז ער געפינט זיך אין אַ מיליטערישן שפּיטאָל — אַ שיינער, ציכטיגער פּלאַץ — צוזאַמען מיט נאָך אַנדערע פאַרוואונדעטע דייטשישע זעלנער. צו ריידן איז ער נאָך שוואַך געווען, אָבער הערן האָט ער געקענט גאַנץ קלאָר. אַזוי האָט ער גלייך דערהערט, אַז די דאָקטוירים פון שפּיטאָל ריידן אַלע ענגליש, נאָר די נוירסעס ריידן צווישן זיך ענגליש און צו די פאַרוואונדעטע דייטשישע סאָלדאַטן וועלכע זיי באַהאַנדלען ריידן זיי דייטש.

די נוירס וואָס האָט אים באַהאַנדלט איז געווען גוטמוטיג צו אים. אַזוי, האָט ער באַמערקט, זיינען אויך די אַנדערע נוירסעס צו זייערע פּאַציענטן. ווען זיין נוירס האָט אים איבערגעבונדן אַ באַנדאַזש און אים עפּעס געפרעגט אין דייטש, איז ער געווען צו שוואַך איר צו ענטפערן. ער האָט אָבער געפילט גרויס דאַנקבאַר־קייט צו איר פאַר איר צערטלעכער באַהאַנדלונג — האָט ער דאָס אויסגעדריקט מיט אַ לייכטן שמייכל.

אין עטליכע טעג אַרום האָט ער שוין געפילט פיל שטאַרקער און האָט אַ פּרוביר־געטאָן צו ריידן צו זיך אַליין. זעענדיג אַז ער קען שוין ריידן אָן שוועריגקייטן, האָט ער די ערשטע זאַך באַשלאָסן צו ריידן עטליכע ווערטער צו דער נורס וועגן זיין צו־שטאַנד.

ווען זי איז צו אים צוגעקומען פאַר אַ באַהאַנדלונג, האָט ער צו איר אַ זאָג געטאָן:

„גנעדיגעס פרוילין, מעכטען זי מיר, ביטע, אויסקונפט געבן וואָס מיט מיר פּאַסירט איזט נאַכדעם מיין פלוגצויג אַראָבגעשאָסן ווארדע?”

און די נורס האָט אים בקיצור איבערגעגעבן וואָס מיט אים האָט פּאַסירט ווען זיין עראָפּלאַן איז אַראָפּגעשאָסן געוואָרן.

האַנס איז געווען גערירט פון דער ידיעה, אַז מען האָט אין אים אַריינגעשטראָמט געזונטעס בלוט צו ראַטעווען זיין לעבן. ער האָט געוואָלט וויסן מער איינצלהייטן וועגן דעם, אָבער ער האָט דאָס אָפּגעלייגט אויף שפּעטער.

3

אין דריי וואָכן צייט איז דער צושטאַנד פון נאַצישן פליער שוין געווען גוט גענוג, אַז מען זאָל אים אויסשליסן פון שפּיטאָל און אַריבערפירן אין אַ פּריזאָן־קעמפּ פון געפאַנגענע דייטשישע זעלנער.

ווען דער טאָג, וואָס איז באַשטימט געוואָרן פאַר זיין אויסשלי־סונג פון שפּיטאָל האָט זיך דערנענטערט, האָט ער באַשלאָסן צו ווענדן זיך צו זיין נורס פאַר מער אינפאָרמאַציע וועגן דעם ווי אַזוי ער איז געראַטעוועט געוואָרן. איבערהויפּט האָט ער גע־וואָלט וויסן מער איינצעלהייטן פון דער בלוט טראַנספוזיע, וועלכע איז אים פאַר אַ מיגוט פון זיגען גיט אַרויס. אַז אַ מענש שיינקט זיין אייגן בלוט צו ראַטעווען אַ מענשן — האָט ער זיך געטראַכט — איז ער דאָך דער גרעסטער פילאַנטראָפּ, אַן אמת'ער מענשנ־פריינט, אַן אידעאַליסט מיט אַ גאָלדן האַרץ. און ער האָט באַ־

שלאָסן, אַז אַזוי שנעל ווי דייטשלאַנד וועט פּאַרטיג ווערן מיט ענגלאַנד און ער וועט באַפּרייט ווערן, וועט ער אויפזוכן דעם מאַן וועמעס בלוט האָט אים געראַטעוועט פון טויט און ער וועט פאַר אים טאָן אַלץ וואָס מעגליך איז אים אָפּצוצאָלן מיט דאַנקבאַרקייט פאַר זיין ברייט־האַרציגער בלוט־נדבה.

דער טאָג פון זיין אויסשליסונג פון שפּיטאָל איז געקומען, און ער האָט אין אַ טאָן פון אַ שטאַרקער בקשה געבעטן זיין נוירס זי זאָל אים זאָגן ווער עס איז דער מאַן וואָס האָט געשאָנקען זיין בלוט אים צו ראַטעווען.

די נוירס האָט אים דערקלערט, אַז די בלוטן וואָס מענשן שיינקען ווערן געזאַמלט אין גלעזערנע כלים; דאָס בלוט פון יעדןביישטייערער ווערט פאַרזיגעלט באַזונדער און אַ רעקאָרד פון יעדן נדבן ווערט רעזערווירט. נאָך דער קורצער דערקלערונג האָט זי אים פאַרלאָזן און אין עטליכע מינוטן אַרום איז זי צוריק־געקומען מיט אַ צעטעלע אין האַנט.

— דאָ האָבען זי דען נאָמען אונד די אַדרעסע דעס מאַנעס דער איהנען דאָס לעבען מיט זיינעם בלוט גערעטעט האָט — זאָגט זי אין אַ כלומר'שט רוטינעם און גלייכגילטיגן טאָן, און לייענט אים פאָר דעם ענגלישן צעטעלע אין דייטש: „הער יאַ־קאָב לעווי, 28 יאַהרע, פאָן 286 קאָמערשאַל ראָוד, לאָנדאָן."

ווי אַ דונער וואָלט געטראָפן דעם נאַצישן לייטענאַנט, ווען ער האָט דערהערט דעם אידישן נאָמען. זיין פּנים איז בלייך גע־וואָרן, און ער האָט זיך שיער ניט אַראָפּגעלאָזן אויף דער ערד אין חלשות.

די נוירס האָט פאַרשטאַנען וואָס אין זיין מוח קומט פאָר און וואָס האָט אים אַזוי דערשלאָגן ווען ער האָט דערהערט, אַז אין אים איז אַריינגעפלאָסן געוואָרן אידיש בלוט. אָבער זי האָט זיך געמאַכט ניט פאַרשטייענדיג און האָט וועגן דעם צו אים קיין באַמערקונג ניט געמאַכט, אַזוי ווי אַלע נוירסעס זיינען פאַרזאָגט געוואָרן איבערהויפּט וואָס ווייניגער צו ריידן מיט די קראַנקע דייטשישע געפאַנגענע.

אין עטליכע מינוטן אַרום האָט מען אים געהייסן זיך איבער־טאָן, און ער, צוזאַמען מיט נאָך אַנדערע אויסגעהיילטע דייטשישע געפאַנגענע, זיינען אָפּגעפירט געוואָרן אין אַ געפאַנגשאַפט־לאַגער.

4

פון דער מינוט אָן וואָס האַנס קרויצער האָט זיך דערוואוסט, אַז ער האָט אין זיך אידיש בלוט, האָט ער פאַר אַ מינוט זיך ניט געקענט באַרואיגן. ער וואָלט געוועזן בעסער צופרידן צו פאַרלירן די הענט אָדער די פיס איידער צו ווערן „פאַראומרייניגט" מיט אידיש בלוט אין זיין קערפּער... פאַרשידענע מחשבות האָבן אים געמאַטערט און ער האָט אַליין ניט געוואוסט ווי פון זיי זיך אַרויסצופּלאָנטערן.

אין דעם געפאַנגשאַפט־לאַגער האָבן די געפאַנגענע קיין גע־לעגנהייט ניט צו פאַרנעמען זיך מיט צו לאַנגע געשפּרעכן, און ער האָט מיט קיינעם פון זיינע קאָלעגן ניט געקענט זיך דורכריידן וועגן דאָס, וואָס דריקט אים אַזוי שטאַרק אויפ'ן האַרצן. האָט ער יעדנפאַלס באַשלאָסן צו האַלטן די זאַך אינגאַנצן בסוד, כדי ניט צו ווערן אויסגעלאַכט אָדער פאַראַכטעט פון זיינע נאַצישע חברים.

אָט־די מורא צו ווערן פאַראַכטעט פון זיינע חברים אויב זיי וועלן זיך דערוויסן אַז ער האָט אין זיך אידיש בלוט, האָט אים אויפגערייצט און אַרויסגערופן אין אים אַ געגן־געפיל צו זיי. וואָס הייסט זיי וועלן מיך פאַראַכטן פאַר'ן האָבן אין זיך אידיש בלוט? — האָט ער צו זיך אַרגומענטירט מיט אַן אומבאַקאַנטער שנאה צו זיי, — איז דען אידיש בלוט קיין בלוט ניט?... ביי דעם געדאַנק האָט ער זיך אָבער אַ טרייסל געטאָן און זיך דערשראָקן פאַר זיך אַליין — ער פאַרטיידיגט שוין אידיש בלוט! איז דאָס ניט אפשר טאַקע דאָס אידיש בלוט אין אים וואָס מאַכט אים אַזוי צו דענקען?!...

פאַר אַזאַ געדאַנק האָט ער זיך אמת דערשראָקן, און האָט געפּרובירט טראַכטן אין דעם פאַרקערטן וועג, דאָס הייסט ווי ער האָט שטענדיג געדענקט פון אידן און אידיש בלוט:

— אודאי זיינען אידן בלוט־זייגערס. ווער ווייס עס דען ניט? — אָבער אין דעם מאָמענט דערמאָנט ער זיך אָן דעם אומבאַקאַנטן איד וואָס איז ניט קיין בלוט־זייגער נאָר א בלוט ג ע ב ע ר — דער איד וואָס האָט געגעבן זיין בלוט צו ראַטעווען זיין אייגענעם לעבן. ניין, אַזאַ איד איז אַ הייליגע נשמה — רעדט ער צו זיך — און מסתמא זיינען דאָך פאַראַן נאָך אַזעלכע אידן ווי ער... די ליבליכע נוירס אין שפּיטאָל, וואָס האָט אים אזוי גוטהאַרציג באַהאַנדלט, כאָטש ער איז אַ בלוטיגער שונא, איז, ווי ער האָט פאַרשטאַנען, אויך אַ אידישע... נו, זיינען פאַראַן גוטע אידן און שלעכטע אידן. זיינען דען ביי אונז, אַריער, ניט פאַראַן קיין שלעכטע אַריער?...

ער האָט אָבער מורא ווייטער זיך אַריינצולאָזן אין מחשבות וועגן גוטע אידן, כדי ניט געשטרויכלט צו ווערן אין זיין פעסטער מיינונג וועגן זיי. האָט ער ווייטער אויסגדרייט זיין געדאַנקען־צוג און געזוכט צו טראַכטן פון אידן וואָס זיינען פאַרדאָרבן, ברוטאַל, און פון אַ נידעריגערער שטופע. ער האָט געזוכט אין זיין טיפן זכרון צו דערמאָנען זיך אַזעלכע פאַקטן און פאַסירונגען אין זיין אייגענער דערפאַרונג, וואָס זאָלן אילוסטרירן און באַקרעפטיגן זיין שטענדיגע מיינונג וועגן די געפערליכע אידן. זיין אָנשטריינגונג האָט אָבער אין זיין זכרון ניט אַרויסגעבראַכט קיין איינציגן פאַל, וואָס זאָל אים דינען ווי אַ באַוויז קעגן די אידן.

ער האָט אָבער יאָ דערמאָנט זיך וועגן אַ פאַל אין פאַרבינ־דונג מיט אידן. דאָס איז געווען ווען ער איז נאָך אַ קליין אינגל געווען. זיין פאָטער איז געשטאָרבן און זיין מוטער איז געבליבן אָרעם און הילפלאָז מיט פיר פיצלעך קינדערלעך. אין דער נעקסטער הויז פון זיי האָט געוואוינט אַ אידישע פאַמיליע, די קאַפּלאַנס. פלעגט די מאַדאַם קאַפּלאַן אַריינקומען צו זיי יעדן טאָג און העלפן זיין מוטער אין איר אַרבייט אָרום די קינדער. דערצו פלעגט זי נאָך יעדעס מאָל אַריינברענגען גוטע זאַכן צום עסן... גאָלדענע מענשן געווען, די קאַפּלאַנס...

— אָבער די אידן זיינען דאָך פאָרט אַן אומווירדיגעס פאָלק — צאַפּלט ער זיך ווייטער — אַ נידעריגע ראַסע, אַ פאַרדאָרבענע,

אינטערנאַציאָנאַלע קליקע, וואָס וויל אומברייינגען דייטשלאַנד און פאַרשקלאַפן די גאַנצע וועלט!...

און אפשר איז דאָס אַלץ אויסגעטראַכט?... סטראַטעגישע פּראָפּאַגאַנדע?... מלחמה טאַקטיק?... אַן אומזין?... אפשר...

— — — — — — — — — — — — —

האַנס קרויצער איז גערירט פון זינען. טיילמאָל ווערט ער ווילד און שרייט מיט באַנומענע קולות אַז ער וויל זיך נעמען דאָס לעבן „כדי צו פאַרניכטן דעם פאַרדאַמטן אידן וואָס האָט זיך אין אים אַריינגעגנב'עט"... און אַמאָל צעוויינט ער זיך מיט ביטערע טרערן איבער „די שרעקליכע ליידן וואָס די אומגליקליכע אידן שטייען זיך אויס דורך די נאַצישע מערדער"... ווען ער פאַלט אַריין אין אַ שטילער מעלאַנכאָליע הערט מען אים אָפט מורמלען צו זיך: „יודען־בלוט, יודען־בלוט..."

זיינע קאָלעגן אין דעם געפאַנגשאַפט־לאַגער באַציען זיך צו אים פאַרשידן. אַנדערע מאַכן חוזק פון אים און אַנדערע האָבן מיטלייד מיט אים. די וועכטערס נעמען אים ערנסט, צאַמען אים ווען ער ווערט ווילד, און וואַרטן אויף דעם באַפעל פונם דאָקטוירים־ראַט אים צו טראַנספערירן צום מיליטערישן משוגעים אַנשטאַלט.

פאַרבייִנקט נאָך טרערן

די וואוינונג פון די שטיינפעלדס, אין דעם רייכערן געגענט פון ברוקלין, איז העל באַלויכטן. פריילעכע שטראַלן רייסן זיך אַרויס פון די פענסטער אין גאַס אַריין און דערציילן די אַרומיגע שכנים אַז עפּעס יום־טובדיגעס קומט דאָרט פאָר... די צאָל אויטאָמאָבילן, וואָס זיינען אָנגעשטעלט ביי דער וואוינונג, ווייזן אָן אַז אַ סך געסט זיינען דאָרט פאַרזאַמלט און באַטייליגן זיך אין דער פייערליכקייט פון דעם אָוונט.

יאָ, עס איז אַ גרויסער יום־טוב ביי די שטיינפעלדס: מיסטער און מיסעס שטיינפעלד פייערן זייער גאָלדענע חתונה — דעם לעבנס־שפּאַן פון אַ האַלבן יאָרהונדערט זינט זיי זיינען געשטאַנען אונטער דער חופּה און פאַראייניגט זייער לעבן „אין ליידן און אין פריידן"...

אַ בליק אינעווייניג, אין דער שיינער וואוינונג מיט די גרויסע, באַקוועמע צימערן, באַשטעטיגט דעם איינדרוק פון דער גרויסער פייערליכקייט, וואָס שוועבט אַרום דעם הויז און ציט די אויפמערקזאַמקייט פון די פאַרבייגייער.

דער גרויסער עס־צימער איז פול מיט געסט און אויך די אַנדערע צימערן ווערן פון דעם גרויסן עולם באַזוכט. אַ לאַנגער טיש, פאַרפּוצט מיט בלומען און ברענענדיגע ליכט, איז אָנגעשטעלט מיט פאַרשידענע שפּייזן, געטראַנקען, נאַשערייען, און בעט זיך ביי די געסט: עסט, טרינקט, געניסט, לאָזט זיך וואויל־גיין...

און די געסט לאָזן זיך ניט בעטן. דער קלאַנג פון די טעלער, גאָפּלען און גלעזלעך מישט זיך אויס מיט דער אַלגעמיינער הוזשעריי פון די געסט און פאַראייניגט זיך האַרמאָניש מיט דער שטימונג פון דער פייערליכקייט.

דער צענטער פון דער אַטראַקציע זיינען, פאַרשטייט זיך, מיסטער און מיסעס שטיינפעלד.

אויסגעפּוצט און צוגעצופּט אין זייער בעסטן אויסזען, זיינען די איבער זיבעציק־יעריגע „חתן־כּלה" אויפגעלויכטן, און מיט שטראַלנדיגע געזיכטער ענטפערן זיי יעדן איינעם אויף דעם „לחיים" וואָס מען ווינשט זיי ביים בופעט־טיש, און אויף אַלע אַנדערע ווינשונגען וועלכע עס פליען צו זיי פון אַלע זייטן.

שפּעטער אין אָוונט ווערט דער בופעט־טיש אַוועקגערוקט אָן אַ זייט צו מאַכן פּלאַץ פאַר אַ טענצל. די ראַדיאָ שטייט גרייט צוצושטעלן די מוזיק. אָבער אײדער דער עולם נעמט זיך צום טאַנצן רינגעלט מען אַרום די בעלי־שמחה, יעדער איינער נעמט נאָך אַ „קאַפּעטשקע", און אַלע צוזאַמען ווינשן אַ פאַראייניקטן „לחיים" צו „חתן־כּלה".

— לחיים טאַטע, לחיים מאַמע, לחיים שווער, שוויגער, לחיים אָנקל, לחיים טאַנטע — און אַזוי ווייטער. און ווען זיי ענטפערן אָפּ אויף די ווינשונגען דערהערט זיך אַן אויסרוף: „ספּיטש!"

— יאָ, אַ רעדע — כאַפּן אַלע אונטער, — ספּיטש, ספּיטש!

— נו, דבורה, מאַך אַ ספּיטש — ווענדעט זיך דער אַלטער שטיינפעלד צו זיין אַלט־נייער געליבטע, — איך לאָז דאָס איבער צו דיר.

דבורה קוקט זיך אַרום אַ ביסעלע פאַרזיכטיג, ווי זי וואָלט זיך אין דעם מאָמענט מישב־זיין אויב זי זאָל ריזיקירן. אָבער זי נעמט באַלד אָן אַ פרייע מינע, מאַכט זיך מוט און הויבט אָן:

„וואָס זאָל איך אייך זאָגן, קינדערלעך, איר פאַרשטייט דאָך שוין אַליין ווי העפי איך בין — איך מיט מיין שמואל'ן, זאָל לעבן — צו סעלעברייטן אונזער גאָלדן וועדינג מיט אייך אַלעמען צוזאַמען. אַ סך וואַסערן זיינען פאַרלאָפן אין די פופציג יאָר. מיר האָבן געהאַט פּלענטי טראָבל אין יוראָפּ, און דאָ, גאָט צו דאַנקען, זיינען מיר גליקליך. הלוואי זאָל אונזער גליק ניט געשטערט ווערן אין די עלטערע יאָרן און מיר זאָלן נחת האָבן פון אייך אַלעמען, אמן סלה".

אַ שטורעם פון אַפּלאָדיסמענטן ברעכט אויס נאָך איר קורצער און האַרציגער רעדע. מען דריקט איר די האַנט, עס ווערט אַ

שטיקל טומל, טאַקע ווי אויף אַ חתונה נאָך דער חופה, און די „גאָלדענע כלה" פילט זיך מיד. זונדערט זי זיך אָפּ פון די געסט, גייט אַריין אין אַ גאַנץ זייטיגן צימערל וואו זי קען זיין אַליין, אומגעשטערט, זעצט זיך אַריין אין אַ שטול און רוט זיך...

די קורצע רעדע אירע, וואָס זי האָט נאָר־וואָס געהאַלטן פאַר די געסט, שפיגלט זיך אָפּ אין אירע געדאַנקען. איבערהויפּט זיינען איינגעקריצט געוואָרן אין איר געדאַנק אירע ווערטער „אַ סך וואַסערן" וואָס זיינען פאַרלאָפן אין די פופציג יאָר, און וועגן די „פלענטי טראָבלס" וואָס זי האָט דורכגעמאַכט אין דער אַלטער היים — און אירע געדאַנקען פליען צוריק צום קליינעם שטעטל אין ליטע, וואו זי האָט מיט איר שמואל'ן חתונה געהאַט און פון וואַנען ער איז אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע נאָך דעם געבורט פון איר צווייטן קינד. זי פאַרטיפט זיך ווייטער:

וויפל טרערן האָט זי פאַרגאָסן די ערשטע פאָר חדשים וואַרטנ־דיג אויף אַ בריוו פון שמואל'ן, און עס איז ניט געקומען. און אַז זי האָט נאָכדעם אָנגעפאַנגען צו קריגן אָפטע בריוו האָבן זיי איר אויך קיין פיל נחת ניט פאַרשאַפט. ער איז אַרומגעגאַנגען כמעט ליידיג לאַנגע, גאַנץ לאַנגע חדשים און האָט קוים פאַרדינט זיין נשמה צו דערהאַלטן, ווייל קיין בעל־מלאכה איז ער ניט געווען און ווי אַן אײדעלער מענש האָט ער צו קיין גראָבע אַרבייט ניט געטויגט. וויפל טרערן פלעגט זי פאַרגיסן בייענקענדיג נאָך אים און לייענענדיג זיינע טרויעריגע בריוו אַזוי פאַר אַ פאָר יאָר נאָכ־אַנאַנד.

היינט די קינדער. וויפל טרערן האָט זי פאַרגאָסן איבער איר מאַריס'ן און ראָזי'ן, ס'הייסט איר משה'לען און רייזעלען! זייערע פאָקעלעך און מאָזעלעך און אַנדערע קראַנקהייטן וואָס זיי האָבן דורכגעמאַכט. און וויפל טרערן האָט זי פאַרגאָסן, ווען איר טאַטע איז פלוצלינג קראַנק געוואָרן און געשטאָרבן — און עס איז אָפּגעשניטן געוואָרן דאָס ביסל שטיצע וואָס ער פלעגט איר געבן.

און וויפל טרערן האָט זי פאַרגאָסן, ווען איר בעסטע לעבנס־

חבר'טע האָט חתונה געהאַט, און זי האָט ניט געקענט גיין צו איר פריינדינ'ס חתונה ווייל זי האָט ניט געהאַט וואָס אָנצוטאָן...

און אַזוי ציען זיך פאַר אירע אויגן די זכרונות פון די ערשטע פופצן יאָר נאָך איר חתונה, וואָס זי האָט דורכגעלעבט כמעט איינזאַם אין איר שטעדטל, און וויפל טרערן זי האָט דורך דער צייט פאַרגאָסן ביז איר שמואל האָט זי מיט די קינדער אַריבערגענומען קיין אַמעריקע.

אַ גאַנץ ניי לעבן האָט זיך פאַר איר אָנגעפאַנגען אין דעם געבענשטן לאַנד. די פירמע „סעמיועל שטיינפעלד ענד קאָמפּאַני" האָט זיך שנעל אַנטוויקעלט און איז געוואַקסן פון טאָג צו טאָג. זי האָט דאָ געפונען אַ שיינע היים מיט אַ סך פריינט. אירע צוויי קינדער האָבן זיך שנעל אַמעריקאַניזירט און האָבן די עלטערן אַ סך נחת פאַרשאַפט. עס האָט לאַנג ניט גענומען און זי איז געוואָרן אַ „סאָסייעטי לײדי", געגעבן אַ סך צדקה און געוואונען אַ סך פריינט, מיט כבוד און מיט אַלע גוטע זאַכן. אירע צוויי קינדער האָבן שפּעטער גליקליך חתונה געהאַט און איר פאַמיליע איז דורך דעם אויסגעברייטערט געוואָרן, — און אַזוי זיינען אירע 35 יאָר אין אַמעריקע געווען אַ פּעריאָדע פון צופרידנקייט, נחת, כבוד, און גליק.

וואָס פאַר אַ געוואַלטיגער חילוק עס איז צווישן די צוויי פּעריאָדן פון איר פאַרהייראַטן לעבן! — און עס קומט איר אַרויף אויף דעם געדאַנק, אַז פאַר די גאַנצע 35 יאָר וואָס זי איז אין אַמעריקע איז איר קיין איינציגען מאָל ניט אויסגעקומען צו וויינען... כמעט פאַרגעסן דעם טעם פון אויסוויינען זיך... און עס האָט זיך איר פאַרביינקט נאָך יענעם וואַרעמען געפיל וואָס מען האָט ווען מען וויינט זיך דורך און מען פילט אַ מילדע דערלייכטערונג אויף דער נשמה... ווען מען וויינט — דערמאַנט זי זיך — טוט טאַקע וויי, אָבער מען האָט אויף זיך רחמנות... מען צערטלט זיך... מען האָט זיך ליב... און מען פילט עפּעס אַזאַ מין אינטימען פאַרגעניגן וואָס לאָזט זיך ניט באַשרייבן.

אָט־דעם „פאַרגעניגן" האָט זי פאַר די גאַנצע 35 יאָר אין אַמעריקע ניט געהאַט...

טאָ וואָס, נאָך אַלעמען, טויגן אַט די שיינע מעבל, מיט די דזשולערי, מיט דעם אַטאָמאָביל, מיט די אַלע זיבן גליקן, אַז מען קען ניט כאָטש אַ ביסל זיך דורכווייגען?...

— — — — — — — — — — — — — — — —

— וואו איז עפּעס דבורה אַהינגעקומען? — הערט זיך מיס־טער שטיינפעלד'ס קול צווישן דעם טומלדיגן עולם, — דבורה!

— מאַ, וואו איז די מאַמע?

— שוויגער, שוויגער!

— וואו איז די טאַנטע?

— וואָס איז דער מער מיט מיסעס שטיינפעלד?

— דבורה! — שוויגער! — מאַמע! — וואו איז זי?

דער עולם צעלאָזט זיך איבער די צימערן, מען זוכט זי איבעראַל, איינער פרעגט דעם צווייטן צי מען האָט זי געזען, אָבער קיינער וויס ניט וואו זי איז אַהינגעקומען.

— היער איז גרענד־מאַ! — שרייט אויס אַן איניקל, ווען ער האָט אַן עפן־געטאָן די טיר פון דעם ווייטן, זייטיגן צימערל. אַלע גיבן זיך אַ לאָז אַהין — און ווערן איבערראַשט ביים ערשטן בליק אויף איר:

זי זיצט און וויינט מיט ביטערע טרערן...

פאַרליבט אין אַ ניגון

ר׳ שכנא קאַנטאָר, דער שאַדאָווער חזן, איז געווען „אַנ־דערש״ פון אַלע אַנדערע חזנים דערמיט וואָס ער איז געווען אַ קלוגער... אַזוי האָט מען זיך געוויצלט. עס איז נאָך ניט אויס־געפאָרשט געוואָרן ווי ווייט חזנים בכלל זיינען, אָדער דאַרפן זיין, קלוג, אָבער אַז ר׳ שכנא האָט געשמט פאַר אַ קלוגן חזן, דאָס איז אַ באַוואוסטער פאַקט.

פיל מנגנים פון שאַדאָווער יוגענט האָבן ביי ר׳ שכנא׳ן גע־קראָגן זייער ערשטע מוזיקאַלישע אויסבילדונג און האָבן אַזוי־ארום זייער לעבן אינטערעסאַנטער געמאַכט. אָבער גליקליכער פון אַלעמען איז געווען דער צוועלף־יאָריגער בערעלע, ווען ר׳ שכנא האָט פאַרהערט און אַריינגענומען אין זיין כאָר.

קיין גרויסע שטימע האָט בערעלע ניט געהאַט. אַ שוואַכער סאָפּראַן מיט אַ באַשריינקטן רעגיסטער איז געווען זיין גאַנצער פאַרמאָג. דערפאַר, אָבער, האָט ער געהאַט אַזאַ שטאַרקן געפיל און ליבע צו נגינה, וואָס מען האָט ניט געקאָנט געפינען צווישן די איבעריגע אינגלעך וואָס האָבן געזונגען אין כאָר. אַ סברא אַז ער האָט אויך די עלטערע זינגער, די טענאָרן מיט די בעסער, איבערגעשטיגן אין געהער און געפיל פאַר מוזיק, און ער איז פאַר קיינעם ניט באַגייסטערט געווען.

דער חזן אַליין, וועלכער איז פאַררעכנט געווען פאַר דעם בעסטן זינגער פון דער גאַנצער גרופּע, האָט בערעלען אויך ניט אינגאַנצן צופרידן געשטעלט. דער יונגער מנגן פלעגט אָפט פאַרבייסן אַ ליפּ ווען ער פלעגט הערן דעם חזן נעמען אַ טאָן וואָס זיין אויער האָט ניט געקאָנט פאַרטראָגן — צי דאָס איז געווען אַ ביסעלע צו „פלאַך״ אָדער אַ ביסעלע צו הויך, געמאַטערט אָדער אָפּגעלאָזן. ער האָט אָבער געהאַט גרויס יראת־הכבוד פאַר דעם חזנ׳ס באַטען קענטשאַפט און האָט אים ליב געהאַט פאַר זיין פריינטליכקייט און גוטסקייט.

איינמאָל, אָבער, האָט בערעלע דורכגעלעבט אַ סענזאַציע, וואָס ער האָט אויף זיין גאַנץ לעבן ניט פאַרגעסן. אַ באַוואוסטער חזן, וואָס איז אַרומגעפאָרן איבער ליטווישע שטעט און שטעטלעך צו געבן קאָנצערטן, איז פאַרפאָרן אין שאַדאָווע צו געבן אַ קאָנצערט אין דער גרויסער שול. געקומען איז ער מיט אַ „קוואַרטעט" — אַ סאָפּראַן מיט אַן אַלט און אַ טענאָר מיט אַ באַס. האָט דער חזן מיט די משוררים צוערשט געדאַווענט מעריב, וואָס האָט דעם גאַנצן עולם אין אַ יום־טוב׳דיגער שטימונג אַריינגעפירט, און נאָך דעם מעריב האָט ער געגעבן אַ קאָנצערט פון פאַרשידענע תפילות און לידער.

אַזאַ זינגען האָט בערעלע אין זיין יונגן לעבן ניט געהערט. אַזאַ שיינע שטימע מיט אַזאַ זיס־האַרציגן זינגען האָט בערעלע אַפילו אין זיין חלום זיך ניט געקענט פאָרשטעלן. דורך דער גאַנצער צייט פון דעם קאָנצערט איז בערעלע געווען צוגעשמידט צו דער בימה און מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם אַריינגעזאַפּט אין זיך יעדן טאָן, יעדן קלאַנג, וואָס איז פון דעם גאַסט־חזן מיט זיינע משוררים אַרויסגעקומען.

די גרעסטע באַגייסטערונג האָט בערעלען דורכגענומען אַ קלאַסיש ליד, די באַוואוסטע „שובערט׳ס סערענאַדע", וואָס דער חזן האָט געזונגען מיט אַ אידישן טעקסט און אונטערגעהאַלטן געוואָרן פון די משוררים. די מעלאָדיע האָט אַריינגעדרונגען אין זיין האַרץ, אין זיין מוח, און איז ווי אין זיין בלוט אַריינגעפלאָסן געוואָרן.

נאָך דעם קאָנצערט איז בערעלע ווי אַ פאַרכישוף׳טער געגאַנגען אַהיים, און די טענער פון דער סערענאַדע האָבן געקלונגען אין אַלע זיינע חושים:



דורך די הימלען נאַכט־ווינט באַוועגט זיך, סוד'עט שטיל און זיס, א. אַז. וו.

אויף מאָרגען האָט בערעלע זיך אָנגעטאָן אַ כח און איז אַוועק־געגאַנגען צום חזן אין דער אכסניה וואו ער איז איינגעשטאַנען. אַ ביסל שעמעוודיג און אַ ביסל נערוועז, אָבער מיט אָנגענומענעם מוט, האָט ער געבעטן דעם חזן ער זאָל אים טאָן די טובה און אויסלערנען זינגען דעם וואונדערליכן ליד, די „סערענאַדע".

— ביזטו אַ זינגער? — פרעגט אים דער חזן מיט אַ פריינט־ליכן טאָן.

— יאָ, ענטפערט בערעלע מיט הכנעה, — איך זינג ביי ר' שכנא'ן.

— זינג עפעס פאַר מיר — זאָגט דער חזן — וועל איך זען אויב דו פאַרדינסט איך זאָל דיר דעם ליד אויסלערנען.

בערעלע האָט זיך גערויטלט און געפילט אומבאַקוועם, ווי־סנדיג אַז מיט זיין שטימע וועט ער ביים חזן ניט אַזוי שטאַרק נושא־חן זיין. האָט ער זיך געקווינקלט און געצווייפלט.

— שעם זיך ניט, זונעלע — זאָגט דער חזן צערטליך, — זינג אַ שטיקעלע און איך וועל דיך פאַרשטיין.

בערעלע האָט אַ טראַכט געטאָן, געוואָרפן אַן אומזיכערן בליק אויף דעם חזן, און אָנגעפאַנגען זינגען אַ סאָפּראַן סאָלאָ פון „בראש השנה יכתבון". דער חזן האָט אים אויסגעהערט מיט אויפמערק־זאַמקייט און ווען בערעלע האָט געענדיגט האָט דער חזן אים אַ גלעט געטאָן איבער'ן קעפּל.

— גוט, איך וועל דיר אויסלערנען דעם ליד. קום צוגיין נאָך מעריב.

בקיצור, דער חזן האָט געהאַלטן וואָרט און בערעלען אויסגע־לערנט זינגען די „סערענאַדע". בערעלע איז געווען איבערגליק־ליך. אַזוי פאַרליבט איז ער געווען אין דעם ניגון, אַז וואו ער איז געגאַנגען און וואו ער איז געשטאַנען האָט ער אונטערגעברומט:

טראַ־אַ־לאַ לאַ—לאַם, טראַ־אַ־לאַ לאַ—לאַם, אוי, טאַראַ־אַ לאַ לאַם...

דער ניגון האָט אים ניט פאַרלאָזן, פונקט ווי ער האָט דעם ניגון פאַר אַ מינוט ניט געקענט פאַרגעסן.

אָבער סתם אַזוי זיך אונטערברומען דעם ניגון איז דאָך קיין תכלית ניט. מען דאַרף דאָך דאָס זינגען, און זינגען מיט געפיל, מיט האַרץ, ווי עס וואָלט זיך אים שטאַרק וועלן. אָבער ווען? וואו? און ווי אַזוי? די ווערטער האָט דער חזן אים פאַרשריבן און אים דערקלערט, אַז דאָס איז אַ ליד, אָדער ליוב־געזאַנג, וואָס איינער זינגט צו אַ געליבטע. זיינען די ווערטער פאַר אים ניט וויכטיג געווען און ער האָט זיי פאַרוואָרפן. דער עיקר איז דאָך די מעלאָדיע וואָס האָלט אים אַזוי פאַרכישופט, טאָ וואָס טוט מען מיט דעם?

אַזוי האָט בערעלע זיך אַרומגעטראָגן מיט זיין ביינקשאַפט פאַר דעם ניגון און ניט געפונען קיין אויסוועג ווי־אַזוי מיט דעם ניגון זיך אויסצולעבן. פאַרשידענע מחשבות האָבן זיך אַרומגעדרייט אין זיין יונגן קאָפּ און פאַרשידענע פּלענער האָבן געררייצט זיין פאַנטאַזיע, אָבער ער האָט אַליין איינגעזען, אַז דאָס זיינען בלויז קינדערשע אילוזיעס.

ר׳ שכנא׳ן האָט ער נאָך פריער דערציילט, אַז יענער חזן האָט אים אויסגעלערנט זינגען „שובערט׳ס סערענאַדע״, אָבער מער האָט ער מיט ר׳ שכנא׳ן וועגן דעם ניט גערעדט. איצט, אַז דער ניגון האָט זיך צעשפּילט אין זיינע געדאַנקען און ער מאַטערט זיך צו געפינען פאַר אים אַ תיקון — אַן אויסוועג פאַר זיין געברויך — האָט ער באַשלאָסן אויסצוגיסן זיין האַרץ פאַר זיין חזן און הערן זיין עצה וועגן דער זאַך.

ר׳ שכנא האָט אים אויסגעהערט מיט סימפּאַטיע און דערקלערט, אַז ער וויים דעם ניגון נאָך פון פריער. ער ווייס נאָך אַנדערע שיינע ניגונים, וואָס זיינען אַזוי שיין, און אפשר נאָך שענער, ווי די „סערענאַדע״. יעדנפאַלס — האָט ער בערעלען אויפגעקלערט — איז די „סערענאַדע״ אַ פּראַכטפולע מעלאָדיע, וואָס האָט אים, בערעלען, פאַרכאַפּט ווי אַן ערשטע געליבטע...

דאָס וואָרט „געליבטע״ האָט בערעלען אַ ביסל פאַרשעמט, און ער האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן. אָבער אין האַרצן איז ער ר׳

שכנא׳ן דאַנקבאַר געווען וואָס ער פאַרשטייט אים. נאָך מער איז ער אים דאַנקבאַר געווען ווען ער האָט אים פאַרשפּראָכן זיך אַריינצוטראַכטן אין דעם און זען וואָס ער קען טאָן פאַר אים.

אין עטליכע טעג אַרום, ווען בערעלע איז געקומען צום חזן פאַר אַ פּראָבע מיט דעם כאָר, האָט דער חזן אים אויפגענומען מיט אַ פריילעך פּנים.

— בערעלע, איך האָב פאַר דיר גוטע נייעס. איך האָב דעם ניגון פון דער „סערענאַדע" צוגעפּאַסט צו אַ תפילה און דו וועסט עס זינגען ווי אַ סאָלאָ. די תפילה גופא איז אויך אַ מין סערענאַדע פון ליבע — אַ לויב־געזאַנג צום רבונו־של־עולם וועגן ליבע צו זיין פאָלק ישראל, און אָט איז עס:



אהבת עולם בית ישראל עמך אהבת, א. אַ. וו.

בערעלע איז פון דעם אַזוי באַגייסטערט געוואָרן, אַז עס האָט זיך אים געוואָלט טאַנצן פון שמחה. עס האָט לאַנג ניט גענומען און טאָקע ביי דער זעלביקער פּראָבע איז דער „אהבת עולם" איינגעזונגען געוואָרן מיט דער מעלאָדיע פון דער „סערענאַדע", וואָס בערעלע האָט געזונגען און דער גאַנצער כאָר האָט אים בלויז אונטערגעהאַלטן אין אַ באַגלייטונג פון האַרמאָנישע, לאַנג־אויסגעצויגענע „אַקאָרדן". דער דאָזיקער „אהבת עולם" איז געזונגען געוואָרן יעדעס מאָל ווען דער חזן האָט געדאַוונט מיט׳ן כאָר, ווי דעם שבת פון ראש חודש בענטשן און אַלע יום־טובים. בערעלע איז ביי זיך פיל חשוב׳ער געוואָרן און האָט זיך געפילט איבערגליקלעך.

אין דריי יאָר אַרום האָט בערעלע פאַרלאָרן זיין שטימע. זיין קול איז געוואָרן ווי הייזעריק און ער האָט מער ניט געקענט

זינגען. דער חזן האָט אים דערקלערט, אַז ביי יעדן איינעם בייט זיך די שטימע אין זיינע יאָרן. עס קען זיין, זאָגט ער, אַז ער וועט שפּעטער קריגן אַ באַס אָדער באַריטאָן שטימע, און עס קען אויך זיין, אַז ער וועט שוין קיינמאָל מער קיין שטימע ניט קריגן, אָבער דערווייל מוז ער אינגאַנצן אויפגעבן זיין זינגען. בערעלע האָט זיך דערפילט ווי אַ באַרויבטער פון זיין גליק, אָבער די נאַטור האָט פון דעם ניט געוואָלט וויסן — און בערעלע איז געוואָרן אויס זינגער.

— — — — — — — — — — — — — — — —

פיל, פיל יאָרן זיינען פון יענער צייט פאַרלאָפן.

אויף דער איסט סאַיד, אין ניו יאָרק, גייט אַרום אַן עלטערער מאַן פון גאַס צו גאַס, טראָגט אַ שפּיל־קעסטל אויפ'ן האַרצן, אָנגע־האָנגען אויפ'ן האַלז, שטעלט זיך אָפּ ביי יעדע עטליכע הייזער און שפּילט:



ווייבער וואַרפן אים מטבעות פון די פענסטער און פאַרביי־גייער וואַרפן אים צו רחמנות'דיגע בליקן... אָבער פון צייט צו צייט שטעלט זיך אימיצער אָפּ לעבן אים, הערט זיך צו פאַר אַ מינוט צו דער מוזיק, און שטופּט אים אַריין אַ מטבע אין האַנט.

— פעטער — גיט אים איינער אַ פרעג, — מאַכט איר אַ לעבן פון אַט־דער קאַטערינקעלע?

— ניין — ענטפערט דער אַלטער, — אָבער איך האָב קינ־דער, זאָלן געזונט זיין, וואָס האַלטן מיך אויס...

— טאָ פאַרוואָס דאַרפט איר זיך אַרומטראָגן מיט דעם שפּיל־קעסטל און זיך אָנשטריינגען פאַר אַזאַ קלייניגקייט?

דער אַלטער האָט זיך אַ ביסל פאַרטראַכט און אין געקאַרגטע ווערטער דערקלערט דעם פרעמדן, אַז ער האָט דורך אַ צופאַל

געהערט דעם שפּיל־קעסטל שפּילן אָט־דעם ניגון, די שוּבערט סע־רענאַדע, וואָס איז אים איינגעבאַקן אין האַרצן נאָך פון זיינע קינ־דער־יאָרן, האָט ער אים אָפּגעקויפט...

— איז דערפאַר דאַרפט איר זיך מיט דער קאַטערינקעלע אַזוי אַרומטראָגן גאַנצענע טעג און שפּילן דעם ניגון? — וואונ־דערט זיך דער מאַן.

— כ׳ווייס? — ענטפערט דער אַלטער מיט אַן אומזיכערן טאָן, — אפשר זייט איר גערעכט, אָבער דער ניגון איז דאָך אַזוי זיס... אָך אַזאַ ניגון, אַזאַ ניגון...

דער פרעמדער האָט אים אַ ווײַלע אָנגעקוקט און איז אַוועקגע־גאַנגען קוועטשענדיק מיט די פּלייצעס. דער אַלטער האָט זיך ווייטער גענומען צום הענטל פון זיין שפּיל־קעסטל און די גאַס איז ווידער פאַרקלונגען געוואָרן מיט די מאַגנעטישע טענער פון זיין באַליבטן ניגון...

אַ סדר אין דרויסן

(פון אידישן פּעדלער־לעבן אין אַפריקע)

די חמצדיגע זון פון אַ גאַנץ יאָר האָט זיך געזעצט אַלץ ני־דעריגער און נידעריגער צו מעריב זייט, ביז זי איז צעשמאָלצן געוואָרן אין אַ ים פייער, און דער ערשטער בלאַסער שטערן, וואָס האָט זיך נאָכדעם באַוויזן, האָט אָנגעזאָגט דעם נאָך בלאַסערן טאָכער (פּעדלער־וואַנדערער) אַז עס איז פּסח.

פּסח, פּסח! — און דעם וואַנדערער האָט אַ צופּ געטאָן ביי דער נשמה, זיין פּנים איז געוואָרן נאָך בלאַסער, זיינע אויסגעלאָ־שענע אויגן האָבן זיך טיפער באַהאַלטן אין זייערע לעכער, און זיין גאַנצער אויסזען איז געזונקען אין אַ טיפער פאַרצווייפלונג. ווי ניט ווילנדיג האָט ער אַ צי געטאָן די לייצעס פון זיינע צוויי פאַרדאַרטע אייזלען, וועלכע שלעפּן זיין אָרעמע, אָפּגעריסענע קאַר מיט די ביסל סחורה פון איין דאָרף צום צווייטן, און זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט.

— צו וואָס, אייגנטליך, האָב איך זיך דאָ אָפּגעשטעלט? — פרעגט ער זיך באַלד, — וואָס וועל איך דאָ טאָן?... און וואָס, ווידער, איז דען ווייטער?... וואָס איז מיר די נפקא־מינה דאָ צו דאָרטן?... צו אַ שטעדטל איז נאָך סאַי ווי דריי טעג צו שלעפּן זיך און צום נאָנטסטן בורע־פּלאַץ איז ניט ווייניגער ווי זעקס שעה. נו, פאָרן ווייטער?... וואוהין?... צו ווען?...

און מיט אַ וויטאָג אין האַרצן באַשליסט ער דאָ זיך אָפּצו־שטעלן, אָפּריכטן כלומרשט דעם סדר און דאָ נעכטיגן. אַזוי האָט ער זיך פאַרקירעוועט אָן אַ זייט פון וועג, אויסגעשפּאַנט זיינע צוויי „קעצלעך” און געלאָזט זיי „פּיטערן זיך” צווישן די שטיינער און דערנער לעבן אַ ריזיגן באַרג, און אַליין איז ער צוריק אַריינגעקראָכן אין זיין וועגל, נעמען זיך צו דער אַרבייט...

די לבנה האָט זיך דערווייל אַרויסגערוקט פון הינטער אַ באַרג און צוגעקוקט צום „סדר”. —

אַ פלאַכן קעסטל, וועלכער נוצט אים שטענדיג פאַר אַן אַלמער און טיש, האָט ער אָוועקגעשטעלט אין מיטן קאַר, פון אינעווייניג האָט ער אַרויסגענומען זיין ביסל ווירטשאַפט — אַן אַלטן טעלער מיט אַ בלעכענער לעפל, אַ דיקע טיי־גלאָז און אַ גאָפל מיט אַ מעסער, פריש געכשר'ט אויף פסח — און דאָס אַוועקגעלייגט אויפ'ן „טיש". נאָכדעם האָט ער פון אַ זעקל אַרויסגעשלעפט דריי מצות מיט אַ פלעשל וויין, וועלכע ער האָט איינגעהאַנדלט אין אַ שטעדטל נאָך מיט אַ פאָר וואָכן צוריק, און דאָס אַלץ איינגעאָרדנט פאַר דעם „סדר". קיין זרוע און חרוסת האָט ער ניט געהאַט, אָבער מרור — גענוג און גענוג...

ווען אַלץ איז שוין געווען צוגעגרייט האָט ער אָנגעגאָסן אַ גלאָז וויין און מיט אַ צובראָכן קול געמאַכט „קידוש". פון דער מיטלסטער מצה האָט ער נאָכדעם אָפּגעבראָכן אַ שטיק און דאָס „באַהאַלטן" אונטער אַ פעקל פאַר אַן אפיקומן. נאָכדעם האָט ער אָנגענומען פאַר דער „קערה" און אָנגעהויבן זאָגן מיט אַ פאַר־שטיקטן קול כמעט ווי אין זיך:

„הא לחמה עניה — אָט דאָס איז דאָס אָרימע ברויט פון אַ אָרימען טאַטער, וועלכער שלעפט זיך שוין אַזוי אַרום זעקס יאָר נאָכאַנאַנד; אָט דאָס איז דאָס אָרימע ברויט מיט דעם גאַנצן ביסל אָרימקייט, וואָס מיר האָט זיך אָפּגעשטעלט נאָך דעם זעקס־יאָריגן פאַרשוואַרצט ווערן, נאָך דעם וואָגלען און וואַנדערן ווי אַ ציגיינער און לעבן ווי אַ הונט אין דרויסן — אָ, רבונו של עולם!... השתא הכא — דאָס יאָר בין איך דאָ, צווישן הימל און בערג, מיילן פון מענשן, צענדליגע מיילן פון אידן, און טויזנטער מיילן פון מיין ווייב און קינד!... אָבער לשנה הבאה — ווייסט גאָט וואו איך וועל דאַמאָלסט זיין!"

מיט פייכטע אויגן און אַ פאַרקלעמט האַרץ האָט ער אַ ביסל אָפּגעזיפצט און אָנגעהויבן פרעגן די „קשיות". און קשיות האָט ער זייער פיל; — קשיות פאַרוואָס אַלע מאָל פלעגט מען נאָך ווי עס איז מאַכן אַ שטיקל לעבן פון „טאָכעריי" און דאָס לעצטע יאָר איז אַזוי גע'הרג'עט, אַז מען ווערט אויסגעריסן זיך אַרומ־שלעפענדיג מיט אַ ביסל סחורה איידער מען איז זוכה איבערגע־

וואַלד אַריינצושטופּן דעם בור (פּויער) אַ שטיקל סחורה אויף אַ קליינעם פּרייז און אויף באָרג; קשיות צו רבש״ע פאַרוואָס ער האָט אַרויפגעשיקט אַ טריקעניש אויפ׳ן לאַנד, וואָס האָט פאַר־אָרימט יעדן בור און אָנגעמאַכט אַ חורבן אין לאַנד — און נאָך און נאָך.

אָט מיט אַזעלכע קשיות און אַ שטיקל הגדה, וואָס ער האָט געדיינקט אויף אויסווייניג האָט ער אָנגעפירט דעם „סדר״, און ווען ער איז געקומען צום „שולחן ערוך״ איז ער אַרויסגעקראָכן פון וועגל, געמאַכט אַ פּייער און אָנגעוואַרעמט אַ שטיקל געקאָכטע פליישׁ. אין די אויפגעגאָסענע וואַסער האָט ער אַריינגעבראָקלט שטיקלעך מצה צו מאַכן אַ זופּ פון מצה־פאַרפל, פאַרביסן מיט אַן איי, פאַרענדיגט מיט דעם אפיקומן, פאַרשלונגען אַ פאָר טרערן, און געגאַנגען „מאַכן די בעט״. האָט ער זיינע צוויי „אָדלערן״ צוגעבונדן צו אַ בוימל, אויסגעבעט זיך אויף די פעקלעך אין זיין קאַר און געלייגט זיך שלאָפן...

ליגנדיג מיט׳ן פּנים אַרויף, האָבן זיינע בליקן זיך אָנגעטראָפן מיט די בליקן פון דער לבנה... און ווי אַ פאַרשעמטער פון דעם, וואָס די לבנה האָט דאָ צוגעזען זיין אָרימען סדר, האָט ער גענומען זיך פאַרשטעלן, וואָס דיזעלביגע לבנה זעט אין זיין היימישן שטעדטל, אין ליטע, ווען זי כאַפּט אַ קוק דורך אַ פענסטער פון אַ אידיש הויז:

...דער טיש איז געדעקט און פאַרפּוצט מיט די פּסח׳דיגע כלים, די גאָלדענע בעכערס, דער זילבערנער טאַץ, די בלאַנקע לעפל, גאָפּל־מעסער, די כוס׳עלעך, עס שיינט און עס בלישטשעט דער גאַנצער טיש, די שטוב איז העל באַלויכטן און מחיה׳דיג ווי אין אַ גן־עדן, אַלע זיצן אַרום טיש, די געזיכטער שטראַלן — אַך ווי גוט עס איז זיי דאָרט איצט! — און עס נעמט אים דורך אַ זיסער טרויער. ער דערמאָנט זיך אָן די קינדער־יאָרן — וואָס פאַר אַ זאָנפטע הייליגקייט עס פלעגט אים דורכנעמען זיצנדיג לעבן טאַטן צום סדר! — ווי ער האָט אַמאָל אַרויסגע׳גנב׳עט אַן אפיקומן און דער טאַטע האָט אים דערפאַר, גלייך חול המועד, גע־

מוזט קויפן דעם ערשטן קראַגן מיט אַ שניפּס, און אַלע אינגלעך האָבן אים מקנא געווען...

די געדאַנקען טראָגן זיך ווייטער — און ער דערמאָנט זיך ווי דעם ערשטן טאָג פּסח פלעגט קומען פּעטרוק, דער גלעזער שיי־געץ וואָס וואוינט הינטער׳ן טייכל ניט ווייט פון זייער הויז, מיט פולע קעשענעס געקאָכטע, אָפּגעפאַרבענע אייער פון זייער חגא, און זאָגן צו אים אַזוי:

„קאַימקע, דו מיר גיב מאַצעלע, איך דיר גיב ניי״.

און ער, זיך פלייסנדיג צו ריידן ליטוויש, פלעגט אים ענט־פערן אַזוי:

„גערע, אַש טאַווע דאָסע מאַצע, אָבער אַש נע נאָרע גרינע אייער, אַש נאָרע די רייטע״.

(גוט, איך וועל דיר געבן מצה, אָבער איך וויל ניט קיין גרינע אייער, איך וויל די רויטע).

דאַן פלעגט פּעטרוק ווייטער זאָגן:

„דו וויל רייטע נייער, איך דיר גיב רייטע, איך גוטע ציגעץ, אָבער איך דיר גיב איין ניי, דו מיר גיב צוויי מאַצעלע״...

און ער פלעגט אים באַלד אויף דעם ענטפערן:

„טו נאָרע דו מאַצעס פּאַר ווענע איי? — אַ מכה דיר אין קאָפּ! קאַד נאָרע, ווענע פּאַר ווענע איז גערע, און קאַד נע נאָרע, טאַ גיי אין ד׳רערד!

(דו ווילסט צוויי מצות פאַר איין איי, אַ מכה דיר אין קאָפּ! אויב דו ווילסט איינע פאַר איינע איז גוט, און אויב דו ווילסט ניט, טאַ גיי אין דר׳ערד!)

פּעטרוק לאָזט זיך האַנדלען, און פלעגט ענטפערן:

„איי קאַימקע, דו אַ שלעקטע אינגל, — נו, איך דיר איין ניי, דו מיר איין מאַצעלע, אין איין, דו איין, איך איין דו איין״... און ער פלעגט באַלד אַרויסטראָגן פון שטוב עטליכע מצות און צוריק אַריינברענגען מיט שמחה עטליכע רויטע אייער.

היינט די ניס... וואָס פּאַר אַ גדולה דאָס פלעגט זיין מיט די ניס! — אַלע אינגלעך פלעגן זיך אויסשטעלן אין איין שורה

און איינער פּלעגט זיי ציילן אַזוי: „פּעם, אחת, אני, הלכתי, בדרך, ופגע, בי, איש, חזק, ושמו, קאָזאַק, נאַגאַיקע, בידו, וחרב, בצידו, אמר, אלי, דיינגי, דאַוואַי”. און אויף וועמען עס פּלעגט אויסקומען דאָס לעצטע וואָרט „דאַוואַי” דער פּלעגט מוזן אַריינגעבן 5 ניס אין „קאַסע”. נאָכדעם פּלעגט מען זיך אויסמישן, ווייטער שטעלן זיך אין שורה, און ווידער ציילן, און ווידער און ווידער, ביז די „קאַסע” פּלעגט שוין פאַרמאָגן אַ היפּשן קאַפּיטאַל ניס. דאַן פּלעגט מען די ניס צוטיילן אויף גלייכע חלקים צווישן אַלע אינג־לעך, און מען פּלעגט זיך פילן אַזוי גליקליך, אַזוי פרייליך, אַזוי גוט! — — אַך זיסע טעג! גליקליכע יאָרן! — וואו זייט איר, וואו זייט איר?!...

— — — — — — — — — — — — — — — —

און ער מורמלט פון שלאָף צו דעם שטומען בארג מיט דער קאַלטער לבנה...

(קייפּטאון, סאַוט אַפריקע, 1907)

אירע הינדעלעך

דורך דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט די אַמעריקאַנער רעגירונג אַפּעלירט צום פאָלק צו זיין עקאָנאָמיש און אַליין פּראָדוצירן וואָס מער מאַטעריאַלן פאַר דעם היימישן געברויך.

צווישן די מיטלען פון פּריוואַטער פּראָדוקציע, וואָס דאָס לאַנד האָט איינגעפירט דורך דער מלחמה איז געווען „וויקטאָרי גאַרדענס" (נצחון גערטלעך). יעדער בירגער, וואָס האָט נאָר געהאַט אַ שטיקל ליידיגע ערד אַרום זיין הויז, איז געבעטן געוואָרן צו פאַרזייען מיט שפּייז זאַכן, ווי קאַרטאָפל, מערן, בוריקעס, אוגערקעס, רעטעך א. אַז. וו. דער עולם האָט זיך געשמאַק גענומען צו דער־דאָזיגער אינטערעסאַנטער און פּראַקטישער אַרבייט — בפרט ווען דאָס איז געווען אַ פּאַטריאָטישער טאַט צו העלפן דער מלחמה — און אַזעלכע גערטעלעך זיינען אויסגעוואַקסן אויף יעדן שריט און טריט.

מיסעס אסתר זיידמאַן איז געווען פון די ערשטע פרויען, וואָס האָבן זיך אָפּגערופן פּאַטריאָטיש אויף אַלע פאַרלאַנגען פון דער רעגירונג. קיין קינדער האָט זי נישט געהאַט, און ווי אַ גוטע פּאַטריאָטקע האָט איר אפשר פאַרדראָסן, וואָס זי האָט נישט קיין זון צו העלפן אַמעריקע קעמפן „פאַר אַ בעסערער וועלט". אָבער אַלץ, וואָס זי האָט נאָר געקענט טאָן צו העלפן דעם לאַנד דורך די שווערע מלחמה יאָרן האָט זי דורכגעפירט מיט פּאַטריאָטישער באַגייסטערונג.

אַזוי איז מרס. זיידמאַן באַגייסטערט געוואָרן פון די „וויקטאָרי גאַרדענס", וואָס זיינען אין אַמעריקע איינגעפירט געוואָרן, אָבער צום באַדויערן האָט זי נישט געהאַט קיין פּלאַץ אַזאַ גערטל איינצופירן. געוואוינט האָט זי מיט איר מאַן אין אַ פּריוואַטן הויז אין ברוקלין, וואָס האָט פון פאָרנט קיין ליידיגן פּלאַץ נישט געהאַט, און הינטער דעם הויז איז געווען אַ קליין געהעפטל, בלויז גרויס גענוג פאַר זייער אַטאָמאָביל דורכצופאָרן צום גאַראַזש.

מיסעס זיידמאַן איז געווען כמעט פאַרצווייפלט, וואָס זי האָט ניט געקענט נאָכקומען אַזאַ וויכטיגע זאַך. פאַרשידענע פלענער האָבן זיך דורכגעוואָרפן אין אירע געדאַנקען, אָבער זיי האָבן צו גאָרנישט געפירט. איר מאַן, מאָריס, אַן אַמעריקאַניזירטער ביז־נעסמאַן, איז ווייניגער פאַראינטערעסירט אין אַזעלכע סענטימענ־טאַלע זאַכן, אָבער ער האָט מיטגעפילט מיט זיין ווייב און געזוכט זי צו טרייסטען.

— נו מילא, אַז מען קען ניט קען מען ניט — פרובירט ער זי באַרוהיגן, — אַז דו האָסט ניט געקענט האָבן קיין זון צו געבן אַנקל סעמ׳ן פאַר דער מלחמה, האָסטו דאָס פונדעסטוועגן אויך אַריבערגעטראָגן...

— אַ דאַנק פאַר דעם קיבעץ — ענטפערט מיסעס זיידמאַן גוטמוטיג, — אָבער אפשר קען מען ערגעץ דינגען פאַר דעם אַ שטיקל פּלאַץ... אַ חוץ דעם האָב איך שוין לאַנג געטראַכט, אַז אונזער הויז איז צו טרוקען, אַן אַ ברעקל פּלאַץ פאַר אַ גרעזל, אַ בלימל... אפשר זאָלן מיר טאַקע מופן צו אַ מער באַקוועמערער וואוינונג?...

בקיצור פון די אַלע רייד איז גאָרנישט געוואָרן, און מיסעס זיידמאַן איז געבליבן היינטערשטעליג אין איר פּאַטריאָטיזם.

אַ ביסל שפּעטער האָט ביי מיסעס זיידמאַן אויפגעלויכטן אַן אידייע, וואָס האָט איבערגעשטיגן איר פאַרלאַנג פאַר אַ „וויק־טאָרי גאַרדען״. זי האָט געהערט ווי אימיצער האָט איינגעפירט ביי זיך אַ סיסטעם פון בריען און האָדעווען הינדעלעך. דאָס, האָט זי באַלד איינגעזען, איז דאָך אַ גרעסערער אויפטו פאַר דער פּראָדוקציע ווי לאָזן וואַקסן גרינסן פאַר דעם אייגענעם געברויך. הינער, דאָס איז דאָך אַ טייערער אַרטיקל. האָט זי זיך גלייך אַריינגעטאָן אין דעם ענין און גענומען זיך נאָכפרעגן וואו מען קען אויסגעפינען אַלע איינצעלהייטן ווי דאָס ווערט געטאָן, ווי־אַזוי דאָס אָנצופירן, און אַלע ידיעות וואָס זיינען פאַרבונדן מיט דער זאַך.

אַזוי שנעל ווי זי האָט געקראָגן די גאַנצע אינפאָרמאַציע מיט אַלע איינצעלהייטן פון דער אונטערנעמונג האָט זי זיך גענומען

צו דער אַרבייט. האָט זי קודם כּל אָפּגעצאַמט אין איר גאַראַזש אַ שטיקל פּלאַץ, וואָס זי האָט אויסגעבעט מיט ווייכן שטרוי און צוגעגרייט אַ באַקוועמע „בעט" פאַר דער צוקינפטיקער געווינערין פון די הינדעלעך. נאָכדעם איז זי צוגעפאָרן צו אַ געוויסן אידישן פאַרמער אין לאָנג איילאַנד און איינגעהאַנדלט אַ גוטע „קוואָקער", ס'הייסט אַ הון וואָס קוואָקטשעט „אויף דער צייט" צו בריען אַ נייעם דור הינדעלעך פאַר דער מענשהייט. ביי אַ צווייטן פאַרמער, וואָס ספּעציאַליזירט זיך אין דעם, האָט זי געקויפט אַ טוצענד „העטשינג עגס", ס'הייסט אייער וואָס זיינען פּראָדוצירט געוואָרן אונטער די אומשטענדן, וואָס מאַכן זיי פאַר ברי־אייער. נאָכדעם האָט זי די הון באַזעצט אין איר פּריוואַטן ווינקעלע אין גאַראַזש, פאַרזיכטיג צוזאַמענגעלייגט די אייער פאַר דער באַקוועמליכקייט פון דער צוקינפטיגער „מוטער", און די הון האָט קוואָקטשענדיג פאַרנומען די אייער אונטער אירע פליגלען און וואַרעמען קערפּער...

פאַר דריי וואָכן נאָכאַנאַנד האָט מיסעס זיידמאַן, ווי אַ געטרייע וואַרטס־פרוי, פון דער „קימפּעטאָרין" ניט אָפּגעטראָטן. יעדן פרימאָרגן פלעגט זי דורכלופטערן דעם גאַראַזש, אויפּפּאַסן אויף דער ריינקייט אַרום דער הון, צוגרייטן פאַר איר די נויטיגע שפּייז מיט די וואַסער, און פלעגט איר, אַחוץ דעם, באַזוכן עטליכע מאָל אַ טאָג צו זען ווי זי פילט...

צום סוף פון די דריי וואָכן האָט די הון זיך געהינדלט און מיט מזל אויסגעפּיקט ניין הינדעלעך אויף דער וועלט. די הינדעלעך פון די איבעריגע דריי אייער זיינען אויסגעגאַנגען נאָך איידער זיי האָבן זוכה געווען די ליכטיגע שיין צו דערזען...

ווען מיסעס זיידמאַן האָט דערזען די הינדעלעך, איז זי אויפגעשפּרונגען פון שמחה. זי איז גלייך געלאָפן צום טעלעפאָן אָנצוזאָגן איר מאַן די גוטע בשורה און האָט אויך די פרייליכע נייעס באַלד פאַרשפּרייט צווישן אירע שכנים און פריינט. אַזאַ פרייד — די פרייד פון ברייגגען לעבן אויף דער וועלט — האָט די קינדערלאָזע מיסעס זיידמאַן קיינמאָל ניט דורכגעלעבט, כאָטש ניט זי אַליין האָט דאָס לעבן געבראַכט...

דעם זעלביקן טאָג איז מיסעס זיידמאַן צוגעפאָרן צום אידישן פאַרמער אין לאָנג איילאַנד, וואו זי האָט געקויפט די ברי־אייער, און פון אים באַקומען ווייטערע אינסטרוקציעס ווי אָנצוגיין מיט די הינדעלעך, זייער שפּייז, אויפפּאַסונג, האָדעוואַניע, א. אז. וו.

בקיצור, די הינדעלעך האָבן זיך געהאָדעוועט אָן צער און זיינען געוואַקסן ווי אויף הייוועז. דריי פון זיי זיינען געווען הענד־לעך, און ווי נאָר זיי זיינען אַ ביסל אונטערגעוואַקסן און גע־וואָרן זעלבסטשטענדיג האָבן זיי אָנגעפאַנגען צו קרייען... מיסטער זיידמאַן איז פון דעם ניט איבעריג צופרידן געווען. וואָלטן זיי כאָטש געקרייט אין מיטן טאָג וואָלט אים ניט געקימערט. אָבער דוקא ווען עס ברעכט פאַר טאָג, אין דעם בעסטן שלאָף, צעלאָזן זיי זיך אויף די אויבערשטע טענער און שטערן דעם שלאָף. ביי מיסעס זיידמאַן איז דאָס אָבער קיין חסרון ניט געווען. פאַר־קערט, יעדעס מאָל, וואָס זי דערהערט אַ קריי פון אירן אַ האָדע־וואַניק, גיט זיך ביי איר אַ צאַפּל דאָס האַרץ און עס טוט איר אַ הנאה דערפון.

אַזוי זיינען פאַרלאָפן עטליכע חדשים זינט די הינדעלעך זיינען געקומען אויף דער וועלט, און ביי מיסעס זיידמאַן האָט זיך אַנטוויקלט אַ נייער אינטערעס אין לעבן. האָט זי געפועלט ביים לענדלאָרד פון איר הויז ער זאָל איר דערלויבן, אויף אירע אייגענע הוצאות, צו מאַכן אַ גרויסן פענסטער אין גאַראַזש כדי אירע הינדעלעך זאָלן האָבן מער לופט און זונענשיין. אַחוץ דעם האָט זי אין גאַראַזש געלאָזט מאַכן אַ גרויסן שטייג וואו אירע הינדעלעך זאָלן זיך קענען האַלטן צוזאַמען, פאַרזאָרגט זיי מיט באַקוועמע כלים פאַר זייער עסן און טרינקען און מיט אַ פּאָר לאַנגע שטאַנגען אין דער הויך, וואו די הינדעלעך זאָלן קענען אַרויפשטייגן זיך אָפּצורוען און כאַפּן אַ דרעמל...

אַ נייע פריידיכע איבעררראַשונג האָט מיסעס זיידמאַן דורכגע־לעבט, ווען זי האָט צום ערשטן מאָל געפונען אין גאַראַזש אַן איי, אויסגעלייגט פון איינער פון איר הינדל־משפחה. דעם טאָג האָט זי געפילט יום־טוב׳דיג, און וואָס ווייטער אַלץ מער האָבן די

אייער זיך פֿאַרמערט אונטער איר געהעריגער השגחה, ווי זי האָט עס געלערנט פֿון דעם אידישען פֿאַרמער.

די צייט רוקט זיך, די עופות זיינען שוין אויסגעוואַקסן צו זייער פֿולער גרויס, און זייער עקזיסטענץ אויף דער וועלט האָט זיך אָנגעשטויסן אויף אַ פראַגע־צייכען. געווען איז דאָס אַ פּאָר וואָכן פאַר פּסח. די זיידמאַנס האָבן זיך געריכט אויף גרויסע געסט אויף יום־טוב — נאָענטע קרובים פֿון דער סאַוט — און פלענער זיינען געמאַכט געוואָרן פאַר זייער גאַסטירונג און אויפ־האַלטונג.

— איצט וועלן אונז גאַנץ גוט צוניץ קומען די הינער וועלכע דו האָסט מיט אַזוי פיל מי אויסגעהאָדעוועט — זאָגט מיסטער זיידמאַן אין אַ צופרידענעם טאָן.

— וואָס מיינסטו „צוניץ קומען" — זאָגט מיסעס זיידמאַן צושראָקן, און ס'האָט איר אַ קלאַפּ געטאָן אין האַרצן ווי מיט אַ האַמער.

— וואָס זאָל איך דען מיינען — זאָגט מיסטער זיידמאַן קאַלטבלוטיג, — כ'מיין גאַנץ איינפאַך, מען וועט פון זיי קענען קוילענען גענוג צו האָבן טשיקען פאַר אַ גאַנצן יום־טוב.

— קוילענען ?! — האָט מיסעס זיידמאַן אויסגעשריען ווי ניט מיט איר קול, — קוילענען מיינע הינדעלעך ? אוי וויי איז מיר, וואָס רעדסטו ! — און טרערן האָבן זיך באַוויזן אין אירע אויגן.

— וואָס דען, ניט קוילענען ? — ענטפערט מיסטער זיידמאַן ערנסט, — אויף וואָס האָסטו זיי אויסגעהאָדעוועט, אויף צו שפּילן זיך מיט זיי ? אויף וואָס דען האָדעווען אַלע הינער, ניט צו קוי־לענען און עסן ?

— מאָריס, וואָס טוט זיך מיט דיר — בעט זיך מיסעס זייד־מאַן וויינענדיג, — איך וועל קוילענען מיינע הינדעלעך און עסן זייער פליישׂ ?! אוי וויי, אוי וויי, איך זאָל דאָס בעסער ניט דער־לעבן !

— אידענע וואָס דו ביזט ! — זאָגט שוין מאָריס אַ ביסל אויפגערעגט, — צוליב וואָס האָסטו אונטערגענומען די גאַנצע זאַך ? ניט צוליב דעם פּאַטריאָטישן געבאָט צו פּראָדוצירן שפּייז פאַר דעם אייגענעם געברויך, פּונקט ווי אַ וויקטאָרי גאַרדען איז צו פּראָדוצירן גרינסן פאַר'ן אייגענעם געברויך ? וואָס דען האָסטו געהאַט אין זינען ווען דו האָסט זיך גענומען דערצו ?

מיסעס זיידמאַן האָט איינגעזען, אַז איר מאַן איז אייגנטליך גערעכט, און האָט אין האַרצן איינגעשטימט מיט זיין מיינונג. אָבער דאָס האָט ניט געענדערט אירע געפילן און באַציאונג צו אירע הינדעלעך.

*   *

די געסט זיינען געקומען, דער פּסח איז אַריבער, היגער־פליייש איז געווען צו עסן לרוב — כאָטש די פּרייזן זיינען געווען געשוואָלענע — אָבער מיסעס זיידמאַנ'ס הינדעלעך זיינען געבליבן ניט געטשעפּעט און האָבן אַפילו קיין פעדער ניט פאַרלאָרן... ווען מיסעס זיידמאַן איז נאָכאַמאָל אויסגעקומען צו ריידן וועגן אירע באַליבטע הינדעלעך האָט זי זיך אַ נדר געטאָן, אַז אַזוי לאַנג ווי זי און אירע הינדעלעך וועלן לעבן וועט זי קיינעם ניט לאָזן אויף זיי אַ האַנט אַרויפלייגן...

זיין נייע דערפאַרונג

קלמן קאַלמאַנסאָן איז אַ בחור אין די דרייסיגער. קיין גרויסע בילדונג האָט ער ניט, אָבער ער איז אינטעליגענט, גוט באַלעזן, און איז אָנערקענט אין זיינע קרייזן פאַר אַ סימפּאַטישן מענשן. אין זיינע ביזנעס פאַרבינדונגען אַלס אינשורענס אַגענט איז ער ניט ווייניגער אָנגעזען. ער האָט אַ גוטן נאָמען און מאַכט אַ פיינעם לעבן.

קאַלמאַנסאָן האָט אַלץ, אַחוץ אַ ווייב — אַ לעבענס־חבר, מיט וועמען צו טיילן „די ליידן און פריידן". גראָד ווען ער איז אַרומגערינגלט מיט פריינט דערפילט ער, אַז ער איז איינזאַם. גראָד ווען אַרום אים איז לוסטיג און פריילך, דערוועקט זיך אין אים אָפט אַ געוויסער אומעט.

קאַלמאַנסאָן האָט אַ סך פריינט, און צווישן זיי — אַ רעכט ביסל פון דעם שיינעם געשלעכט, וועלכע זיינען „צום האָבען". אָבער צווישן די אַלע פרויען געפינט ער ניט קיין איינע, וועלכע זאָל אים פאַראינטערעסירן און געווינען זיין ליבע. ער האָט שוין עטליכע מאָל געלאָזט זיך איינריידן פון פריינט צו באַקענען זיך, דורך זיי, מיט געוויסע פרויען, אָבער ער איז יעדעס מאָל אַנטוישט געוואָרן.

פונדעסטוועגן האָט ער זיך געלאָזט איינריידן פון אַ נאָענטן פריינט, וועלכער האָט אים דערציילט פון זיינער אַ קוזינע, מיס בעסי באַלזאַם, מיט וועלכער ער האָט אים געראָטן זיך צו באַקענען. דאָס מיידל, האָט ער אים געזאָגט, איז אַ שיינהייט, אַן אַנשטענדיגע, מיט אַ סך מעלות, און קומט פון פיינע עלטערן. האָט ער מיט זיין פריינט באַשטימט אַ געוויסן אָוונט, ווען זיי זאָלן ביידע צוזאַמען באַזוכן יענער פאַמיליע און זיך באַקענען מיט דער מיידל. געזאָגט האָט אים זיין פריינט, אַז דאָס מיידל ווייסט פון גאָרנישט, און זייער באַזוך וועט הייסן בלויז אַ צופאַל. אָבער דער דערפאַרענער קאַלמאַנסאָן פאַרשטייט בעסער ווי דאָס. ער איז זיכער, אַז דאָס מיידל ווייסט יאָ פון זיין קומען, פונקט ווי ער

ווייסט, אַז ער גייט זי זען, און אַז זיין פריינט האָט מסתמא דער מיידל אויך געזאָגט, אַז דער יונגערמאַן ווייסט פון גאָרנישט...

בקיצור, קאַלמאַנסאָן איז מיט זיין פריינט געפאָרן זען זיין פריינט'ס קוזינע מיט געמישטע געפילן. אָבער אַזוי שנעל ווי ער איז דאָרט אין הויז אַריינגעקומען און דערזען דאָס מיידל האָט ער איינגעזען, אַז זיין פריינט האָט אים ניט אָפּגענאַרט. דאָס מיידל איז באמת אַ שיינע, שיין געוואַקסן, מיט שיינע געזיכטס־ציגע און שיינע האָר; האָט זי ביי קאַלמאַנסאָנ'ען מאָמענטאַל נושא־חן געווען. אַ גוטען איינדרוק האָבן אויף אים אויך געמאַכט אירע עלטערן, און דאָס גאַנצע הויז איז אים געפעלן געוואָרן.

פאַרשטייט זיך, אַז מען האָט קאַלמאַנסאָנ'ען גאַנץ פיין אויפגענומען און מען האָט אים געגעבן אַ געלעגנהייט צו ריידן מערסטנס מיט דער מיידל און זיך באַקענען מיט איר.

אַביסל שפּעטער איז דאָרט אין הויז אַריינגעקומען אַ פריינדינע פון דעם נעקסטן הויז. מיס באַלזאַם האָט זי פאַר קאַלמאַנסאָנ'ען פאָרגעשטעלט — מיס פלאָרענס פוטערמאַן — און ער האָט זיך פאַר איר פאַרנויגט. אָבער ער האָט איר קיין ווייטערע אויפמערקזאַמקייט ניט געשאָנקען, ווייל איר אויסזען האָט אים ווי אָפּגעשטויסן פון איר. אַ הויכע, אַ דאַרע, מיט שווערע גלעזער אויף איר לאַנגער נאָז, האָט מיס פוטערמאַן, ווייזט אויס, ניט געקאָנט געפינען קיין לייטזעליגקייט אין מענערשע אויגן.

די לאַגע האָט זיך אָבער אינגאַנצן געביטן נאָך דעם ווי קאַלמאַנסאָן האָט דאָרט פאַרבראַכט אַ פּאָר שטונדן און זיך געקליבן צו גיין אַהיים. די מיאוס'ע מיס פוטערמאַן האָט גאָר געוואונען קאַלמאַנסאָנ'ס גאַנצע אויפמערקזאַמקייט, און ער האָט זיך אין איר פאַראינטערעסירט. איר קלוגשאַפט, וויסן, אינטעליגענץ און באַנעמונג האָבן אים אויף אַזוי ווייט צוגעצויגן, אַז ער האָט גענומען איר טעלעפאָן־נומער זי אָפּצורופן וועגן אַ נייער פּאָליסי, כלומרשט, וואָס זיין קאָמפּאַני גיט אַרויס.

די שיינע מיס באַלזאַם, אָבער, האָט ביי קאַלמאַנסאָנ'ען אינגאַנצן פאַרלאָרן די חן. אירע פוסטע רייד וועגן נאַכט־קלובן, האָ־

ליוואוד סטאָרס, קליידער־מאָדעס און ספּאָרט האָבן אינגאַנצן אָפּ־געקילט זיין ערשטן ענטוזיאַזם פאַר איר, און ער האָט זיך שטאַרק געלאַנגווייליגט אין איר געזעלשאַפט.

אויף מאָרגן האָט קאַלמאַנסאָן מיט אומגעדולד דערוואַרט דעם אָוונט און אָפּגערופן מיס פּוטערמאַן אין איר היים. זי האָט זיך שטאַרק דערפרייט מיט זיין שנעלער האַנדלונג און האָט אויפ־מערקזאַם זיך צוגעהערט צו זיינע רייד וועגן דער „אינשורענס פּאָליסי", וואָס האָט זיך געענדיגט מיט אַ באַשטעלונג צו טרעפן זיך פּערזענליך. די באַשטימונג איז געווען צו טרעפן זיך אין אַ נאָענטן אָוונט ביי איר אַרויסגיין פון דעם אָפיס, וואו זי אַרבייט.

קאַלמאַנסאָן איז געקומען צו דעם פּלאַץ אין דער פּינקטליכער צייט, אוןביידע האָבן זיך דערפרייט, ווען זייערע בליקן האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן.

— וואו גייען מיר? — האָט מיס פּוטערמאַן געפרעגט.

— פריער גייען מיר האָבן אַ גוטן אידישן דינער, — האָט קאַלמאַנסאָן שמייכלענדיג אַרויסגעגעבן זיין „אָרדער". — אַז מיר וועלן זיין זאַט, וועלן מיר האָבן כח צו ריידן — האָט ער ווייטער געשפּאַסט.

— זייער פיין פון אייך — האָט מיס פּוטערמאַן צוגעשטימט אין אַ געמיטליכן טאָן. — נו זאָל זיין אַזוי. פון עסן, זאָגט מען, מאַכט מען דאָך אַ לעבן.

קאַלמאַנסאָן האָט געשמייכלט, אַנגענומען מיס פּוטערמאַן אונ־טער'ן אָרעם און מיט איר אַריבערגעגאַנגען די גאַס. דאָרט האָט ער אַ רוף געטאָן אַ טעקסי און געהייסן פאָרן צו אַ געווויסן אידישן רעסטאָראַן אין דעם באַרימטן געגנט פון טאַימס סקווער (ניו יאָרק).

פון רעסטאָראַן זיינען זיי אַרויסגעקומען פריילעך, אויפ־געלייגט, און גענומען אַ שטיקל שפּאַציר אין דער רוישיגער און העל־באַלויכטענער געגנט, ביז זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ געוויסן טעאַטער.

— אַט דאָ וויל איך מיר זאָלן אַריינגיין — זאָגט קאַלמאַנסאָן.
— דאָס איז אַ פּראַכטפולע מוֹאווי, און אויב איר האָט עס נאָך אויך ניט געזען, האָבן מיר איצט אַ געלעגנהייט.

— איך האָב עס טאַקע נאָך ניט געזען, און איך דאַנק אייך זייער פאַר אייער פאָרשלאַג — זאָגט מיס פּוטערמאַן, — אָבער איך האָב מורא, אַז איר וועט אויף מיר אויסגעבן דעם גאַנצן פּראָפיט, וואָס איר דענקט צו מאַכן אויף מיין פּאָליסי — האָט זי פאַרענדיגט מיט אַ שפּאָס.

— זאָל דאָס זיין אייער לעצטע זאָרג — האָט קאַלמאַנסאָן זי „באַרואיגט". — אַלזאָ, מיר גייען דאָ אַריין — און ער איז גלייך צוגעגאַנגען צו דער קאַסע און געקויפט צוויי בילעטן.

אַרויסקומענדיג פון טעאַטער אויפגעלייגט און צופרידן, האָט קאַלמאַנסאָן פאָרגעשלאָגן צו נעמען נאָך אַ שטיקל שפּאַציר, צו קאָלאָמבוס צירקל, און דאָרט אַריינגיין זיך צוזעצן אַ ביסל אין סענטראַל פּאַרק. מיס פּוטערמאַן האָט מיט צופרידנקייט איינגעווילּיגט, און זיי האָבן צוגעשפּאַצירט צום פּאַרק.

עס איז נאָך געווען פרי אין אָוונט, אָבער דער הימל איז שוין געווען באַזעצט מיט שטערן, די ווייכע לופט פון פּאַרק האָט געצערטלט די אָנוועזנדע און דער ריח פון די גרינסן און בלומען האָט געקוויקט יעדן אָטעמצוג פון די באַזוכער. קאַלמאַנסאָן און פּוטערמאַן האָבן זיך באַקוועם אַוועקגעזעצט אויף אַ באַנק, אַריינגעזאַפּט די אנגענעמע אַטמאָספערע פון פּאַרק, און ביסלעכווייז פאַרגאַנגען אין אַ שמועס.

— און ווי געפעלט איר מיין פריינדינע, מיס באַלזאַם? — פרעגט זי אים.

— ניט איבעריג — ענטפערט קאַלמאַנסאָן רעזערווירט.

— זי איז דאָך אָבער אַ שיין מיידל.

— נו, יאָ, דערפאַר טויג עס טאַקע ניט. די מערסטע שיינע פרויען זיינען גייסטיג הינטערשטעליג. זיי שטעלן זיך צופרידן מיט זייער שיינעם פּנים און פילן זיך זיכער מיט דערפאָלג צווישן

דעם מענער־געשלעכט. ווערן זיי טאַקע באַשאַטן מיט קאָמפּלי־מענטן פון די מענער, וועלכע יאָגן זיך נאָך זיי, און פילן זיך באַפרידיגט. דערפאַר קימערן זיי זיך ווייניג וועגן זייער גייסטיגן צושטאַנד און נעמען זיך ניט די מי צו לערנען, לעזן און שטודירן. אַזעלכע פרויען קאָנען קיין אינטעליגענטע מענער אויף ערנסט ניט פאַראינטערעסירן.

— און וואָס דענקט איר פון מיאוס׳ע פרויען?

קאַלמאַנסאָן האָט דאָ דערפילט ווי ער וואָלט זיך אַרויסגע־לאָזט אויף אַ גליטשיגן וועג, אָבער ער האָט דעם געשפּרעך שוין ניט געקאָנט אָפּשטעלן און זיין טעאָריע ניט צוריקציען.

— מיאוס׳ע פרויען זיינען, פאַרשטייט זיך, אין אַ פאַרקער־טער לאַגע ווי שיינע — האָט קאַלמאַנסאָן געענטפערט אין פאַרט־זעצונג ווי ניט ווילנדיג. — זיי פילן, אַז זיי מוזן זיך דערווערבן אַנדערע מעלות כדי גוטצומאַכן זייער קערפּערליכע היגטערשטע־ליגקייט. דערפאַר פאַרנעמען זיי די צייט מיט לערנען, לעזן און אַנדערע גייסטיגע אינטערעסן. אָט דערפאַר זיינען די ניט־שיינע פרויען מער אינטערעסאַנט ווי די שיינע.

— און צווישן וועלכע פרויען פון די צוויי טיפּן, אַ שטייגער, קלאַסיפיצירט איר מיך? — פרעגט אים מיס פּוטערמאַן — צווישן די שיינע, אומוויסנדע און שטומפּיגע, אָדער צווישן די מיאוס׳ע, געלערנטע און אינטעליגענטע?

— הם, עס איז שווער צו זאָגן — ענטפערט קאַלמאַנסאָן אומזיכער, — אָבער איך האַלט אייך געוויס פאַר אַ געלערנטע און אינטעליגענטע דאַמע.

— בין איך, הייסט עס, לויט אייער טעאָריע, אַ מיאוס׳ע — גיט זי אים אַ שטעל־צו צו דער וואַנט.

— ניין — פאַרענטפערט זיך קאַלמאַנסאָן, — איך האַלט אייך פאַר אַ שיינע...

— אויב אַ שיינע — נעמט זי אים ווייטער אויפ׳ן צימבל, — בין איך, הייסט עס, נאַריש און אומוויסנד.

— ניין — דרייט זיך קאַלמאַנסאָן אין פאַרלעגנהייט, — איר זייט גראַדע אי שיין, אי אינטעליגענט...

— עט, דאָס גלויב איך אייך שוין ניט — גיט זי אַ זאָג אין אַ העכערן טאָן. — איר זענט ניט ערליך אין אייערע רייד, פונקט אַזוי ווי אַלע מענער.

— ניט ערליך? — זאָגט קאַלמאַנסאָן באַליידיגט, — דאָס האָט נאָך קיינער אויף מיר ניט געזאָגט. זייט א י ר ערליך?

— ערליכער פון אייך — ענטפערט זי בייז און קורץ.

פאַר אַ ווײַלע האָבן זיי ביידע קיין וואָרט ניט אויסגערעדט. מיס פּוטערמאַן האָט אָפּגעדרייט איר קאָפּ פון זיין זייט און געקוקט אין דער אַנדערער ריכטונג. קאַלמאַנסאָן איז געווען אויפגערעגט און האָט געקוקט אויפ'ן זייגער, כאָטש ער האָט אין דער פינסטער די צייט ניט געקאָנט זען...

— איך דענק, אַז עס איז שוין צייט צו גיין אַהיים — האָט קאַלמאַנסאָן קאַלט אַ זאָג געטאָן.

— יאָ, עס איז שוין לאַנג צייט געווען — האָט מיס פּוטער-מאַן געענטפערט מיט ביטערקייט.

אין דער נעקסטער מינוט האָבן זיי זיך אויפגעהויבן פון באַנק. קאַלמאַנסאָן האָט זי, אָן אַ וואָרט צו ריידן, צוגעפירט צו דער סאָבוויי, וואָס פירט צו איר היים, געזאָגט „גוד נאַיט", און אַ שטאַרק אַנטוישטער זיך געלאָזט גיין אָן אַ ריכטונג, פאַרטיפט אין מחשבות פון אַ נייער דערפאַרונג.

די ריכטיגע פּאָר

1

לואי פּינטאָ און מערי מאַרקאָ זיינען אַרויסגעקומען פון געריכט אין געשלאָסענע אָרעמס און מיט שטראַלנדיגע געזיכטער. דער ריכטער האָט זיי געזעצליך פאַרהייראַט און זיי זיינען שוין מאַן־און־ווייב.

די יונגע פּאָר האָבן קיין רעליגיעזע חתונה ניט געמאַכט, ווייל ערשטנס זיינען זיי ביידע ראַדיקאַל און גלויבן ניט אין רעליגיעזע צערעמאָניעס, און צווייטנס זיינען זיי אין ניו יאָרק כמעט עלנטע און וואָלטן סאַי ווי ניט געהאַט וועמען איינצולאַדן צו אַ רעגולערע חתונה.

און ווי שנעל דאָס איז געוואָרן! ערשט מיט צוויי חדשים צוריק האָבן זיי זיך באַקענט אויף אַ פּיקניק פון אַ ברענטש פון אינטערנאַציאָנאַלן אַרבייטער אָרדן. לואי פּינטאָ, אַ שיינער און פריילעכער יונג, האָט געצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון אַ סך מיידלעך וועלכע האָבן זיך געדרייט אַרום אים. אָבער מערי מאַרקאָ האָט געהאַט מער מזל און זיי זיינען שנעל באַפריינדעט געוואָרן, כאָטש זייער ערשטע באַקאַנטשאַפט איז גראַדע צוגעגאַנגען אַ ביסל שווערליך. ווען לואי האָט זיך פאַר מערי׳ן פאַרגעשטעלט מיט זיין נאָמען האָט איר פּנים אָנגענומען אַן ערנסטן אויסדרוק און זי האָט זיך אַ ביסל פאַרטראַכט.

— איז דאָס טאַקע אייער ריכטיגער נאָמען? — האָט מערי אים אַ פרעג געטאָן.

— געוויס — ענטפערט לואי מיט אַ גוטמוטיגן שמייכל, — לואי פּינטאָ! און אייער נאָמען?

— מיין נאָמען איז מערי מאַרקאָ — האָט זי אַרויסגערעדט ווי מיט אַן אומזיכערן טאָן.

— איז דאָס אייער ריכטיגער נאָמען? — האָט לואי איר אויך געפרעגט, און זיך אַ ביסל פאַרטראַכט.

— געוויס — ענטפערט זי דרייסט...

— רעדט איר איטאַליעניש? — פרעגט ער איר ווייטער.

— ניין — זאָגט זי, — איך בין געבאָרן געוואָרן אין אַמע־ריקאַ און מיינע עלטערן זיינען געשטאָרבן ווען איך בין נאָך אַ קליין עופ׳עלע געווען. קענט א י ר ריידן איטאַליעניש?

— אַ ביסל — ענטפערט ער, — מיינע עלטערן זיינען געקו־מען מיט מיר פון סיציליע ווען איך בין אַלט געווען צוויי יאָר.

— און וואו זיינען איצט אייערע עלטערן?

— זיי וואוינען פאַר אַלע יאָרן אין סאַן פראַנציסקאָ.

— בקיצור עס האָט לאַנג ניט גענומען און זיי זיינען ווי צוגעקלעפּט געוואָרן איינער צום צווייטן, בפרט אַז זיי זיינען ביידע איטאַליענער און האָבן אַן ענליכע לעבנס־געשיכטע.

2

אין דער גרויסער שטאָט ניו יאָרק, וואו צוויי שכנים קענען וואוינען אין איין הויז, אַ טיר קעגן אַ טיר, און זיך ניט קענען איינער דעם אַנדערן; אָדער וואו פאַרהייראַטע קינדער וואוינען אין פאַרשידענע געגענטן פון שטאָט און זעען זיך בלויז ווען אין דער פאַמיליע מאַכט זיך אַ חתונה אָדער אַ לויה; איז קיין וואונ־דער ניט וואָס לואי און מערי, ביידע אָן קרובים און געלעבט איינזאַם, האָבן באַשלאָסן חתונה צו האָבן אַזוי שנעל ווי זייער ליבע האָט זיך צוגליט און האָבן איינגעזען אַז זיי זיינען פּאַסיג איינער פאַר דעם אַנדערן. און אָט זעען מיר זיי טאַקע אַרויסקו־מענדיג פון געריכט, גליקליך פאַרהייראַט, בלויז צוויי חדשים נאָך זייער ערשטער באַקאַנטשאַפט.

— וואו גייען מיר איצט, מיין טייערע? — פרעגט לואי זיין ווייבל, און קוקט איר מיט ליבשאַפט אין די אויגן אַריין.

— וואו נאָר דו ווילסט אַליין, מיין געליבטער — ענט־פערט מערי, — כאָטש אין עק וועלט! — ענדיגט זי מיט אַ שמייכל.

זיינען זיי פון דאָרט געגאַנגען צו אַ באַוואוסטן איטאַליענישן רעסטאָראַן וואו מען קריגט אַ גוטן מאָלצייט, מיט עכטן איטאַל־יענישן וויין און אַנדערע געריכטן.

אַרויסגעקומען פון רעסטאָראַן פריילעך און אויפגעלייגט, זיי־נען זיי געגאַנגען זוכן אַ פיינעם צימער אין אַ „פורנישד אַפּאַרט־מענט" הויז. קיין פּריוואַטע אייגענע וואוינונג האָבן זיי דערווייל ניט געדאַרפט, און האָבן דאָס אָפּגעלייגט אויף שפּעטער.

דעם טאָג פון זייער „חתונה", און אויך דעם נעקסטן טאָג, זיינען זיי ביידע ניט געגאַנגען צו דער אַרבייט. לואי האָט פון זיינע באַלעבאַטים, וואו ער אַרבייט אַלס „שיפּינג קלוירק", גע־קראָגן צוויי טעג פריי לכבוד זיין גרויסן יום־טוב, און אויך מערי, וועלכע אַרבייט ביי פרויען־קליידער, האָט געקראָגן אַ פּאָר טעג אורלויב צו פייערן איר שמחה.

יאָ, דאָס איז געווען אַן אמת'ע שמחה ביי ביידן. און די שמחה איז ניט אָפּגעקילט געוואָרן מיט דער צייט, ווי עס טרעפט אָפט ביי אַ יונג־פאַרהייראַט פּאָרל. פאַרקערט, וואָס מער זיי האָבן זיך איינגעלעבט, וואָס מער זיי האָבן זיך באַקענט איינער מיט דעם אַנדערנ'ס כאַראַקטער, מאַניערן, געוואוינהייטן און אויפפי־רונג, אַלץ שטאַרקער איז געוואַקסן זייער קעגנזייטיגע פאַרערונג און אַלץ הייסער האָט זיך אַנטוויקלט זייער ליבע איינער צום אַנ־דערן.

זייער גליק איז געקומען צום העכסטן אויסדרוק ווען מערי האָט איר לואי'ן אָנגעזאָגט די בשורה אַז זיי גייען קירצליך ווערן טאַטע־מאַמע... לואי האָט פּשוט געטאַנצט פאַר פרייד, און ביי מערי'ן האָבן זיך געשטעלט טרערן אין די אויגן פון שמחה זעענ־דיג ווי איר לואי פילט אַזוי גליקליך פון דער בשורה.

די צייט רוקט זיך, מערי איז אַוועק אין „מאַטוירניטי" האָס־פּיטאַל, און דער גרויסער טאָג איז געקומען: לואי האָט פון האָס־פּיטאַל באַקומען אַ ידיעה דורכ'ן טעלעפאָן, אַז מערי האָט מיט מזל געבאָרן אַ שיינעם, אַכט־פונטיגן זון!

3.

מערי איז שוין אַ פּאָר טעג אַרויס פון האָספּיטאַל און געפינט זיך מיט איר זון און ליבן מאַן אין זייער אייגענער היים פון דריי צימערן, וואָס זיי האָבן איינגעריכט דורך דער צייט פון איר שוואַנגערשאַפט. יעדעס מאָל וואָס דער יונגער גאַסט לאָזט פון זיך הערן, ווערט זייער היים אָנגעפילט מיט אַ צאַרטער וואַרעמקייט און אמת׳ער פרייד פון גליקליכע עלטערן. זייער זון איז שוין אַ וואָך אַלט, און זיין פאָטער קען פון אים קיין אויג ניט אַראָפּנעמען. איינמאָל האָט פּאַסירט, ווען קוקנדיג אויף זיין קינד האָט דער פאָטער זיך שטאַרק פאַרטראַכט און די יונגע מאַמע האָט דאָס באַמערקט.

— וואָס האָסטו זיך אַזוי פאַרטראַכט, לואי? — פרעגט אים מערי, — אויב עס איז אַ גוטע זאַך, טאָ לאָמיר דאָס טראַכטן צוזאַמען — זאָגט זי מיט אַ שמייכל.

— יאָ, ס׳איז זייער אַ גוטע זאַך, מיין טייערע — ענטפערט לואי, — און לאָמיר וועגן דעם טאַקע צוזאַמען טראַכטן און באַטראַכטן.

— נו, אדרבה, הויב אָן.

— איך האָב דיר שוין אַמאָל דערציילט פון אַן אַרטיקל וואו איך האָב געלייענט וועגן דעם וואָס אַ סך פון אונזערע קריסטן זיינען מל זייערע קינדער פונקט אַזוי ווי די אידן. איך ווייס פון אַ סך איטאַליענער וואָס האָבן אָנגענומען אָט־די פּראַקטיק, וואָס אַ סך דאָקטוירים ראָטן צוליב׳ן געזונט און סאַניטאַרע צוועקן.

— נו?

— איז וואָלט איך דיר וועלן בעטן, מערי טייערע, דו זאָלסט איינשטימען צו לאָזן אונזער קינד דורכגיין אָט־די לייכטע אָפּעראַציע...

מערי האָט זיך פאַרטראַכט פאַר אַ מינוט, אין אירע אויגן האָט זיך באַוויזן אַ מאָדנעס פייערל, און זי האָט מיט איינגעהאַלטענער באַגייסטערונג איינגעוויליגט אויף לואי׳ס פאַרלאַנג. אַזוי

איז באַשלאָסן געוואָרן צו אַנגאַזשירן אַ אידישן, דערפאַרענעם מוהל, און דורכפירן די זאַך פונקט ווי דאָס ווערט געטאָן ביי אידן.

אויף דעם נעקסטן טאָג, ווען די יונגע גליקליכע עלטערן האָבן ווייטער פאַרבראַכט צוזאַמען אין דער גענעלשאַפט פון זייער געראַטענעם זון, האָט מערי זיך געווענדעט צו לואי׳ן אויך מיט אַ בקשה.

— הער מיך אויס, מיין טייערער — זאָגט זי צו אים אין אַ ביסל נערוועזן טאָן, — איך האָב דיר נאָכגעגעבן דיין פאַרלאַנג מל צו זיין אונזער קינד, און איצט פאַרלאַנג איך אַז דו זאָלסט מיר אויך עפּעס נאָכגעבן וועגן אונזער קינד.

— וואָס איז דאָס ? — פרעגט לואי נייגעריג.

— איך וועל דיר אויסזאָגן אַ סוד — זאָגט מערי אין אַ ציטערדיגן טאָן, — מיין זיידע איז געווען אַ איד... ניט סתם אַ איד נאָר אַ רב אין אַ שטאָט ביי דעם עסטרייך־איטאַליענישן גרעניץ; אַ גרויסער און הייליגער מאַן געווען; זיין נאָמען איז געווען ר׳ שלמה יצחק מאַרקאָוויץ — וואָלט איך וועלן אונזער קינד אַ נאָמען געבן נאָך אים: סאָלאָמאָן אייזאַק...

4.

לואי איז ווי צוטומלט געוואָרן פון דער איבערראַשונג. פאַר אַ מינוט האָט ער געשוויגן און ניט געפונען די ריכטיגע ווערטער איסצודריקן דאָס, וואָס האָט אויפגעברויזט אין זיין געדאַנק. אָבער ער איז באַלד געקומען צו זיך און האָט איר אַ פרעג געטאָן:

— און וואָס איז געווען דיין טאַטע ?

מערי האָט ניט געקאָנט ענטפערן אין דעם מאָמענט, און אָנשטאָט אַן ענטפער האָט זי אויסגעבראָכן אין אַ שטאַרקן געוויין.

— וואָס איז דיין טאַטע געווען, אַ איד צו אַ קריסט ? — מאָנט לואי פון איר מיט אַ געצוואונגענער שטרייגקייט.

— אַ איד — האָט מערי אַרויסגעמורמלט ווי אַ פאַרשול־דיגטע.

— און דו אַליין?

מערי האָט ניט געענטפערט, נאָר כּליפּענדיג געשאָקלט מיט'ן קאָפּ אויף „יאָ"...

לואי האָט מיט זיין טאַשנטיכל איר אָפּגעווישט די טרערן און צערטליך אַרומגענומען.

— טאָ צו־וואָס האָסטו מיך די גאַנצע צייט גענאַרט אַז דו ביזט אַן איטאַליענערקע?

— ווייל דו ביזט מיר זייער שטאַרק געפעלן געוואָרן דאָן אויפ'ן פּיקניק, ווען איך האָב זיך מיט דיר באַקענט — האָט מערי געענטפערט אַ ביסל באַרואיגט — האָב איך געדענקט אַז דו וועסט זיך מיט מיר גיכער פאַראינטערעסירן ווען איך וועל דיר מאַכן צו דענקען אַז איך בין אויך אַן איטאַליענערקע. סאַי ווי האָב איך דאָס דאָן געטאָן אין אַ לייכטזיניגן שפּאַס, אָבער נאָכדעם, אַז אונזער פריינטשאַפט איז געוואָרן ערנסט, האָב איך שוין ניט געוואָלט נעמען די ריזיקע אויפצוגעבן דעם שפּאַס, און האָב שוין דאָס אַזוי אָנגעהאַלטן אויף ווייטער.

— טאָ ווי קומט עס וואָס דיין מיידלשער נאָמען איז „מאַרקאָ"?

— מיין אמת'ער נאָמען איז „מאַרקאָוויץ", ווי איך האָב דיר פריער געזאָגט פון מיין זיידענ'ס נאָמען. אָבער כּדי עס זאָל קלינגען ווי איטאַליעניש האָב איך אַראָפּגעוואָרפן דעם „וויץ"...

— און ווער האָט דיר געזאָגט אַז א י ך בין אַן איטאַליענער?

— מען האָט דאָס מיר דען געדאַרפט זאָגן? דיין נאָמען „פּינטאָ", דייך אויסזען און דיין גאַנצע האַלטונג האָט דאָן גערעדט פאַר זיך.

— קען איך דיר זאָגן, מיין טייערע מאַמעלע, אַז איך בין פונקט אַזאַ איטאַליענער ווי דו ביזט אַן איטאַליענערקע... מיין נאָמען „פּינטאָ" איז טאַקע מיין ריכטיגער נאָמען. איך שטאַם פון די ווילנער פּינטאָס. מיין עלטער־זיידן האָט מען גערופן „פּינטאָ־נגיד". מיין אויסזען איז טאַקע ווי אַן איטאַליענער און אַ סך מאַכן

אין מיר דעמזעלביגן טעות, אָבער איך האָב קיינמאָל קיינעם ניט אָפּגעענטפֿערט זיך אָנצוגעבן אַלס איטאַליענער. ווען איך האָב אָבער ביי אונזער ערשטער באַקאַנטשאַפֿט געקראָגן דעם איינדרוק אַז דו ביזט אַן איטאַליענערקע, לויט דיין נאָמען און פריינטלען זיך צו מיר מיינענדיג אַז איך בין אויך אַן איטאַליענער, איז מיר געפעלן געוואָרן דער שפּאַס און האָב געלאָזט אַזוי אָנגיין. שפּעטער, אַז אונזער פריינטשאַפֿט האָט זיך אַנטוויקלט, האָב איך שוין ניט געוואָלט דיר ווײ־טאָן אויסצוזאָגן דיר דעם סוד אַז איך בין גאָר אַ איד.

לואי און מערי האָבן זיך האַרציג צולאַכט מיט פריידן־טרערן און האָבן זיך הייס צוקושט ווי זיי וואָלטן זיך אויפסניי פאַרליבט איינער אין דעם אַנדערן.

— אַך, וואָס פאַר אַ גליקליכער צופאַל! — האָט מערי אויס־גערופן מיט באַגייסטערונג.

— און איצט זיינען מיר טאַקע די ריכטיגע פּאָר, אויף לאַנגע יאָר — האָט לואי צוגעגעבן מיט פריילינקייט, — און אַ ברית וועלן מיר טאַקע מאַכן אַן עכט אידישן!

— ווייסטו וואָס, לואי טייערער, לאָמיר שוין מאַכן אַ אידישע חתונה אויך — זאָגט מערי כמעט טאַנצנדיג פון שמחה, — וועלן מיר פראַוועגען דעם ברית מיט אונזער חתונה צוזאַמען...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

עס האָבן זיך שוין געפונען עטליכע ווייטע קרובים פוןביידע צדדים; די באַשיידענע צימערן פון די גליקליכע טאַטע־מאַמע־חתן־כלה האָבן באַקומען אַ יום־טוב׳דיגן צויבער; און ווען דער מוהל און מסדר־קידושין האָט פאַרענדיגט די טאָפּעלטע צערע־מאָניעס פון אַ חופּה און אַ ברית אונטער די „קלאַנגען" פון דעם ניי־געבאָרענעם איד, האָבן אַלע זיי געוואונשן אַ צוויי־פאַכיגן „מזל־טוב".

גליקליך פאַרהייראַט

1.

פיליפּ און מאַלי זיינען ערשט דריי יאָר פאַרהייראַט, אָבער זייער צוזאַמענלעבן האָט זיי שוין אַזוי דערעסן, אַז זיי האָבן באַשלאָסן זיך צו גט׳ן אָדער שיידן, אַבי פּטור ווערן איינער פון דעם אַנדערן.

צופיל האָבן זיי פאַר זייער חתונה זיך ניט געקענט. געטראָפן האָבן זיי זיך אין אַ זומער־פּלאַץ וואו זיי זיינען געקומען אויף אַ קורצער וואַקאַציע. אַזוי ווי קיין פיל יונגעלייט און מיידלעך זיינען דאָרט ניט געווען, האָבן זיי זיך שנעל באַקענט און דערנענטערט איינער צום צווייטן. פלעגן זיי זיצן צוזאַמען ביים עסן, אַרויסגיין שפּאַצירן צוזאַמען, און פאַרברענגען די מערסטע צייט צוזאַמען.

פיליפּ׳ס וואַקאַציע האָט זיך געזאָלט ענדיגן אַ וואָך שפּעטער ווי מאַלי׳ס. אָבער ווען זי איז צוגעקומען צו אים זיך געזעגענען האָט ער דערפילט אַז ער וועט דאָ בלייבן איינזאַם, אַז ער וועט אפשר בענקען נאָך איר, האָט ער באַשלאָסן צו פאַרקירצן זיין וואַקאַציע און איז געפאָרן מיט איר צוזאַמען אַהיים, קיין ניו יאָרק.

אין ניו יאָרק האָט ער זי אַ פּאָר מאָל אָפּגערופן אויפ׳ן טעלעפאָן, אַרויסגענומען צו דינער, צו אַ טעאַטער פאָרשטעלונג, און זייער פריינטשאַפט האָט זיך שנעל אַנטוויקלט צו אַזאַ שטופּע, אַז זיי האָבן ביידע גלייכצייטיג באַשלאָסן חתונה צו האָבן.

2.

דעם גליק, וואָס זיי האָבן ביידע דערוואַרט צו געפינען אין זייער פאַרהייראַטן לעבן האָבן זיי אָבער ניט געפונען. עס האָט לאַנג ניט גענומען און זיי זיינען געוואָרן גלייכגילטיג איינער צום צווייטן. אין אָפטע פאַלן האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַז זיי קענען אפילו ניט טאָלערירן איינער דעם אַנדערן.

פאַרשטייט זיך, אַז אַזאַ לאַגע האָט זיך ניט אַנטוויקלט אָן אַן אורזאַך. פיליפּ, למשל, האָט געהאַט גענוג וואָס אויסצוזעצן קעגן זיין ווייבל. אָבער ער האָט דאָס איר קיינמאָל ניט אויסגערעדט, ווייל ער האָט ניט געוואָלט פאַרפירן קיין קריג מיט איר איבער דעם, און געוואַרט צו זען וואָס ווייטער וועט זיין.

אָבער איינמאָל, ווען די לאַגע האָט זיך אים שוין דערעסן און מאָלי'ס אויפפירונג איז אים שוין געקראָכן פון האַלז, האָט ער באַשלאָסן מיט איר זיך דורכצורעדן וועגן דעם און אָפנהערציג איר זאָגן וואָס ער דענקט פון איר.

— דו ווייסט, מאָלי — גיט ער פּלוצלינג אַ זאָג צו איר אין אַ האַלב שפּאַסיגן טאָן, — איך דענק אַז איך האָב זיך געגאַרט אין דיר.

— וואָס איז דער מער ? — פרעגט מאָלי פאַרוואונדערט.

— דער מער איז — ענטפערט פיליפּ שוין ערנסט — וואָס דו ביזט ניט די זעלביגע וואָס איך האָב דיך געקענט פאַר דער חתונה און וואָס איך האָב געדענקט פון דיר.

— ווי אַזוי ? — פרעגט מאָלי אומרואיג.

— גאַנץ איינפאַך — ענטפערט פיליפּ דרייסט, — פאַר דער חתונה פלעגסטו זיך אָנטאָן מיט געשמאַק, פוצן זיך, און זוכן מיר צו געפעלן, אָבער איצט ביזטו שטענדיג אָפגעלאָזן, אַמאָל אויך שמוציג, און דו קוקסט אויס ווי מיט צוואַנציג יאָר עלטער.

— דאָס אַלעס ? — זאָגט מאָלי באַליידיגט.

— ניין, דאָס איז נאָך ניט אַלעס — זעצט פיליפּ פאָר זיין אָנקלאַגע, — פאַר דער חתונה פלעגסטו ריידן פון הויז־ווירטשאַפט, אנגענעמע אַטמאָספערע, און מאַכן דעם איינדרוק אַז דו ביזט אַ גוטע באַלעבאָסטע, אָבער איצט איז ביי דיר אַנגעוואָרפן, פאַר־שטויבט, קיין זאַך ניט אויף זיין ריכטיגן פּלאַץ, און איך געפין זיך קיין אָרט ניט אין מיין אייגענער היים.

— און איך אין דיר האָב זיך ניט אָפגענאַרט ? — ענטפערט מאָלי מיט אַ פאַרוואורף, — פאַר דער חתונה פלעגסטו ריידן צו

מיר שטענדיג מיט אַ שמייכעלע, זוכן מיר צו געפעלן, און איצט אַז דו קומסט פון דער אַרבייט רעדסטו קיין וואָרט ניט אויס, עסט אָפּ סאַפּער און זעצסט זיך אַוועק לייענען די ציימונג ביז דו גייסט שלאָפן.

— דאָס אַלעס? — זאָגט פיליפּ מיט אַ איראָניע.

— ניין, דאָס איז נאָך ניט אַלעס — ענטפערט זי מיט ביי־טערקייט, — פאַר דער חתונה פלעגסטו קומען צו מיר אָנגעטאָן ווי אַ ספּאָרט און געזוכט צו מאַכן אויף מיר אַ שיינעם איינדרוק, אָבער איצט גייסטו אַרום גאַנצע טעג ניט קיין געשייוועטער, אָפּ־געלאָזן, און קוקסט אויס ווי אַן אַלטער מאַן. פאַר דער חתונה פלעגסטו מיך אַרויסנעמען צום טעאַטער, צו אַ קאָנצערט, אָדער אַ גוטן דינער, און איצט ביזטו צו מיר ווי אַ פרעמדער, פונקט ווי איך וואָלט געווען דיין דינסט.

— ווען דו וואָלסט געווען אַ פרעמדע, אָדער מיין דינסט, וואָלט איך דיך שוין גראָדע יאָ אַרויסגענומען — פּרובירט פיליפּ זיך אַ וויצל־טאָן איראָניש.

— איז אויב דו האָסט אַזאַ מיינונג פון אַ ווייב — ענט־פערט זי שוין אויפגערעגט, — דאַן וועל איך בעסער ווערן ביי אַן אַנדערן אַ דינסט איידער ביי דיר אַ ווייב!

— אַלרייט — זאָגט ער אויך אין אַ העכערן טאָן, — איך וועל גאָרניט פאַרלירן דערביי. דו קענסט זיך העלפן ווי דו ווילסט!

— ווען מיר טאַקע זען — זאָגט זי קריגעריש.

— ווען מיר זען — ענטפערט ער בייז, און גיט אַ כאַפּ די ציימונג פון טיש צו זעצן זיך לייענען אין אַ זייטיגן ווינקל פון צימער.

3.

זינט יענעם איבעררייד האָט זייער צוזאַמענלעבן זיך פיל פאַרערגערט. זיי פלעגן זיך אָפט קריגן און האָבן פשוט אָנגעהויבן זיך צו האָסן איינער דעם אַנדערן.

אַזוי איז אַוועק אַ שטיקל צייט. זייער האַלטונג איינער

צום צווייטן איז געוואָרן ערגער פון טאָג צו טאָג, און זייער הויז איז געוואָרן אַ גיהנום פאַר ביידן. שפּעטער איז געקומען צו אַ לאַגע וועלכע זיי האָבן שוין ביידע ניט געקענט פאַרטראָגן, און זיי האָבן באַשלאָסן צו מאַכן אַ סוף פון זייער אומגליקלעכן פאַרהייראַטן לעבן.

— מיר דאַרפן זיך גאָר ניט קריגן — האָט פיליפּ אַמאָל צו איר אַ זאָג געטאָן מיט אַן איינגעהאַלטענעם כעס אין פאַרלויף פון אַ שאַרפן קריג, — עס איז ניט נויטיג זיך אויפצורעגן און פאַר־לירן געזונט איבער דעם. מיר האָבן איינגעזען אַז מיר זיינען ניט איינער פאַר דעם אַנדערן; איך האָב זיך אין דיר אָפּגענאַרט און זאָל זיין אַז דו האָסט זיך אין מיר אויך אָפּגענאַרט. דאַרפן מיר זיך צושיידן, און אַ סוף אַנ׳עק!

— יאָ, צושיידן, אויף דעם האָב איך טאַקע געוואַרט — ענט־פערט זי אַנטשלאָסן, — און טאַקע באַלד, ניט אָפּלייגן.

— גט׳ן זיך?

— זאָל זיין גט׳ן זיך, זאָל זיין בלויז צושיידן זיך, עס איז ניט קיין חילוק, אַבי איך זאָל דיך מער ניט דאַרפן אָנקוקן.

— אָלרייט — זאָגט ער, — מאָרגן מוף איך אַרויס פון דאַנען און דו וועסט מיך מער ניט זען. די פאַרניטשור און די אַלע זאַכן פון הויז מעגסטו זיך האַלטן מיט דעם.

מער האָבן זיי קיין וואָרט ניט גערעדט.

פיליפּ האָט געהאַלטן וואָרט. אויף דעם נעקסטן טאָג איז ער געקומען אַ פּאָר שעה פריער פון דער אַרבעט און אַן אַ וואָרט אויסריידנדיג צוזאַמענגענומען זיינע וועש און אַנדערע קלייניקייטן פון זיין פּערזענליכן געברויך, אַריינגעלייגט דאָס אַלץ אין אַ גרויסן טשעמאָדאַן און זיך געלאָזן צום טיר.

— גוד באַי — גיט ער אַ זאָג אונטערן נאָז ווי געצוואונ־גענערהייט.

— גוד באַי — ענטפערט זי קורץ און קאַלט, ניט קוקנדיג אויף אים.

פּיליפּ האָט פאַרלאָזן דאָס הויז און זיי האָבן ביידע אָפּגעצויגן דעם אָטעם ווי באַפרייטע פון אַ טורמע.

4.

אַ ניי לעבן האָט זיך פאַרביידן אָנגעפאַנגען. מאַלי האָט פּלוצלינג דערפילט אַז זי איז נאָך גאַנץ יונג און שיין. האָט זי זיך אָנגעפאַנגען צו פּוצן ווי אין אירע מיידלשע יאָרן. קיין געלט האָט איר ניט געפעלט, ווייל זי האָט געקראָגן אַ „דזשאָב" אין דעם זעלביגן פּלאַץ וואו זי האָט געאַרבייט פאַר איר חתונה. האָט זי אויפגעזוכט אירע אַלטע באַקאַנטע און געמאַכט נייע פריינט. די אָוונטן פלעגט זי פאַרברענגען ווי אין די אַמאָליגע „גוטע יאָרן" און זי האָט אָנגעפאַנגען צו טראַכטן פון געפינען אַ נייעם פריינט, פאַרפירן אַ נייע ליבע און טאַקע חתונה האָבן, ווייל אַ גט האָט איר פּיליפּ צוגעזאָגט צו געבן צו יעדער צייט ווען זי וועט עס נאָר וועלן.

דאָס זעלביגע האָט פּאַסירט מיט פּיליפּ'ן. ער האָט זיך אַריינגעצויגן אין אַ שיינעם צימער וועלכער איז געהאַלטן געוואָרן אין גוטן אָרדנונג. ווען ער פלעגט קומען פון דער אַרבייט פלעגט ער זיך גלייך אַרומוואַשן, צופּוצן זיך אַזוי ווי אין די יאָרן ווען ער איז נאָך אַ בחור געווען, און אַרויסגיין פאַרברענגען מיט פריינט. אַמאָל פלעגט ער גיין צו אַ מיטינג פון זיין יוניאָן, אַמאָל מיט אַ פריינט אָדער פריינדין צו אַ „שאָו", צו אַ קאָנצערט, אָדער טרעפן זיך מיט פריינט אין אַ געוויסן רעסטאָראַן וואו מען פלעגט פאַרברענגען אַ פּאָר אינטערעסאַנטע שעה'ן. אַזוי האָט ער זיך געלעבט פריי, באַקוועם, און אָנגעפאַנגען טראַכטען פון געפינען אַ נייע געליבטע.

אַזוי איז פאַרלאָפן איבער אַ יאָר, און סאַי פּיליפּ און סאַי מאַלי האָבן כמעט ווי פאַרגעסן איינער דעם אַנדערן.

5.

אין מאַי האָט אַ געוויסע ניו יאָרקער אָרגאַניזאַציע פאַראַנשטאַלט אַ פּריילינג־באָל. פּיליפּ האָט דאַן געפילט גוט און אויפ־

געלייגט, האָט ער זיך אויסגעפוצט אין זיין „טאַקסידאָ" אָנצוג מיט אַלע פאַרמעלע קליפערלעך און איז אַוועק צום באַל.

ווען ער איז אַריינגעקומען אין גרויסן זאַל האָט די מוזיק גע־שפּילט און דער עולם האָט געהאַלטן אין מיטן טאַנץ. האָט ער זיך צוגעקוקט צו זען אויב עס געפינען זיך דאָרט באַקענטע. פון ווייטן האָט ער באַמערקט טאַנצנדיג אַ דאַמע וועלכע האָט צו אים אויס־געקוקט ווי באַקאַנט. האָט ער געוואָרט ביז דאָס פּאָרל וועט טאַנצנדיג צוקומען נאָענט צו אים, אַז ער זאָל קענען זען ווער זי איז. ווי איבערראַשט איז ער געוואָרן צו זען אַז דאָס איז מאַלי.

זי האָט אים ניט באַמערקט און האָט פאָרטגעזעצט דעם טאַנץ. ווען דער טאַנץ האָט זיך געענדיגט און דאָס פּאָרל האָט זיך אַוועק־געזעצט אָפּרוען, איז ער מיט אַ כיון זיי לאַנגזאַם פאַרבייגעגאַנגען און זיך געמאַכט ניט קוקנדיג אויף זיי. אָבער אין דעם נעקסטן אויגנבליק האָט ער פון הינטן דערהערט אַ רוף „פּיליפּ!"

ער האָט זיך אומגעקערט און אויסגעשריען „מאַלי! דאָס ביזט דו? כ'האָב דיך גאָרניט דערקענט"... זיי האָבן זיך וואַרעם געדריקט די הענט און זי האָט אים פאָרגעשטעלט פאַר דעם יונגנ־מאַן. נאָכדעם זיינען צו זיי צוגעקומען נאָך אַ פּאָר באַקענטע, אַלע האָבן גערעדט צוזאַמען און שטיפעריש זיך אונטערגעהאַלטן. אָבער פּיליפּ און מאַלי האָבן איינער פון צווייטן קיין אויג ניט אַראָפּגע־נומען. קענטיג אַז זיי זיינען ביידע געווען איבערראַשט צו זען איינער דעם אַנדערן אין אַזאַ שיינעם, אָנציענדיגן אויסזען.

עטליכע מינוטן שפּעטער האָט פּיליפּ מאַלי'ן איינגעלאַדן צום „באַר", וואו זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט ביי אַ טישל און געהייסן זיך דערלאַנגען צו גלעזער וויין און לייכטן צובייסן.

— איך האָב דיך גאָרניט דערקענט — זאָגט פּיליפּ נאָכ־אַמאָל, — דו קוקסט איצט אויס אַזוי שיין, אַזוי אָנציענד...

— דו קוקסט אויך אויס ווי אַן אַנדערער — זאָגט מאַלי, — דיין אויסזען, דיין באַנעמונג צווישן פרעמדע איז אַזוי אנגענעם אַז עס לאָזט זיך גאָרניט גלויבן...

— איך וואָלט זיך אויך ניט געגלויבט — זאָגט פיליפ — ווען איך זע דיך ניט היינט אָוונט ווי ליבליך דו קוקסט אויס, ווי שיין דו רעדסט און וואָס פאַר אַ גוטן איינדרוק דו מאַכסט צווישן פרעמדע מענשן...

— מיט וועמען ביזטו דאָ געקומען? — גיט אים מאַלי אַ פרעג.

— מיט קיינעם ניט. איך בין געקומען אַליין. און דו?

— איך בין געקומען מיט מיינער אַ פריינדינע, אָט יענע, וואָס רעדט דאָרטן מיט דעם מוזיקער.

ווען דער אָוונט האָט זיך געענדיגט זיינען פיליפ מיט מאַלי'ן צוריק ווי צוזאַמענגעקלעפּט געוואָרן. ער האָט גענומען אַ טעקסי און זי אָפּגעפירט אַהיים, און ווען ער האָט זי אַריינבאַגלייט אין הויז אַריין האָט ער זיך אַרומגעקוקט פאַרוואונדערט.

— די וואוינונג דערקען איך אויך ניט — זאָגט ער מיט אַ שמייכל. אַלץ איז דאָ איצט אַזוי שיין, ריין, און צוגעפוצט...

— עס קומען צו מיר אַמאָל פריינט, פרעמדע מענשן — זאָגט זי — און מיר פאַרברייננגען דאָ, דאַרף מען דאָך האַלטן די צימערן אין אָרדנונג.

פיליפ האָט זיך פאַרטראַכט.

— וואָס טראַכטסטו, פיליפ?

— איך וועל דיר זאָגן דעם אמת, מאַלי, איך דענק אַז מיר זיינען ביידע געווען נאַריש פאַרפירט. מיר האָבן ביידע ניט פאַרשטאַנען אַז כדי צו זיין גליקליך אין פאַמיליען־לעבן דאַרפן מאַן און ווייב זיך פאַרהאַלטן מיט איידלקייט, מיט דעם זעלביגן רעספּעקט און העפליכקייט פונקט ווי זיי וואָלטן געווען פרעמדע... זיי דאַרפן זיך פוצן, זוכן איינער דעם צווייטן צו געפעלן און מאַכן דעם בעסטן איינדרוק, אָט פונקט ווי מען טוט עס צווישן פרעמדע מענשן...

— יאָ, פיליפ, איך שטים איין מיט דיר הונדערט פראָצענט.

פיליפ האָט איר אַ צערטליכן קוש געטאָן, געזאָגט „גוט נאַכט" און איז געגאַנגען אַהיים.

*   *

אויפ'ן צווייטן טאָג האָט פיליפ זי אָפּגערופן און איינגעלאַדן צו האָבן מיט אים סאַפּער אין אַ באַוואוסטן רעסטאָראַן און פון דאָרטן גיין צו אַ „שאָו".

אויפ'ן דריטן טאָג האָט מאַלי אים אָפּגערופן און איינגעלאַדן צו האָבן מיט איר סאַפּער ביי איר אין דער היים און פאַרברייגען דעם אָוונט צוזאַמען.

אויפ'ן פירטן טאָג האָבן זיי באַשלאָסן ער זאָל צוריק קומען וואוינען מיט איר און לעבן צוזאַמען אַלס מאַן און ווייב ווי ס'געהער צו זיין.

— — — — — — — — — — — — —

צוויי יאָר זיינען פון יענער צייט פאַרלאָפן. פיליפ און מאַלי פירן זיך אויף פונקט ווי זיי האָבן באַשלאָסן נאָך דער ערנסטער לעקציע וואָס זיי האָבן מיט אַזוי פיל האַרצווייטאָג געלערנט — און איצט זיינען זייביידע ג ל י ק ל י ך פ אַ ר ה יי ר אַ ט.

מיין גליקליכע באַגעגעניש

(דערציילט פון אַ פּאַציענט)

מיין שלעכטער צאָן האָט זיך צעשפּילט אין שטאַרקע ווייטאָגן. האָב איך באַשלאָסן איין מאָל פאַר אַלע מאָל אים צו לאָזן אַרויסציען און פּטור ווערן פון די אָפּטע יסורים, וואָס ער האָט מיר פאַרשאַפט.

גייענדיג צום דענטיסט איז אויף מיין געדאַנק אַרויפגעשוואומען די דעראינערונג וועגן חנה׳לען, מיין אַמאָליגע געליבטע, וועלכע איז געווען אַ נוירס ביי אַ דענטיסט אין לאָנדאָן, וואו איך האָב מיט עטליכע יאָר צוריק געוואוינט. איר מיסטעריעזע פאַרשווינדונג איז פאַר מיר געווען אַ שמערצליכע איבערלעבונג, וואָס איך וועל אין מיין גאַנץ לעבן ניט פאַרגעסן. ווען זי האָט מיך באַגלייט און מיר האָבן אויף דער שיף זיך צוקושט „גוד באַי״, האָט זי זיך צעוויינט ווי אַ קליין קינד, וואָס האָט מיין האַרץ צעריסן. פון וועג האָב איך איר געשריבן אַ בריוו און האָב מיט דעם גרעסטן אומגעדולד געוואַרט אויף דעם מאָמענט, ווען איך וועל אָנקומען קיין אַמעריקע און זיך קענען מיט איר ווי געהעריג איז צוזאַמענשרייבן.

גלייך דעם ערשטן טאָג, וואָס איך בין אָנגעקומען אין ניו־יאָרק האָב איך איר אַוועקגעשיקט אַ גרויסן בריוו מיט מיין אַדרעס און שנעל נאָכגעפאָלגט מיט נאָך אַנדערע בריוו. אָבער ווי גרויס איז געווען מיין אַנטוישונג, וואָס איך האָב פון איר קיין איינציגן ענטפער ניט באַקומען. מורא האָבנדיג, אַז מיט איר האָט אפשר אַן אומגליק פּאַסירט, האָב איך געשריבן צו אַ פּאָר פריינט אין לאָנדאָן און געבעטן זי אויפזוכן, אָדער כאָטש נאָכפרעגן זיך וועגן איר. אָבער זיי האָבן מיר אינפאָרמירט, אַז זי איז פאַרשוואונדן געוואָרן און קיינער ווייסט ניט וואָס מיט איר האָט פּאַסירט. מען האָט מיר אויך געלאָזט וויסן, אַז דער דענטיסט, ביי וועמען זי איז געווען אָנגעשטעלט אַלס נוירס, האָט

אויך געמאַכט יעדע אָנשטריינגונג זי צו געפינען, אָבער עס האָט גאָרניט געהאָלפן, און זי איז ווי אין וואַסער אַריין. קיין קרובים אין לאַנדאָן האָט זי ניט געהאַט, ווייל זיי האָבן אַלע געלעבט אין רוסלאַנד.

איז קיין וואונדער ניט, וואָס גייענדיג צום דענטיסט איז מיר אויפ'ן געדאַנק אַרויפגעקומען מיין פאַרלאָרענע חנה'לע, ווייל זי איז אויך געווען אין דער דענטיסט פּראָפעסיע, און איך האָב לאַנג פון איר געטראַכט.

ביים דענטיסט האָב איך לאַנג ניט געדאַרפט וואַרטן פאַר מיין „נעקסט". אין אַ פופצן מינוטן אַרום נאָך מיין אָנקומען איז אַ פרוי אַראָפּגעגאַנגען פון דענטיסט'ס שטול און איך האָב פאַרנומען איר פּלאַץ.

דער דענטיסט האָט מיך אוועקגעזעצט אין דער ריכטיגער פּאָזיציע, דורכגעקוקט מיינע ציין, און מיט מיר איינגעשטימט, אַז דעם שלעכטן צאָן קען מען שוין מער ניט אָפּראַטעווען, נאָר מען מוז אים אַרויסציען.

— ווילט איר נעמען דעם צאָן אונטער געז אָדער מיט קאָ־קעין? — פרעגט מיר דער דענטיסט.

— מיט געז — זאָג איך אַנטשלאָסן, — איך קען ניט פאַרטראָגן קיין שמערצן, און אונטער געז ווערט מען דאָך אַזוי פאַרשלעפערט, אַז מען פילט גאָר קיין ווייטאָג ניט — דערקלער איך אים, פונקט ווי ער וואָלט גאָרניט געוואוסט דערפון.

— אָלרייט — זאָגט דער דענטיסט, און האָט דורך אַ קלונג פון אַ טיש־גלעקל אַריינגערופן זיין נוירס פון אַ צווייטן צימער. איך האָב געהערט ווי זי פאַרעט זיך אַרום מיר הינטער מיין שטול, אָבער זען זי האָב איך ניט געקענט. אין דעם נעקסטן מאָמענט האָט דער דאָקטאָר אַרויפגעלייגט איבער מיין נאָז דעם אינסטרומענט פון וועלכן עס פליסט דער גאַז, די נוירס האָט פון הינטער מיר אַרויפגעלייגט אַ האַנטוכל איבער מיינע אויגן, און דער גאַז האָט אָנגעפאַנגען צו ווירקן אויף מיר.

— נעמט אַ טיפן אָטעם — זאָגט דער דאָקטאָר, — אָטעמט טיף.

איך פאָלג אים און אָטעם טיף...

— אָטעמט טיף, טיף — הער איך, שוין אַ ביסל אַ באַ־טויבטער, ווי די נוירס ווידערהאָלט דעם דאָקטאָר'ס ווערטער, — טיף... און איך פיל, אַז דער גאַז האָט מיך שוין פאַרכאַפּט...

די שטימע פון דער נוירס איז מיר געקלונגען באַקאַנט, און אין דעם נעקסטן מאָמענט האָט מיר אַ בליץ געטאָן די דעראינע־רונג פון חנה'לעס שטימע.

— חנה'לע — האָב איך ווי מיט אַ פאַרשטיקטן קול אויס־געשריגן פאַרוואונדערט — דאָס ביזט דו?!

— ששש! — ענטפערט זי אין אַ סודות'דיגן טאָן, — דאָס בין איך, אָבער דו טאָרסט וועגן דעם קיין וואָרט ניט אויסריידן, ס'איז אַ סוד — זאָגט זי נערוועז, און מיט די רייד האָט זי שנעל אַראָפּגעכאַפּט דאָס האַנטוכל פון מיינע אויגן און צוגעמאַכט דעם גאַז. צו מיין גרויסן וואונדער האָב איך דעם דאָקטאָר אין צימער ניט געפונען. האָבן מיר זיך פּייערליך צוקושט און חנה'לע האָט גלייך געכאַפּט איר מאַנטל זיך אָנצוטאָן.

— איצט טאָר איך דאָ אַ מינוט ניט פאַרבלייבן, מיין טייַ־ערער — זאָגט זי אין איילעניש, — איך מוז גלייך דעם פּלאַץ פאַרלאָזן איידער דער דאָקטאָר טרעפט אונז דאָביידן. קום מיט מיר צוזאַמען, אָבער שנעל, איידער דער דאָקטאָר קומט אַריין!

איך בין אַראָפּ פון שטול, געכאַפּט מיין הוט און מאַנטל און בין מיט איר צוזאַמען שנעל אַרויס אין גאַס. דאָרט האָט זי אַ רוף געטאָן אַ „טעקסי" און מיר זיינען ביידע אָפּגעפאָרן צו אַן אַדרעס, וואָס חנה'לע האָט דעם „טעקסי" טרייבער אָנגעגעבן.

— וואָס טוט זיך דאָ, חנה'לע — האָב איך איר געפרעגט אין גרויס איבערראַשונג פון איר אומפאַרשטענדליכער האַנדלונג, — פאַר וועמען היטסטו זיך? וואָס קומט דאָ פאָר?

— האָב געדולד, מיין טייערער — זאָגט זי, — מיר פאָרן איצט צו מיין היים, און דאָרט וועל איך דיר אַלצדינג דערציילן.

פאָרנדיג אַ צוואַנציג מינוטן האָט די „טעקסי" זיך אָפּגע־שטעלט ביי אַ שיינער הויז. מיר זיינען אַריינגעגאַנגען אין איר וואוינונג, און איך בין איבערראַשט געוואָרן פון דער פּראַכטפו־לער אויסשטאַטונג פון די צימערן — אַן אמת'ער פּאַלאַץ! אין די נעקסטע עטליכע מינוטן זיינען מיר שוין געזעסן צוגעטוליעט איי־נער צום צווייטן אויף אַ ווייכער זאָפע, און חנה'לע האָט אָנגע־פאַנגען דערציילן, וואָס מיט איר איז פאָרגעקומען:

— ווען איך האָב זיך מיט דיר געזעגנט אויף דער שיף; דו ביזט געגאַנגען אין דיין קאַיוטע אַכטונג צו געבן אויף דיינע זאַכן און איך בין געגאַנגען צו דעם אַרויסגאַנג, אַראָפּצוגיין פון שיף, האָב איך זיך אָן עפּעס פאַרטשעפּעט און בין געפאַלן שווער אויפ'ן דעק פון שיף. פון פאַל האָט זיך פונאַנדערגעעפנט מיין האַנט־בייטל און אַלץ, וואָס איך האָב דאָרט געהאַט האָט זיך פונ־אַנדערגעשאָטן. עס האָט מיר גענומען אַ לאַנגע צייט ביז איך האָב אַלץ צונויפגעזוכט און צוזאַמענגעקליבן. אָבער צום סוף האָב איך זיך געכאַפּט, אַז עס פעלט מיר נאָך דאָס רינגעלע, וואָס דו האָסט מיר געשאָנקען פאַר דיין אָפּפאָרן און האָב עס געהאַלטן לויז אין מיין האַנט־בייטל. האָב איך ווייטער זיך צעלאָזן אין אַלע זייטן זוכנדיג דאָס רינגעלע, וואָס איז ביי מיר אַזוי טייער געוועזן. איך האָב געזוכט און געזוכט פאַרצווייפלט פאַר אַ לאַנגער צייט, ביז איך האָב פּלוצלינג דערהערט אַ פייף, און איידער איך האָב זיך אַרומגעקוקט האָט די שיף שוין גענומען זיך באַוועגן...

— די שיף גייט און איך דריי זיך אַרום ווי אַ צומישטע — דערציילט זי ווייטער. — איך ווייס ניט וואָס צו טאָן און ווייס אַפילו ניט וואָס צו טראַכטן. אַזוי האָב איך אויף דער שיף אַרומ־געבלאָנקעט אַ פּאָר שעה, ביז אַ שיף־באַאַמטער האָט מיך באַ־מערקט אין מיין צערודערונג און געפרעגט, וואָס איז דער מער מיט מיר. האָב איך אים דערציילט וואָס מיט מיר האָט פּאַ־סירט, אָבער אַנשטאָט צו האָבן מיטלייד מיט מיר גיט ער זיך אַ זאָג: „אַהאַ, מיר וויסן שוין די קונצן. איר זייט אַ בלינדער פּאַסאַזשיר און ווילט זיך אַזוי־אַרום אַריינגנב'ענען מיט אַ פרייער יאַזדע קיין אַמעריקאַ!" איך האָב מיט טרערן אין די אויגן גע־

שוואַרן, אַז דאָס, וואָס איך האָב אים דערציילט איז אמת, אָבער ער האָט ציניש זיך אויסגעלאַכט פון מיר און גלייך געגעבן אַ באַפעל צו אַן אָנגעשטעלטן מיך צו פאַרשפּאַרן אין אַ קאַיוטע אונטער אַ שלאָס.

ווען איך האָב חנה׳לען געפרעגט פאַרוואָס זי האָט זיך ניט פאַררופן אויף מיר צו באַשטעטיגן איר געשיכטע פאַר די שיף־באַאַמטע, האָט זי מיר דערמאָנט, אַז איך בין געפאָרן אויף אַ פרעמדן פּאַספּאָרט און יענעמס נאָמען האָט זי ניט געוואוסט. יעדנפאַלס, האָט זי געזאָגט, האָט זי געהאָפט זיך אָנצוטרעפן מיט מיר אויף דער שיף, פריער אָדער שפּעטער, און די זאַך וועט אויפגעקלערט ווערן. אָבער מען האָט זי פון איר געפאַנגענשאַפט ניט אַרויסגעלאָזט ביז די שיף האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ שפּאַנישן האַפן.

— ווען מען האָט מיך ביים האַפן געלאָזט וויסן, אַז מען וועט מיך באַלד אַראָפּפירן פון שיף — האָט זי ווייטער דער־ציילט — האָב איך זיך שרעקליך צעוויינט וואָס איך וועל פאַר־וואָרפן ווערן אין אַ פרעמד לאַנד, אַן אַ שפּראַך און אַן אַ פּעני אין קעשענע. אַן עלטערער דזשענטלמאַן, אַ איד, האָט אין דעם מאָמענט זיך פאַראינטערעסירט אין מיין לאַגע, און ווען איך האָב אים דערציילט וואָס מיט מיר האָט פּאַסירט, און דערצו נאָך איבּ געזאָגט, אַז איך בין אַ נוירס פון אַ דענטיסט, האָט ער באַשלאָסן מיך צו נעמען קיין אַמעריקע אויף זיינע הוצאות, ווייל ער אַליין איז גראָדע אַ דענטיסט. אָבער כדי מען זאָל מיך אין אַמעריקע אַריינלאָזן האָבן מיר דורך אַ פאָרמאַלן שריפט פון קאַפּיטאַן גע־דאַרפט ווערן מאַן־און־ווייב, ווייל ער איז אַן אַמעריקאַנער בירגער און האָט דאָס רעכט צו ברענגען זיין ווייב קיין אַמעריקע. מיר זיינען געפאָרן ערשטע קלאַס, און ווען איך האָב אַ פּאָר מאָל גע־פּרובירט אַראָפּגיין צו דער דריטער קלאַס כדי זיך צו טרעפן מיט דיר, איז ער געוואָרן אייפערזיכטיג און האָט עס מיך פשוט פאַר־ווערט.

— ווען מיר זיינען אָנגעקומען קיין אַמעריקע — האָט זי פאָרטגעזעצט — זיינען מיר גלייך פאַרפאָרן צו זיין פּראַכטפולער

היים. אַט דאָס, וואָס דו זעסט, איז אונזער היים, און דער מאַן, וואָס האָט מיך געבראַכט אַהער, איז טאַקע דער דענטיסט ביי וועמען דו ביזט געקומען זיך לאָזן אַרויסציען דעם צאָן. איך אַרבייט פאַר אים אַלס נוירס און מיר לעבן בײדע בלויז ווי אַ „באָס" מיט זיין אַרבייטער, כאָטש געזעצליך בין איך זיין ווייב. ער איז זייער שטריינג מיט מיר און האַלט מיך פונקט ווי אַ געפאַנגענע. ווען איך האָב זיך אַמאָל אויסגעדריקט, אַז איך וואָלט וועלן אַרויסגיין דיך אויפזוכן האָט ער מיך געסטראַשעט צו לאָזן אַרעסטירן פאַר שווינדל און פאַר אַריינגנב'ענען זיך אין אַמעריקאַ אומגעזעצליך. איצט, מיין טייערער, פאַרשטייסטו שוין פאַרוואָס איך האָב אין דאָקטאָר'ס אָפיס אַזוי מורא געהאַט ער זאָל ניט אָנקומען און מיר האָבן שנעל געמוזט אַנטלויפן פון דאָרט. יאָ, מיין געליבטער, מיר מוזן גלייך פאַרלאָזן ניו יאָרק און זיך פאַראייניגן אויף אייביג.

ביי די ווערטער האָבן מיר זיך אַרומגענומען און הייס צו־קושט — געקושט, און ווייטער געקושט זיך, ביז... זי האָט מיך אַ נעם געטאָן ביי דער האַנט מיט אַ מילדן טרייסל און געזאָגט:

— נו, איצט זייט איר אַלרייט, ווי פילט איר?...

איך רייס־אויף מיינע אויגן און זע, אַז איך געפין זיך נאָך אין דעם דענטיסט'ס שטול; מיין שלעכטער צאָן איז פאַרשוואונדן, די נוירס האַלט מיך ביי דער האַנט און גיט מיר אַ גלאָז וואַסער צו שווינקן מיין מויל...

עס האָט לאַנג ניט גענומען ביז איך בין געקומען צו מיין באַוואוסטזיין און איינגעזען, אַז איך האָב געהאַט אַן אינטערעסאַנטן חלום דורך די מינוטן וואָס איך בין געווען איינגעשלאָפן אונטער דער ווירקונג פון גאַז.

שולדיג אַ לעבן

1.

אויף יוניאָן סקווער, אין ניו יאָרק, ביי אַ פּונקט וואו עס קומען זיך צוזאַמען דריי גאַסן, דורכגעקרייצט מיט אַ פּערטער, און איז שטענדיג באַשטראַמט מיט אַ סך דורכגייער, אָטאָמאָבילן און אָמניבוסן, שטייט אַ גרויס געזעמל מיט מענשן אַרום אַן אָפּ־געלײדיגטן פּלאַץ. זייערע פּנים'ער זיינען ערנסט און זייערע בליקן זיינען געווענדעט צום צענטער פון פּלאַץ, וואו עס שטייט אַן אַמבולאַנס. לעבן אַמבולאַנס ליגט אַ קערפּער אומבאַוועגליך, און אַ מאַן, אָנגעטאָן אין ווייסן — דער דאָקטאָר — מיט דער הילף פון עטליכע פּאָליציאַנטן, איז זיך מתעסק אַרום דעם קער־פּער... נאָך עטליכע פּאָליציאַנטן דרייען זיך אַרום די נייגעריגע צושויער און האַלטן זיי פון ווייטן.

אַ מאַן איז פון אַן אָטאָמאָביל אַריבערגעפאָרן געוואָרן.

ניט ווייט פון אַמבולאַנס שטייט אַ ציווילער מאַן, וועלכער באַוועגט זיך נערוועז און ווישט זיך די אויגן מיט אַ טאַשנטיכל... דאָס איז דער מאַן, וואָס האָט געזאָלט אַריבערגעפאָרן ווערן... ער איז דער באַלעבאָס פון אַ שאַפּ און איז געגאַנגען צוזאַמען מיט דעם אַריבערגעפאָרענעם מאַן, וועלכער איז (אָדער געווען...) זיין פאָרמאַן. זיי זיינען צוזאַמען אַרויסגעקומען פון סאַבוויי סטיישאָן און גענומען אַריבערגיין די גאַס. דער פאָרמאַן, אַ העפליכער, האָט געלאָזט זיין באַלעבאָס גיין אַ ביסעלע פאָראויס און אַליין זיך געהאַלטן עטוואָס פון הינטן. אָבער פּלוצלינג איז פאַר זיינע אויגן אויסגעוואַקסן אַ שנעל־לויפנדיגער אָטאָמאָביל, וואָס האָט אין דער נעקסטער סעקונדע געקענט צעמאַלן זיין באַלעבאָס. האָט ער שנעל אַ שפּרונג געטאָן פאָראויס זיין באַלעבאָס און אים אַ שטויס געטאָן אויף צוריק, אָבער אין דעם זעלביגן אויגנבליק האָט דער אָטאָמאָביל אַריבערגעטראַמפּלט איבער זיין קערפּער און

ער איז געבליבן ליגן צוזאַמענגעדרייט, פאַרבלוטיגט, און אומבאַ־וועגליך...

נאָך דער ערשטער באַהאַנדלונג האָט מען דעם אַריבערגע־פאָרענעם אַרויפגענומען אויף אַ טראַג־בעטל און אַריינגענומען אין אַמבולאַנס. לויט די באַוועגונגען און ערנסטע פּנים'ער פון די, וועלכע האָבן געאַרבעט אַרום אים, האָט מען זיך געקענט אָנ־שטויסן, אַז ער איז טויט אָדער ער גוסס'ט. דער אַמבולאַנס איז אָפּגעפאָרן, און דער פאַרטרויערטער באַלעבאָס איז אין אַ טעקסי אים נאָכגעפאָרן.

עס איז גראָד געווען דער טאָג אין וועלכן דער אַריבער־געפאָרענער פאַרמאַן האָט מיט פינף יאָר צוריק חתונה געהאַט. לכבוד דעם פינפטן יאָר־טאָג פון זיין חתונה האָט ער פאַרבעטן זיין באַלעבאָס צו זיך אין דער היים צו אַ יום־טוב'דיגן מאָלצייט און צו פאַרברענגען דעם אָוונט צוזאַמען מיט זיין ליבער פרוי און קינד. דער באַלעבאָס, אַ פריינטליכער, און איבערגעגעבן צו זיין געטרייען פאַרמאַן, האָט די איינלאַדונג אָנגענומען מיט פאַר־גניגן. אַזוי ווי זיי ביידע זענען געווען פאַרנאַכט אַרויסגעקומען פון סאַבוויי אַרי־בערצוגיין די גאַס און צוגיין צום פאַרמאַנ'ס היים, וועלכע איז ניט ווייט פון סאַבוויי, אָבער דאָ איז געשען דאָס אומגליק.

2.

אין אַ פאָר שעה אַרום איז אויף דער צווייטער עוועניו און 12טע גאַס צוגעפאָרן אַ טעקסי פון וועלכער עס איז לאַנגזאַם אַרויסגעקראָכן דער באַלעבאָס פון דעם אַריבערגעפאָרענעם פאַר־מאַן. ער איז צוריקגעקומען פון האָספּיטאַל אַ פאַרטרויערטער און זיך געלאָזט גיין צום צווייטן שטאָק וואו עס וואוינט די פרוי פון זיין פאַרמאַן. אַ שרעקליכע בשורה האָט ער איר אָנצוזאָגן אָנשטאָט די פרייליכע ווערטער מיט וועלכע ער האָט זי געזאָלט באַגריסן ביים אַריינקומען אין הויז צוזאַמען מיט איר מאַן. ער איז נערוועז, אָבער ער מאַכט זיך מוט און קלאַפּט אָן אין טיר. אַ שוואַכע שטימע „קאַם אין" דערהערט זיך פון אינעווייניג און ער גייט אַריין מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ.

אַ בליק פון אַ געהויבענער אַטמאָספערע, ליכט און פרייד פון אַ פייערליכער שטימונג, און אַ געדעקטער טיש פון אַ יום־טוב׳דיגן פאַרנעם האָט פאַרכאַפּט זיין בליק גלייך ביי זיין אַריינ־קומען. דאָס אַלץ איז אָבער מאָמענטאַל ווי פאַרשוואונדן געוואָרן ווען ער האָט דערזען די יונגע פרוי זיצנדיג ביים פענסטער און זיך שטיקענדיג מיט טרערן אין אַ טיפן יאָמער. דאָ האָט ער גלייך איינגעזען, אַז ער דאַרף איר שוין די טרויעריגע בשורה ניט אָנזאָגן, ווייל זי ווייס שוין דאָס אַליין. ער איז געבליבן שטיין ביים טיר ווי אַ פאַרגליווערטער, ניט אויסריידנדיג קיין וואָרט.

— איר ווייסט שוין אויך מסתמא פון מיין בראָך, — האָט זי די ערשטע אַרויסגערעדט מיט געוויין, איבעררייסנדיג די טויטע שטילקייט, וואָס האָט, חוץ איר כליפּן, געהערשט פאַר אַ מינוט.

— יאָ, מיין פריינט, איך ווייס ליידער צו גוט, — ענטפערט ער מיט אַ צעבראָכן קול, — ווי אַזוי האָט איר זיך אַליין דער־וואוסט פון דעם אומגליק?

— אַ פּאָליסמאַן איז דאָ מיט אַ ווײַלע צוריק געקומען און געבראַכט די שרעקליכע ידיעה, אוי ווי איז מיר, אַז מיין מאַן איז אַריבערגעפאָרן געוואָרן פון אַ טעקסי און איז געשטאָרבן אויף דעם וועג צום האָספּיטאַל. זיין אַדרעס האָט מען זיך דערוואוסט פון פּאַפּירן, וואָס מען האָט געפונען אין זיין קעשענע...

ביי די לעצטע ווערטער האָט זיך ביי איר ווי אַ שטורעם אַרויסגעריסן אַ באַנייטער געוויין מיט פאַרצווייפלטע אויסרופן, וואָס האָט אויך איר צוויי־יאָריג אינגעלע מיטגעריסן מיט שרעק און געוויין, כאָטש ער האָט ניט געוואוסט פאַרוואָס מען דאַרף וויי־נען... דער גאַסט, וואָס האָט דאָ היינט אָוונט געזאָלט זיך משמח־זיין אויף זייער פינף־יאָריגער חתונה־שמחה, האָט מיט טרערן אין די אויגן געפּרובירט זי באַרויקן און איינשטילן דאָס קינד. ווען דער יאָמער־שטורעם איז אַריבער האָט ער, זיך ווישנדיג די אויגן, צו איר אַ זאָג געטאָן אין אַ טאָן פון אַן אָנגעקלאָגטן:

— יאָ, איר ווייסט פון דעם אומגליק, אָבער איר ווייסט ניט, אַז איך בין אין דעם שולדיג.

— איר זיינט שולדיג? ווי אַזוי? וואָס האָט פּאַסירט? — האָט זי אים געפרעגט אַנשטעלנדיג אויף אים אירע רויט־פאַר־ווײנטע אויגן.

און ער האָט איר דערציילט ווי אַזוי דער אויטאָמאָביל איז פּלוצלינג אָנגעפאַרן אויף זיי ווען זיי זיינען צוזאַמען אַריבער־געגאַנגען די גאַס אַרויסקומענדיג פון סאָבוויי סטיישאָן, און איר מאַן האָט אים אין דעם אויגנבליק אַ שטופּ געטאָן אויף צוריק כדי אים צו באַשיצן, אָבער אַנשטאָט אים איז ער אַליין פון דעם אויטאָמאָביל פאַרכאַפּט געוואָרן...

ביי די רייד האָט אים פאַרקלעמט דאָס האַרץ, טרערן האָבן אויפסניי אַ שפּאַר געטאָן פון זיינע אויגן, און ער האָט אין זיין נערוועזער צערודערונג ניט געקענט ווייטער ריידן. אַ ווײַלע איז ער געשטאַנען שטיל און מיט אַ צעבראָכן האַרץ געקוקט אויף דער יונגער אלמנה, וועלכע האָט אַ פאַרצווייפלטע צוריק זיך אַריינ־געוואָרפן אין אָרעם־שטול און נערוועז געבראָכן די פינגער אויף איר אומגליק.

— נו, מיין פריינד, עס איז שווער צו טרייסטן — האָט ער ענדליך מיט אַ זיפץ אַ מורמל געטאָן, — איר דאַרפט זיך שטאַרקן, און גאָט אַליין זאָל אייך טרייסטן. זייט געזונט און גיט אַכטונג אויפ'ן קינד — האָט ער אין אַ מער זיכערן טאָן פאַרענדיגט, און צערטליך באַרירנדיג איר האַנט, האָט ער ווי אַ פאַרשולדיגטער פאַרלאָזט דאָס הויז.

3.

מר. הערבערט לאַפּידוס — אַזוי הייסט ער, דער באַלעבאָס פון דער'הרג'עטן פאַרמאַן — האָט פאַר אַ מינוט זיך ניט גע־קענט באַרוהיגן פון דעם אומגליקליכן אינצידענט. זיין יעדער קער, יעדע באַוועגונג און יעדער געדאַנק האָבן אים דערמאָנט,

אַז ווען ניט זיין געטרייער פּאַרמאַן, סעם ברוידע, וואָס האָט פּאַר אים מקריב געווען זיין לעבן, וואָלט ער איצט ניט געווען צווישן די לעבעדיגע... ער האָט דעריבער אַליין אַראַנזשירט די לויה, אין וועלכער עס האָבן זיך באַטייליגט אַלע אַרבייטער פון שאָפּ, און האָט באַצאָלט יעדן סענט וואָס די טרויעריגע פּראָצעדור האָט געקאָסט. די לויה, וואָס האָט לויט דער אומגליקלעכער פּאַסירונג געקאָנט ווערן זיין אייגענע, האָט אים אַזוי דערשיטערט, אַז ער האָט פּאַר עטלעכע טעג צו קיין זאַך זיך ניט געקאָנט נעמען.

אויפ'ן דריטן טאָג, דאָס איז געווען פרייטאָג, ווען די אַרביי־טער קריגן אויסגעצאָלט זייערע שכירות, האָט דער בוכהאַלטער אויפמערקזאַם געמאַכט זיין באַלעבאָס, אַז דעם פּאַרמאַן קומט דאָס מאָל 40 דאָלער, ווייל ער האָט געאַרבייט בלויז אַ האַלבע וואָך... לאַפּידוס האָט זיך אַ טרייסל געטאָן ביי דעם בוכהאַלטער'ס ווער־טער.

— אוי ווי איז מיר, אַ האַלבע וואָך... ניין, פּאַר אַ גאַנצער וואָך וועל איך אים, כ'מיין זיין אלמנה, באַצאָלן. די גאַנצע 80 דאָלער! — און ניט וואַרטנדיג קיין איבעריגע מינוט האָט ער אָפּגעציילט 80 דאָלער, אַריינגעלייגט דאָס אין דעם ספּעציעלן קאָנ־ווערטל, וואָס ווערט פּאַר דעם צוועק געברויכט, און איז שנעל אַוועקגעפאָרן צו דער אלמנה.

אַריינקומענדיג אין איר הויז, האָט ער דאָרט געפונען עט־לעכע מענשן, קרובים און פריינט, וועלכע זיינען איר געקומען מנחם־אבל זיין. נאָך זיין איינגעהאַלטענער באַגריסונג, האָט ער זיך געזעצט אָן אַ זייט, אַריינגעוואָרפן אַ טרייסט־וואָרט דאָ און דאָרט, און נאָכדעם זיך אָנגעשלאָסן אָן די איבעריגע, וועלכע האָבן געזוכט אויפצומונטערן דעם אבל און אונטערהאַלטן איר קינד, וועלכעס האָט שוין אויך געוואוסט, אַז זיין „דעדי" וועט שוין מער קיינמאָל ניט קומען אַהיים...

ווען די באַזוכער זיינען אַוועקגעגאַנגען, האָט לאַפּידוס אַרויס־גענומען פון זיין קעשענע דאָס קאָנווערטל מיט'ן געלט און עס דערלאַנגט דער אלמנה.

— אַט דאָס זיינען די ווידזשעס, וואָס אייך קומט פאַר דער וואָך — האָט ער געזאָגט אין אַ שטימונגספולן טאָן. — אומ־גליקליכערווייז האָט דאָס סעם אַליין ניט געקאָנט קריגן... אויב איך וועט אויספעלן עטליכע דאָלער, זאָלט איר זיך גאָרניט שע־מען און מיר לאָזן וויסן. איך האָף, אַז איר וועט זיך באַרוהיגן און זיין אַ מאַמע צו אייער קינד.

— איך דאַנק אייך זייער פאַר אייער פריינטשאַפט — האָט די אַלמנה געענטפערט וואַרעם און גערירט, — איר נעמט טאַקע, זע איך, אַן אמת'ן אינטערעס אין מיין אומגליק.

— געוויס, מיט'ן גאַנצן האַרצן — האָט לאַפּידוס צוגע־געבן, — עס קומט מיר דערפאַר קיין דאַנק ניט, ווייל איך פיל זיך פאַרפליכטעט דערצו, און וועל טאָן פאַר אייך אַלץ, וואָס נאָר מעגליך איז.

ער האָט נאָך אַ ווײַלע פאַרבראַכט מיט איר אין געקאַרגטע שמועסן, וואָס זיינען נאָר דערלאָזבאַר אין אַזאַ צושטאַנד פון טרויער, און דריקנדיג איר האַנט, האָט ער זיך מיט איר געזעגנט און פאַרלאָזט דאָס הויז.

4.

נאָך עטליכע טעג זיינען פאַרלאָפן. טרויער־טעג האַלטן ניט אָן אייביג, ווי טרויעריג זיי זאָלן ניט זיין. לאַפּידוס האָט זיך אַביסל באַרוהיגט און האָט זיך פאַרגעשטעלט, אַז זיין פאָרמאַנ'ס אלמנה האָט מסתמא זיך אויך, מער אָדער ווייניגער, באַרוהיגט. אָבער ווען עס איז ווידער געקומען פרייטאָג, און זיין בוכהאַלטער האָט גענומען אויסמאַכן די קאָנווערטלעך מיט שכירות פאַר די אַרביי־טער, האָט לאַפּידוס'ן געגעבן אַ צופּ אין האַרצן. זיין פאָרמאַן, סעם ברוידע, איז אויטאָמאַטיש אַראָפּגענומען געוואָרן פון דעם „פּעי ראָל" חשבון. אָבער וואָס וועט זיין מיט זיין אלמנה און יתום? דערפאַר וואָס זייער באַליבטער ברויטגעבער האָט איינגע־שטעלט זיין לעבן כדי אים, דעם באַלעבאָס, צו ראַטעווען פון טוידט און האָט דורך דעם זיין אייגן לעבן פאַרלאָרן, זאָלן זיין

ווייב און קינד בלייבן פאַרלאָזן אָן הילף און אָן מיטלען צו לעבן? אָ, ניין — באַשליסט ער, — צו אַזוינס וועט ער ניט דערלאָזן; דאָס וועט ניט געשען! — און ווי עס איז נאָר צוגעפאַלן דער אוונט, האָט ער אין אַ קאָנווערטל אַריינגעלייגט 80 דאָלער און שנעל אַוועקגעפאָרן צו דער אלמנה.

אַריינקומענדיג אין הויז, האָט ער זי געפונען שטריקנדיג אַ וואָלן יאַקעלע פאַר איר אינגעלע. זי האָט זיך דערפרייט ביי זיין אַריינקומען און אים באַגעגנט מיט אַ פריינטליכן בליק, וואָס האָט מאָמענטאַל אַ באַרוהיגטע אַטמאָספערע געשאַפן.

— וואָס מאַכט איר, מיין פריינט — האָט ער איר געפרעגט אין אַ פרייערן טאָן, — האָט איר זיך שוין אַביסל באַרואיגט? וואָס מאַכט אייער קינד?

—נו, גאָט צו דאַנקען. דער לעבעדיגער מוז לעבן.

דאָס איז געוויס ריכטיג, אָבער צום לעבן דאַרף מען דאָך אויך עפעס האָבן...

— דאָס, זעט איר, איז שוין אַ שטיקל פּראָבלעם.

— אַלזאָ אָט־דאָס פּראָבלעם האָב איך פאַר אייך געלייזט און איר וועט וועגן דעם גאָרניט דאַרפן זאָרגן — זאָגט ער אין אַ טאָן פון דערמוטיגונג, און דערלאַנגט איר דאָס קאָנווערטל מיט׳ן געלט. — איך האָב באַשלאָסן — זאָגט ער ווייטער — אַז אַזוי לאַנג ווי איך וועל לעבן, און איר וועט לעבן, וועל איך אייך געבן יעדע וואָך דאָס זעלביגע געהאַלט, וואָס אייער סעם פלעגט קריגן אין מיין שאַפּ.

— מיסטער לאַפּידוס, איר זענט וואונדערליך! האָט מרס. ברוידע אויסגערופן באַגייסטערט און מיט טרערן אין די אויגן הייס געדריקט זיין האַנט.

— איר דאַרפט מיר ניט דאַנקען, מיסעס ברוידע — האָט לאַפּידוס געענטפערט גערירט — ניין, כ׳וועל אייך בעסער רופן ביי אייער ערשטן נאָמען, גיטל — יאָ, גיטל, איר דאַרפט מיר ניט דאַנקען. דאָס איז מיין הייליגע פליכט צו אייך. ווען אייער מאַן

וואָלט מיר ניט געווען אַזוי געטריי און וואָלט ניט איינגעשטעלט זיין לעבן פאַר מיר, וואָלט איר אים דאָך ניט פאַרלאָרן, נאָר איך אַליין וואָלט פון דער וועלט אַוועק...

— דאָס וואָלט אָבער פאַר מיר און מיין מאַן אויך געווען אַ גרויסע טראַגעדיע — האָט זי אים מאַמענטאַל געענטפערט, — אייער גוטסקייט און פיינקייט האָבן מיר אַלעמאָל באַוואונדערט, און טאַקע דערפאַר איז מיין מאַן אייך געווען אַזוי געטריי און איי־בערגעגעבן, אַז ער האָט פאַר אייך זיין לעבן איינגעשטעלט.

מר. לאַפּידוס האָט זיך געפילט גוט פון אירע וואַרעמע רייד, און מיט אַ פריינטליכער קעגנבאַמערקונג זיך באַקוועמער גע־מאַכט אין זיין שטול.

— וועט איר טרינקען אַ גלעזל טיי, מר. לאַפּידוס? — האָט זי אים געפרעגט — און ניט וואַרטנדיג אויף אַן ענטפער איז זי, מיט דעם וואָרט „אַנטשולדיגט", פאַרשוואונדן געוואָרן אויף עט־ליכע מינוטן אין קיך, פון וואַנען זי האָט געבראַכט אויף אַ טאַץ צוויי גלעזער טיי, מאַלינעס זאַפט, און קליינע קיכעלעך.

— אָט דאָס וואָס איך סערוויר אייך איצט — זאָגט זי מיט אַ זיפץ — האָב איך אייך געזאָלט סערווירן יענעם אָוונט ווען מיר האָבן אייך איינגעלאַדן צו אַ יום־טוב'דיגן מאָלצייט לכבוד אונ־זער פינף־יאָריגער חתונה, וואָס איז אין דעם גרויסן אומגליק פאַרוואַנדלט געוואָרן. איך האָב נאָך כמעט אַלצדינג וואָס איך האָב פאַר יענעם אָוונט צוגעגרייט. די שנאַפּס, די פרוכט, דאָס איינגע־מאַכץ, די נאַשערייען, דאָס אַלץ איז געבליבן ניט געטשעפּעט.

— טאַ ווייזט טאַקע אַהער אָט די אַלע גוטע זאַכן — זאָגט לאַפּידוס האַלב שפּאַסנדיג מיט דער כונה זי אַביסל אויפצומונ־טערן, — יאָ, דער לעבעדיגער מוז לעבן, און איר מיט אייער קינד וועלן נאָך האָבן גענוג פריידן אין אייער לעבן. אַ שנאַפּס איז אַלעמאָל אין צייט, איןליידן אָדער אין פריידן, טאָ לאָמיר טאַקע ביידע האָבן אַ שנאַפּס מיט די ריכטיגע צובייסנס!

זיינע רייד, זיין טאָן און האַלטונג — כאָטש אַביסל גע־

קינסטלט — האָבן אויף גיטלען געמאַכט אַ געווינטשטן איינ־דרוק און זי האָט פאַר אַ ווײַלע אויפגעלויכטן. אויספאָלגנדיג זיין פאַרלאַנג, האָט זי צוגעבראַכט אַ פלעשל שנאַפּס מיט די אַנדערע צובייסנס און באַשערייען; זיי האָבן געטרונקן, זיך צוגעוואונשן, פאַרביסן, און נאָך אַ פאַר שעה פון געמיטליכע געשפּרעכן — כאָטש גיטל האָט אָפּט אַ טיפן זיפץ אַרויסגעלאָזן — האָבן זיי זיך וואַרעם געזעגנט און לאַפּידוס איז אַוועק.

5.

פון יענעם אָוונט אָן איז לאַפּידוס ביי זיך פיל חשוב׳ער געוואָרן. פריהער פלעגט אים ווייניג אויסקומען צו טראַכטן פון זיין אייגענער פּערזענליכקייט, פון זיין ווערט און באַרוף. זיין אייגענער „איך” איז ביי אים געווען אַ פּריוואַטער ענין, וואָס איז פאַר קיין אַנדערן דירעקט ניט וויכטיג. איצט אָבער איז ער ביי זיך דערהויבן געוואָרן. ער האָט צום ערשטן מאָל דערפילט זיין חשיבות פאַר זיך און פאַר אַנדערע — ער האָט אימיצן צו פאַרזאָרגן...

אָט דאָס באַוואוסטזיין איז צו אים געקומען ווען ער איז אַ פּאָר מאָל געבליבן זיצן ביי זיין שרייב־טיש פאַרטיפט אין מחשבות און דורכגעטראַכט דעם גאַנצן ענין: אָט דער שאַפ, די גאַנצע ביזנעס מיט מיין גאַנצן קאַפּיטאַל און אַלץ וואָס איך פאַרמאָג — ווער וואָלט דאָס מיר גע׳ירשנ׳ט ווען איך וואָלט פון דער וועלט אַוועק? קיין ווייב, קיין קינד, קיין קרוב, קיין גואל... פאַר׳ן טייוול וואָלט דאָס אַלץ געבליבן! אָבער איצט, אַז סעם האָט פאַר־נומען מיין פּלאַץ און איז אַוועק פון דער וועלט אַנשטאָט מיר, גייט דאָך אַריבער צו מיר זיין פליכט פון באַזאָרגן זיין ווייב און קינד; קומט דאָך זיין יונגע אלמנה כאָטש אַ חלק פון מיין ירושה...

אַזוי איז לאַפּידוס געוואָרן אַ הויז־פריינט ביי גיטלען און זיך דאָרט געפילט ווי אַן אייגענער מענטש. ניט נאָר האָט ער איר רעגלמעסיג געגעבן דעם וועכנטליכן געהאַלט וואָס ער פלעגט צאָלן איר מאַן, נאָר ער פלעגט אויך אָפּט איינקויפן שיינע זאַכן פאַר׳ן

הויז, ברייגגען פּרעזענטן פאַר איר מיט׳ן קינד, און זיי אַפּט אַרויס־נעמען אויף אַ שפּאַציר אין זיין אויטאָמאָביל.

.6

די צייט רוקט זיך, חדשים פאַרשווינדן איינער נאָכ׳ן אַנדערן, און דאָס טרויער־יאָר האָט שוין געהאַלטן ביים סוף. לאַפּידוס האָט צום יאָרצייט פון זיין באַליבטן פאַרמאַן געלאָזט אויפשטעלן אַן איינדרוקספולע מצבה, צו וועלכער אויפדעקונג־צערעמאָניע זיין גאַנצער שאַפּ און אַלע פריינט פון דער אלמנה זיינען פאַרבעטן געוואָרן. אַט־די איבערלעבונג האָט אויפסניי אַביסל צערודערט די נערוון פון גיטלען. אָבער לאַפּידוס האָט איר טרויער־געמיט ניט געלאָזט לאַנג אָנהאַלטן און האָט אָנגעווענדעט אַלען מיטלען, וואָס האָבן נאָר געקענט זי אויפמונטערן און שאַפן אַ פריילעכערע שטי־מונג פאַר איר מיט׳ן קינד.

עטלעכע וואָכן שפּעטער האָט לאַפּידוס געקויפט אַ טייערע ראַדיאָ, וואָס האָט גיטל׳ס הים מיט וואָרט און מוזיק אויפגעלעבט. שוין דעם ערשטן אָוונט, ווען די ראַדיאָ איז איינגעשטעלט געוואָרן, איז די אַטמאָספערע פון הויז אין אַ יום־טוב׳דיגער שטימונג פאַר־וואַנדלט געוואָרן. לאַפּידוס האָט פאַר דעם אָוונט געבראַכט אַ גוטן פלאַש וויין, גיטל האָט צוגעגרייט אַ יום־טוב׳דיגן מאָלצייט, און די קלאַנגען פון מוזיק האָבן די לופט מיט פרייד אָנגעפילט. לאַפּידוס און גיטל האָבן געלויכטן פון צופרידנקייט און דאָס קינד האָט געפּאַטשט מיט די הענטלעך צו דער מוזיק, געגלעט די ראַ־דיאָ, און אַרומגעטאַנצט אַ באַגייסטערטער.

— נו, גיטל — זאָגט לאַפּידוס אויפגעלייגט נאָכ׳ן גוטן מאָלצייט און וויין, — איך האָף, אַז איך האָב אייער מאַטעריעלן שאָדן גוט־געמאַכט. אַזוי לאַנג ווי מיר וועלן לעבן וועט אייך קיין זאַך ניט פעלן.

— יאָ, מיין פריינט — ענטפערט גיטל מיט אַ זיפץ, — אייער האַנדלונג איז נאָבל און וואונדערבאַר. מיין מאַטעריעלן שאָדן האָט איר גוט־געמאַכט נאָך מיט פּראָצענט. אָבער מיין סעם, נעבעך,

אים קען דאָך שוין קיינער ניט ברײנגען צוריק — און אירע אויגן זײנען פאַרוואָלקנט געוואָרן.

אין דעם מאָמענט האָט לאַפּידוס זיך דערפילט ווי פאַרשול־דיגט קעגן איר, כאָטש ער איז דאָך, נאָך אַלעמען, דירעקט ניט שולדיג אין סעם׳ס טויט. אָבער דאָ האָט אים אַ בליץ געטאָן דער געדאַנק, אַז איצט איז די פּאַסיגע געלעגנהייט איר צו זאָגן דאָס, מיט וואָס ער טראָגט זיך אַרום אין זײן געדאַנק פאַר די לעצטע פּאָר חדשים.

— יאָ, גיטל טײערע — האָט ער צוגעגעבן, — איך בין אײך נאָך אַ גרויסער בעל־חוב, און דאָס קען מען מיט די גרעסטע קאַ־פּיטאַלן ניט גוטמאַכן. איך בין אײך שולדיג אַ לעבן... סעם׳ס לעבן... סעם אַליין, ווי איר זאָגט, קען איך אײך שוין לײדער ניט צוריקברײנגען, אָבער...

די איבעריגע ווערטער זײנען אים געבליבן שטעקן אין האַלז. עטליכע סעקונדן האָבן זײ זיך בײדע אָנגעקוקט מיט דורכדרינגענ־דיגע געפילן, און פּלוצלונג האָט לאַפּידוס זיך אויפגעהויבן פון זײן שטול, וואָס איז געשטאַנען פּונקט אַנטקעגן גיטל׳ס שטול, אָנגע־נומען זי פאַר בײדע הענט און מיט וואַרעמקייט אַ זאָג געטאָן:

— גיטל טײערע, איך בין אײך נאָך שולדיג אַ מאַן און אײער קינד אַ פאָטער, וועמען איר האָט דורך מיר פאַרלאָרן. איך ווייס, אַז איר האָט גוטע געפילן צו מיר, און איך האָב באַשלאָסן אײך צו באַצאָלן אָט־דעם חוב אויך... טאָקע מיט זיך אַליין... וואָס זאָגסטו, גיטעלע? — און ער קוקט איר פײערליך אין די אויגן אַרײן.

—הערבערט, דו ביזט אַ מלאך — רופט גיטל אויס אַ באַ־גײסטערטע.

הערבערט נעמט זי צערטליך אַרום און דריקט אָפּ אַ הײסן קוש אויף אירע ליפּן. גיטל גיט אַ לײכטן ציטער פון אָנגענעמער אויפרעגונג און טרערן באַווײזן זיך אין אירע אויגן.

— גיטעלע, מאָרגן גייען מיר אַרויסנעמען „מערידזש לייַ־סענס" און גלייך נאָכדעם חתונה האָבן מיט גליק — האָט הער־בערט פאַרענדיגט אין אַ פריילעכן עקסטאַז.

אַ גליקלעכער מאָמענט האָט פּאָר ביידן אויפגעלויכטן, און אַ טיפער קוש האָט פאַרזיגלט זייער ביידנס באַשלוס.

ווי אַלט זיינען זיי?

(אַ טראַגי־קאָמעדיע איבער יאָרן)

וואַנדערנדיג פון לאַנד צו לאַנד אַ משך פון צוויי טויזנט יאָר, אַרומגערינגעלט מיט פאַרשידענע געפאַרן, פאַרפאָלגונגען און דיסקרימינאַציעס, אָפענע און פאַרשטעלטע, האָט זיך ביי אידן איינ־געוואָרצלט אַ שרעק — אַ שרעק פאַר פאַרשידענע אומשטענדן און רעזולטאַטן; אַ נייגונג צו פאַרזיכטיגקייט און אַ פעהיגקייט פאַר מיטלען פון באַשיצונג.

ווען גזירות זיינען געמאַכט געוואָרן קעגן עלטערע, זיינען זיי געצוואונגען געווען צו מאַכן זיך אינגער; ווען גזירות זיינען גע־מאַכט געוואָרן קעגן אינגערע האָבן זיי זיך געמוזט מאַכן עלטער. דורך אַזעלכע גזירות, אָדער דיסקרימינאַציעס, זיינען אַנטשטאַנען די פאַרשידענע טראַגעדיעס און קאָמעדיעס פון „אידישע יאָרן".

* *

ווען נייטען דריידל איז אָנגעקומען קיין אַמעריקע איז ער אַלט געווען 16 יאָר. נאָר כדי צו קענען פאָרן אין אַמעריקע אויף אַ האַלבן שיפס־קאַרט האָט די מאַמע אים אָנגעגעבן פאַר 12, און אַזוי איז ער אויך פאַרשריבן געוואָרן אין די רעקאָרדס פון עליס איילאַנד. אין 6 יאָר אַרום, ווען ער איז אַלט געווען 22 יאָר און זיך געהאַלטן פאַר 18, לויט עליס איילאַנד רעקאָרד, האָט ער זיך פאַרליבט אין אַ מיידל און חתונה געהאַט. אין אַ יאָר אַרום, ווען ער איז אַלט געווען 23 און זיך געהאַלטן פאַר 19, האָט זיין ווייבל מיט מזל אים געבאָרן אַ זון. 8 יאָר שפּעטער, ווען ער איז אַלט געווען 31 (כאָטש ער האָט זיך אַלץ געהאַלטן מיט 4 יאָר אינגער, ס'הייסט 27), האָט ער אַרויסגענומען אַ לייף אינ־שורענס פּאָליסי. אַזוי ווי מען איז זיך אָפּט נוהג אַנצוגעבן מיט עטליכע יאָר אינגער כדי די פּאָליסי זאָל קאָסטן ביליגער, האָט ער אויך אַזוי געטאָן: פון די 27 יאָר וואָס ער האָט זיך געהאַלטן, האָט ער אַראָפּגעקוועטשט נאָך 5 יאָר און זיך אָנגעגעבן פאַר 22, אַנשטאָט די אמת'ע 31.

עס זיינען פאַרלאָפן נאָך 4 יאָר. די צייט איז געווען זייער אַ ביטערע. אין דעם טרייד ביי וועלכן ער האָט געאַרבייט איז געווען „סלעק" פאַר מאָנאַטן און מאָנאַטן, און ער איז געצוואונגען געווען זיין אינגל אָוועקצוגעבן צו דער אַרבייט, ער זאָל אויך עפּעס העלפן אַריינברייגען אין הויז. דאָס אינגל איז דאַן אַלט געווען 12 יאָר. אָבער אַזוי ווי פאַר אַ 12־יאָריגן קינד גיט מען ניט אַרויס קיין „וואָירקינג פּייפּערס", האָט ער זיין זון אָנגעגעבן פאַר 16 יאָר אַלט.

דאָס רעדל דרייט זיך און די צייט לויפט ווייטער. עס זיינען פאַרלאָפן נאָך 6 יאָר זינט ער האָט פאַר זיין זון אַרויסגענומען די „וואָירקינג פּייפּערס". זיין ווייב איז דאַן ערנסט קראַנק געוואָרן און איז געשטאָרבן. צו יענער צייט האָט ער זיך געהאַלטן לויט דעם חשבון פון דער פּאָליסי פאַר 32 (אָבער איז אין דער אמת'ן שוין געווען 41), און זיין זון האָט זיך אָפיציעל גערעכנט פאַר 22, לויט דעם חשבון ווי ער איז פאַרשריבן געוואָרן צוליב די „וואָירקינג פּייפּערס" (אָבער איז אין דער אמת'ן בלויז 18 יאָר אַלט געווען).

מר. דריידל האָט זיך געפילט זייער עלענד, און ער האָט באַשלאָסן לאַנג ניט צו וואַרטן און ווייטער חתונה האָבן. עס איז בלויז איין יאָר פאַרלאָפן זינט זיין פרוי איז אים געשטאָרבן, און ער האָט ווייטער חתונה געהאַט. ער האָט זיך דאַן געהאַלטן (לויט דער פּאָליסי) פאַר 33, און זיין זון האָט זיך גערעכנט (לויט דעם אָפיציעלן „וואָירקינג פּייפּערס" רעקאָרד) פאַר 23. אַזוי אָבער ווי ער האָט אויסגעקוקט גאַנץ יונג און געוואָלט הייראַטן אַ יונג מיידל, האָט ער פון זיינע ריכטיגע יאָרן פאַרלייקענט נאָך אַ 10 יאָר. האָט ער פאַר זיין ווייבל און אין די אָפיציעלע „מערידזש לייסענס" זיך אָנגעגעבן פאַר 23...

הייסט עס, אַז דער טאַטע מיט דעם זון זיינען ביידע אין איין עלטער — ביידע צו 23 יאָר...

מילא, וועמעס עסק איז דאָס, וואָס דער טאַטע מיט דעם זון זיינען געבאָרן געוואָרן אַ צווילינג?... עס איז אַ פּריוואַט זאַך,

און קיינער וואָלט זיך גאָר אויף דעם אַפילו ניט אומגעקוקט. זיין אייגן יונג ווייבל האָט די ערשטע צייט פון דעם גרויסן וואונדער אויך ניט געוואוסט. דער זון האָט געאַרבייט, פאַרדינט, און זיך געלעבט זיין אייגן וועלטל גאָר אין אַן אַנדער געגנט. וואָלט עס, ווי געזאָגט, קיינעם די גאַנצע מעשה ניט געאַרט און די וועלט וואָלט זיך אָנגעגאַנגען ווי שטענדיג. האָט אָבער פּאַסירט אַן אומגליק, און מר. דריידל איז אַריינגעדרייט געוואָרן אין אַזאַ לאַגע, וואָס האָט אים און זיין זון אַריינגעוואָרפן אין אַן אמת'ער צרה. אָט וואָס עס האָט פּאַסירט:

די באַציאונגען פון אַמעריקע מיט דייטשלאַנד זיינען אָפּגעבראָכן געוואָרן. אַמעריקע האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין קריג קעגן דייטשלאַנד און די רעגירונג האָט באַשלאָסן איינצופירן געצוואונגענע מיליטער דינסט ביי וועלכער אַלע מענער אין די יאָרן פון 21 ביז 31 זאָלן גענומען ווערן אין דינסט צו קעמפן קעגן שונא אויפ'ן שלאַכט פעלד. מר. דריידל און זיין זון זיינען על־פּי יושר אויסגעשלאָסן פון דעם מיליטער פליכט. ווייל ער אַליין איז שוין אַלט געווען 42 יאָר און זיין זון בלויז 19. אָבער על־פּי דין האָבן זיי ביידע זיך געמוזט רעגיסטרירן פאַר מיליטער דינסט, ווייל לויט די אָפיציעלע רעקאָרדס זיינען זיי ביידע געווען צו 23 יאָר, און די באַאַמטע האָבן ניט געוואוסט פון זייער שייכות איינער מיט דעם אַנדערן.

דער פּלאָנטער האָט זיך ערשט אַרויסגעוויזן אין דער צייט פון „רעדזשיסטריישאָן". מר. נייטען דריידל האָט אַפּעלירט פאַר „עקזעמפּשאָן" אויף דעם גרונט וואָס ער דאַרף „סופּאָרטן" אַ ווייב מיט אַ קינד. און זיין זון, העגרי דריידל, האָט אַפּעלירט פאַר „עקזעמפּשאָן" אויף דעם גרונט וואָס ער דאַרף „סופּאָרטן" אַן אַלטן טאַטן... אָבער ווען די באַאַמטע האָבן געמאַכט אַן אונטערזוכונג האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז ביידע קאַנדידאַטן זיינען אַ טאַטע מיט אַ זון און ביידע זיינען געבאָרן געוואָרן אַן איין צייט...

דער סוף פון דער דאָזיגער טראַגי־קאָמעדיע איז געווען אַזוי:

די רעגירונגס באַאַמטע, וועלכע פירן אָן מיט דער מיליטערישער רעגיסטראַציע, האָבן אין אָנפאַנג פון קיין זאַך ניט געוואָלט

וויסן און זיינען באַשטאַנען דורכאויס, אַז ביידע קאַנדידאַטן זאָלן צוגענומען ווערן אין דער אַרמיי. אָבער נאָכדעם ווי מר. דריידל האָט אָנגעשטעלט אַ גרויסן אַדוואָקאַט, וועמען עס איז געלונגען די באַאַמטע צו באַווייזן, אַז עס איז אוממעגליך דאָס אַ פאָטער מיט זיין זון זאָלן זיין אין איין עלטער, האָט די רעגירונג אָנגעשטעלט אַ מחנה דעטעקטיווס, מאַטעמאַטיקער, פיזיאָלאָגן, און אַנדערע עקס־פערטן, צו באַאַרבייטן דעם־דאָזיגן מערקווירדיגן פלאָנטער און אויסגעפינען ווער עס איז עלטער — דער פאָטער צי דער זון...

אַ מיטל צו רעדוצירן

(הומאַרעסקע)

.1

ווען מיסעס כאַמכע האָט זיך צום לעצטן מאָל אָפּגעוואויגן, האָט זיך איר שיער דאָס האַרץ ניט אָפּגעריסן פון שרעק. — זי האָט געוואויגן גאַנצע צוויי הונדערט מיט ניין־און־נײַנציג פונט!

— ווי איז מיר! — האָט זי פאַרצווייפלט אויסגעשריען, — איך ווער דאָך דיקער פון טאָג! געוואַלד, וואָס טוט מען?! מען דאַרף נעמען דעם גאַנצן ים פון קאָני איילאַנד און פאַרברענען אויפ׳ן פייער! משוגעים האָבן אויסגעטראַכט, אַז פון באָדן זיך אין ים פאַרלירט מען געוויכט — געוואַלד, וואָס טוט מען?!

און איר פאַרצווייפלונג איז געווען ניט קיין אומזיסטע. שוין עטליכע זומערן ווי זי פאָרט זיך באָדן אין קאָני איילאַנד כמעט יעדן טאָג. מעדיצינען צו רעדוצירן וויל זי ניט נעמען, אָבער אחוץ איר באָדן זיך קייקלט זי זיך אויפ׳ן פלאָר, לויפט אַרויף די טרעפּ עטליכע מאָל אַ טאָג, טרינקט עסיג און שלאָפט שטייענדיג, אָבער עס העלפט איר ווי אַ טויטן באַנקעס. וואָס אַ טאָג ווערט זי אַלץ ברייטער און גרעבער, ביז זי האָט זיך „אַרויפגעאַרבייט״ אויף צוויי הונדערט מיט ניין־און־נײַנציג פונט!

איין שטיקל שטראָל פון האָפענונג איז איר נאָך פאַרבליבן, און דאָס איז — גיין צו דאָקטאָר דינמאַכער, כאָטש זי האָט ביז איצט ניט געוואָלט וויסן פון רפואות פאַר רעדוצירן. דר. דינמאַ־כער, האָט אַ פריינדין איר געזאָגט, נעמט 25 דאָלער פאַר אַ וויזיט, אָבער פאַרפאַלן, מען מוז נאָך דאָס איינציגע אויספּרובירן!

זי האָט געהאַלטן איר באַשלוס, און אויף דעם נעקסטן טאָג האָט זי זיך שוין געפונען אין דר. דינמאַכער׳ס אָפּיס.

— ווי אַלט זייט איר? — האָט דער דאָקטאָר איר געפרעגט, נאָכדעם ווי ער האָט זי גענוי אונטערזוכט.

— ווער, איך? איך בין — ע — זעקס און דרייסיג יאָר...

— לאַנג שוין אַז איר לײַדט פון צופיל געוויכט?

— אַ יאָר צען.

— און וואָס איז געווען אייער געוויכט צום ווינציגסטן אין אייער לעבן?

— זיבן פונט.

— וואָס רעדט איר!

— יאָ, הער דאָקטאָר, זיבן פונט — ווען איך בין געבאָרן געוואָרן...

דער דאָקטאָר האָט געשמייכלט. — און וואָס האָט איר געטאָן דערצו ביז איצט? — פרעגט ער איר ווייטער.

—וואָס האָב איך ניט געטאָן? אַלצדינג האָב איך געטאָן.

— און מרס. כאַמכע האָט פאַר אים אויסגעגאָסן איר ביטער האַרץ; דערציילט אים פון אירע נסיעות קיין קאָני איילאַנד און אַלע אַנדערע סגולות וואָס זי האָט אָנגעווענדט אין איר גרויסן אומגליק, אָבער קיין מעדיצין וואָלט זי ניט וועלן נעמען.

דער דאָקטאָר האָט זיך פאַרטראַכט.

— האָט איר דאָ קרובים אין ניו יאָרק?

— שור האָב איך דאָ קרובים.

— אַ סך? רעכנט מיר זיי אויס.

— אָ יעס, איך האָב דאָ אַן אַלטע מוטער, זאָל לעבן, פיר פאַרהייראַטע שוועסטערס מיט זייערע פאַמיליעס, דריי ברידער מיט זייערע פרויען און קינדערלעך, מיין מאַנ׳ס עלטערן און זיינע פיר שטיף־שוועסטערס, זיינע ברידער מיט די פאַמיליעס, זיבן קאַזינס פון מיין מאַנ׳ס צד און אַ צענדליג קאַזינס פון מיין צד, אַנקלס, טאַנטעס און סתם קרובים...

— און אַזוי גוטע פריינט האָט איר אויך?

— געוויס, מיר האָבן דאָ אַ סך לאַנדסלייט, לאָדזש ברידער, פּאַראיינס שוועסטערס, שכנים, און אַזוי גוטע פריינט — בקיצור, מיר זיינען ברוך השם ניט עלנט אין אַמעריקע. אָבער צוליב וואָס, הער דאָקטער, דאַרפט איר דאָס וויסן?

— דאָס וועט איר שפּעטער אויסגעפינען — האָט דער דאָקטאָר איר פאַרזיכערט מיט אַ שמייכל, — אַלזאָ — זאָגט ער ווייטער, — אויב איר ווילט ניט נעמען קיין מעדיצין, איז מיין רעצעפּט „קאָני איילאַנד”...

— הער דאָקטאָר — זאָגט מרס. כאַמכע פאַרוואונדערט, — איך פלעג דאָך פאָרן אַלע זומער זיך באָדן אין קאָני איילאַנד און ס'פלעגט מיר אפילו אַ ברעקל ניט העלפן!

— יאָ, אָבער דאָס מאָל זאָלט איר דאָרט נעמען אַ פלעט אָדער אַ באַנגעלאָ און שטיין דאָרט שטענדיג דעם גאַנצן זומער.

מרס. כאַמכע האָט געוואָלט פּראָטעסטירן, אָבער זי האָט אין גרויס אויפרעגונג ניט געפונען די ריכטיגע ווערטער. האָט זי שנעל באַצאָלט אים די 25 דאָלער און איז אַוועק אַהיים אַנטוישט און פאַרביטערט.

איר פריינדין, וועלכע האָט איר רעקאָמענדירט דר. דינמאַכער, האָט איר אָבער שפּעטער באַוואויגן צו פאָלגן דעם דאָקטאָר. אפשר ווייס ער פאָרט וואָס ער טוט. ער איז דאָך אַ ספּעציאַליסט אין דעם פאַך. האָט מרס. כאַמכע איר געפאָלגט און געדונגען אַ „באַנגעלאָ” אין קאָני איילאַנד, וואו זי האָט זיך באַזעצט פאַר'ן גאַנצן זומער־סעזאָן.

*

אויף דעם ערשטן זונטאָג, גלייך ווי מרס. כאַמכע האָט זיך אין קאָני איילאַנד באַזעצט, האָט זי אַראַנזשירט אַ „פּאַרטי”, אַ שטיקל שמחה'לע לכבוד איר נייער וואוינונג, צו וועלכער זי האָט איינגעלאַדן די נאָענטסטע פון איר משפּחה. דריי טעג האָט זי שווער געאַרבייט ביז זי האָט די צימערן אין אָרדנונג געבראַכט, צוויי טעג האָט זי נאָכדעם געהאָרעוועט אַלצדינג צוצוגרייטן פאַר דער „פּאַרטי”, און ווען עס איז געקומען צום רעכטן עיקר — ווען די געסט האָבן אָנגעפילט די „באַנגעלאָ” און זי האָט געדאַרפט

אַלעמען אויפנעמען, סערווירן און באַדינען — איז זי שוין גע־
ווען אַזוי אויסגעמאַטערט, אַז זי איז פּשוט פון די פיס געפאַלן.

די הוליאַנקע האָט זיך געענדיגט אַ שטיק אין דער נאַכט.
די מענער, וועלכע דאַרפן אין דערפרי גיין צו דער אַרבייט, אָדער
אַנדערע באַשעפטיגונגען, זיינען זיך פונאַנדערגעפאָרן, אָבער די
ווייבער — איבערהויפּט די, וועלכע זיינען געקומען מיט זייערע
קליינע קינדער — זיינען געבליבן ביי איר נעכטיגן. מרס. כאַמכע,
וועלכע איז זייער אַ גאַסטפריינטליכע, האָט פאַר די געסט אָפּגע־
געבן אירע בעטן און אַלע פלעצער, וואו מען קען נאָר מאַכן אַ
געלעגער. אירע צוויי קינדערלעך האָט זי אריינגעפּאַקט אין אַן
אַלטן בייבי־קערידזש, איר מאַן האָט זי אויסגעבעט אויף דר'ערד
און פאַר זיך אַליין געמאַכט פּלאַץ אויף עטליכע טשערס. פאַר־
שטייט זיך, אַז שלאָפן האָט זי שוין ניט געקאָנט, און ווען זי איז
גאַנץ פרי אַראָפּגעקראָכן פון איר געלעגער, האָבן איר ווייטעטאָן
אַלע גלידער און זי האָט קיין כח ניט געהאַט אַ האַנט אויפצוהויבן.

די געסט זיינען שוין ביי איר פאַרבליבן פאַר'ן גאַנצן טאָג
און האָבן זיך געקוויקט מיט די געראַטענע מאכלים, וואָס זי האָט
פאַר זיי געמאַכט. אין אָוונט, נאָכדעם ווי זי האָט די געסט באַגלייט
צום טריין, איז זי אַריינגעפאַלן אין הויז אַ פאַרמאַטערטע, אַ פאַר־
שוויצטע, אַ פאַר'חושך'טע, און מער טוידט ווי לעבעדיג. זי האָט
שווער אָפּגעזיפצט און געפּרובירט מאַכן זיך אַ ביסל באַקוועם, זיך
צושפּאַרן פאַר אַ ווײַלע און אָפּרוען זיך נאָך דער שווערער אָנ־
שטריינגונג. קוים אָבער האָט זי זיך באַפרייט פון אירע ענגע שיך
און געגומען צוגרייטן די בעט פאַר איר אָפּרו, האָט זיך געעפנט די
טיר און נייע געסט זיינען אַריינגעקומען. זיי האָבן זיך פאַרענט־
פערט פאַרוואָס זיי האָבן נעכטן ניט געקענט קומען — און מרס.
כאַמכע האָט שיער ניט גע'חלש'ט.

.2

דער זומער איז אַוועק. אָבער אַזאַ זומער, רבונו של עולם,
זאָל זיך שוין גאַרניט אומקערן! דער גרעסטער שונא קען גאָר אַ
מענשן ניט ווינשן דאָס, וואָס מרס. כאַמכע האָט איבערגעלעבט.

איר הויז איז שטענדיג געווען איבערגעפּאַקט מיט אַלערלייאיגע געסט. זי האָט געהאַט ביינאַכטיגע געסט, וועלכע פלעגן קומען פאַרברייגנען דעם אָוונט ביז נאָך דינער דעם נעקסטן טאָג, און בייטאָגיגע געסט, וועלכע פלעגן קומען זיך באָדן, איבערטאָן זיך ביי איר אין די „ביידינג סוטס" און בלייבן פאַר סאַפּער. זי האָט אויך געהאַט ספּעציעלע „וויק־ענד" געסט, ס'הייסט פאַר שבת און זונטאָג, און וואָכעדיגע געסט — וועלכע האָבן גענוג צייט אין מיטן וואָך און ווילן זיך ניט שלעפּן אין די גרויסע ביזי טעג, שבת און זונטאָג, אין די איבערגעפּאַקטע טריינס נאָך קאָני אײלאַנד. אין איר הויז איז טאָג און נאַכט געווען אַ גאַנצער יריד פון אַלערליי געסט, און מרס. כאַמכע פלעגט ניט נאָר זיי קאָרמענען, באַזאָרגן מיט נאַכטלעגער און באַדינען בסבר פנים יפות, זי פלעגט אויך מוזן אָפּהיטן און אַסאָרטירן זייערע קליידער וועלכע זיי פלעגן אַנוואַרפן, זיך איבערטוענדיג אין די „ביידינג סוטס". אַחוץ דעם פלעגט זי נאָך מוזן האַלטן כסדר אין ריינקייט, וואַשן און טריקענען דעם פלאָר מיט די מעבל פון דעם וואַסער און זאַמד, וואָס די געסט פלעגן אַריינברייגנען פון ים דורך זייערע נאַסע קאָסטיומען און באָרוועסע פיס. דער שטענדיגער טומל פון די גרויסע און די קולות פון די קליינע האָבן אויך געקענט אַ מענשן רירן פון זינען.

פאַר זיך אַליין האָט מרס. כאַמכע אינגאַנצן אויפגעהערט צו עקזיסטירן. זי האָט געפילט ווי אַ פאַרשאָלטענע, וואָס ווערט שטענדיג געיאָגט פון בייזע רוחות, אָן אַ מינוט צייט דעם אָטעם אָפּצוציען. דעם טעם פון עסן און שלאָפן ווי געהעריג האָט זי שוין לאַנג פאַרגעסן. אָנטאָן זיך ווי אַ מענש, אַ קוק טאָן אַמאָל אין שפּיגל, און נאָך אַזעלכע „לוקסוסן", דאָס זיינען געווען ביי איר אינגאַנצן אויסגעשלאָסן. וואָס ווייטער אַלץ מער האָט זי געפילט, אַז זי גייט אויס ווי אַ ליכט. די קללות, וואָס דאָקטאָר דינמאַכער פלעגט פון איר אַריינכאַפּן ביי יעדער געלעגנהייט קען מען דעם גרעסטן שונא ניט ווינשן. אָבער איר גאולה האָט זיך אַלץ דערנענטערט, ביז דער גרויסער טאָג פון איר באַפרייאונג איז געקומען. דער פינף־חודש'דיגער קאָנטראַקט אויף איר „באַנגעלאָ" האָט זיך געענדיגט און זי האָט זיך גענומען קלייבן צוריק אין שטאָט אַריין.

*

די מעבל און אַלע אירע זאַכן זיינען שוין פּאַרפּאַקט און זי וואַרט אויף דעם עקספּרעס־וואָגן. דערווייל האָט זי זיך איינגעוואַשן, אַרויסגענומען פון קליידער־אַלמער אַ שיינע קלייד, וועלכע זי האָט אין קאָני איילאַנד קיינמאָל ניט געברויכט, און גענומען זיך אָנטאָן. קוים אָבער האָט זי דאָס קלייד אויף זיך אַרויפגעצויגן, איז זי איבערראַשט געוואָרן, — דאָס קלייד איז פון איר ווי אַראָפּ־געפאַלן. זי האָט געפּרובירט אַן אַנדער קלייד — און אויך דאָס זעלביגע. דאַן האָט זי אַרויסגענומען אַ גוטע זיידענע וויסטל, וועל־כע פלעגט אויף איר ליגן גלאַט און שיין, אָבער, מערקווירדיג, דאָס וויסטל הייננגט אויף איר ווי אַ זאַק... דאָס האַרץ איז ביי איר איינגעפאַלן פון שרעק. אַ נערוועזע איז זי געלאָפן צום שפּיגל, וועלכן זי האָט שוין גאַנץ לאַנג ניט אָנגעקוקט, אָבער וואָס איז גע־וואָרן מיט איר? די דערקענט זיך ניט! איר פּנים איז קליין, פונקט ווי זי וואָלט געקוקט אויף זיך דורך אַ פאַרקלענערונגס־גלאָז!

אין די ערשטע עטליכע מינוטן פון איר איבערראַשונג איז זי געווען אַזוי צוטומלט, אַז זי האָט ניט געוואוסט אויף וואָס פאַר אַ וועלט זי געפינט זיך. פּלוצלינג אָבער האָט איר אַ בליץ געטאָן אַ געדאַנק — און זי איז שנעל געלאָפן אין גראָסערי סטאָר זיך אָפּוועגן.

זי האָט פאַרלאָרן הונדערט מיט פופציג פונט!

— — — — — — — — — — — — — — — —

אַזוי שנעל ווי זי איז געקומען אין שטאָדט, איז זי אַ באַ־גייסטערטע געלאָפן צו דר. דינמאַכער אים דאַנקען און קושן די הענט פאַר זיין וואונדערבאַרן רעצעפּט.

אַ שרעקליכע פאַרשווערונג

(הומאָרעסקע)

מיסטער פּיפּקע און מיסטער דריפּקע זיינען באַאַמטע פון דער חברה „אגודת בני מקוה אנשי קנישעשאָק פּראָגרעסיוו בע־נעוואָלענט ענד עדיוקיישיאָנאַל אונטערשטיצונגס פאַראיין". מיסטער פּיפּקע איז דער סעקרעטאַר און מיסטער דריפּקע איז דער טרע־זשורער. די־דאָזיגע צוויי אידן איז דאָס באַשערט געווען צו ווערן די העלדן פון טאָג אין דער גאַנצער אַמעריקאַנער פּרעסע, אַלס די באַנדיטן פון אַ שרעקליכער פאַרשווערונג.

כדי די מעשה זאָל באַקומען אַ היסטאָרישן ווערט, וועל איך דאָ, קודם כל, עפענען פאַר אייך דעם פּראָטאָקאָל־בוך פון דעמדאָ־זיגן פאַראיין און פון דאָרט אייך איבערגעבן וואָרט פאַר וואָרט דעם באַריכט פון דעם מיטינג, פון וועלכן די שרעקליכע פאַרשווע־רונג איז אַרויסגעוואַקסן.

דעם באַריכט האָב איך אויסגעפונען אויף זייט 999, מיט דער הילף פון מיינעם אַ לאַנדסמאַן, וועלכער איז אַ פּראָפעסיאָנעלער לאָדזש־סעקרעטער און אַ גרויסער מאדים אויף לייענען טערקיש, טאַטעריש, האָטענטאָטיש, און אַנדערע לאָדזש־שפּראַכן. נאָכדעם ווי מיר האָבן אַ שיינע פּאָר שעה געשוויצט דעם פּראָטאָקאָל דורכצו־קריכן האָב איך דעם פּראָטאָקאָל איבערגעזעצט אויף מאַמע־לשון און ער לייענט זיך אַזוי:

„ל"ג בעומר, יום אלף, 28־טן מאַי, 1916".

„אַ מיטינג איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן פון דער חברה אגודת בני מקוה אנשי קנישעשאָק פּראָגרעסיוו בענעוואָלענט ענד עדיוקיי־שיאָנאַל אונטערשטיצונגס פאַראיין".

„דער מיטינג האָט זיך אָנגעפאַנגען אום 8 אַזייגער ש אַ ר פ — ס'הייסט פּונקט אַ פערטל נאָך צען — און געווען איז דאָס דער לעבעדיגסטער מיטינג וואָס די חברה א. ב. מ. א. ק. פּ. ב. ענד ע. א. פ. האָט ווען־עס־איז אָפּגעהאַלטן. דער ערנווירדיגער פּרע־

זידענט, ברודער באַלוואַן, איז אָנגעגריפן געוואָרן פאַר׳ן פאַרנעמען געלט פון דער טרעזשורי און עפענען דערמיט אַ ברייזל; דער טרעזשורער, ברודער דריפּקע, איז פאַרקלאָגט געוואָרן פאַר׳ן גנב׳־ענען אַ קבר פון פאַראיינ׳ס סעמעטערי; אַנדערע באַאַמטע זיינען באַ־שולדיגט געוואָרן אין סתם ברעכן די געזעצן פון דעם פאַראיינ׳ס קאָנסטיטוציע. אַ שטורעם פון פּראָטעסטן, פאַרשלעגע, רעזאָלו־ציעס, אַבסטראַקציעס א. אַז. וו. האָט שיער דעם דאַך ניט אויפגע־ריסן. דער שטורעם האָט געבושעוועט ביז דריי אַזייגער פאַרטאָג, און געענדיגט האָט ער זיך ערשט דאַן, ווען ער האָט אַלע ברידער אויסגעלייגט אויפ׳ן פלאָר ווי אָפּגעשמיסענע זאַנגען. בלויז די „אויסערע וואַך״ איז געבליבן אומבאַשעדיגט, אַ דאַנק דער אייזער־נער טיר, וואָס האָט אים אָפּגעטיילט פון די איבעריגע ברידער״.

„ברודער זרעבעץ האָט דאַן געמאָלדן די פּאָליציי, וועלכע איז געקומען מיט אַמבולאַנסן, און דעם גאַנצן פאַראיין אַריבער־געפירט אין פאַרשידענע האָספּיטעלער״.

אָט דאָס איז דער באַריכט פון דעם מיטינג ווי איך האָב, מיט דער הילף פון מיין עקספּערט, אַרויסגעקראָגן פון פּראָטאָקאָל־בוך פון דער חברה „אגודת בני מקוה אנשי קנישעשאָק פּראָגרע־סיוו בענעוואָלענט ענד עדיוקיישיאָנאַל אונטערשטיצונגס־פאַראיין״.

און איצט קומען מיר צו דעם עיקר המעשה.

אויף מאָרגן נאָך דעם היסטאָרישן מיטינג, האָט דער סעקרע־טאַר, ברודער פּיפּקע, אָפּגערופן אויפ׳ן טעלעפאָן דעם טרעזשורער, ברודער דריפּקע — די צוויי וועלכע זיינען ביים מיטינג בלויז אָפּגעקומען מיט לייכטע וואונדן — און האָבן געהאַט אַן „אונטער־רעדונג״ וועגן דער נעכטיגער פּאַסירונג. זייער געשפּרעך וואָלט פאַרבליבן אַ געהיימניס פאַר מיר און פאַר אייך און פאַר די צו־קינפטיגע דורות, ווען דאָס וואָלט ניט פּאַסירט אין דער צייט פון דעם באַוואוסטן „ווייער טעפּינג״ סקאַנדאַל, אין וועלכן עס זיינען פאַרמישט געווען דער מיליאָנער מאָרגאַן, מעיאָר מיטשעל, דער טשיף אָוו פּאָליס, בוירנס דעטעקטיוו אייגדזשענסי און אַנדערע הויכע פּערזענליכקייטן. ווי איר ווייסט, איז דאַן געווען אַ צייט ווען אין ניו יאָרק זיינען ניט געווען קיין סודות. די אינטימסטע גע־

שפּרעכן, וואָס איר האָט געהאַט דורכ'ן טעלעפאָן מיט אייער ווייב, אייער געליבטע, אָדער אַנפאַרטרויטן, זיינען געווען פאַרשריבן געוואָרן אין די פּאָליציי העדקוואַרדערס און פון די דעטעקטיוו אייד־זשענסיס, מיט דעם צוועק צו שפּיאָנעווען געוויסע פּערזאָנען און באַוועגונגען, וואָס האָבן זיך געשטעלט די אויפגאַבע צו שטירצן די ניו יאָרקער שטאָדט־פאַרוואַלטונג און די פעדעראַלע רעגירונג, דורך דער צייט פון דער וועלט־מלחמה. נו, האָט מען זיך אונטער־געהערט, פאַרשטייט זיך, דעם געשפּרעך פון אונזערע צוויי העלדן אויך.

דער געשפּרעך פון מיסטער פּיפּקע און מיסטער דריפּקע איז אפילו געווען אין אידיש, אָבער אַזוי ווי די „ווייער טעפּינג" איז איבערהויפּט געצילט געווען קעגן דייטשישע פאַרשווערער, האָט מען אָנגעשטעלט אַזעלכע דעטעקטיווס וואָס פאַרשטייען דייטש, און ממילא אויך „עברי־טייטש". נאַטירליך האָבן די דעטעקטיווס ניט אַלצדינג פאַרשטאַנען און ניט אַלצדינג דערהערט פון דעם פּיפּקע־דריפּקע געשפּרעך, אָבער דאָס וויכטיגסטע האָבן זיי אויפ־געכאַפּט און פאַרשריבן.

אָט דאָ האָט איר זייער טעלעפאָנישן דיאַלאָג, און ווי ער איז פון די דעטעקטיווס אויפגעכאַפּט געוואָרן:

פּיפּקע: — איז דאָס האַרלעם טו־טו־טו־ אוי־אוי־אוי?

דריפּקע: — יעס, סער!

פּיפּקע: — העלאָו, ברודער דריפּקע, דאָס רעדט ברודער פּיפּקע.

דריפּקע: — העלאָו, העלאָו, ברודער פּיפּקע, וואָס מאַכט איר?

פּיפּקע: — אויף מיינע שונאים געזאָגט געוואָרן אַזאַ מאַכן. מאַכן זאָל שוין אַזוי אונזער פּרעזידענט!

דעטעקטיוו (צו זיינע חברים): — חברה, מען רעדט דאָ וועגן פּרעזידענט. כאַפּט שנעל אייער פאָונטיין־פּען!

דריפּקע: — יעס, פון אַזאַ מיטינג איז גאָר נסים אַז מען קומט אַרויס לעבעדיג. אוי איז דאָס געווען אַ מיטינג!

דעטעקטיוום (פאַרצייכענען) : „אַ מיטינג, אַ געהיימער מי־טינג!"

פּיפּקע: — טאַקע נסים. איך בין בלויז אָפּגעקומען מיט אַ זעץ אונטערן פּאַכווע און אַ פייעריגן בריק.

דעטעקטיווס (פאַרשרייבן) : „פייערן אַ בריק!"

דריפּקע: — און איך האָב געקראָגן אַ האַנט געשוואָלן ווי אַ באַרג, ס'וועט זיכער אויפרייסן.

דעטעקטיווס (רעקאָרד) : „אויפרייסן אַ באַרג!"

פּיפּקע: — נאָך אַ נס וואָס די פּאָליציי האָט אונז געראַטע־וועט מיט די אַמבולאַנסן. לאַנג לעבן זאָלן זיי טאַקע פאַר נעכטן, די פּאָליס.

דעטעקטיווס: „פאַרניכטן די פּאָליס!"

דריפּקע: — אָבער דעם פּרעזידענט מוזן מיר גלייך אַראָפּ־זעצן און פּינטשן.

דעטעקטיווס: „אַראָפּזעצן דעם פּרעזידענט און לינטשן!"

פּיפּקע: — דאָס איז דער איינציגער וועג, אַז ניט איז פאַר־פאַלן די טרעזשורי.

דעטעקטיווס: „באַפאַלן די טרעזשורי!"

דריפּקע: — מיר מוזן אויך אויספירן אַז די קברים זאָל מען גראָבן ביי די פאַרענטשעס.

דעטעקטיווס: „גראָבן טרענטשעס!"

פּיפּקע: — און געדענקט, די מיסט ביי די פאַרענטשעס מוז מאָרגן אָפּגעראַמט ווערן!

דעטעקטיווס: „מאָרגאַן מוז אָפּגעראַמט ווערן!"

דריפּקע: — אָבער די הויפּט זאַך איז אָפּצושאַפן אונזער פאַרפוילטע קאָנסטיטוציע דורך אַן אַלגעמיינע רעזאָלוציע.

דעטעקטיווס: „אָפּשאַפן די קאָנסטיטוציע דורך אַן אַלגע־מיינע רעוואָלוציע!"

מער האָבן די דעטעקטיווס ניט באַדאַרפֿט. דורך דעם סענטראַל טעלעפֿאָן אָפֿיס האָבן זיי זיך גלייך דערוואוסט די אַדרעסן פֿון וואַנען די „באַנדיטן" האָבן קאָנספּירירט דורך דעם טעלעפֿאָן, און האָבן מאָמענטאַל טעלעפֿאָנירט צום טשיעף אָוו דעטעקטיווס, אַז זיי האָבן נאָר־וואָס אַנטדעקט די שרעקלעכסטע פּאָליטישע פֿאַרשווערונג וואָס איז ווען־עס־איז אין אַמעריקע געהערט געוואָרן. אין עטליכע מינוטן אַרום האָבן שוין מחנות דעטעקטיווס און פּאָליס באַלאַגערט די צוויי הייזער פֿון ברודער פּיפּקע און ברודער דריפּקע, די קאָנספּיראַטאָרס זיינען געשלאָסן געוואָרן אין קייטן און מיט אַ שטאַרקער וואַך אָפּגעפֿירט געוואָרן אין פּריזאָן.

אין אַ פּאָר שעה אַרום איז שוין ניו יאָרק פֿאַרפּלייצט געוואָרן מיט ספּעציעלע עקסטראַס וועגן דער שוידערליכער פֿאַרשווערונג:

פּייערן אַ בריק — אויפֿרייסן אַ באַרג — פֿאַרניכטן די פּאָליס — אַראָפּזעצן דעם פּרעזידענט און לינטשן — באַפֿאַלן די טרעזשורי — גראָבן טרענטשעס — מאָרגאַן מוז אָפּגעראַמט ווערן — און אָפּשאַפֿן די קאָנסטיטוציע דורך אַן אַלגעמיינער רעוואָלוציע!"

*

דער טעות מיט די אַלע פֿאַרדרייעגישן זיינען אין אַ פּאָר טעג אַרום, פֿאַרשטייט זיך, אויפֿגעקלערט געוואָרן און די צוויי „באַנדיטן", די לאָדזש ברידער פּיפּקע און דריפּקע, זיינען ערנהאַפֿט באַפֿרייט געוואָרן. אָבער זינט דער־דאָזיגער פּאַסירונג האָבן זיי זיך אַ נדר געטאָן, אַז וויכטיגע לאָדזש־געהיימניסן זאָלן זיי מער ניט ריידן דורכ'ן טעלעפֿאָן, נאָר אין אַ טערקישער באָד.

„דער גרויסער קונדס", ניו יאָרק, 1916

דריטער טייל

פובליציסטיק

לייט־אַרטיקלען, עסייען, פעליעטאָנען

דער כאַאָס אין אידיש

(וועגן דר. א. א. ראָבאַק׳ס אַרטיקל „וואָס איז דייטשמעריש?״)

ווען דאָס אידישע פאָלק וואָלט איצט קיין אַנדערע זאָרגן ניט געהאַט, וואָלט שוין געווען די העכסטע צייט צו האָבן אַ וועלט־קאָנגרעס פון פילאָלאָגן און פעדאַגאָגן פאַר דער אידישער שפּראַך — אָדער „לשון״, אויב איר ווילט*). גראָד פאַרנעמט מען זיך איצט מיט אַט־דער פראַגע און מען קומט אָפּט אַרויס מיט פאַרשי־דענע אָנווייזונגען און פאָרשלאָגן וועגן ענדערונגען אין ווערטער און אָרטאָגראַפיע כדי וואָס מער צו פאַראידישן אונזער אידיש און מאַכן אונזער לשון „יודענריין״, ס׳הייסט ריין פון „יודישע״ (דייטשמערישע) ווערטער. עס ווייזט זיך אָבער אָפּט אַרויס, אַז וואָס מער לאַטעס מען לייגט אויף דעם „אידישן״ בגד אַלץ ערגער ווערט זיין אויסזען און אַלץ שווערער ווערט אים צו טראָגן...

אין יובי־נומער „אידישע קולטור״ האָט דר. א. א. ראָבאַק אַן אַרטיקל אונטער דעם נאָמען „וואָס איז דייטשמעריש?״. אין דער פראַגע וועגן דעם באַדייט פון וואָרט „דייטשמעריש״ גופא און פון וואַנען ער שטאַמט, קענען מיר מיט אים איינשטימען. אָבער זיין אויסבראַקירן געוויסע ווערטער, וועלכע ער פאַראורטיילט ווי „דייטשמעריש״, און די אַנדערע ווערטער, וועלכע ער גיט־אַן צו פאַרנעמען זייער פּלאַץ, קענען מיר שוין ניט אָננעמען.

קודם כל וויל איך זאָגן, אַז דער שרעק פאַר „דייטשמעריש״ — און דאָס זעלביקע קען געזאָגט ווערן וועגן „אַנגליציזמען״ — איז שטאַרק איבערטריבן. אמת, מיר האָבן נאָך היינט קאָלעגן וואָס שרייבן „יעצט״ אָנשטאָט „איצט״, „נאַכהער״ אָנשטאָט „נאָכדעם״, „מאַנכע״ אָנשטאָט „געוויסע״ אָדער „אַנדערע״, „דאַצו״ אָנשטאָט „דערצו״, „קאָסטבאַר״ אָנשטאָט „טייער״, „פאָלגליך״ אָנשטאָט

---

*) „שפּראַך״ איז שוין אויך אַן אויסבעסערונג. אַמאָל פלעגט מען שרייבן „שפּראַכע,״ ווי מיר זעען, למשל, ביי ראָזענפעלד׳ן: „אָ, רוסלאַנד, קוים הער איך דיין שפּראַכע.״

„לסוף", „צייגן" אַנשטאַט „ווייזן", „הייראַט" אַנשטאַט „חתונה", „נייגעריג" אַנשטאַט „טשיקאַווע", „פּילייכט" אַנשטאַט „אפשר", „צוםביישפּיל" אַנשטאַט „למשל", „געגנזאַץ" אַנשטאַט „היפּוך", „פאַסן" אַנשטאַט „אָננעמען", „ענד" אַנשטאַט „סוף", „ענטזאַגן" אַנשטאַט „אָפּזאָגן", „מאָנאַט" אַנשטאַט „חודש", „אַבוואָהל" אַנ־שטאַט „כאָטש", „זאָגאַר" אַנשטאַט „אפילו", „אום" אַנשטאַט „כדי", א. אַז. וו.

דער אומבייט פון אַזעלכע דייטשישע ווערטער איז ניט נאָר באַרעכטיגט נאָר ער איז אַ געווינס פאַר דער אידישער שפּראַך. ער גיט־צו טראַדיציע און פאָלקסטימליכקייט אונזער לשון.

מיר קענען אָבער ניט איינשטימען מיט די פאַרגעשלאָגענע ווערטער, וואָס זיינען קינסטליך אויסגעאַרבעט, פרעמד דעם אי־דישן אויער ווייל זיי זיינען קיינמאָל ניט גענוצט געוואָרן, און שאַפן בלויז אַ פלאָנטער. דר. ראַבאַק שטעלט זיך אָפּ, למשל, אויף די שאַטירונגען פון דעם שורש „שפּרעך", און ווייזט־אָן, מיט רעכט, אַז „פאַרשפּרעכן" דאַרף פאַרביטן ווערן מיט „צוזאָגן", „באַשפּרעכן" — מיט „אָרומריידן". אָבער וואָס ער זאָגט, אַז אַנ־שטאַט „אויסגעשפּראָכענער" דאַרף מען שרייבן „אויסגעזאָגטער" (למשל: „אַן אויסגעזאָגטער סאָציאַליסט"), איז אַן אויסדרוק וואָס איז קיינמאָל ניט געהערט געוואָרן און פאַרפלאָנטערט בלויז דעם באַגריף פון דער זאַך. אויב אַזוי, טאָ ווי וואָלט דר. ראַבאַק זיך אַן עצה געגעבן מיט אַזאַ עכט אידישן און פאָלסטימליכן אויסדרוק ווי „אָפּשפּרעכן אַן עין הרע"? — „אָפּריידן אַן עין הרע"?, ניין, „אָפּריידן" קען מען אַ ווייב פון איר מאַן, אַ דינסט פון איר באַלע־באָסטע, א. אַז. וו., זיי זאָלן פון זיי אַוועק — און (מסתמא) אַריבערגיין צום אָפּריידער. „פאַררריידן" אַן עין הרע — אויך ניט. אַ „רויז" (מכה) „פאַררעט" מען (די ציין קען מען אויך „פאַרריידן"), אָבער אַן עין־הרע מוז מען „אָפּשפּרעכן"...

דר. ראַבאַק שטימט צו, אַז „אידיש וואָרצלט אין פאָלק און מוז קריגן זיין תיקון דורכן פאָלק". ער האַלט אויך פון דעם פּרינציפּ „צו שטיין נאָענט צום פאָלק, וואָס איז דער טרעגער, אויב ניט דער באַשאַפער פון דער שפּראַך". פולשטענדיג גערעכט!

אויב אַזוי, טאָ פאַרוואָס האָלט ער פון אויסקינצלען ווערטער, וועלכע זיינען פון פאָלק ניט באַשאַפן געוואָרן און זיינען אין פאָלק קיינמאָל ניט געהערט געוואָרן? אַזעלכע ווערטער ווי „אויסדריי־קעווודיק" (אַנשטאָט „אויסדרוקספול"), „אויסקלער" (אַנשטאָט „דערפינדונג"), „דערפאַרעניש" (אַנשטאָט „דערפאַרונג"), „פאַרזיכ־דיק" (אַנשטאָט „זעלבסטשטענדיג"), און נאָך אַזעלכע געמאַטערטע ווערטער, וואָס ער שלאָגט פאָר, וועט דאָס פאָלק קיינמאָל ניט אַראָפּשלינגען.

ווי געזאָגט, איז דער שרעק פאַר „דייטשמעריש" שטאַרק אי־בערטריבן. אין דעם געיעג אויף פאַרדעכטיגע דייטשמערישע ווער־טער ווערן גאַנץ אָפט גאָר אומשולדיגע ווערטער געכאַפּט און פאַראורטיילט. אויף אַזאַ אופן קען מען זיך אַנטשעפּן אַן די מערסטע אידישע ווערטער און זיי נעמען אויף אַ קרייץ־פאַרהער, ווייל זיי קומען פון דער דייטשער שפּראַך. אין דר. ראַבאַק'ס שרייבן אַליין קען מען געפינען אַזעלכע ווערטער, אויב מען זאָל זיך נאָר פאַר־לייגן אויף דעם. ער געברויכט, למשל, דאָס וואָרט „מיטע" (פון אונזער מיטע) וואָס איז, אויב מען וויל, עכט דייטשמעריש, און קאָן פאַרביטן ווערן אויף „קרייז" אָדער „געזעלשאַפט" (וואָס קומען, נאָך אַלעמען, אויך פון דייטש), וואָס קלינגען מער אידישלעך. „היפש" און „היפשלעך" איז אויך דייטשמעריש, און דר. ראַבאַק נוצט עס אין זיין אַרטיקל. אַזאַ וואָרט קאָן פאַרביטן ווערן, אויב מען וויל, מיט דעם עכט־אידישן וואָרט „נישקשה'דיג".

פאַרבייטן אַ דייטש־קלינגענדיג וואָרט אויף אַ פשוט פאָלק־סטימלעך וואָרט פון זעלבן באַדייט, איז גוט און פיין. אָבער זיך אַרויסלאָזן צו כאַפּן „דייטשמעריזמען" און זיי פאַרבייטן מיט ווער־טער, וואָס זיינען אומבאַקאַנט, אומפאַרשטענדליך, און האָבן פאַר'ן פאָלק קיין טעם און קיין ריח ניט — צו וואָס?

אין דעם געיעג צו פאַרבייטן ווערטער צוליב דייטשמעריזמען איז מען אָפט מקריב דעם אמת'ן באַדייט פונ'ם וואָרט. אַזאַ פאַל זע איך, למשל, אין דעם וואָרט „אַלס", וואָס מען פאַרבייט אויף „ווי". יעדער ווייסט אַז די צוויי ווערטער האָבן באַזונדערע מיי־נונגען און קענען ניט לאָגיש פאַרביטן ווערן, פונקט ווי מען קען

ניט אומבייטן די ווערטער „פון" אויף „פאַר", אָדער פאַרקערט. אָבער אַנשטאָט צו שרייבן, למשל, „ער האָט פיגורירט אַלס דער פאַרטרעטער פון זיין יוניאָן" שרייבט מען „ער האָט פיגורירט ווי דער פאַרטרעטער פון זיין יוניאָן". אַז די ענדערונג איז פאַרפּי־רעריש, דאָס איז לייכט צו זען. אין דעם ערשטן פאַל ווייזט עס, אַז ער איז דער פאַרטרעטער פון זיין יוניאָן און האָט אַזוי פיגו־רירט; אין דעם צווייטן פאַל זעט מען, אַז ער אַליין איז ניט דער פאַרטרעטער, נאָר ער האָט בלויז פיגורירט אַזוי ווי דער פאַר־טרעטער.

אידיש איז אַ ציטערדיג קינד. לאָמיר עס דערציען און פלעגן („קאַרמענען"?) פאַרזיכטיג און מיושב׳דיג, ביז די צייט וועט קומען און מיר וועלן זיך קענען פאַרגינען אַ וועלט־קאָנגרעס פאַר דער אידישער שפּראַך.

(„יידישע קולטור," ניו יאָרק, 1945).

דער איד און זיין בוך

(צו דער גרינדונג פון „אידישן ביכער־ראַט פון אַמעריקע")

אַמאָל איז געווען... יאָ, עס קלינגט ווי אַ צויבער־מעשה:

אַמאָל, אַמאָל, מיט טויזנטער יאָרן צוריק, זיינען געווען צוויי ברידער. האָט איינער געהייסן יעקב און דער אַנדערער האָט גע־הייסן עשו (אייסאַוו). פלעגט עשו יעדן טאָג אַוועקגיין אין די פעל־דער און וועלדער צו פאַנגען חיות — מסתמא צו שעכטן און עסן — און יעקב פלעגט שטענדיג זיצן אין זיין געצעלט און לערנען אין די אַמאָליגע „ספרים"...

האָט יעקב געהאַט קינדער און קינדס־קינדער, און אור־איי־ניקלעך, און אַזוי ווייטער, ביז זיי האָבן זיך פאַרמערט צו זעקס הונדערט טויזנט, ווען זיי האָבן פאַרלאָזן מצרים און אַריינגעוואַנ־דערט אין דער מדבר.

און דאָרט, אין דער מדבר, האָבן יעקב'ס אייניקלעך באַוויזן, אַז זיי האָבן גע'ירש'ענט זייער זיידע'ס „שוואַכקייט" פאַרן ספר: ווען מען האָט דאָרט, אויפ'ן באַרג סיני, אַנגעבאָטן אַ „ספר" און קיינער האָט אים ניט געוואָלט נעמען, האָבן יעקב'ס אייניקלעך זיך אָנגעכאַפּט אָן אים ווי אָן אַ טייערן אוצר, וואָס איז פאַרבליבן זייער ירושה ביז היינטיגן טאָג.

און אַזוי זיינען פאַרלאָפן נאָך יאָרן און יאָרן. יעקב'ס אייניק־לעך האָבן זיך פאַרמערט ווי „די זאַמד ביים ברעג ים"... און אַזוי ווי איבער די זאַמד ביים ברעג ים שווימען אַריבער פיל וואַסערן, אַזוי זיינען אויך איבער יעקב'ס אייניקלעך פיל וואַסערן אַריבערגעלאָפן... זיינען זיי געוואָרן אַ פאָלק מיט אַ לאַנד, און — אַ פאָלק אָן אַ לאַנד... זיינען זיי צוזייט און צושפּרייט געוואָרן אי־בער דער גאַנצער וועלט, אָבער זייער ליבע צום ספר איז ניט אָפּ־געקילט געוואָרן, און זיי האָבן געקראָגן דעם טיטל „עם הספר" — דאָס פאָלק פון בוך. — — —

און איצט זעען מיר דעם „עם הספר" אין קאַמף פאַר זיין עקזיסטענץ — ניט נאָר פאַר זיין גייסטיגן און עקאָנאָמישן נאָר אויך פאַר זיין פיזישן עקזיסטענץ. עס איז פאַר אים פשוט אַ פראַגע פון לעבן און טוידט. ער איז באַפאַלן געוואָרן פון עשו'ס אייניקלעך וועלכע האָבן פון זייער זיידן גע'ירש'ענט די הייס בלוט און לוסט צו מאָרדן. ווערן יעקב'ס אייניקלעך געמאָרדעט און פאַרטיליגט אין איין ווינקל פון דעם ערדקוגל, גע'רודפ'ט און געפּייניגט אין אַ צווייטן ווינקל, געהאַסט און פאַרטריבן אין אַ דריטן ווינקל, און אַזוי ווייטער.

אַט אין אַזעלכע מאָמענטן, ווען דאָס לעבן שטייט אין קאָן, ווען דער גאַנצער פיזישער, גייסטיגער און עקאָנאָמישער עקזיסטענץ הייגגט אין דער לופטן, פאַרגעסן ניט יעקב'ס אייניקלעך אָן זייער היסטאָרישן באַרוף און פאַרנעמען זיך מיט אַרבייט פאַר דעם וואויל־זיין פון זייער בוך...

קומען אידן און פירן־איין אַ יערליכע ביכער־וואָך, אַ ביכער־חודש, און מען זוכט וועגן און מיטלען צו העלפן פּראָדוצירן, פאַרשפּרייטן און פּאָפּולאַריזירן דעם אידישן בוך און פאַראינטערעסירן דעם אידישן עולם אין דעם אידישן וואָרט — זאָל עס זיין וועגן רעליגיע, וויסנשאַפט, ליטעראַטור, קונסט, אונטערהאַלטונג; מעג עס זיין אין אידיש, אין העברעאיש אָדער אין ענגליש — אַבי זיך דערנענטערן צו די „שוואַרצע פּינטעלעך" און אָנהאַלטן די גרויסע טראַדיציע וואָס די געשיכטע האָט אונז צוגעטיילט.

יעקב'ס אייניקלעך! אידן פון היינט און פון מאָרגן! לאָמיר טייער האַלטן אונזער גייסטיגע ירושה, וואָס האָט אונז דערהאַלטן ביים לעבן פאַר טויזנטער יאָרן; לאָמיר סטימולירן און פאָרטזעצן אונזער ליבע, אַכטונג און ווירקונג פאַר דעם געדרוקטן וואָרט — עד סוף כל הדורות.

(„אידישער פאַמיליען־זשורנאַל", עדיטאָריעל, 1943).

וואו זיינען אונזערע קינדער?

וואו זיינען אונזערע קינדער? — די קליינע קינדער און די גרויסע קינדער? וואו זיינען זיי און מיט וואָס אינטערעסירן זיי זיך?

דער ענטפער איז ניט קיין איבעריג פרייליכער. וואו זיינען זיי? — אומעטום זיינען זיי: אין סקול און אין די „מואוויס", אין טאַנץ־זאַל און אויפ'ן ספאָרט־פעלד, אומעטום — נאָר ניט ביי אונז.

מיט וואָס אינטערעסירן זיי זיך? — מיט אַלצדינג אינטערע־סירן זיי זיך: מיט פרייז־פאַיטס און מיט קאָרטן, מיט אָטאָמאָבילס און מיט „פאַן", מיט אַלצדינג — נאָר ניט מיט אונזערע (אידישע) אינטערעסן.

צו אונז זיינען זיי כמעט ווי פרעמדע. זיי אינטערעסירן זיך ניט מיט אונזערע פּראָבלעמען, זאָרגן ניט וועגן אידישע צרות און פרייען זיך ניט מיט אידישע נצחונות; אונזערע אידעאַלן זיינען זיי פרעמד און אונזערע אַספּיראַציעס — אומבאַקאַנט.

פאַרשטייט זיך, אַז עס זיינען פאַראַן גליקליכע אויסנאַמען, אָבער וויפיל?

דאָך קען מען ניט זאָגן, אַז אונזערע קינדער זיינען שלעכטע. עס איז גיכער אָנצונעמען, אַז זיי זיינען אַליין ניט שולדיג. די צרה איז נאָר וואָס מיר און אונזערע קינדער זיינען געבאָרן געוואָרן אין צוויי באַזונדערע וועלטן, אונטער פאַרשידענע אומשטענדן. אונזער אייגענע דערציאונג אין דער „אַלטער היים" איז געווען אַ ריין־אידישע; רעליגיעז, טראַדיציאָנעל, אָדער פּראָגרעסיוו — אָבער מיט אַ אידישן תוך און טענדענץ. אפילו דאָס וועלטליכע, דאָס אויסערליכע אין אונזער לעבן, האָט אויך באַקומען אַ אידישן חן און באַטירליכערוייז זיך אריינגעפּאַסט אין דער אידישער אַט־מאָספערע.

אַנדערש איז אָבער דער פאַל מיט אונזערע קינדער, וועלכע זיינען געבאָרן געוואָרן אין דער „נייער היים" — אַמעריקא. זייער

דערציאונג האָבן זיי געקראָגן אין די אַלגעמיינע פּאָבליק סקולס און האַי סקולס, און האָבן סאַי אין סקול און סאַי אין גאַס אַריינגעזאַפּט אין זיך דעם אַלגעמיינעם אַמעריקאַנער גייסט. אַט אַזוי האָט זייער אַנטוויקלונג פּראָגרעסירט אין דער אַטמאָספערע פון אַמעריקאַנעם שמעלץ־טאָפּ — אין זייער שפּראַך ווי אין זייערע פאַרווײלונגען, אין זייערע אַספּיראַציעס ווי אין זייערע אַנשויאונגען. זיינען זיי קינדער פון דער פרייער, און באמת געבענטשטער אַמעריקע, אָבער מיט אַ געוויסער פּרעמדקייט צו זייערע עלטערן פון דער „אַלטער וועלט", מיט וועמען זיי קענען זיך גייסטיג ניט צוזאַמענשמעלצן.

אויב מיר ווילן ציען ווייטער דעם פאָדים פון אונזער אידישנאַציאָנאַלער עקזיסטענץ, מוזן מיר אונזערע קינדער (און אויך אַ רעכט ביסל פון אונזערע „גרויסע"...) באַקענען מיט דעם אידישן גייסט, אידישע ווערטן און אידעאַלן, דורך ריידן צו זיי אין זייער אייגענער שפּראַך, אין דעם לשון דורך וועלכן זיי האָבן זייער דערציאונג באַקומען, אויב אידיש איז ניט צוגיינגליך צו זיי. אין דעם פאַל וועט די שפּראַך וויניגסטנס דינען ווי אַ מיטל צו דערגרייכן אַ פיל העכערן ציל.

דער וואַרשעווער געטאָ־קאַמף

דער פאַרביטערטער און פאַרצווייפלטער קאַמף וואָס די אידן פון דער וואַרשעווער געטאָ האָבן פאַרפירט קעגן זייערע נאַ־צישע אויסראָטער, האָט אָנגעצונדן אַ פייער אין אונזער פאָלקס־לעבן, וואָס האָט שוין כמעט געהאַלטן ביים אויסגעלאָשן ווערן.

דאָס איז דאָס פייער פון אידישן קוראַזש, אָפּטימיזם, און זעלבסט־רעספּעקט, וואָס האָט אונזער פאָלק דערהאַלטן ביים לעבן פאַר צוויי טויזנט יאָר אונטער שווערע גלות־באַדינגונגען, אין דער צייט וואָס אַנדערע פעלקער, אונטער בעסערע באַדינגונגען, זיינען אונטערגעגאַנגען אָדער רעדוצירט געוואָרן צו אומבאַדייטנדיגע קליינע גרופּן אָדער פעלקערשאַפטן.

יאָ, דאָס פייער פון אידישן קוראַזש און זעלבסט־רעספּעקט זשיפּעט קוים צו באַמערקן, און עס דאַכט זיך, אַז אָט־אָט, און עס ווערט אינגאַנצן אויסגעלאָשן...

דאָס זעען מיר קלאָר אין אונזער רעאַגירן און אָפּרוף צו דער גרויסער קאַטאַסטראָפע וואָס איז אונז באַפאַלן און ביטערער לאַגע אין וועלכער מיר זיינען אַריינגעוואָרפן געוואָרן דורך היטלער׳ס אַגרעסיע־משוגעת און פאַנאַטישן אַנטיסעמיטיזם. אונטער נאָר־מאַלע אומשטענדן — ווי עס וואָלט געווען צו דערוואַרטן פון אַ פאָלק וואָס האָט געקענט ביישטיין די שווערסטע נסיונות אין קאַמף פאַר זיין עקזיסטענץ און נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין — וואָלטן מיר איצט געדאַרפט אויפרייסן פון שלאָף אַלע אונזערע גלייכגילטיגע, אַפּאַטישע און קאַלטבלוטיגע אידן, יחידים אָדער גרופּן, און מיט זיי צוזאַמען אויפרודערן די וועלט. זאָל די בעסערע וועלט בעסער זען אונזער לאַגע, זאָל זי מיטפילן אונזער צער און זיך פאַראינטע־רעסירן מיט אונזער גורל. אָבער וואָס זעען מיר?

די אַפּאַטיע און גלייכגילטיגקייט אין אונזערע רייען זיינען פון אַן אומפאַרגעבליכן כאַראַקטער. גרויסע צאָלן פון אונזער אַמעריקאַנער אידישער באַפעלקערונג אינטערעסירן זיך בכלל ניט מיט דער אַלגעמיינער אידישער לאַגע, און אַנדערע פאַרנעמען

זיך העכסטנס מיט באַשריינקטע ענינים פון אַן איינגן לאָקאַלן באַדייט.

אָבער נאָך ערגער פון אונזערע גלייכגילטיקע און אַפּאַטישע עלעמענטן זיינען די באַוואוסטזיניקע טרוסן מיט די שקלאַפּישע נשמות וועלכע אַנטלויפן פון דעם אידישן יאָמערטאָל, אָדער פאָלקס־קריזיס, און באַהאַלטן זיך אונטער דעם מאַנטל פון לאָקאַלן „פּאַט־ריאָטיזם" אָדער, פאַרקערט, פון „וועלט־ברודערשאַפט", כדי אויס־צומיידן וועלכע־עס־איז באַטייליגונג אין דעם אידישן פאַרצווייפלטן געראַנגל מיט זיינע קאָמפּליצירטע אומשטענדן.

אַזאַ האַלטונג זעען מיר ביי אַ סך פון אונזערע געזעלשאַפט־ליכע פירער און ממילא אויך ביי זייערע געפירטע. ביז אַ געוויסן גראַד האָט אָט־די האַלטונג אויך אַנגעשטעקט אונזער לאַיאַלער אידישער פירערשאַפט, וועלכע וואָלט אַנדערש קיין פשרות ניט געמאַכט אויף דעם חשבון פון די אידישע ליידן פון היינט און אויס־זיכטן פון דער צוקנפט.

און ווען זיי גיבן שוין יאָ אַ קרעכץ אויף די אידישע צרות, איז דאָס ניט חלילה קיין אידישער קרעכץ — אַ קרעכץ פון אַן אייגענעם, אַ מיטליידנדיגן נאָר אַ קרעכץ פון אַ „הומאַניטאַריער" ווען עס ווייטאָגט דאָס האַרץ פאַר דער „ליידנדער מענטש־הייט"...

מען קען אפשר ניט זאָגן, אַז די דירעקטע און אומדירעקטע גלייכגילטיקייט צו דער אידישער לאַגע מצד געוויסע טיפן פון אונזער פאָלק זיינען איצט ערגער ווי ווען־עס־איז פריער. אָבער פריער האָבן מיר זיך געקאָנט פאַרגינען צו איגנאָרירן זייער האַל־טונג און אָנפירן אונזער לעבנס־שטייגער און אינטערעסן אָן זיי. איצט אָבער איז די לאַגע אַזאַ וואָס פאָדערט פון אונז יעדן פּאָדים פון פאַראייניגונג, יעדן אונץ ענערגיע און יעדן טראָפּן הילף, סאַי פאַר אונזער קיום פון היינט און סאַי פאַר אונזער גאַנצקייט פון מאָרגן.

די גלייכגילטיקייט וואָס האָט געקאָנט אַמאָל טאָלערירט ווערן קוקט דערפאַר אויס אין דער איצטיגער שעה ווי אַ בייז־ווילליגע רשעות וואָס איז אומפאַרגעבליך, אָדער ווי אַ טויטליכע

אומבאַהאָלפנקייט וואָס איז צום באַדויערן. אין יעדן פאַל זעט עס אויס ווי אונזער ענערגיע איז אויסגעשעפּט, אונזער קוראַזש פאַרשוואונדן, און אונזער שטאָלץ געבראָכן. דאָס פייערל פון אונזער פאָלקס־לעבן זשיפּעט, ווי פריער געזאָגט, קוים צו באַמערקן, און עס דאַכט זיך אַז עס האַלט ביים אויסגעלאָשן ווערן...

אָבער דאָ האָט אויפגעבליצט אַ פונק וואָס האָט אונזערע פינסטערע מחשבות באַלויכטן. דער קאַמף פון אונזערע ברידער אין דער וואַרשעווער געטאָ דערמאָנט אונז אָן אונזערע קדושים, די מאַרטירער, וועלכע האָבן באַצאָלט מיט זייער לעבן פאַר אַ הייליגן אידעאַל. די געטאָ קעמפער האָבן ניט געזוכט צו אַנטלויפן אָדער בעטן זיך מיט טרערן ביי זייערע מערדער זיי לעבן צו לאָזן, נאָר זיינען די נאַצישע בעסטיעס אַנטקעגן געקומען מיט טויט פאַר טויט — תמות נפשי עם פלישתים, ווי אונזער ביבלישער העלד, שמשון, האָט אויסגערופן אונטער אַזעלכע אומשטענדן.

דאָס באַווייזט אַז אונזער לעבנס־נערוו איז נאָך ניט אָפּגעשטאָרבן — אַז ערגעץ טליעט נאָך אַ פונק פון אונזער נאַציאָנאַלן מוט, מענשליכן נקמה־געפיל און זעלבסט־רעספּעקט.

און דאָרט וואו עס איז דאָ לעבן איז אויך דאָ האָפענונג...

איינינקייט אויף אַלע פראַנטן

„איינינקייט" איז אַ מאַגיש וואָרט, וואָס איז בכח אָנצוזינדן דעם ענטוזיאַזם ביי יעדן איינעם. נאָך פון די ערשטע טעג פון ציוויליזאַציע ביז צום היינטיגן טאָג איז איינינקייט אַגיטירט געוואָרן פון אַלע פירנדיגע כחות, רעליגיעזע, נאַציאָנאַלע, סאָציאַלע, פּאָליטישע, עקאָנאָמישע, רעוואָלוציאָנערע, און אַלע גרופּירונגען פון מענטשן, וואָס האָבן געהאַט אַ געמיינשאַפטליכן אינטערעס אָדער שטרעבונג. די פראַזע „אין איינינקייט איז מאַכט" איז כמעט אַן אַלוועלטליכער באַגריף, און ווערט אָפט געברויכט ווי אַ שלאָגוואָרט אין פיל באַוועגונגען וואו איינינקייט איז דער וויכטיגסטער כח.

אויב איינינקייט איז גוט פאַר אַלעמען, קען מען זיך שוין משער־זיין וויפיל איינינקייט איז „גוט פאַר אידן"! אידן זיינען צעשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט, לעבן אונטער פאַרשידענע באַדינגונגען, דאַרפן זיך צופּאַסן צו פאַרשידענע אומשטענדן, און זיינען דערפאַר צום שוואַכסטן פאַראייניגט, כאָטש פאַרפלאָגט ווערן זיי גראָדע ווי אַן איינהייט — כל ישראל ערבים זה בזה — און אויך ווי אַן איינהייט קומט זיי אויס זיך צו פאַרטיידיגן.

ביי דער איצטיגער לאַגע, ווען אידן לעבן דורך דעם גרעסטן קריזיס אין זייער געשיכטע, איז איינינקייט פּשוט אַ לעבנס־נויטווענדיגקייט, פּונקט ווי לופט איז נויטיג צום לעבן.

געוויס קען איינינקייט געשאַפן ווערן דורך פּיל אָנשטרייננגונג אין צייט פון אַ נויטפאַל. אָבער די נאָרמאַלע איינינקייט וועלכע מיר, אידן אין אַמעריקע, דאַרפן שאַפן, מוז קומען אויף אַ נאַטירליכן אופן אין דריי פאַרשידענע שטופן.

די ערשטע שטופע פון איינינקייט מוז קומען אין דער פאַמיליע. פּונקט ווי צדקה דאַרף האָבן איר וואָרצל אין דער אייגענער פאַמיליע, אַזוי מוז אויך איינינקייט זיך אָנפאַנגען ביי זיך אין דער היים. די ערשטע שטופע פון איינינקייט דאַרף דערפאַר דערגרייכט ווערן צווישן די עלטערן און זייערע קינדער. ווי מיר האָבן

שוין ביי אַן אַנדער געלעגנהייט אַנגעוויזן, איז אַט־די שטופע פון אייניגקייט, אין דעם לאַנד, גאָר ניט קיין לייכטע צו דערגרייכן, דערפאַר וואָס די מערסטע עלטערן זיינען געבאָרן און דערצויגן געוואָרן אין אַנדערע לענדער, דורך שפּראַכן און קולטורן וועלכע זיינען פרעמד זייערע אַמעריקאַנער־געבאָרענע קינדער.

די פאַמיליע־אייניגקייט איז דאָ דערפאַר אַ פּראָבלעמע, וואָס פאָדערט אַ ספּעציעלע באַהאַנדלונג.

די צווייטע שטופע פון אייניגקייט מוז געשאַפן ווערן צווישן אידן און אידן בכלל. אין אַמעריקע איז אַט־די אייניגקייט אויך ניט קיין לייכטע דורכצופירן. די שוועריגקייט קומט דאָ ערשטנס טאַקע דערפאַר וואָס מיר האָבן דאָ אַמעריקאַנער־געבאָרענע אידן און איינגעוואַנדערטע אידן — צוויי אָפּגעזונדערטע טיפּן — און צווייטנס, וואָס מיר האָבן דאָ אידן פון פאַרשידענע לענדער, וועלכע זיינען אויך אַביסל פאַרשידן אין זייער דערציאונג, געוואוינהייטן א. אַז. וו.

די דריטע שטופע פון אייניגקייט צו וועלכע מיר דאַרפן שטרעבן, איז צווישן אונז און אונזערע קריסטליכע מיטבירגער אין דעם לאַנד. די אייניגקייט דאַרף זיין אויף דעם גרונט פון דעם אַלגעמיינעם וואוילשטאַנד, נאַציאָנאַלע פאַרטיידיגונג, און אַלע געמיינשאַפטליכע אינטערעסן פאַר דעם בענעפיט פון דעם לאַנד בכלל און פון יעדן בירגער בפרט.

אַזאַ פאַראייניגונג פון נאַציאָנאַליטעטן אָדער רעליגיעזע גרופּן איז אַ ברכה פאַר אַלעמען, און בפרט פאַר אונז, אידן, וועלכע זיינען אויסגעזעצט צו דיסקרימינאַציעס, אַנטיסעמיטיזם און פאַרפאָלגונג. אין די מערסטע איראָפּעאישע לענדער איז אַזאַ פאַראייניגונג אויסגעשלאָסן, אָבער אין דער פרייער אַמעריקע איז עס ניט נאָר מעגליך נאָר איז אין איינקלאַנג מיט דער אַמעריקאַנער קאָנסטיטוציע, טראַדיציע, און ווערט דערמוטיגט פון די פאָרנעמסטע אַמעריקאַנער, ווי באַרימטע שטאַטסלייט, פאָרשטייער פון די פּראָטעסטאַנטישע און קאַטוילישע רעליגיעס, און געזעלשאַפטליכע פירער אין אַלגעמיין.

עס איז דערפאַר אונזער פליכט און פריווילעגיע זיך אָנצו־שליסן און באַטייליגן אין די עקזיסטירנדע אָרגאַניזאַציעס ווי די „נעשאָנאַל קאָנפערענס אָוו קריסטיעַנס ענד דזשוס", די „קאָנסיל אַגיינסט אינטאָלעראַנס אין אַמעריקאַ", די „קאמאַן קאָנסיל פאַר אַמעריקאַן יוניטי", די „פריענדס אָוו דעמאָקראַסי", און אַלע אַנדע־רע ליבעראַלע אָרגאַניזאַציעס, וואָס באַצוועקן צו שאַפן האַרמאָניע, גוטן ווילן, פריינטשאַפט און קאָאָפעראַציע צווישן אַלע גרופן פון דער אַמעריקאַנער באַפעלקערונג.

א י י נ י ג ק י י ט איז דער געבאָט פון דער שעה. די דריי שטופן פון פאַראייניגונג, וועלכע מיר האָבן דאָ אָנגעוויזן, דאַרפן ענערגיש און ווירקזאַם דורכגעפירט ווערן. אונזער שלאָג־וואָרט דאַרף דערפאַר זיין: א י י נ י ג ק י י ט א ו י ף א ל ע פ ר א נ ט ן!

(„אידישער פאַמיליען־זשורנאַל," עדיטאָריעל, 1941)

אידישן אָפּטימיזם פאַרלאַנגט

מען האָט אַמאָל געבעטן אַ קלוגן מאַן צו דערקלערן אין פשוט'ע ווערטער דעם אונטערשייד פון אַ פעסימיסט ביז אַן אָפּטימיסט. האָט ער דאָס דערקלערט אַזוי: ווען איינער האָט גע־האַט אַ פלאַש שנאַפּס און האָט שוין אַ העלפט אויסגעטרונקען, דאַן ווענדט זיך ווי ער קוקט אויף דער פלאַש — אויב ער קוקט אויף דער ליידיגער העלפט, וואָס איז שוין אַוועק, איז ער אַ פעסימיסט און אויב ער קוקט אויף דער איבערגעבליבענער העלפט, וואָס ער האָט נאָך צו טרינקען, איז ער אַן אָפּטימיסט... עס ווענדט זיך, דערפאַר, ווי איינער קוקט אויף אַ זאַך.

געלערנטע און דענקער זיינען ניט איינשטימיג צווישן זיך וועגן דעם קוואַל פון די דאָזיגע אייגנשאַפטן. אַנדערע האַלטן, אַז דאָס זיינען מיטגעבאָרענע אייגנשאַפטן און אַנדערע דענקען אַז דאָס איז אַ פראַגע פון דערציערישער אַנטוויקלונג. אַזוי צי אַזוי, זעען מיר, אַז סאַי די פעסימיסטן און סאַי די אָפּטימיסטן זיינען שטענדיג אויסגעהאַלטן אין זייער שטימונג, אָפּגעזען פון דער לאַגע און אומשטענדן אונטער וועלכע זיי געפינען זיך.

דאָס איז דער פאַל מיט איינצעלנע מענשן און, ביז אַ גאַנץ גרויסער מאָס, אויך מיט גאַנצע פעלקער.

צווישן פעלקער פון אָפּטימיסטישן כאַראַקטער פאַרנעמט דאָס אידישע פאָלק דעם אויבנאַן. דער אָפּטימיזם האָט דעם אידישן פאָלק דורכגעפירט דורך די שווערסטע צייטן און גרעסטע געפאַרן וואָס ער האָט איבערגעלעבט דורך זיין דריי־טויזנט יאָריגער גע־שיכטע. גרעסערע און שטאַרקערע פעלקער זיינען דורך דער צייט פון זיין עקזיסטענץ אָפּגעמעקט און פאַרגעסן געוואָרן. נאַציאָנען זיינען געקומען און נאַציאָנען זיינען אונטערגעגאַנגען; די וועלט־מאַפּע האָט זיך אומצייליגע מאָל געביטן; די ציוויליזאַציע איז דורכגעגאַנגען פאַרשידענע שטופן, און די עקאָנאָמישע וועלט־לאַגע האָט דורכגעמאַכט די גרעסטע ראַדיקאַלע ענדערונגען; די וועלט פון היינט איז אַ גאַנץ אַנדערע ווי די פון דער צייט ווען

דאָס אידישע פאָלק איז געשאַפן געוואָרן — און דער איד האַלט־אָן זיין עקזיסטענץ סאַי קערפּערליך און סאַי גייסטיג.

דאָס אידישע פאָלק עקזיסטירט טראָץ די דראָענדיגע געפאַרן פון פאַרניכטונג וואָס ער איז דורכגעגאַנגען דורך זיין געשיכטע; טראָץ דעם שרעקליכן פאַרניכטונג־קאַמפּיין וואָס ווערט אַזוי גרויזאַם אָנגעפירט פון די אַקס־באַרבאַרן אין דער איצטיגער מלחמה; און, אויך, טראָץ די אַסימילאַטאָרישע אַספּיראַציעס, וואָס זיינען פאַר פיל יאָרן אָנגעגאַנגען אויף אַ „פרידליכן" אופן אין אונזערע אייגענע רייען — און זיינען סוף־כל־סוף צוזאַמענגעבראָכן.

די פאַרטזעצונג פון אונזער עקזיסטענץ איז דער רעזולטאַט פון אונזער אומדערשעפּליכן אָפּטימיזם, אונזער גלויבן און בטחון, אונזער טרייסט און אונזער האָפענונג. — מיר קוקן אויף דעם האַלבן פלאַש וואָס איז אונז נאָך איבערגעבליבן צו טרינקען...

* *

דאָס זאָגן מיר אַלץ אַנטקעגן דער שטימונג וואָס אַנטוויקלט זיך ביי געוויסע שיכטן פון דער אַמעריקאַנער באַפעלקערונג. מלחמה איז אַן ערנסטער ענין וואָס רויבט די רו ביי די איינוואוינער פון אַ לאַנד. דאָס איז גאַנץ נאַטירליך. אָבער גראַדע אין אַזאַ צייט פאָדערט זיך מוט, קוראַזש און אָפּטימיזם.

אידישן אָפּטימיזם פאַרלאַנגט אין דער איצטיגער שעה, פאַר אונז אַליין ווי אויך פאַר אונזערע ניט־אידישע מיטבירגער. געוויס זיינען פאַראַן גענוג פעסימיסטן צווישן אידן. אָבער דאָ רעדט זיך וועגן דעם כלל, וועגן דעם אַלגעמיינעם כאַראַקטער פון דעם גאַנצן פאָלק. דערמאָנען מיר דאָ די יחידים פעסימיסטן אין דער איצטיגער שעה ווי אונזער אָפּטימיזם האָט אונז אויפגעהאַלטן פאַר טויזנטער יאָרן — און וועט אונז אויך אויף ווייטער אויפהאַלטן, אויב מיר וועלן דעם מוט ניט פאַרלירן. דאָס באַציט זיך סאַי אויף אונזער אייגענער אידישער לאַגע און סאַי אויף אונזער אַלגעמיינער לאַגע וואו מיר טיילן דעם גורל פון אַלע אונזערע ניט־אידישע

מיט־מענשן אין די דעמאָקראַטישע לענדער וועלכע ווערן פון די באַרבאַרישע פעלקער־באַנדעס באַדראָט.

דער אידישער אָפטימיזם איז אַ שטאַרקער שוץ, אַ מעכטיגער וואָפן אין דעם קאַמף פאַר עקזיסטענץ, אויסדויער, און טריאומף. לאָמיר אים אָנהאַלטן אונטער אַלע אומשטענדן.

(„אידישער פאַמיליען־זשורנאַל," עדיטאָריעל, 1942)

אונזער צווייפאַכע פאַרטיידיגונג

דער אומשטערבליכער שלום עליכם, וועלכער האָט דורך הומאָר און סאַטירע אַרויסגעבראַכט די טראַגי־קאָמישע שטריכן אין אידישן פאָלקס־לעבן, האָט צום בעסטן כאַראַקטעריזירט די לאַגע פון דעם „איד צווישן די פעלקער" (ישראל בין העמים) דורך דער מעשה'לע פון צווויי גוים, וועלכע האָבן זיך אָנגעטראָפן צוזאַמען מיט זייערע אידישע באַגלייטער, און האָבן זיך צוקריגט און צושלאָגן. די קלעפּ האָבן אָבער געכאַפּט די אידן: „דו שלאָגסט מ י י ן איד, דערפאַר וועל איך שלאָגן ד י י ן איד"...

אין אַלע מלחמות צווישן פעלקער איז די אידישע לאַגע געווען די זעלביגע ווי די פון די צוויי אידן אין שלום עליכמ'ס דערציילונג. די אידן, וועלכע זיינען צעשפּרייט צווישן פאַרשידענע פעלקער, זיינען פּאַטריאָטן פון די לענדער אין וועלכע זיי לעבן, און אין צייט פון מלחמה זיינען זיי פון די ערשטע זיך אָנצושליסן אָן די אַרמייען פון זייערע לענדער. דערפאַר איז אָפט אויסגעקומען, אַז די אידן האָבן געקעמפט קעגן אידן, ווי עס איז דעמאָנסטרירט געוואָרן דורך דער פאַריגער וועלט־מלחמה, ווען אַן עסטרייכישער אידישער סאָלדאַט האָט אויפן שלאַכט־פעלד זיך באַגעגנט מיט זיין ברודער פון לאָנדאָן, וועלכער האָט געקעמפט אין דער ענגלישער אַרמיי. דער סך־הכל פון די אַלע מלחמות איז, אַז וועלכער צד עס זאָל ניט געווינען — דער איד איז אַלע מאָל דער געשלאָגענער.

אַנדערש איז אָבער דער פאַל מיט דער איצטיגער וועלט־מלחמה. דאָס מאָל איז עס אַ קאַמף ניט נאָר פאַר טעריטאָריעס און מאַרקן, נאָר אויך פאַר אידייען, באַגריפן, און רעגירונגס־סיסטעמען — עס איז אַ קאַמף צווישן דיקטאַטור און דעמאָקראַטיע, צווישן שקלאַפעריי און פרייהייט, צווישן באַרבאַריזם און ציוויליזאַציע. אידן זיינען שטענדיג געווען אויף דער זייט פון דעמאָקראַטיע, פרייהייט און גלייכהייט. דערפאַר קענען מיר אין דעם איצטיגן פאַל ניט זאָגן אַז, „וועלכער צד עס זאָל ניט געווינען — מיר וועלן סאַי ווי זיין די פאַרלירער". אין דער איצטיגער וועלט־

מלחמה איז די זאַך קלאָר פאַר יעדן: מיט דעם געווינס פון די אַליאירטע דעמאָקראַטיעס איז אונזער צוקונפט אַ האָפנונגספולע; מיט דעם געווינס פון די אַקס־באַרבאַרן, חלילה, איז אונזער צוקונפט אַ פינסטערע...

דערצו איז פאַראַן נאָך אַ וויכטיגער עלעמענט וואָס מאַכט נאָך טיפער דעם חילוק־תהום צווישן די צוויי קעמפנדיגע צדדים, ספּעציעל פאַר אונז אידן. דאָס איז דער עלעמענט פון אַנטיסע־מיטיזם וועלכן די נאַציס און פאַשיסטן האָבן געמאַכט פאַר זייער הויפּט אישו. ניט נאָר באַצוועקן זיי אויסצוראָטן די אידן פון זייערע אייגענע און אָוועקגערויבטע לענדער, נאָר זיי פאַרשפּרייטן די פּעסט פון אַנטיסעמיטיזם אין אַלע אַנדערע לענדער וואו זייער איינפלוס דורך זייערע פינפטע קאָלומניקעס אָדער לאָקאַלע אַנטי־סעמיטן קענען נאָר גרייכן. אפילו אַמעריקע איז, ליידער, פון דעם ניט אויסגעשלאָסן.

מיט דעם אַריינטריט פון די פאַראייניגטע שטאַטן אין דער מלחמה, איז אונזער שטעלונג צו דעם גרויסן קאַמף דערפאַר באַפעסטיגט געוואָרן אין אַן איינהייטליכן באַשלוס: מיר גיבן זיך איבער צו דער פאַרטיידיגונג פון אונזער לאַנד און דעמאָ־קראַטישע אינסטיטוציעס, צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע געטרייע זין פון אונזער באַליבטן פאָטערלאַנד. אין דער זעלביגער צייט זיינען מיר גרייט צו ברייגנען קרבנות אפשר נאָך מער ווי אונ־זערע מיטבירגער, צוליב אונזער צ ו ו י י פ א כ ע ר פ אַ ר ט י י ד י ג ו נ ג — די דירעקטע פאַרטיידיגונג אַלס אַמעריקאַנער און אומדירעקטע פאַרטיידיגונג אַלס אידן.

דער זיג פון די פאַראייניגטע שטאַטן און אירע פאַרבינדעטע אין דער איצטיגער וועלט־מלחמה, איז אויך דער זיג פון די אידן איבער דער גאַנצער וועלט.

(„אידישער פאַמיליען־זשורנאַל,״ עדיטאָריעל, 1942)

די פּאַמיליע אין דער מלחמה

מיר ווילן דאָ זאָגן גלייך פון אָנפאַנג, אַז די טעמע „די פאַמיליע אין דער מלחמה" איז אונז אינספּירירט געוואָרן דורך דעם אומפאַרגעסליכן פּאַראַד אונטער דעם נאָמען „ניו יאָרק אין דער מלחמה" („ניו יאָרק עט וואָר") וואָס ניו יאָרק האָט דורכגעפירט שבת, דעם 13־טן יוני.

דער פייערליכער פּאַראַד איז געווען דער גרעסטער און אימפּאָזאַנטסטער אין דער געשיכטע פון ניו יאָרק. אַ האַלבער מיליאָן מענטשן האָבן זיך באַטייליגט אין דעם פּאַראַד און דריטהאַלבן מיליאָן מענטשן זיינען געווען די צושויער. אין דעם היסטאָרישן פּאַראַד האָבן זיך באַטייליגט די אַרמיי, דער פלאָט, טאַנקען, לופט קרעפטן, פאַרשידענע נאַציאָנאַליטעטן אין זייערע נאַציאָנאַלע קאָסטיומען, אַלע שטאָטישע דעפּאַרטמענטס, נאַציאָנאַלע אינסטיטוציעס, יוניאָנס, הונדערטע אָרקעסטערס, א. אַז. וו.

צענדליגע קינסטלערישע סטאַטועןבילדער, צוזאַמענגעשטעלט פון לעבעדיגע מענטשן אויף באַוועגליכע פּלאַטפאָרמען, וואָס האָבן פאָרגעשטעלט פאַרשידענע מלחמה שטימונגען, לאָזונגען און פּאַסירונגען, האָבן באַשיינט דעם ריזיגן פּאַראַד, וואָס האָט פאַרנומען אַ שטח פון דרייסיג מייל און זיך געצויגן פון גאַנץ פרי ביז זוןאונטערגאַנג.

די גיגאַנטישע דעמאָנסטראַציע און פאַרשטעלונג איז אַראַנזשירט געוואָרן פון מעיאָר לאַגוואַרדיאַ מיט דעם צוועק צו מאַכן ניו יאָרק מלחמה־באַוואוסטזיניג און צו סטימולירן די באַטייליגונג פון די ניו יאָרקער איינוואוינער אין די פאַרשידענע אַקטיוויטעטן פאַר דער מלחמה.

דער איינדרוק פון אַט־דער פּאַטריאָטישער דעמאָנסטראַציע, „ניו יאָרק אין דער מלחמה" האָט אונז ווי געזאָגט, אינספּירירט צו שרייבן וועגן דער פּ אַ מ י ל י ע אין דער מלחמה.

אייער רעדאַקטאָר האָט געהאַט דעם כבוד און די פּריווילעגיע צו ווערן איינגעלאַדן אין דעם מעיאָר'ס קאָמיטעט פאַר דעם היס־

טאָרישן פּאַראַד, און צוויי פּלעצער אויף דעם „גרענד סטענד", אין פּראָנט פון דער ניו יאָרקער לייבראַרי, אויף 5־טע עוועניו, זיינען פאַר מיר רעזערווירט געוואָרן. די באַגייסטערונג פון די געהויבענע געסט אויף דעם „גרענד סטענד" — וויס פּרעזידענט וואָלאָס, קעניג דזשאָרדזש דער צווייטער פון גריכנלאַנד, פּרעזידענט קוועזאָן פון די פּיליפּינען, גאָווערנאָר לעהמאַן, מיט דעם מעיאָר בראש — האָט אָנגעצונדן דעם ענטוזיאַזם פון אונז אַלעמען, וועלכע האָבן געהאַט דעם כבוד אין זייער געזעלשאַפט אַ גאַנצן טאָג צו פאַרברענגען.

ניו יאָרק אין דער מלחמה — די פאַמיליע אין דער מלחמה.

ווייסן מיר דאָך, אַז ניט נאָר „צדקה פאַנגט זיך אָן אין דער היים", ווי דאָס ענגליש ווערטל זאָגט, נאָר יעדע אונטערנעמונג, יעדע באַוועגונג, וואָס נעמט אַרום גאַנצע פעלקער און לענדער, האָט איר וואָרצל אין די היימען פון די יחידים. די געזעלשאַפט באַשטייט דאָך פון אינדיווידועלע פאַמיליען. דערפאַר מוזן מיר זיך רעכענען מיט דער פאַמיליע בפרט איידער מיר באַהאַנדלען די געזעלשאַפט בכלל.

ווען מען רעדט פון פאַרטיידיגונג און קאַמף אין דער איצטיגער ערנסטער שעה, מוזן מיר צוערשט אין זינען האָבן די פאַמיליע. די פאַמיליע מוז באַטראַכט ווערן ווי אַן איינצלהייט אין דעם גרויסן קערפּער פון דער געזעלשאַפט; אַ רינגעלע אין דער גרויסער קייט פון דעם כלל. און, איר ווייסט דאָך: די שטאַרקסטע קייט איז קיינמאָל ניט שטאַרקער ווי איר שוואַכסטע רינגעלע...

כדי יעדע פאַמיליע זאָל זיין אַ שטאַרקער רינג אין דער אַלגעמיינער נאַציאָנאַלער קייט, מוז די פאַמיליע אָנפירן איר טעטיגקייט אויף דעמזעלביגן שטייגער ווי די נאַציאָנאַלע רעגירונג פירט־אָן די אינטערעסן פון לאַנד. דאָס איז וויכטיג צו יעדער צייט, בפרט איצט, ווען יעדער בירגער און יעדער איינוואוינער פון לאַנד מוז זיך ווידמען מיט אַלע זיינע כחות און מיטלען צו העלפן אונזער לאַנד אין דעם קאַמף קעגן דעם „אַקס" פון באַרבאַרן.

קודם כל דאַרף די פאַמיליע זיין פאַראייניגט אין פולשטענדי־גער האַרמאָניע, אחדות און פאַרשטענדיגונג. אַט־די פאַראייניגונג דאַרף געפינען אויסדרוק אין דער געניער און פלאַנמעסיגער אָר־גאַניזירונג פון אַלע מיטלען, רעסורסן און כחות וואָס געפינען זיך אין דער פאַמיליע. און פונקט אַזוי ווי אין דער רעגירונג, אַזוי דאַרף אויך צווישן די מיטגלידער פון דער פאַמיליע איינגעטיילט ווערן אַלע אַרבייטן, פליכטן און אויפגאַבן, וואָס האָבן אַ שייכות מיט דער מלחמה. יעדער איינער דאַרף זיך ספּעציאַליזירן און אָפּ־געבן מיט אַ געוויסן געגענשטאַנד, און אַלע צוזאַמען דאַרפן אָפט אָפּהאַלטן באַראַטונגען, פונקט ווי עס טוט אַ מיניסטעריום אָדער אונזער רעגירונגס קאַבינעט.

פאַרשטייט זיך, אַז דאָס קען בעסער אָנגעפירט ווערן אין די גרעסערע פאַמיליען, וועלכע באַשטייען פון עלטערן מיט עטליכע גרויסע און דערוואַקסענע קינדער. אָבער דערזעלביגער פּרינציפּ פון אָרגאַניזירונג קען אויך אין קליינע פאַמיליען אָנגעווענדעט ווערן.

ווען די פאַמיליע איז אָרגאַניזירט און מען נעמט זיך צו פּראַקטישע אַרבייט, דאַרף מען צוערשט מאַכן אַ ליסטע פון אַלע פּראָבלעמען, נויטן, פאָדערונגען, און אַלץ וואָס פאָדערט באַהאַנד־לונג צו יעדער צייט, בפרט אין אַ פּלוצלינגן נויט־פאַל, ווען מען ווערט צוטומלט, נערוועז, און מען פאַרלירט זיך — ווי עס פּאַסירט אין מלחמה־צייט.

די הויפּט אויפגאַבן, וועלכע דאַרפן איינגעטיילט ווערן צווישן די מיטגלידער פון דער פאַמיליע, קענען קלאַסיפיצירט ווערן ווי פאָלגט:

ערשטנס, די באַהאַנדלונג פון געזונט. אין יעדן הויז דאַרף זיך געפינען אַ מעדיצין שאַפע („מעדיסין טשעסט") וואו עס ווערן געהאַלטן אַלע מעדיצינען און מאַטעריאַלן, וועלכע זיינען נוי־טיג אין דער באַהאַנדלונג פון לייכטע, פיזישע אומאָרדנונגען, און איבערהויפּט פאַר שנעלע הילף אין אַ נויטפאַל, איידער דער דאָק־טאָר קומט. אין דער שאַפע דאַרף זיך אויך שטענדיג געפינען

דער נאָמען, אַדרעס און טעלעפאָן נומער פון אַ דאָקטאָר צו וועמען די פאַמיליע האָט צוטרוי.

צווייטנס, עקאָנאָמיע. די איינגאָמען און אויסגאַבן פון דער פאַמיליע דאַרפן גענוי רעוויזירט ווערן. פלענער דאַרפן אויסגעאַרבעט ווערן פאַר עקאָנאָמיזירונג, וואָס זאָל באַזייטיגן די אויסגאַבן אויף אומנויטיגע זאַכן אָדער צו טייערע אַרטיקלען; איינפירן שפּאָרזאַמקייט וואו נאָר מעגליך איז.

דריטנס, קאָאָפּעראַציע מיט דער רעגירונג. עס דאַרף באַשטימט ווערן וואָס יעדער אין דער פאַמיליע איז פעאיג צו טאָן פאַר דער נאַציאָנאַלער אָדער לאָקאַלער רעגירונג; זאַמלען אין הויז אַלע מאַטעריאַלן, וועלכע זיינען נויטיג פאַר דער מלחמה פּראָדוקציע, ווי גומיע, מעטאַלן, פעטס־אָפּפאַל און דער גלייכן, און דאָס איבערגעבן דער רעגירונג; קויפן מלחמה באָנדס אין דער פולסטער מאָס פון דעם פאַמיליען־בודזשעט.

אָט די דריי אויסגערעכנטע פּונקטן זיינען די הויפּט אַקטיוויטעטן דורך דער צייט פון מלחמה, וואָס יעדע פאַמיליע דאַרף ערנסט אונטערנעמען.

אַמעריקע אין דער מלחמה — די פאַמיליע אין דער מלחמה. לאָמיר ניט פאַרגעסן פאַר איין מאָמענט, אַז מיר זיינען אַ ל ע פאַר איינעם און איינער פאַר אַלעמען.

(„אידישער פאַמיליען־זשורנאַל”, עדיטאָריעל, 1942)

פון פאַרטיידיגונג צום זיג

ווען אַ מערדער באַפאַלט אייך מיט אַ טויטליכן געווער און אייער לעבן איז אין סכנה, איז אייער ערשטער געדאַנק — באַשיצונג, פאַרטיידיגונג. איר טוט אַלץ וואָס מעגליך איז אונטער די אומשטענדן — און אָפט אויך וואָס אוממעגליך איז — צו פאַרטיידיגן זיך און ראַטעווען אייער לעבן.

פאַרטיידיגונג איז אַ נאַטירליכער אינסטינקט וועלכער רעאַגירט קעגן אַ ברוטאַלער אַטאַקע. דער, וועמען עס פעלט אָט־דער אינסטינקט איז אָן צווייפל אַבנאָרמאַל.

וואָס עס פּאַסירט מיט אַ יחיד פּאַסירט אויך מיט אַ כלל. פונקט ווי אַלע גלידער פון מענשן ווערן אויטאָמאַטיש פאַראייניגט צו באַקעמפן די געפאַר, אַזוי ווערט אויך אַ כלל אָדער אַ גאַנץ פאָלק מאָמענטאַל דורכגעדרונגען מיט אַ פאַראייניגטן געפיל צו באַקעמפן געמיינזאַם די געפאַר און ראַטעווען זיך.

די איצטיגע וועלט־מלחמה, וועלכע די טאָטאַנישע באַרבאַרן מיט זייערע שותפים האָבן אָנגעצונדן אויף דער וועלט, האָט דעם נאַטירליכן געזעץ פון פאַרטיידיגונג אויף אַ געהעריגן אופן אַרויסגערופן צווישן אַלע שיכטן פון דעם אַמעריקאַנער פאָלק. אין פולער פּראָפּאָרציע צו דער לאַגע פון געפאַר איז געשטיגן אונזער וואַכזאַמקייט, און דאָס גאַנצע לאַנד האָט אויפגענומען דעם רוף פון פאַרטיידיגונג. ניט נאָר די רעגירונג האָט פאַרהעלטניסמעסיג שנעל אָרגאַניזירט די פאַרשידענע כחות, אַגענטורן און מיטלען, וועלכע זיינען נויטיג פאַר אונזער פאַרטיידיגונג, נאָר אויך דאָס פאָלק האָט שנעל אויפגעוואַכט און רעאַגירט פולשטענדיג צו דער ניי־געשאַפענער לאַגע.

דאָס זעען מיר פון דעם אַלגעמיינעם ערנסטן אָפּרוף פון דער פּרעסע; דאָס הערן מיר פון די מיילער פון פאָלק מיט וועמען מיר קומען אין פּערזענליכער באַרירונג; און דאָס לערנען מיר אויך פון דעם דערפאָלגרייכן פאַרקויף פון די דעפענס באָנדס. מיר

ווייסן פון אידישע אָרגאַניזאַציעס וואָס האָבן ריזיגע סומען פון זייער קאַסע אין דעפּענס באַנדס פאַרוואַנדלט; מיר ווייסן פון אידישע אַרבעטער און קליינע געשעפטסלייט, וואָס האָבן אין דע־פענס באַנדס זייער גאַנצן אָפּגעשפּאָרטן קאַפּיטאַל אַריינגעלייגט.

די ערנסטקייט פון דער לאַגע האָט אונז אויפגעוואַכט, און אונזערע הערצער באַוועגן זיך אין דעם פאַרשנעלערטן ריטם פון פאַרטיידיגונג.

פאַרטיידיגונג איז אָבער ניט דער ענד־ציל. ווען אַ מער־דער באַפאַלט אייך פּלוצלינג און אייער לעבן איז אין געפאַר, קענט איר, פאַרשטייט זיך, אין דעם מאָמענט פון קיין אַנדער זאַך ניט טראַכטן ווי נאָר צו פאַרטיידיגן זיך און ראַטעווען אייער לעבן. אָבער ווען דער מערדער לאָזט אייך אָפּ און זוכט צו אַנטלויפן, דאַן מאַכט איר אַ טומל און זעט אַז דער מערדער זאָל געכאַפּט ווערן, ער זאָל אַרעסטירט ווערן און באַקומען זיין שטראָף. דאָס איז אַ צווייטע פאַזע וועלכע פאָלגט נאָך דער ערשטער פאַזע פון פאַר־טיידיגונג. עס איז דער באַרעכטיגטער נאַטירליכער געפיל פון צו באַשטראָפן דעם פאַרברעכער און פאַרהיטן ער זאָל אַ צווייטן מאָל דעם פאַרברעכן ניט באַגיין.

אַמעריקע איז איצט אין איר ערשטער פאַזע פון פאַרטיידי־גונג. דער מערדער איז אונז באַפאַלן פּלוצלינג, אומדערוואַרט און אומגעריכט. מיר זיינען ניט געווען צוגעגרייט גענוג אים צו באַ־קעמפן, און אונזער ווידערשטאַנד איז דערפאַר אין אָנפאַנג געווען אַ שוואַכער. מיר האָבן זיך אָבער שנעל אָריענטירט אין דער לאַגע; אַלע אונזערע חושים האָבן דערוואַכט צו דער געפאַר וואָס באַ־דראָט אונז, און, ווי שוין פריער געזאָגט, אונזער טעמפּאָ פון פאַר־טיידיגונג האָט אָנגענומען די נויטיגע פּראָפּאָרציעס.

די פאַרטיידיגונג פּעריאָדע וועט אָבער, ווי מיר האָפן, שנעל אַריבער. דער דריי־פאַכער שונא וועט פאַרמאַטערט ווערן און די אַטאַקע וועט אַריבערגיין צו אונזערע הענט. דאָס וועט זיין די צווייטע פּעריאָדע פון דער איצטיגער וועלט־מלחמה, ווען מיר וועלן דעם שונא איינקלעמען און מאַכן אים אומשעדליך פאַר אַלע

קומענדיגע דורות. אין אַנדערע ווערטער: מיר וועלן אַריבערגיין פון פאַרטיידיגונג צום זיג.

*　*

פון וואַנען נעמען מיר אָט־די נביאות? איז דאָס ניט, אפשר, אַן אויסדרוק פון דעם בלויזן ווילן — ווי דאָס ענגלישע ווערטל זאָגט: „דער ווילן איז דער פאָטער פון דעם געדאַנק"?

אפשר ליגט אין דעם אַ שטיקל אמת. אָבער, אויב איר ווילט, איז דאָס גופא, דער ווילן, אויך אַ געוויסע מאַכט — ווי אַן אַנדער ענגליש ווערטל זאָגט: „וואו עס איז פאַראַן דער ווילן דאָרט איז אויך פאַראַן די מעגליכקייט". דערפאַר מעג דער „ווילן" גופא אויך פאַררעכנט ווערן צווישן אונזערע כלי־מלחמה, ווי שיפן, קאַנאָנען, עראָפּלאַנען און טאַנקן.

אָבער אַחוץ דעם „ווילן" און די ריזיגע לאַנד־לופט־און־ים־קרעפטן וואָס מיר אַנטוויקלען, און אַחוץ אונזערע גרויסע רייכטימער, רעסורסן, און פּראָדוקציע מעגליכקייטן, האָבן מיר נאָך צוויי כחות וואָס אונזערע שונאים האָבן ניט.

ערשטנס האָבן מיר אויף אונזער זייט דעם פאַקסבאַוואוסטזיין אַז מיר זיינען די ערשטע באַפאַלענע און אַנגעגריפענע. מיר זיינען ניט געגאַנגען צו יאַפּאַן אָדער צו אירע שותפים צו מאַכן דאָרט אַן איבערפאַל כדי זיי צו באַרויבן און מאָרדן. זיי זיינען געקומען צו אונז, פונקט ווי דער „גענגסטער" קומט צו זיין קרבן. מיר זיינען די אַנגעגריפענע, און אונזער פּאָזיציע איז, קודם כל, די פאַרטיידיגונג. דאָס וועט מיינען זייער פיל אין דעם לעצטן חשבון פון קאַמפּס־מעגליכקייטן.

נעמענדיג אָט־די לאַגע אין אַנבאַטראַכט, קענען מיר פאַרשטיין, אַז ניט אַלע דייטשן, איטאַליענער און יאַפּאַנעזער זיינען איינפאַרשטאַנען מיט די מלחמה־אַקטן פון זייערע דיקטאַטאָרן. מען קען אויך צוגעבן, אַז זייער ווייניג סאָלדאַטן פון אונזערע שונאים גייען אין קאַמף מיט זייער גוטן ווילן און מיט דעם ריכטיגן ענטוזיאַזם, ווייל זייער ווייניג מענשן האָבן, נאָך אַלעמען, דעם ברוטאַלן געפיל פון רויבן און מאָרדן אַן אַן אורזאַך.

אַנדערש איז אָבער דער געפיל וואָס באַהערשט דעם אַמע־ריקאַנער פאָלק. זייענדיג די באַפאַלענע, די אָנגעגריפענע, איז יעדער איינער פון אונז אָנגעצונדן געוואָרן מיט דעם געפיל פון האַס צו די באַרבאַרן וואָס ווילן פאַרניכטן אונזערע לעבנס און באַ־רויבן אונזער לאַנד. יעדער איינער פון אונז איז גרייט אַריינ־צו־וואַרפן אין קאַמף אַלע זיינע מיטלען און אַפילו זיין לעבן, ווען נויטיג איז. מען האָט אויף אונז אַרויפגעצוואונגען דעם קאַמף — ווען מיר קעמפן ביז מיר וועלן אונזערע לעבנס און אייגנטום פאַרזיכערן און דעם שונא פאַרניכטן. אָט־דער געפיל וואָס באַ־הערשט דעם אַמעריקאַנער פאָלק — און ממילא זיינע קעמפנדיגע זין אויפ׳ן שלאַכט־פראָנט — איז דערפאַר אַ ריזיגער כח, אַ מעכ־טיגע וואָפע, וואָס אונזערע שונאים, ווי שוין פריער געזאָגט, האָבן ניט און וועלן עס קיינמאָל ניט האָבן.

דעם צווייטן ספּעציעלן פאַרצוג וואָס מיר האָבן אין דער איצ־טיגער וועלט־מלחמה, איז דער מאָראַלישער הינטערגרונט פון דעם קאַמף. עס איז אַ קאַמף צווישן דיקטאַטור און דעמאָקראַטיע, צווישן שקלאַפעריי און פרייהייט. איז עס דאָך קיין פראַגע ניט אַז דעמאָקראַטיע און פרייהייט האָבן דעם פאַרצוג, ניט נאָר ביי פעל־קער וועלכע לעבן אין פרייע לענדער, נאָר אַפילו ביי די פעלקער וועלכע זיינען דערצויגן געוואָרן אין דעם צוואַנג פון דיקטאַטור. דאָס קען מען זען פון די אונטערערדישע באַוועגונגען אין די טאָטאַליטאַרע לענדער גופא, וואו גרויסע מאַסן שטעלן איין זייערע לעבנס אין זייער אונטערערדישן קאַמף קעגן זייערע באַרבאַרישע רעגירונגען.

אין דעם קאַמף צווישן דיקטאַטור און דעמאָקראַטיע זיינען אויף דער זייט פון דיקטאַטור פאַראינטערעסירט בלויז די דיקטאַ־טאָרן, אָבער אויף דער זייט פון דעמאָקראַטיע זיינען טיף פאַר־אינטערעסירט אַלע בירגער וואָס לעבן אין דער פרייהייט פון דעמאָקראַטיע.

אָט־די פאַזע פון דער סיטואַציע איז אַ צווייטער כח אין אונזער באַזיץ, וואָס קען צוגערעכנט ווערן צו אונזערע מלחמה

קרעפּטן און וועט, אין לעצטן סך־הכּל, שפּילן ניט קיין קלענערע ראָלע ווי אונזערע שיפן, טאַנקן, עראָפּלאַנען און קאַנאָנען.

אויף דעם חשבון פון די אָנגעגעבענע צוויי מאָראַלישע קרעפּטן אין אונזער באַזיץ, ווי אַ צוגאָב צו די ריזיגע לאַנד־לופט־און־ים קרעפּטן וואָס מיר וועלן באַלד פאַרמאָגן, בויען מיר אונזער גלויבן און האָפענונג, אַז מיר וועלן שנעל אַריבערגיין פון פאַרטיידיגונג צום זיג. די „דעפענס באָנדס" וועלן שנעל אויספאַרקויפט ווערן און אַ נייע סעריע פון „וויקטאָרי באָנדס" וועט פאַרנעמען זייער פּלאַץ. מיר וועלן, הייסט עס, אַריבערגיין פון „דעפענס" צו „וויקטאָרי" — פון פאַרטיידיגונג צום זיג.

לאָמיר האָפן, אַז אונזערע שונאים וועלן שנעל באַקעמפט ווערן און אונזער זיג וועט ברענגען אַ שטענדיקן פרידן און פרייהייט פאַר אונז און פאַר אַלע פעלקער אונטער דער זון.

(„אידישער פאַמיליען־זשורנאַל," עדיטאָריעל, 1942)

צום נייעם יאָר, תש״ג — 5703

אַ יאָר פאַרגייט, אַ יאָר קומט — אַזוי פאַר טויזנטער און טויזנטער יאָרן...

איז אין דער פּאַסירונג קיין נייעס ניטאָ. די נאַטור גייט־אָן מיט איר סיסטעמאַטישער פּינקטליכקייט, יאָר־איין, יאָר־אויס, אָן ענדערונגען, אָן געווינסן און אָן פאַרלוסטן...

אין דעם חשבון פון איין איינציגן יאָר, קומען ביי אונז, ביי די מענשן־קינדער פון דער נאַטור, אויך פאַר גאַנץ ווייניג ענדערונ־גען — ניט נאָר אין דעם נאַטירליכן זין נאָר אפילו אויך אין דעם סאָציאַלן און עקאָנאָמישן זין. אַ יאָר פאַרלויפט אַזוי שנעל, אַז איידער מען קוקט זיך אַרום איז שוין דאָס יאָר „אויסגעשפּילט" און אַ נייער יאָר באַווייזט זיך אין אייער טיר...

דאָך ליגט אין דער מענשליכער נאַטור אַן אינסטינקטיווער געפיל, אָדער אַ טראַדיציאָנעלע געוואוינהייט צו מאַכן אַן אָפּשטעל ביי דעם גרענעץ פון די יאָרן און זיך אַרומקוקן וואו מיר האַלטן מיט דעם חשבון. דער חשבון באַציט זיך ניט נאָר אויף דעם טרו־קענעם ציפער פון דעם נייעם יאָר נאָר אויך אויף דער לאַגע און אומשטענדן וועלכע זיינען פאַרבונדן מיט דעם פאַרשווינדן פון דעם אַלטן יאָר און דאָס אָנקומען פון דעם נייעם.

אויב מיר קענען ניט אָנווייזן קיין ענדערונג אָדער נייעס אין די יאָרן פון דער נאַטור גופא, און, ווי געזאָגט, גאַנץ ווייניג ענדערונגען אין אונזער פריוואַטן לעבן פון איין יאָר ביז׳ן צווייטן, איז אָבער פאַראַן אַ גאַנץ גרויסע ענדערונג אין דער אַ ל ג ע־מ י י נ ע ר לאַגע פון דער מענשהייט, וואָס האָט זיך אַנטוויקעלט אינ׳ם לויף פון טויזנטע יאָרן, אין באַצוג צו דעם ענין וועלכן מיר באַהאַנדלען דאָ.

ס׳איז געווען אַמאָל אַ צייט ווען דער פּרימיטיווער מענש האָט געלעבט אין און מיט דער סביבה פון זיינע אייגענע עטליכע מענשן אין דער פאַמיליע. זיינע פאַרבינדונגען מיט דער אויסער־

ליכער וועלט זיינען ניט געגאַנגען ווייטער ווי די אינטערעסן פון זיין אייגענעם שבט. אָבער וואָס ווייטער די מענשהייט איז עלטער און ציוויליזירטער געוואָרן אַלץ מער האָבן זיך אויסגעברייטערט די מענשליכע אינטערעסן און פאַרבינדונגען.

אָט־די אַלגעמיינע ענדערונג גייט־אָן אין אַ שטענדיגן פּראָצעס, און איז אָנזיכטיג ניט נאָר אין אַ פאַרגלייך פון טויזנט־יאָריגע פּעריאָדן, נאָר אויך אין צייטן פון דער גאַנץ נאָענטער פאַרגאַנגענהייט. אַפילו אין דער קורצער פּעריאָדע פון אַ דור אָדער צוויי קען מען באַמערקן דעם פּראָגרעס פון אָט־דער ענדערונג.

די נייע דערפינדונגען וועלכע אונזער ציוויליזאַציע האָט כסדר אין אָרויסברייינגען, זיינען די הויפּט פאַקטאָרן וואָס שאַפן די־דאָזיגע ענדערונגען — די אויסשפּרייטונג פון אונזערע אינטערעסן און פאַרבינדונגען צו אַלץ מער מענשן און ווייטערע לענדער.

מיר זיצן ביי זיך אין צימער ביי דער ראַדיאָ, אין ניו יאָרק, און מיר הערן אַ רעדע פון אַ ווייטן לאַנד, אָדער באַריכטן פון פאַרשידענע וויכטיגע צענטערן פון דער וועלט. מיר זיצן דאָ אין אַ קינאָ־טעאַטער און מיר זעען ווי מענשן לעבן, ווי זיי האַנדלען און וואָס זיי טוען אין אַלע ווינקעלעך פון דעם ערד־קויל. מיר ריידן זיך צוזאַמען מיט מענשן דורכ׳ן טעלעפאָן פאַר טויזנטער מיילן אין עטליכע מינוטן צייט. מיר גיבן אַ שפּרונג פון אַמעריקאַ צו אייראָפּע מיט אַן עראָפּלאַן אין עטליכע שעה, און אַזוי ווייטער.

דאָס אַלץ האָט געמאַכט אַ גרויסע רעוואָלוציע אין די באַגריפן פון צייט און רוים. די וועלט איז ווי פאַרקלענערט געוואָרן, די לענדער און פעלקער זיינען דערנענטערט געוואָרן, און די מענשן זיינען צוזאַמענגעשמאָלצן געוואָרן אין איין גרויסער וועלטליכער פאַמיליע. קיין לאַנד קען מער ניט לעבן אָפּגעזונדערט פאַר זיך אַליין, ניט האָבנדיג וועלכע פאַרבינדונגען אָדער אינטערעסן מיט אַנדערע לענדער. און אַזוי קען אויך קיין יחיד ניט לעבן פאַר זיך אַליין, ניט זייענדיג פאַרבונדן דורך סאָציאַלע,

עקאָנאָמישע, קולטורעלע און געזעצליכע פּעדים מיט דעם גאַנצן כלל.

דערפאַר זאָגן מיר, אַז ווען מיר קומען צום מייל־שטיין, וואָס ווייזט אונז דעם גרענעץ צווישן איין יאָר און דעם צווייטן, און מיר קוקן זיך אַרום אויף אונזער צושטאַנד, אויף אונזערע דער־גרייכונגען אָדער פאַרלוסטן, אויף אונזערע דערפילטע אָדער אַנ־טוישטע האָפענונגען, אויף אונזערע טאַטן פון לעצטן יאָר און דערוואַרטונגען פון נייעם יאָר, מוזן מיר זיך אַריינשטעלן אין דער ליניע פונ'ם כלל און מאַכן דעם חשבון אין די טערמינען פון דער גאַנצער געזעלשאַפט אין וועלכער מיר לעבן.

און טאַקע דערפאַר — ווען מיר פייערן ראש השנה און מיר ווינשן אַ יאָר פון געזונט און הצלחה פאַר זיך, מוזן מיר דאָס אויך טאָן פאַר'ן גאַנצן כלל ישראל און פאַר אַלע אַנדערע פעלקער־שאַפטן מיט וועלכע מיר זיינען (אָדער דאַרפן זיין) דירעקט אָדער אומדירעקט פאַרבונדן פאַר דעם וואוילזיין פון דער גאַנצער מענשהייט.

ווילקאָמען, תש״ד — 5704!

מיר זאָגן „ווילקאָמען" צום נייעם יאָר תש״ד (5704) צוליב צווי זאַכן: ערשטנס צוליב דעם וואָס ער קומט אָן און צווייטנס צוליב דעם וואָס דאָס אַלטע יאָר פאַרשווינדט, כאָטש מיר האָבן געלייגט אויף אים אַזוי פיל האָפענונגען...

וואָס דאָס נייע יאָר האָט פאַר אונז אין רעזערוו ווייסן מיר ניט. דאָך האָפן מיר, אַז דער רעזערוו איז אַ גוטער און וועט אונז פיל נחת פאַרשאַפן. אָבער דאָס, וואָס דאָס אַלטע יאָר און זיינע פאַרגייער האָבן אונז געגעבן און וועלכע זכרונות זיי נעמען מיט זיך אַוועק אין דער וויטער אייביגקייט אַריין, דאָס ווייסן מיר צו גוט. דאָס איז אויסגעקריצט און מיט בלוט פאַרצייכנט אין טויזנטער ווינקעלעך פון דער אַלטער וועלט, וואו מיליאָנען אידן זיינען אומגעבראַכט געוואָרן דורך דער האַנט פון ווילדן משחית און וואו די לעבן־געבליבענע געפינען זיך אין אַזאַ לאַגע, אַז זיי זיינען אפשר מקנא די טויטע...

דאָס פאַרגאַנגענע יאָר האָט פון אונז בלויז גענומען, אָבער גאָרניט געגעבן. ניט נאָר האָט ער פון אונז גענומען מיליאָנען אומשולדיגע לעבנס, נאָר ער האָט אויך באַרויבט די האָב־און־גוטס פון די לעבנגעבליבענע. און ניט נאָר פון מאַטעריעלן אייגנטום האָט ער זיי באַרויבט נאָר ער האָט אויך אַוועקגענומען ביי אונז אַלעמען אַ רעכט ביסל פון אונזער גלויבן אין דעם גוטן ווילן פון די פעלקער צו וועלכע אונזער הילף־געשריי איז גענויגט געווען. טאָמער איז דאָס נאָך געוועזן וויניג, האָט ער ביי אונז כמעט אַוועקגענומען די האָפענונג פאַר ציון, וואו די שארית הפליטה פון איראָפּעאישן גיהנום האָבן גע'חלום'ט צו געפינען אַ מקום מנוחה און וואו אונזער נאַציאָנאַלע היימלאַנד האָט שפּעטער געזאָלט אויפגעבויט ווערן. לאָמיר כאָטש האָפן אַז אַט־די האָפענונג וועט, פריער אָדער שפּעטער, באַנייט און מקוים ווערן.

אַז דאָס פאַרגאַנגענע יאָר האָט געהאַלטן אין איין נעמען, האָט ער שוין אויך גענומען אונזערע זין צום שלאַכטפעלד און

אונזערע מיטלען צו העלפן אָנפירן די שלאַכטן. פאַרשטייט זיך, אַז מיר האָבן דאָס געגעבן מיט׳ן גאַנצן האַרצן צוזאַמען מיט אַלע אונזערע גוטע שכנים כדי צו פאַרטיליגן באַרבאַריזם אויף דער וועלט, פונקט ווי דער חולה לאָזט זיך אויסשניידן אַ ראַק (קענ־סער) כדי צו ראַטעווען זיין לעבן. מיר האָבן אויך געגעבן אונזער בלוט — פשוט געלאָזט אָפּצאַפּן בלוט פון זיך — פאַר די פאַר־וואונדעטע אויף די שלאַכטפעלדער וועלכע נויטיגן זיך אין אַ בלוט־צופלוס כדי זייער לעבן צו ראַטעווען. מיר האָבן געגעבן און געגעבן אַזוי לאַנג ווי דאָס פאַרגאַנגענע יאָר האָט געהאַלטן אין איין פאָדערן פון אונז, אָבער, ווי געזאָגט, ער אונז האָט גאָרניט געגעבן.

און דערפאַר זאָגן מיר „ווילקאָמען" צום נייעם יאָר, פילנדיג אַ באַפרידיגונג אין דער פאַרשווינדונג פון דעם אַלטן...

דעם אמת זאָגנדיג, קענען מיר זיך ניט דערמאָנען קיין איינציגן פאַרגאַנגענעם יאָר וועמעס פאַרשווינדונג מיר זאָלן האָבן באַדויערט... אַזוי גוט גייט עס אונז אין אונזער פאָלקס־לעבן, אַז איין יאָר איז ניט בעסער פונ׳ם צווייטן. יעדעס מאָל, יאָר־איין יאָר־אויס, פרייען מיר זיך וואָס מיר האָבן אַרויסגע׳פטר׳ט דעם אַלטן יאָר און פרובירן זיך טרייסטן מיט דעם אָנקום פון נייעם — וועלכער אַנטוישט אונז, צום סוף, פונקט ווי דער אַלטער... וועט דאָס מאָל אויך אַזוי זיין?

מיר האָפן, אַז ניט. דאָס מאָל קוקן מיר אַרויס אויף דעם נייעם יאָר ניט בלויז מיט אַ פרומען וואונש פאַר בעסערע טעג און דערפרייאונג נאָר מיט באַרעכטיגטער האָפענונג פאַר דעם. די טרייסט ליגט אין דער ירידה פון היטלער׳ן מיט זיין באַנדע — די ענדליכע באַפרייאונג פון דעם גרעסטן אומגליק וואָס דאָס אידישע פאָלק האָט ווען־עס־איז דורכגעלעבט.

אויף דעם גרענעץ צווישן אונזער אַלטן און נייעם יאָר געפינען מיר אָנגעוואָרפן די רואינען פון היטלער׳ס פינסטערע אַמביציעס די וועלט צו פאַרכאַפּן און דאָס אידישע פאָלק אויסצוראָטן. יאָ, ער האָט שוין גענוג שאָדן געטאָן דער וועלט און גענוג אידישע לעבנס באַרויבט, אָבער דאָס געהערט צום פאַרגאַנגענעם יאָר און זיינע

פאַרגיינגער, וועלכע מיר האָבן מיט אַזוי פיל עגמת־נפש קוים אַרויסגע׳פטר׳ט. אין דער איצטיגער שעה, אָבער, ביים קבלת־פנים פון דעם נייעם יאָר, זעען מיר שוין דייטליך די פינסטערע קברים פון אונזערע פאַרטיליגער, און שטראַלן פון האָפענונג און טרייסט שפּראָצן אַרויס פון הינטער אונזערע חורבות.

דערפאַר מעגן מיר האָפן מיט פולער באַרעכטיגונג, אַז דאָס נייע יאָר „תש״ד" וועט אונז ברייגען טרייסט, דערפרישונג, און די ערשטע שפּראָצונג פון אַ באַפרייטער וועלט אין וועלכן מיר און אַלע אַנדערע פעלקערשאַפטן וועלן קענען לעבן אין פרייהייט און זיכערקייט, וואָס וועט מער קיינמאָל ניט פאַרשטערט ווערן.

דאַרפן מיר טאַקע אַ אידישע אַרמיי?

אַ ברענענדיגע פראַגע פון היינטיגער טאָג־אָרדענונג.

די פראַגע פון אַ אידישער אַרמיי פאַר דער איצטיגער וועלט־מלחמה האָט אַריינגעדרונגען אין אַלע ווינקעלעך פון דער אידישער עפנטליכקייט, און דער סענטימענט פאַר אַ ספּעציעלער אַרמיי אונטער דער אידישער פאָן האָט פאַרכאַפּט די מערסטע שיכטן — איבערהויפּט די אידיש־נאַציאָנאַל געשטימטע עלעמענטן — פון דעם אידישן פאָלק. אין אַזאַ צייט אַרויסצוקומען מיט אַ פראַגע־צייכן וועגן דער נויטיגקייט פון אַ אידישער אַרמיי, איז זיכער ניט קיין דאַנקבאַרע אַרבייט. עס פאָדערט זיך גרויס מוט — אָדער העזה, אויב איר ווילט — צו קומען צו אונזערע אַרמיי־ענטוזיאַסטן מיט דער פראַגע „מה העבודה הזאת לכם?“, פונקט ווי דער רשע פון דער הגדה.

דאָך בין איך צופרידן זיך אונטערצואוואַרפן אונטער די בייזע בליקן פון די אַנהיינגער פון אַ אידישער אַרמיי, און וועל אפילו מקבל־באהבה־זיין זייערע קללות, אויב זיי וועלן מיט מיר ניט איינשטימען, אַבי איך זאָל נאָר אַרויסקומען פאַר דער עפנטליכקייט מיט מיין ריינער, געוויסנהאַפטער שטעלונג צו דער פראַגע און זיך אַראָפּריידן פון האַרצן דאָס, וואָס מיך דריקט אין באַצוג צו אָט־דער ערנסטער פּראָבלעמע.

איך וויל דאָ דעם לייענער פאַרזיכערן, אַז איך געהער צו יענע אידן, וועלכע זיינען צו יעדער צייט גרייט זיך מקריב צו זיין פאַר דעם אידישן פאָלק. איך בין אַ ציוניסט און האָב פיל געטאָן פאַר ארץ ישראל. די לאַגע פון אונזער האַלב מיליאָן אידן אין ארץ ישראל און דער גורל פון אונזער היימלאַנד באַאומרואיגט מיך ניט ווייניגער ווי די עקסטרעמסטע ענטוזיאַסטן פון אַ אידישער אַרמיי. און דערפאַר — טאַקע דערפאַר — שטעל איך זיך קעגן דעם

שטראָם מיט מיין אַרויסטריט קעגן דער פאָדערונג פון אַ אידישער אַרמיי!

ווען מיר באַהאַנדלען אַזאַ טויט־ערנסטע פראַגע ווי יאָ אָדער ניט אַ אידישע אַרמיי, מוזן מיר זי באַטראַכטן מיט גרויס פּאָרזיכ־טיגקייט; גענוי אויסרעכענען יעדן מעגליכן געווינס און יעדן מעגליכן פאַרלוסט, יעדן מעגליכן נצחון און יעדן מעגליכן דורכפאַל. צו ווערן היגעריסן מיט דער שיינער אידייע פון אַ אידישער אַרמיי בלויז דורך סענטימענטן און אַזוי־אַרום זיך אַריינוואַרפן אין דער אַרבייט די אידייע דורכצופירן, קען, חלילה, זיך אויסלאָזן מיט אַזאַ סוף, וואָס בלויז אונזערע שונאים וואָלטן דאָס אונז געוואונשן.

און אָט איז מיין אָפנהערציגע מיינונג וועגן דעם ענין:

פריער פון אַלץ דאַרפן מיר אין זינען האָבן, אַז אַ „אידישע אַרמיי", ווען זי זאָל געשאַפן ווערן, וועט דאָך ניט זיין קיין אומ־אָפּהענגיקע אַרמיי. זי וועט ניט האָבן קיין אייגענעם אידישן גענע־ראַל און וועט ניט אָנפירן קיין אייגענע סטראַטעגיק. זי וועט בלויז זיין אַ טייל פון דער ענגלישער אַרמיי און וועט זיין אונטערוואָרפן די פּלענער און באַוועגונגען פון דער אַלגעמיינער ענגלישער מלחמה־פירונג*)

איז וואָס וועט פּאַסירן?

לאָמיר זיך דערמאָנען אין דעם „פּאַלעסטינער אידישן לעגיאָן", וואָס אידן האָבן מיט גרויס אָנשטריינגונג געשאַפן און אָנגעשלאָסן אָן דער ענגלישער אַרמיי אין דעם ערשטן וועלט־קריג.

אונזערע יונגעלייט, וועלכע האָבן מיט אַזוי פיל ענטוזיאַזם זיך אָנגעשלאָסן פרייוויליג אין דעם אידישן לעגיאָן און האָבן אַזוי שיין געחלומ'ט פון אידישן העראָאיזם, מסירת נפש און נצחון, זיי־נען פון דער ענגלישער אויבערקאָמאַנדע באַשטימט געוואָרן אויפ־צופּאַסן אויף אייזלען, וועלכע האָבן דאָן אויך „געדינט" אין דער ענגלישער אַרמיי, ערגעץ־וואו אַרום דעם גיבראַלטאַר. דער באַ־

*) ווען דער אַרטיקל איז געשריבן געוואָרן, האָט אַמעריקע געהאָלפן די „עלאַיס" פאַר איר אייגענער פאַרטיידיגונג, אָבער איז אַליין נאָך ניט געווען דירעקט אין דער מלחמה.

גייסטערטעטער „פּאַלעסטינער אידישער לעגיאָן" איז אַזוי־אַרום פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין דעם באַוואוסטן „זייאָן מיול קאָרפּוס", וואָס האָט מבוזה געווען די אידישע אידעאַליסטישע אַספּיראַציעס.

איז דען דאָ אַזאַ ענליכע אַנטווישונג אויסגעשלאָסן אין דער איצטיגער מלחמה?

די „אידישע אַרמיי" וועט אפשר ניט געשיקט ווערן אויפ־צופּאַסן אויף אייזלען, אָבער זי וועט יעדנפאַלס געשיקט ווערן דאָרט וואו די בריטישע אויבערקאָמאַנדע וועט געפינען פאַר נויטיג... אַזוי קענען זיי געשיקט ווערן צו די שלאַכטן פון עגיפּטישן פראָנט, צו טאָברוק, צו ליביע, און אפילו צו אַיירלאַנד — אויב די קאָ־מאַנדע וועט נאָר אַזוי באַשטימען.

דערביי וויל איך אויפמערקזאַם מאַכן, אַז פופצן טויזנט פון אונזערע מוטיגע יונגעלייט אין ארץ ישראל זיינען שוין איינגע־שלאָסן אין די ענגלישע אַרמייען, און ביים בעסטן ווילן קאָן מען דאָרט ניט געפינען מער ווי נאָך 40 טויזנט מיליטער־פייאיגע אידישע יונגעלייט. די נייע אָריענטאַציע אין דער שטרעבונג פאַר אַ אידישער אַרמיי, וואָס פאַרלאַנגט אַז ענגלאַנד זאָל אין דערדאָ־זיגער אַרמיי אַריינגעמען אויך אידן פון אַנדערע לענדער, אי־בערהויפּט די פּליטים פון די היטלער־פאַראומגליקטע לענדער, איז אַ פרומער וואונש, וואָס איז ווייט פון פאַרווירקליכונג. אַז ענגלאַנד וויל אירע „אייגענע" אידן פון ארץ ישראל ניט באַ־ווילּיגן אַ באַזונדערע אידישע אַרמיי, וואָס זאָל ערנהאַפטיג קעמפן קעגן אונזערע שונאים, וועט זי די אידן פון אַנדערע לענדער אודאי ניט געבן די פּריווילעגיע. ענגלאַנד זאָגט: „איר ווילט העלפן באַזיגן אייער בלוטיגסטן שונא, איז מהיכא־תיתי. שליסט זיך אָן אין די אַרמייען פון די אַלייעס, אָבער אַ באַזונדערע אידישע אַרמיי איז ניט נויטיג".

איצט לאָמיר זען וואָס עס קען פּאַסירן ווען מיר נעמען אַוועק פון ארץ ישראל די 40,000 אידישע יונגעלייט — אונזער בעסטע יוגנט, אונזערע מיט שוויס אויסגעהאָדעוועטע חלוצים, אונזער איינציגע פּאַקטישע מאַכט אין אונזער היימלאַנד — און מיר גיבן

זיי איבער צו דער ענגלישער אַרמיי, זיי אַריינצוואוואַרפן אין פייער פון די גרויזאַמע שלאַכטפעלדער!

דאַרף מען דען דאָ ערשט דערקלערן וואָס דער רעזולטאַט וואָלט געווען?

צווישן די אומציילינע קרבנות וואָס „מאַרס" (דער „גאָט פון מלחמה") פאָדערט אויף די שלאַכטפעלדער, וואָלטן מסתמא אונזערע זין אויך פאַרנומען אַ „בכבודן" פלאַץ. נאָכמער, אונזערע אידישע קעמפער וואָלטן אויסגעזעצט געוואָרן צו אַ פיל גרעסע־רער געפאַר ווי אַלע אַנדערע. מען קען זיך לייכט פאָרשטעלן וואָס פאַר אַ ווילדע רציחה עס וואָלט אויסגעבראָכן ביי היטלערן, ווען ער דערוויסט זיך, אַז ערגעץ־וואו קעמפט קעגן אים אַ ספּעציעלע אידישע אַרמיי! ער וואָלט איינשטעלן אַלץ וואָס ער האָט אין זיין מאַכט, ביז דעם לעצטן סאָלדאַט און לעצטן קאַנאָן, די אידישע אַרמיי צו פאַרניכטן — און דערצו נאָך זיך „אָפּרעכענען" מיט די אידן פון די אַנדערע לענדער אונטער זיין באַרבאַרישער הער־שאַפט. זיינע אַרמייען גופא וואָלטן אויך אָנגעצונדן געוואָרן מיט אַ באַזונדערער טייוולשער רציחה צו קעמפן קעגן דער אידישער אַר־מיי, זי אָפּצואווישן.

אָבער דאָס איז נאָך ניט אַלץ. עס איז דאָ נאָך אַ געפאַר, וואָס אַ אידישע אַרמיי וואָלט פאַראורזאַכט. דאָס איז די געפאַר פון אונזערע אַראַבישע שכנים.

מיר ווייסן דאָך מיט וואָס פאַר געפילן די אַראַבער פון ארץ ישראל קוקן אויפן אידישן ישוב. די גרינדונג פון אַ אידישער אַרמיי, וואָס זאָל קעמפן אונטער איר אייגענער פאָן, וועט די אַראַ־בער זיכער צערייצן. דאָס וועט אַרויסרופן ביי זיי אי קנאה אי שרעק. זיי אַליין האָבן ניט קיין אייגענע אַרמיי און די אידן, די „פרעמדע", ווילן עס יאָ האָבן. עס דאַרף לאַנג ניט נעמען ביי די אַראַבישע שונאי ישראל צו פאַרשפּרייטן קלאַנגען וועגן דער „אידישער געפאַר", וואָס רוקט זיך אָן אויף זיי דורך דער אידי־שער אַרמיי, און אויפרייצן די אַראַבישע וועלט קעגן די אידן. געבעל'ס פּראָפּאַגאַנדע צווישן די אַראַבער, געשטיצט פון דעם מופטי, וועלכער איז ביי היטלער'ן אויף קעסט, וואָלט דאָ געפונען

דעם פּרוכטבאַרסטן באָדן פאַר זיינע ווילדע אינטריגעס קעגן די אידן. קיינער קאָן ניט גאַראַנטירן, אַז די אַראַבישע פּאָגראָמען פון 1929־36 וועלן זיך ניט ווידערהאָלן. פאַרקערט, עס לייגט זיך אויפן שכל, אַז די היטלער־אויפגערייצטע אַראַבער וועלן געפי־נען די פּאַסיגסטע געלעגנהייט צו באַפאַלן דעם ישוב אין דער צייט ווען די אידישע יוגנט איז ניטאָ אין דער היים אים צו פאַרטיידיגן. אַפילו ענגלאַנד גופא וועט ניט זיין געצוויגט זיך אַריינצומישן און דורכדעם זיך „איינרייסן" מיט דער אַראַבישער וועלט אין אַזאַ צייט...

די „אַקס" ראַדיאָ שטונדע, „די שטימע פון דער פרייער אַראַביע", אונטער דער אויפזיכט פון געוועזענעם מופטי פון ירושלים, האָט לעצטנס אַפּעלירט צו די אַראַבער פון עגיפּטען און פּאַלעסטינע אָנצופאַנגען פּאָגראָ־מען קעגן די אידן: „נעמט ראַכע פון די אידן, צינדט אונטער זייערע הייזער, מאָרדעט זיי אויס, און ברעכט זיי איידער זיי ברעכן אייך."

אָבער דאָס שרעקליכסטע וואָלט פּאַסירט ווען היטלער'ס האָר־דעס געלינגט, חלילה, צו דערשלאָגן זיך צו די טויערן פון ארץ ישראל. די אידישע אַרמיי וואָלט ביי אַזאַ לאַגע שוין געווען באַקעמפט צוזאַמען מיט די אַנדערע מיליטערישע כחות אויסער־האַלב די גרעניצן פון ארץ ישראל, אָדער זיי וואָלטן געווען פאַר־נומען ערגעץ אויף אַן אַנדער וייטן פראָנט. און דאָס לאַנד וואָלט געבליבן אומבאַשיצט און אויסגעזעצט דורכצומאַכן אַ דריטן חורבן.

אין אַנזיכט פון דער געשאַפענער לאַגע און די גרויסע געפאַרן וואָס זיינען פאַרבונדן מיט דער געפאָדערטער אידישער אַרמיי, טאָרן מיר, דערפאַר, אַ מינוט ניט פאַרלירן און גלייך זיך אָפּזאָגן פון דערדאָזיגער אוטאָפּיע.

וואָס מיר דאַרפן אָבער יאָ טאָן:

איינשפּאַנען אַלע אונזערע כחות אויפצושטעלן אַזוי שנעל ווי מעגליך אַ היים־שוץ (הגנה, „האָום דעפענס") אין ארץ ישראל גופא — אַ געשולטע, גוט אויסגעשטאַטעטע אַרמיי, וואָס זאָל קענען פאַרטיידיגן אונזער היימלאַנד און אָפּשלאָגן דעם צעיושעטן שונא, אויב ער וועט קומען צו אונזערע טויערן. דאָס רעכט צו פאַר־

טיידיגן אונזערע לעבנס און אונזער אייגנטום מוז אונז געגעבן ווערן — און איך האָף, אַז דאָס וועט אונז יאָ געגעבן ווערן, אויב מיר וועלן ניט פאַרשוועכן אונזערע כחות, מיטלען און איינפלוס פאַר דער פאָדערונג פון אַ ספּעציעלער אידישער אַרמיי, צו קעמפן מיט די אַנדערע אַרמייען אויף די אַלגעמיינע שלאַכטפעלדער.

די טענה, אַז מיר דאַרפן קעמפן דורך אַן אייגענער אַרמיי אין די אַלגעמיינע רייען פון די „עלאַיס" כדי צו קענען ביים שלום־טיש פאָדערן גערעכטיגקייט אויף אונזער אייגענעם חשבון, האָט קיין ממשות ניט. די גאַנצע וועלט ווייסט, אַז מיר זיינען סאַי ווי אָפּגעגאַנגען מיט בלוט אויף אַלע פראָנטן; אַז אונזערע זין האָבן זיך מקריב געווען אויף אַלע שלאַכטפעלדער אין פולער פּראָפּאָרציע צו די רוסן, פּאָליאַקן, ענגלענדער, אַמעריקאַנער א. אַז. וו. עס וועט פאַר אונז ניט נויטיג זיין צו קומען צום שלום־טיש מיט עפּאָלעטן און שפּאָרן כדי צו איבערצייגן די זיגער, אַז מיר האָבן אויך אַ חלק אין דעם זיג. ווייל מיר האָפן, אַז די פעלקער וועלן, נאָך אַלעמען, איינזען דאָס עס קען ניט זיין קיין אמת'ער שלום אויף דער וועלט אָן אַ שלום על ישראל.

רעדאַקטאַריזמען

(געדרוקט אין „אידישן פאַמיליען־זשורנאַל")

●

שראַפּנעלן

פון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

די געלע ראַצן פון יאַפּאַן זיינען אונז באַפּאַלן און ווילן זיך אַריינרייסן אין אונזער לאַנד.

זיי וועלן דאָס ניט דערלעבן! מיר וועלן קיינמאָל ניט דער־לאָזן קיין „געלע לאַטע" אויף אונזער פאָן פון „שטערן און שטרייפן".

* *

די כינעזער האָבן פון די יאַפּאַנעזער צוריק פאַרכאַפּט „וואו".

פ ר אַ ג ע: וואו איז וואו און וואָס האָבן זיי וואו פאַרכאַפּט?

ע נ ט פ ע ר: „וואו" איז אַ כינעזישע שטאָט, און זיי האָבן זי פאַרכאַפּט טאַקע אין וואו גופא...

* *

אַמעריקא פירט־איין אַ גרויסע אַרמיי פון פרויען פאַר דער מלחמה.

אויב עס געפינט זיך נאָך ערגעץ אַ סקעפּטיקער וואָס צווייפלט אויב אונזערע „באָיס" קענען געווינען די מלחמה, וועט ער אָבער מוזן צוגעבן אַז אונזערע פרויען קענען זיכער „געווינען"...

* *

די פרויען האָבן זיך אָפּגערופן זייער וואַרעם אויף דער רעגי־רונג'ס פאָדערונג צו טראָגן קורצע קליידער, כדי צו שפּאָרן מאַ־טעריאַל. אַנדערע זיינען געגאַנגען נאָך ווייטער און אַפילו זייערע זאָקן אויך אויפגעגעבן.

איצט וועט שוין קיינער ניט זאָגן, אַז די פרויען „ווייזן ניט אַרויס" גענוג זייער פּאַטריאָטיזם...

* *

סאַי די רעגירונג און סאַי געזעלשאַפטליכע פירער זיינען קעגן די מלחמה חתונות, ווען די יונגע ווייבלעך בלייבן אין דער היים און זייערע זעלנער־מענער פאַרלאָזן זיי, ניט וויסנדיג ווען זיי וועלן זייערע ווייבלעך וויטער זען...

אָבער איין מעלה, פונדעסטוועגן, האָט די צושיידונג יאָ: עס איז אַ זיכערער מיטל פאַר שלום־בית...

* *

ווען היטלער האָט דערקלערט קריג קעגן די פאַראייניגטע שטאַטן האָט ער אונז פאַרזיכערט, אַז ער וועט געבן דעם ערשטן קלאַפּ.

דאָס קען גאַנץ מעגליך זיין. דערפאַר קענען מיר אים פאַר־זיכערן, אַז דעם לעצטן קלאַפּ וועט געבן „אַנקל סעם"!

* *

אַמעריקאַנער שטעט ווערן פאַרפינסטערט און דייטשישע שטעט ווערן באַלויכטן...

זיינען מיר צופרידן צו ליידן פון די „דימאַוטס" און „בלעק־אַוטס" וואָס פאַרטונקלען אָדער פאַרפינסטערן אונזערע שטעט, אַבי די דייטשישע שטעט זאָלן ווערן וואָס מער באַלויכטן — דורך אונזערע צינד־באָמבעס...

* *

געבעלס אַפּעלירט צו די דייטשישע איינוואוינער זיי זאָלן אויסלעשן די צינד־באָמבעס וואָס אונזערע פליער וואַרפן אַראָפּ.

דאָס וועט ער מסתמא ביי זיי פועל'ן. אָבער צו פאַרלעשן די וועלט־מלחמה וואָס היטלער האָט אָנגעצונדן, וועלן די דייטשן זיך דאַרפן ווענדן צו די „עלאַיס".

* *

אַמעריקע גייט איינפירן אַ גרויסע אַרמיי פון הינט. זיי וועלן געלערנט ווערן צו האַלטן וואַך, אַריבערברענגען צושריפטן, און טאָן

אַנדערע נוצליכע אַרבייט אויפ'ן שלאַכטפעלד. עס איז אָבער שווער צו קריגן די ריכטיגע הינט.

וואָס איז דער מער? און וואו זיינען אַהינגעקומען אונזערע פינפטע קאָלומניקעס, פאַררעטער און אַנטיסעמיטן?

* *

די ניו יאָרקער צווייטע עוועניו עלעווייטאָר ווערט אַראָפּגע־ריסן און די טויזנטער טאָנען אייזן און שטאָל, וואָס דאָס וועט אַריינברייגנען וועט מען אָוועקשיקן צו דייטשלאַנד און יאַפּאַן...

יאָ, אַוועקשיקן צו אונזערע שונאים — אין פאַרטיגע, אויס־געאַרבייטע קאַנאָנען, טאַנקען און באָמבעס, מיט וועלכע אונזערע פאַראייניגטע אַרמייען וועלן זיי פאַרניכטן.

* *

אַטאָמאָבילן וועלן ביסלעכווייז אויסגעשלאָסן ווערן פון גע־ברויך דורך דער צייט פון דער מלחמה, און פערד וועלן פאַרנעמען זייער פּלאַץ — פאַרזיכערט מען אונז.

אפשר וועט די אומשולדיגע האַרעפּאַשנע פערד, אין אונזער נייער געזעלשאַפט, דאָך געלינגען צו הויבן די מאָראַל פון אונזערע אַריסטאָקראַטישע פּוסט־און־פּאַסניקעס...

* *

די זעקס געפערליכע דייטשישע שפּיאָנען וואָס האָבן דורך אַ סאָבמאַרין זיך אַריינגעגנב'עט אין אַמעריקאַ, זיינען געווען אַזוי געטריי צו היטלער'ן, אַז זיי האָבן דערקלערט דאָס זיי וואָלטן זיך פאַר אים „אויפגעהאַנגען"...

עס איז זיי אָבער ניט באַשערט געווען צו הייגנען — האָט מען זיי פאַרברענט אויפ'ן עלעקטריק טשער...

* *

די פירער פון אונזער פאַרטיידיגונג דערקלערן, אַז מיר דאַרפן ניט פאַרשווענדן קיין מאַטעריאַלן וואָס זיינען נויטיג פאַר דער „דעפענס" פּראָדוקציע. איבערהויפּט אייזן און שטאָל דאַרפן אָפּ־געהיט ווערן.

יאָ, לאָמיר טאַקע ווייזן, אַז מיר האַלטן „שטאָל און אייזן" פאַר אונזער דעמאָקראַטיע!

* *

אַלע שפּייזן וואָס היטלער דאַרף עסן גיט מען פריער צו צווײ הינט, כדי צו זען אויב דאָס עסן איז ניט פאַר'סמ'ט.

אַ שאָד, וואָס צוליב איין משוגע'נעם הונט דאַרף מען איינשטעלן די לעבנס פון צווײ קלאָרע, אומשולדיקע הינט.

* *

דער סירען סיגנאַל פאַר אַ לופט אַלאַרם איז אַ „ת ק י ע ה" (אַ לאַנגער בלאָז), וואָס מיינט, אַז דער קאַמף קען זיין לאַנג. אָבער דער סיגנאַל וואָס רופט נאָכדעם צו באַרואיגונג איז אַ „ש ב ר י ם" (אין העברייאיש: צובראָכן) — קורץ־צובראָכענע טענער — וואָס מיינט, אַז מיר וועלן זיי סוף־כל־סוף צוברעכן „רוק און לענד".

* *

די רומענישע רעגירונג האָט פאַרבאָטן „קידוש לבנה" ווייל זי האָט מורא אַז ווען די אידן וועלן שטיין מיט ליכט און מחדש־זיין די לבנה וועלן זיי געבן סיגנאַלן צו די עראָפּלאַנען פון די עלאַיס...

מיר גלויבן אַז די אמת'ע אורזאַך פון דעם פאַרבאָט איז עפּעס אַנדערש: די רומענישע רעגירונג האָט זיך מסתמא דערוואוסט אַז אין דער תפלה פון „קידוש לבנה" שטייט, צו זאָגן דריי מאָל: „כשם שאני רוקד כנגדך ואיני יכול לנגוע בך, כך לא יוכלו כל אויבי לנגוע בי לרעה" — אַזוי ווי איך שפּרינג קעגן דיר (לבנה) און קען דיך ניט באַרירן, אַזוי זאָלן מיינע שונאים (צופּלאַצט ווערן און) צו מיר ניט קענען זיך צורירן עפּעס שלעכטס צו טאָן...

* *

די לעצטע ריזיגע באָמבאַרדעס איבער בערלין האָבן אָנגעמאַכט אַזאַ חורבן, אַז פיל שטייגן און מויערן פון טירגאַרטען („זו") זיינען צעשמעטערט געוואָרן, און די ווילדע חיות האָבן זיך פאַרשפּרייט איבער די בערלינער גאַסן!

מען קען זיך פאָרשטעלן ווי דערנידעריגט און מינדערוויכטיג די ווילדע חיות האָבן זיך דערפילט ווען זיי האָבן אין די

גאַסן זיך צוזאַמענגעטראָפן מיט די בלוטיגע ווילדע חיות פון דער געשטאַפּאָ און נאַצי־סאַדיסטן.

* *

אייזן און צוקער זיינען, צוליב דער מלחמה, געוואָרן זעלטענע און טייערע אַרטיקלען. אויב איר זייט פון די, וואָס האַלטן ניט אַלע גוטע זאַכן פאַר זיך אַליין, זאָלט איר אַזוי טאָן: אייזן אין די בלוט האַלט פאַר זיך אַליין, אָבער צוקער אין די בלוט מעגן האָבן אונזערע „פינפטע קאָלומניקעס" און אַנטיסעמיטן...

* *

סטאַטיסטיקער האָבן אויסגערעכנט, אַז עס קאָסט פופציג טויזנט טאָלער צו הרג'ענען אַ זעלנער אין דער מלחמה.

מיר האָבן זיך נאָכגעפרעגט ביי אַ פּאָר באַקאַנטע אידישע זעלנער, האָבן זיי אונז פאַרזיכערט אַז זיי וואָלטן דאָס געטאָן אַן אַ סענט געלט, ווען מען זאָל זיי נאָר צולאָזן צו היטלער'ס „העלדן".

* *

אוי, די איטאַליענער! דורך מוסאָלינען האָבן זיי פאַרלאָרן דעם זינען, און באַדאָליע האָט נאָך פאַרערגערט זייער דאָליע; די איינציגע וואָס האָבן זיי געקאָנט דערפרייען זיינען די עלאַי'ס אַרמייען...

* *

לייאָנעל פאַן קלעם, אַ קאָזין פון ריבענטראָפּ, האָט דאָ אָנגע־פאַנגען פאַרקויפן די דימענטן וואָס די נאַציס האָבן אָנגערויבט אין האָלאַנד און אין בעלגיע. די רעגירונג האָט אים אָבער גע־פּאַקט, און הער קלעם איז איצט אין קלעם פון אַמעריקאַנער גע־רעכטיגקייט.

די הונגעריקע נאַציס האָבן זיך אויסגעלערנט צו עסן אַלצדינג וואָס לאָזט זיך נאָר קייען. אָבער קיין שטיינער, ווייזט אויס, קענען זיי נאָך ניט עסן — אַפילו ווען די שטיינער זיינען עכטע דימענטן, און מען מוז זיי אויסבייטן אויף אַמעריקאַנער דאָלאַרן.

* *

היטלער'ס „בליצן" האָבן זיך אויסגעבליצט אָבער דער שטו־רעם וואַקסט: עס שטורעמען די רויטע אַרמייער די נאַצישע פּאָזיציעס — דאָנער וועטער!

ווען אַלע שטורעמס וועלן אַריבער און די זון וועט צוריק אויפשיינען, וועט מען ערשט קענען זען וואָס פון ר' ישראל'ס הייזקע איז געוואָרן...

* *

די ענגלענדער האָבן עטליכע מאָל באָמבאַרדירט די שטאָט עסען און דאָרט אָנגעמאַכט אַ חורבן.

„עסען" איז דער שוואַכסטער פּונקט ביי די נאַציס. זיי האָבן שוין אויפגעפרעסן אַלץ וואָס זיי האָבן פאַרכאַפּט ביי זייערע פאַר־שקלאַפטע לענדער — און זיי הונגערן ווייטער.

ווען די נאַציס וועלן פאַרגעסן דעם טעם פון עסן, וועט זיין אָך און וויי צו זייער אַרמיי...

* *

היטלער האָט באַפוילן אַלע מענער און פרויען אין דייטש־לאַנד צו באָדן זיך אינגאַנצן נאַקעט.

די נאַציס האָבן סאַי ווי ניט וואָס אָנצוטאָן. ווינטער האָט היטלער געהייסן די זעלנער אויפ'ן רוסישן פראָנט זיך אַרומוויקלען מיט פּאַפּיר אָנשטאָט וואַרעמע העמדער. דער איצטיגער באַפעל באַשטעטיגט, אַז די דייטשן האָבן שוין ניט מיט וואָס זייער שאַנד צו פאַרדעקן...

* *

די צייטונגען ברענגען די ידיעה, אַז היטלער איז דערשעפּט און זיינע דאָקטוירים האָבן דערקלערט, אַז ער דאַרף האָבן „רו".

מיר האָפן, אַז ער וועט עס אינגיכן קריגן — און ניט נאָר צייטווייליגע „רו", נאָר טאַקע „אייביגע רו"...

* *

היטלער האָט פאַרבאָטן איבערצוקלעפּן מיט נייע טאַפּעטן די ווענט אין די הייזער פון אַ פּאָר פאַרכאַפּטע לענדער.

דערפון קען מען דרינגען, אַז היטלער ריכט זיך צו פאַרלירן די מלחמה און ווערן אויס „פּירער" פון דייטשישן רייך. ווייל

ער צוגרייטן דעם באָדן פאַר אַ „פייפער הײנגערס יוניאָן", וואו ער זאָל ווערן דער „פירער" ביי זיין אַלטער מלאכה...

* *

היטלער האָט זיך אַ פּאָר מאָל באַקלאָגט, אַז דער פרילינג אין רוסלאַנד האָט זיך פאַרשפּעטיגט...

איצט, אַז דער פרילינג איז שוין דאָרט געקומען און היטלער האָט שוין אָנגעפאַנגען זיין געפּלאַנטע פרילינג־אָפענסיווע, האָפן מיר, אַז ער וועט האָבן אַלע אורזאַכן צו באַקלאָגן זיך, אַז דער פרילינג איז דאָרט געקומען צו־פרי...

* *

אַ גאַנצן זומער האָבן די נאַצישע האָרדעס „געשוויצט" ביים דאָן און ביי די סטאַלינגראַדער פעסטונגען — און ווי נאָך גע־שוויצט!

איצט, מיט'ן אָנקום פון ווינטער, האָבן זיי שוין אָנגעפאַנגען צו „ציטערן"... ציטערן זיי שוין ווייטער אָנצוגיין מיט זייער אָפענסיווע ביי סטאַלינגראַד.

לאָמיר האָפן אַז די נאַצישע גענגסטערס וועלן מער ניט שוויצן און אַז דאָס וועט זיין זייער לעצטער ציטער...

* *

היטלער האָט געזאָלט נעמען סטאַלינגראַד דעם לעצטן זומער, אָבער ער האָט עס „אָפּגעלייגט" אויף ווינטער... איז וואָס האָט פּאַסירט? —

דער ווינטער איז געקומען, טראַ לאַלאַ לאַ לאַ,
דער ווינטער איז געקומען, טראַ לאַלאַ לאַ לאַ,
ער האָט זי ניט גענומען, אַהאַ, אַהאַ,
וועט ער די שלאַק באַקומען, אַהאַ, אַהאַ!

(נאָך אַ פאָלקס־לידל)

* *

פאַרשידענע קלאַנגען האָבן זיך לעצטנס אַרומגעטראָגן וועגן אַ שלום צווישן די „עלייס" און די „אַקסיס". דאָס האָט די געלט מאַגנאַטן פון אַמעריקאַ און ענגלאַנד אַריינגעוואָרפן אין

אַזאַ פּאַניק, אַז די בערזעס פוןביידע לענדער האָבן זיך גע־טרייסלט...

אַ ביטערער רחמנות, נעבעך, אויף די וואָס שרעקן זיך פאַר אַ שלום. לאָמיר זיי כאָטש טרייסטן, אַז צו זיי וועט דער שלום קיינמאָל ניט גרייכן — אין שלום לרשעים...

* *

היטלער פּלאַנעוועט צו מאַכן אַ שלום אָנבאָט צו די עלאַיס היינטיגן ווינטער.

די עלאַיס וועלן אָבער פון דעם ניט וועלן הערן, און דער איינציגער שלום וואָס מיר קענען אים יאָ געבן איז פון דעם סאָרט „עליו השלום"...

●

פּעפּערלעך

פון געווירצטע היימישע מאכלים.

אין ניו יאָרק וועט זיך קירצליך עפענען אַ אידישער מוזיי פון זעלטענע אַנטיקן.

מיר וואָלטן דאָרט וועלען זען אַ מטבע, — וואָס דער „קאָנסיל אָוו דזשודאאיזם" האָט געגעבן פאַר אידישער דערציאונג.

* *

סאַי די די רעפּובליקאַנער און סאַי די דעמאָקראַטן מאַכן אונז גוטע פאַרשפּרעכונגען בנוגע ארץ ישראל דורך די איצטיגע וואַלן. עס איז נאָר אינטערעסאַנט צו וויסן ווער עס וועט ווערן אַריבער־שטייגן — אין אונזערע אַנטוישונגען.

* *

איר האָט שוין איצט ניט וואָס צו זאָרגן. דער פאַרבאָט אויף „פּלעזשור דרייווינג" (אַטאָמאָביל רייזעס פאַר פאַרגעניגן) איז שוין אָראָפּגענומען און איר מעגט פאָרן וויפיל אייער האַרץ געלוסט. געזאָלין, פאַרזיכערט מען אונז, וועט אויך באַלד זיין לרוב.

אַלץ וואָס איך פעלט איז בלויז אַ קלייניגקייט — דער אַטאָ־מאָביל...

* *

לויט פּרעזידענט רוזוועלט׳ס פאָרגעשלאָגענעם געזעץ, וועט קיינער אין אַמעריקע ניט טאָרן פאַרדינען מער ווי 25 טויזנט דאָ־לער אַ יאָר דורך דער צייט פון מלחמה.

מיר האָבן מורא, אַז דורך דעם וועלן מיר זיין געצוואונגען צו שניידן די שכירות פון אונזערע מיטאַרבייטער...

* *

אין דעם טאָג, וואָס רוזוועלט איז לעצטע וואָך געשטאָרבן האָט טרומאַן איבערגענומען זיין פּרעזידענטן־אַמט.

מיר האָפן, אַז טרומאַן וועט פאָרטזעצן די גוטע אַרבייט פון רוז־וועלט׳ן, אָבער מיר ווינשן אים ניט, אַז ער זאָל גיין אין רוזוועלט׳ס פוס־טריט... (רוזוועלט איז געווען געשעדיגט אויף זיינע פיס).

* *

די רעגירונג פאַרלאַנגט פון די אַרויסגעבער פון צייטונגען, אַז זיי זאָלן רעדוצירן דעם געברויך פון פּאַפּיר...

דאָס איז אַ קאַפּוליער אַנצוהערעניש. פּשוט גערעדט, מיינט עס זיי זאָלן שרייבן ווייניגער נאַרישקייטן, ווייניגער אינטריגירן קעגן דער רעגירונג, ווייניגער פּלאַפּלען וועגן אונזערע מלחמה פּלענער, און ווייניגער רייצן קעגן די „פרעמדע״.

* *

ווען דער קאַטוילישער פּאַטער קאָגלין איז פון דער רעגי־רונג פאַרבאָטן געוואָרן צו שיקן זיין אַנטיסעמיטישע צייטונג „סאָשל דזשאַסטיס״ דורך פּאָסט אָדער פאַרקויפן אין גאַס, איז ער אַרויסגעקומען צו זיינע נאָכשלעפּער מיט אַן אַנצוהערעניס, אַז זיי וועלן פאָרטזעצן די אַרבייט אונטערערדיש.

מיר האָבן גאָרניט דאַגעגען, אַז די פירערשאַפט פון אַט־דער באַנדע זאָל זיך אַריבערפּעקלען אונטער דר׳ערד...

* *

דער אינדישער גייסטיגער פירער, גאַנדי, זאָגט, אַז ארץ ישראל געהערט צו די אַראַבער, און אַז די אידן דאַרפן פון דאָרט באַזייטיגט ווערן.

מיר האָבן מורא, אַז אָט־די דיבורים פון גאַנדי זיינען געַ־בעל׳ס „פּראָ־פּאַ־גאַנדי״...

* *

דער היסטאָרישער מזומן — רוזוועלט, טשוירטשיל, סטאַ־לין — זיינען זיך צוזאַמענגעקומען אין אַמאָליגן המנ׳ס לאַנד, פּערסיע, כדי צו־צוגרייטן די מפּלה פאַר דעם היינטיגן המן־היטלער.

די לאַגע פון מרדכי׳ן איז אָבער ניט באַטראַכט געוואָרן. אַפילו „חרבונה איז דערמאָנט געוואָרן צום גוטן״, אָבער די מרדכיס און די אסתרס ווערן דערווייל פון המנ׳ען פאַרטיליגט און אונ־זערע „רעטער״ מאַכן זיך ניט וויסנדיג.

* *

די נייווי האָט באַשלאָסן צו בויען אַ קריגשיף מיט דעם נאָמען „דזשעפערי״ — צום אָנדענק פון דעם אידישן העלד, איירא וו. דזשעפערי, וועלכער איז געפאַלן אין שלאַכט אין פּירל האַרבאָר.

עס איז אינטערעסאַנט צו וויסן אויב די נייווי וואָלט אַזאַ באַשלוס אָנגענומען ווען דער געפאַלענער העלד וואָלט געטראָגן אַן עכט אידישן נאָמען און די קריג־שיף וואָלט געדאַרפט הייסן „קאָהען״, „מאָסקאָוויטש״, „שאַפּיראָ״, אָדער „ליוואַי״...

* *

דר. מאַגנעס איז אַרויסגעקומען מיט זיין פּלאַן צו שאַפן אין ארץ ישראל אַ אידישע מלוכה בשותפות מיט די אַראַבער — וועלכע קוקן אַרויס אויף דער ערשטער געלעגנהייט די אידן אַריינצושטעכן אַ מעסער אין רוקן.

טומלט זיך אין אונזער פּרעסע. אָבער צו־וואָס זיך אויפרעגן? זאָל ער אַקאָרשט פּריער דאָס פּועל׳ן ביי די אַראַבער...

* *

פאָרד איז עפנטליך אַרויסגעקומען קעגן אַנטיסעמיטיזם, באַ־הויפּטנדיג, אַז אַנטיסעמיטיזם איז „איי דיסטינקט דיססערוויס טו אור קאָונטרי״ — אַן עולה גדולה קעגן אונזער לאַנד.

ס׳וועט נאָך קומען אַמאָל אַ צייט, וואָס מען וועט זיך נאָך אפשר דערטראַכטן אַז אַנטיסעמיטיזם איז אַ שטיקל עולה קעגן אידן אויך...

* *

דער ביכער־חודש, וואָס איז איצט איינגעפירט געוואָרן ביים אַמעריקאַנער אידנטום, האָט געקראָגן גרויס פּאָפּולאַריטעט ביי אַלע פריינט און ליבהאָבער פון דער אידישער ליטעראַטור און קולטור בכלל.

לאָמיר האָפן, אַז דער עולם וועט ניט אָפּקומען בלויז מיט שיינע רייד וועגן „בוך", נאָר טאַקע אים קויפן, האָבן און געברויכן... דאָס מיינט: נעמען זיך אויך צום אייגענעם בוך — צום טשעק־בוך...

* *

לעצטע וואָך האָבן מיר געליינט אין די צייטונגען אַז רוז־וועלט האָט קאָנפערירט מיט אידן וועגן וויכטיגע נאָך־מלחמה פּראָב־לעמען. האָט אונז אַ הנאה געטאָן וואָס נאָך אַלעמען איז מען זיך פאָרט מיט אונז מישב וועגן אַזעלכע ערנסטע ענינים.

אָבער אין דעם נעקסטן פּאַראַגראַף האָבן מיר געליינט אַז גלייך נאָך דעם קאָנפערענץ האָט מר. אידען (ענגלאַנד׳ס אויסערן מיניסטער) זיך צוריק געקערט קיין לאָנדאָן.

* *

דער נייער זמן פאַר די אידישע קינדער פאַנגט זיך שוין אָן און זיי וועלן באַלד אָנפילן די תלמוד תורה׳ס, חדרים, און פאָלקס־שולן, וואו זיי וועלן לערנען אידישע לימודים און קריגן אַ אידישע דערציאונג.

און וואָס הערט זיך מיט די עלטערן גופא ?...

* *

לויט די לעצטע ידיעות זיינען איצט אין ארץ ישראל דורכ־געפירט געוואָרן פּלענער פאַר דער פּראָדוקציע פון צוקער אויף אַ גרויסן מאַסשטאַב.

אפשר וועט ארץ ישראל פאָרט באַשערט זיין צו פאַרזיסן די

ביטערע פּילן, וואָס דאָס וועלט־אידנטום האָלט אין איין אַראָפּ־שלינגען...

* *

49 פּאַליסלייט און 4 לאָיערס זיינען אָנגעקלאָגט געוואָרן פאַר מאַכן אַ מיליאָן דאָלער גרעפט (כאַבאַר) פון אַ 10־מיליאָן דאָלערדיגן געמבלינג רעקעט.

ווי ווייט דער גרעפט איז אָנגעגאַנגען קען מען זען דערפון, וואָס דער הויפּט־אָפיס פון וואַנען דער גרעפט איז אויסגעטיילט געוואָרן געפינט זיך אין ברוקלינער גרעפּטאָן סטריט...

* *

הענרי מאָרגענטאַו, דער סעקרעטערי אָוו די טרעזשורי, וועל־כער איז דער הויפּט אָנפירער פון די וואָר באָנד קאָמפּיינס, איז דער איינציגער וואָס האָט קיין איינציגן וואָר באַנד ניט געקויפט — ווייל דאָס געזעץ דערלויבט אים ניט.

מען קען זיך פאָרשטעלן וויפיל אָנפירער פון אונזערע קאָמ־פּיינס פאַר צדקה פאַנדן וואָלטן זיך געוואונשן האָבן אַזאַ געזעץ, וואָס זאָל זיי ניט דערלויבן בייצוטראָגן צו זייער אייגענעם קאָמפּיין.

* *

די „שיקאַגאָ סאַן” ברענגט אַ קייבל פון לאָנדאָן, אַז ענגלאַנד ריכט זיך צו שאַפן אַ אידישע אַרמיי פון צוויי דיוויזיעס, רעקרו־טירט פון פּאַלעסטינער אידן, צו קעמפן אונטער זייער אייגענער פאָן קעגן יאַפּאַן.

לאָמיר האָפן, אַז די אידן פון ארץ ישראל וועלן שפּעטער ניט דאַרפן שאַפן אַזאַ אַרמיי צו קעמפן קעגן ענגלאַנד גופא...

אַ אידישע גלות־רעגירונג

צו־וואָס? — ווי־אַזוי? — און ווען?

די פאָלגענדע צוויי אַרטיקלען זיינען געשריבן געוואָרן אין אידיש און אין ענגליש און זיינען אַזוי געדרוקט געווען אין „אידישן פאָמיליען־זשורנאַל." שפּעטער זיינען זיי, איןביידע שפּראַכן, דערשינען אין אַ באַזונדערער בראָשורע צוזאַמען מיט אַ „פאָרוואָרט," ווי עס ווערט דאָ איבערגעדרוקט.

פאָרוואָרט פון מחבר

אָט־די בראָשורע, וועלכע איך האָב דעם כבוד און פּריווילעגיע פאָרצולייגן פאַר דעם אידישן פאָלק, באַצוועקט אויפצואווייזן די מעגליכקייט און העכסטע נויטווענדיגקייט פון גרינדן אַ אידישע גלות־רעגירונג. דער אינהאַלט פון דער בראָשורע גיט, לויט מיין מיינונג, אַ קלאָרע אָפּשאַצונג פון דעם ענין און אַ פולשטענדיגע באַהאַנדלונג פון דער פּראָבלעמע. דאָך, אויף דעם גרונט פון די שלוסן צו וועלכע דער לייענער וועט קומען צום סוף פון דער בראָשורע, וויל איך דאָ מאַכן אין פאָראויס די פאָלגנדיגע באַמערקונג:

די אידישע גלות־רעגירונג וועט אין קיין פאַל ניט קומען אין צוזאַמענשטויס מיט דעם אמת'ן און עכטן פּאַטריאָטיזם מיט וועלכן די אידן זיינען דורכגעדרונגען אין די לענדער וואו זיי לעבן. אידישער פּאַטריאָטיזם, פון דעם העכסטן ראַנג, איז אַ באַשטעטיגטער פאַקט וועלכער בויטיגט זיך ניט אין ווייטערע באַווייזן. די באַטייליגונג אין דער אידישער גלות־רעגירונג וועט בלויז פאָדערן אַ באַזונדערן און גערעכטן „פּאַטריאָטיזם" אויך צום אידישן פאָלק. דאָס מיינט צו נעמען אַ פּראַקטישן אינטערעס אין דער לאַגע פון אונזערע ברידער, איבערהויפּט וואו און ווען זייערע לעבנס און מענשליכע רעכטן ווערן געדראָט צוליב זייער ראַסע. אָט־דער דרינגענדיגער און גערעכטער צוועק וועט, ווי מיר האָפן, אונטערשטיצט ווערן פון אַלע ליבעראַלע פירער פון דער מענשהייט.

די אידישע גלות־רעגירונג וועט אויך ניט זיין אין קאָנפליקט מיט, אָדער פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון, וועלכער־עס־איז עקזיסטירנ־

דיגער אידישער אָרגאַניזאַציע, אָפּגעזען פון איר גרויס, באַדייטונג, און צוועק. איר הויפּט ציל פאַר דער געגנוואַרטיגער צייט איז, נאַטירליך, צו רעפּרעזענטירן דעם וועלט־אידנטום ביי דער שלום קאָנפערענץ נאָך דער מלחמה. אירע ווייטערע צילן זיינען אָבער צו זיין אויף דער וואַך קעגן יעדער אָפּוועבדונג פון די באַדינגונגען, פאַרפליכטונגען און פאַרשפּרעכונגען וועגן די אידישע רעכטן איבער־ראַל וואָס וועלן געמאַכט ווערן ביי דער שלום קאָנפערענץ צום סוף פון דער וועלט־מלחמה; אַנטוויקלען און אָנהאַלטן דעם גוטן ווילן צווישן די אידן און אַנדערע פעלקער פון דער וועלט; קאָאָרדינירן די אינטערנאַציאָנאַלע אידישע פילאַנטראָפּיע און קעגנזייטיגע הילף; רעגלמעסיג שטיצן די אידישע קולטור, רעליגיע און גייסטיגן וואוילזיין; און אַלע אַנדערע ענינים וועלכע זיינען פון ספּעציעלן אינטערעס פאַר אידן, און, ועל כולם, אַרויסקוקן אויף ציון...

אַט־די און ענליכע אויפגאַבן קענען דורכגעפירט ווערן און באַ־קומען אַ שטענדיגע באַהאַנדלונג בלויז פון אַ גערעכטליך דערוויילטע רעגירונג, און פון קיין אַנדער אָרגאַניזאַציע. אין אונזער פאַל: אַ גלות־רעגירונג, געשאַפן דורך די אידן פון דער וועלט פאַר שטענ־דיגער עקזיסטענץ, ביז מיר וועלן האָבן אונזער רעגירונג אין אונזער אייגן לאַנד. אויב מיר שטרעבן צו ווערן אנערקענט ווי אַ נאַציע (אַן „אינטערנאַציאָנאַלע נאַציע", ווי אָנגערופן אין דער בראָ־שורע) און באַקומען אַן אָפיציעלן סטאַטוס צווישן די פאַראייניגטע פעלקער, קענען מיר ניט טראַכטן פון קיין אַנדער פאָרמע פון אַ רעפּרעזענטאַטיווע קערפּערשאַפט אויסער אַ „רעגירונג". די גרויסע באַדייטונג און פּרעסטיזש פון אַט־דעם נאָמען שטעלן־פאַר מיט זיך פאַראַנטוואָרטליכקייט, צוטרוי, ערנווירדיגקייט, אויטאָריטעט, פאַר־לעסליכקייט, און אַלע אַנדערע אייגנשאַפטן מיט וועלכע אַ רעגירונג דאַרף זיין קוואַליפיצירט.

אויב מיר ווילן ראַטעווען דאָס אידישע פאָלק פון אונטערגאַנג אין דער איצטיגער קריטישסטער צייט פון זיין געשיכטע; אויב מיר ווילן באַקומען פאַר דעם פאַרצווייפלטן פאָלק־ישראל אונזער אייגענע „פיר פרייהייטן" אָן וועלכע קיין מענשליכע גרופּע קען ניט עקזיסטירן — די באַפרייאונג פון אונטערדריקונג, דיסקרימי־נירונג, פאַרפאָלגונג, און אויסראָטונג — מוזן מיר אויפפאָדערן אַלע

אונזערע פירער, דאָ און אין אויסלאַנד, פאַר דער באַלדיגער גרינ־דונג פון אַ אידישער גלות־רעגירונג.

ריידנדיג פון אונזערע פירער, וועלן מיר איינזען אַז זיי פאַר־טרעטן גרופּן פון פאַרשידענע ריכטונגען, אידעאָלאָגיעס און צילן, ווי עס איז געוואוינליך דער פאַל אין דער גאַנצער ציוויליזירטער וועלט. די באַטייליגונג אין דער אידישער גלות־רעגירונג וועט, יעדנפאַלס, ניט פאָדערן קיין ענדערונג אין זייער אייגנאַרטיגקייט און פּרינציפּן, ווייל די צילן און אויפגאַבן פון דער אידישער גלות־רעגי־רונג, ווי זיי ווערן דאָ פאָרגעשלאָגן, זיינען פון אַזאַ מין צו וועלכע יעדער איד וועט (אָדער דאַרף) מסכים־זיין מיט זיין גאַנצן האַרצן — סאַידן ער איז פון דעם טיפּ אַסימילאַטאָרן אָדער איזאָלאַ־ציאָניסטן וועלכע ווערן דאָ באַרירט. דורך דער ווירדע פון אונזער אייגענער רעגירונג וועט אונז זיין פיל לייכטער צו גרייכן די אויערן פון דער וועלט און אירע רעגירונגס־קערפּערשאַפטן; מען וועט אונז בעסער הערן, בעסער פאַרשטיין, און שיינקען מער צו־טרוי, מער רעספּעקט, און מער אַכטונג פאַר אונז און אונזערע פאָדערונגען.

צולעצט וויל איך פאָרשלאָגן אַ שלאָג־וואָרט, וואָס זאָל אָנגע־ווענדט ווערן אין דער פּראַקטיק פון דעם ערשטן מאָמענט אָן וואָס די באַוועגונג פאַנגט זיך אָן צו רירן. דאָס וואָרט איז, לויט דעם נייסטן נוסח, „ב ל י ץ” — בליץ־באַוועגונג! יאָ, בליץ־שנעל מוז די באַוועגונג זיך פאַרשפּרייטן צווישן אידישן פאָלק און עס טאָר אַ מינוט ניט פאַרלאָרן גיין אין דער דורכפירונג פון אָט־דער גרוי־סער היסטאָרישער אונטערנעמונג. ווען אַ פייער ברעכט־אויס אין אייער הויז, איז דאָן קיין צייט ניט צו נעמען אַ „שיעור” אָדער אַ וואַנע אין אייער באָד־צימער... די דירעקטע און אומדירעקטע אַרבייט פאַר דער גרינדונג פון אונזער רעגירונג מוז זיך אָנפאַנגען — פאַר דעם יחיד ווי פאַר דעם כלל — אַזוי שנעל ווי די אידייע איז אויפגעפאַסט, אין אנזיכט פון דעם ערנסטן און שווערסטן מאָ־מענט אין אונזער גאַנצער געשיכטע.

●

אַ אידישע גלות־רעגירונג

אַ דרינגענדיגע אויפגאַבע פאַר באַלדיגער באַהאַנדלונג

(„אידישער פאַמיליען־זשורנאַל“, נאָוועמבער, 1942)

מיר שטרעבן אויפצובויען אונזער נאַציאָנאַלע היים אין ארץ ישראל — ארץ ישראל לעם ישראל. מיר זיינען גרייט צו ברייגען די גרעסטע קרבנות צו פאַרווירקליכן אונזער אידעאַל און גרינדן אונזער אייגענע מלוכה אין ציון. אָבער די זאַך ווענדט זיך דאָך ניט אָן אונז אַליין. די אַראַבער, סאַי פון ארץ ישראל גופא און סאַי די שכנישע אַראַבישע רעגירונגען, וועלן ביטער באַקעמפן אונזערע שטרעבונגען. ענגלאַנד, ווי מיר האָבן שוין איינגעזען, וועט אונז אויך שטערן אויף יעדן טריט, און אויף דער וועלט׳ס געוויסן קענען מיר זיך אויך ניט פאַרלאָזן.

מיר שטרעבן און האָפן — אָבער קיינער קען אונז ניט גאַראַנ־טירן, אַז אונזער האָפענונג וועט פאַרווירקליכט ווערן. דערפאַר נעם איך זיך דאָ די פריווילעגיע פאָרצולייגן פאַר דעם אידישן פאָלק די אידייע פון אַ אידישע גלות רעגירונג, אין דער האָפענונג, אַז זי וועט, פריער אָדער שפּעטער, פירן צו דער גרינדונג פון אַ אידי־שער רעגירונג אין ארץ ישראל.

דער טערמין „גלות־רעגירונג“ איז אַ נייער באַגריף. ער איז אַרויסגעשוואומען ווי אַ רעזולטאַט פון דער מלחמה, דורך היטלער׳ס פאַרגוואַלטונג פון לענדער און פעלקער. אין די לענדער וועלכע ער האָט פאַרכאַפּט האָט ער אַריינגעזעצט זיינע משרתים צו געוועל־טיגן איבער זייערע באַפעלקערונגען, און די פריערדיגע רעגירונגען, אָדער טיילן פון זיי, וועלכע האָבן זיך ניט געוואָלט אונטערגעבן, זיינען אַנטלאָפן צו די שכנ׳ישע פרייע לענדער — מערסטנטיילס צו ענגלאַנד — וואו זיי האָבן זיך רעאָרגאַניזירט און געגרינדעט אַ „רעגירונג“ אין זייער גלות.

אַזוי איז געשאַפן געוואָרן אַ פּוילישע גלות־רעגירונג, אַ טשע־כאָ־סלאָוואַקישע גלות־רעגירונג, אַ האָלענדישע, אַ בעלגישע, אַ נאָרוועגישע, אַ יוגאָסלאַווישע, אַ גריכישע, א. אַז. וו.

די פאַרשידענע גלות־רעגירונגען האַלטן אַן אויג אויף זייערע לענדער, וועלכע ווערן פאַרשקלאַפט און באַראַבעוועט פון די נאַצי־שע באַרבאַרן. זיי שטייען אין פאַרבאַרגענער פאַרבינדונג מיט די בעסערע עלעמענטן פון זייערע לענדער, וועלכע ווילן זיך ניט לאָזן באַהערשן פון די נאַצישע בויאַנעס. אָבער דער הויפט צוועק פון די גלות־רעגירונגען איז צו זיין אָרגאַניזירט און צוגעגרייט פאַר דער גרויסער שעה ווען די מלחמה וועט זיך ענדיגן און די פאַראייניגטע פעלקער וועלן פאַרמירן די שלום באַדינגונגען און איינטיילן דעם סטאַטוס פון פעלקער.

אַ געלעגנהייט פון יאָרהונדערטע פאַרנאַכלעסיגט

ווען מיר באַטראַכטן אַט־די גלות־רעגירונגען, זייערע טעטיג־קייטן און צוועקן, פילן מיר ווי אַ שמערצליכע אייפערזוכט נעמט־דורך אונזער גאַנצן קערפּער — אונזער אידיש־נאַציאָנאַלן וועזן.

דער נאָמען „גלות־רעגירונג" איז, ווי מיר האָבן פריער אָנגע־וויזן, ביי אין אונזער אומגאַנג־שפּראַך. אָבער דאָס וואָרט „גלות" איז ביי אונז, אידן, אַזוי אַלט ווי דער אידישער גלות... עס איז אַ וואָרט, וואָס איז איינגעזאַפּט אין אונזער בלוט, איינגעקריצט אין אונ־זער מאַרך, און אַריינגעדרונגען אין אונזער גאַנצן פאָלקס־וועזן פאַר די לעצטע צוויי טויזנט יאָר. דאָס וואָרט „גלות" געפינט זיך אין די ווערטערביכער פון אַלע לשונות, אָבער ביי וועלכן פאָלק קומט דאָס וואָרט „גלות" אַזוי אָפט אויף די ליפּן ווי ביי דעם אידישן פאָלק! און וועלכעס פאָלק אין דער וועלט ווייס נאָך אַזוי גוט די באַדייטונג פון'ם וואָרט „גלות" ווי מיר, אידן! „גלות" איז כמעט אויסשליסליך אַ אידיש וואָרט. די ווערטער „גלות" און „איד" זיינען ווי צוויי סינאָנימען וואָס ביידע האָבן כמעט דיזעלביגע באַדייטונג...

און דאָך —

דאָך האָבן אַנדערע פעלקער געמאַכט פון דעם וואָרט דעם ריכטיגן געברויך אין דער ריכטיגער צייט, אָבער מיר, אידן, דאָס אמת'ע גלות־פאָלק, האָבן די באַדייטונג פון'ם וואָרט אינגאַנצן פאַר־זען און פון דעם ענין „גלות־רעגירונג" קיין שום נוץ ניט געמאַכט.

נאָך מער:

די פעלקער וועלכע די גלות־רעגירונגען פאַרטרעטן האָבן טאַקע שטאַרק געליטן פון דער מלחמה און זייער צוקונפט אונטער היטלער'ן וואָלט זיין אַ פינסטערע. אָבער וועלכעס פאָלק פון די נאַצי־פאַרכאַפּטע לענדער האָט נאָך אַזוי פיל געליטן, אַזוי פיל בלוט פאַרלאָרן, און אַזוי פאַר'חרוב'ט געוואָרן ווי דאָס אידישע פאָלק! די איצטיגע וועלט־מלחמה האָט פאַרצייכנט דעם בלוטיגסטן קאַפּיטל אין דער גאַנצער אידישער געשיכטע. מיר לייענען צווישן די יום כפור'דיגע תפלות די טרויעריגע געשיכטע פון די „עשרה הרוגי מלכות" — ווי די צען תנאים זיינען פון די ברוטאַלע רוימישע הערשער אויסגעקוילעט געוואָרן דורך דער צייט פון חורבן — און מיר פאַרגיסן טרערן איבער דעם טראַגישן עפּיזאָד פון אונזער געשיכטע. וויפיל טרערן דאַרפן מיר ערשט פאַרגיסן ווען מיר לייענען טאָג־טעגליך וועגן די הונדערטע טויזנטער אידן וועלכע זיינען פון די נאַצי־כוליגאַנעס געוואָרן אויסגעקוילעט, אויסגעשאָסן, דערשטיקט, פאַרהונגערט צום טוידט, אָדער באַגראָבן לעבעדיגערהייט! ווי קענען אונזערע נערוון ווידערשטיין אַ צעטרייסלונג ווען מיר לייענען פון די אומבאַשרייבליכע ליידן פון די מיליאָנען לעבןגעבליבענע אידן אין דעם איירָאָפּעאישן גיהנום, וועלכע ווערן געפּייניגט אין קאָנצענטראַציע לאַגערן, ברוטאַל באַהאַנדלט אין געטאָס, באַרויבט, געשענדעט, און דערנידעריגט?!

אונזער צוקונפט שמייכלט ניט צו אונז

און וואָס איז ווייטער?

ווייטער ווערט עס נאָך ערגער. דער תליון ווערט צוגעוואוינט צו זיין האַק און די צושויער ווערן גלייכגילטיג צו דעם בלוטיגן שפּיל. די אידישע לאַגע ווערט וואָס ווייטער אַלץ געפערליכער און האָפענונגסלאָזער. דער אַנטיסעמיטיזם, וועלכן די נאַציס האָבן אויפגעברויזט אין זייער לאַנד און דורך פאַרפירערישער פּראָפּאַגאַנדע אים פאַרשפּרייט אין אַנדערע לענדער אַלס פּראַקטישן פאַרפאַסטן אין זייער מלחמה־משוגעת, האָט ווי אַן עפּידעמיע פאַרפּעסטעט די גאַנצע וועלט. אפילו אונזער ליבע און פרייע אַמעריקע

איז דורך דער נאַצישער פּראָפּאַגאַנדע פון אויסלאַנד און די היט־לעריסטן פון אונזער אייגן לאַנד מיט אַנטיסעמיטיזם אָנגעשטעקט געוואָרן. דורך דער צייט פון מלחמה ווערן די־דאָזיגע פינסטערע עלעמענטן געהאַלטן אין צאַם, אָבער ווען די מלחמה וועט זיך ענ־דיגן און פולשטענדיגע פרייהייט פון וואָרט און טאַט וועט צוריק־געקערט ווערן, וועלן די בייזע כחות צוריק אויפלעבן און צעפירן זיי־ערע הענט ווי זיי וועלן עס נאָר געפינען פאַר נויטיג.

ווען די מלחמה זאָל זיך ענדיגן היינט, ווען אָט־די שורות ווערן געשריבן, וואָלט דאָס אידישע פאָלק זיך געפונען אָ פאַרבלוטיגטע, אָ צעריסענע, אָ פאַרלאָזענע, אָן הילף פון דער אויסערליכער וועלט און אָן אויסזיכט אויף ממשות׳דיגער פאַרבעסערונג אין דער נאָענ־טער צוקונפט. די פעלקער וועלכע זיינען רואינירט געוואָרן פון דעם מלחמה־חורבן, אָדער זיינען אויסגעמאַטערט געוואָרן פון דער גרויסער פינאַנציעלער, ווירטשאַפטליכער און קערפּערליכער אָנ־שטריינגונג וואָס די מלחמה האָט פאַראורזאַכט, וועלן נאָך דער מלחמה האָבן זייערע אייגענע צרות און פּראָבלעמען ווי זייער לעבן צוריק איינצואָרדענען, אַזוי אַז די ספּעציעלע אידישע צרות וועלן דאַן זיין זייער לעצטע דאגה, אפילו ווען זייערע רעגירונגען זאָלן זיין פריי פון אַנטיסעמיטישע נייגונגען. די אידישע פּראָבלעמען וועלן אַפילו אונזערע פאַר אויסגעשפּראָכענע פריינטליכע פעלקער ניט קענען דאַן צופיל באַאומרואיגן...

עס איז קיין צווייפל ניט אַז נאָך דער מלחמה, ווען די פעל־קער וועלן זיך נעמען פונאַנדערפלאָנטערן אין זייערע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע חשבונות און פּראָבלעמען וואָס די מלחמה האָט גע־שאַפן, וועט דער אַנטיסעמיטיזם אין אַלגעמיין פאַרשאַרפט ווערן. ערשטנס וועלן דאַן אונזערע פעלקער־פריינט, ווי אַמעריקע און ענגלאַנד, ניט געפינען פאַר נויטיג אָנצוהאַלטן די אויסעראָרדענט־ליכע מלחמה־געזעצן וועלכע צאַמען דעם אַנטיסעמיטיזם. און צווייטנס וועלן געוויסע עלעמענטן פון די רואינירטע פעלקער זוכן אין די אידן אַן אויסגאַנג צו זייערע צרות. דער איד איז דאָך אַלע מאָל דער „שעיר לעזאזל" פון וועלטליכע אומגליקן.

שטייען מיר פאַרצווייפלט אין מיטן ברען פון דער מלחמה, מיר

גייען אַפּ מיט בלוט אויף אַלע פראָנטן און זעען פאַר זיך ניט קיין שטראַל פון האָפענונג. קוקן מיר זיך צו ווי אַנדערע פעלקער פירן־אָן גלות־רעגירונגען צו באַשיצן זייער היינט און פאַרזיכערן זייער מאָרגן, אין דער צייט וואָס מיר אַליין, דאָס ריכטיגע גלות־פאָלק, האָבן אינגאַנצן פאַרנאַכלעסיגט צו געברויכן דעם גלות־צושטאַנד ווי אַ גערעכטן און פראַקטישן באָדן פאַר אַ גלות־רעגירונג.

איז דאָס ניט אַן אומגליקלעכער פּאַראַדאָקס פון אונזער אומ־נאָרמאַלן גלות־לעבן?

מיר האָבן ניט קיין אידישע רעגירונג אין ארץ ישראל אָדער אין אַן אַנדער לאַנד, ווייל מיר האָבן ניט קיין אייגן אידיש לאַנד. אָבער דעם „גלות" האָבן מיר דאָך יאָ... עס איז דאָך אונזער גלות... וואָס קען דען אונז שטערן צו האָבן אַ רעגירונג אין אונ־זער אייגענער „טעריטאָריע"?...

אונזער רעגירונג'ס געבוי און צוועק

דאָס געבאָט פון דער איצטיגער ערנסטער שעה איז דערפאַר אַ אידישע גלות־רעגירונג, וועלכע זאָל רעפּרעזענטירן דעם גאַנצן אידישן פאָלק. די אידישע גלות־רעגי־רונג דאַרף דערוויילט ווערן דירעקט אָדער אומדירעקט פון פאַר־טרעטער פון אַלע אידישע גרויסע קערפּערשאַפטן פון אַמעריקע און, ווי ווייט מעגליך איז, אויך פון אַנדערע לענדער — אָרגאַניזאַציעס פון אַלע ריכטונגען, שאַטירונגען און אידעאָלאָגיעס; די מעסיגסטע אַזוי ווי די עקסטרעמסטע פון אַלע אידישע באַוועגונגען. אין די וואַלן פאַר אונזער גלות־רעגירונג דאַרפן זיך באַטייליגן אַלע אונ־זערע נאַציאָנאַלע, פּראָטעסטאַנטע, רעליגיעזע, וואוילטעטיגע, קול־טורעלע און עקאָנאָמישע קערפּערשאַפטן. די צוויסטיגקייטן צווישן די רעכטע און לינקע, אָרטאָדאָקסן און רעפאָרמער, א. אַז. וו. מוזן פאַר דעם מאָמענט אויפגעגעבן ווערן און אַלע מוזן זיך פאַראייניגן — כאָטש פאַר דער איינציגער גרויסער היסטאָרישער מיסיע.

די אידישע גלות־רעגירונג דאַרף באַשטיין פון אַרום 20 מיט־גלידער, וועלכע זאָלן אויסדערוויילט ווערן פון צווישן די פעהיגסטע, אויסגעפּרובירטע, און דערפאַרענע פירער אין אידנטום. די רע־

גירונג זאָל האָבן די מיטהילף פון אַ גרופּע עקספּערטן איבער אַלע פאָלקס־ענינים, ווי אינטערנאַציאָנאַלן געזעץ, עפנטליכע און פּאָלי־טישע פאַרבינדונג, קולטור און רעליגיע, עמיגראַציע און אַגריקול־טור, פילאַנטראָפּיע, א. אַז. וו. די רעגירונג זאָל און וועט, פאַר־שטייט זיך, קענען ריידן און האַנדלען אין נאָמען פון גאַנצן אידישן פאָלק.

די צוויי הויפּט אויפגאָבן פון אונזער גלות־רעגירונג וועלן דאַרפן זיין ווי פאָלגט:

1) אויספאָרשן די אידישע לאַגע אין אַלע לענדער; באַהאַנד־לען די אידישע אַנגעווייטיגטע פּראָבלעמען; באַשיצן אידישע לעבנס, אינטערעסן און וואוילשטאַנד — שוין היינט און אין דער צוקונפט.

2) אויסאַרבייטן, צוגרייטן און פאָרלייגן די אידישע קריוודעס צו דער וועלט, ווען שלום וועט איינגעשטעלט ווערן און די פעלקער וועלן זיך צוזאַמענקומען שאַפן די נייע אָרדענונג; פּרעזענטירן די אידישע פאָדערונגען פאַר פולשטענדיגע גלייכע רעכטן אין אַלע לענדער, און אויך די פאָדערונג פאַר דער שאַפונג פון אַ געזיכער־טער אידיש־נאַציאָנאַלער היימלאַנד אין ארץ־ישראל.

ווי ווייט מיר וועלן גרייכן מיט אונזערע פאָדערונגען וועט זיך פיל ווענדן אָן אונז אַליין. אויב מיר וועלן קומען צו דער וועלט־ליכער שלום־קאָנפערענץ ווי אַ בעטלער, וועט מען אונז צוואוואַרפן אַ ביינדל ווי צו אַ בעטלער; אויב, אָבער, מיר וועלן קומען ווי אַ שותף — אַ גלות־רעגירונג מיט לייטן גלייך — וועלן מיר קריגן אונזער געהעריגן און גערעכטן חלק.

דאָס אידנטום מוז האַנדלען זאָפאָרט

כדי צו געבן דעם ערשטן שטויס און ברייגגען דעם פּראָיעקט אין באַלדיגער באַוועגונג, שלאָג איך פאָר אַזוי:

די פּרעזידענטן, גרענדמאַסטערס, אָדער פאָרזיצערס פון אונ־זערע גרויסע נאַציאָנאַלע קערפּערשאַפטן זאָלן באַשטימען צו איין פּערזאָן פון יעדע 2,000 מיטגלידער פון זייערע אָרגאַניזאַציעס. קליינע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן ווייניגער ווי 2,000 מיטגלי־

דער קענען פאַר דעם צוועק זיך פאַראייניגן מיט אַנדערע קליינע אָרגאַניזאַציעס און פאַר יעדן סך־הכל פון 2,000 מיטגלידער באַשטימען איין פאָרשטייער. ספּעציעלע קערפּערשאַפטן פון גרויסן נאַציאָנאַלן פאַרנעם און וויכטיגקייט, כאָטש מיט אַ באַשריינקטער צאָל מיטגלידער, קענען באַשטימען פאָרשטייער יעדער באַזונדער. די גרופּע פון די אַלע באַשטימטע פּערזאָנען — לאָמיר זי רופן „דער פאָרבאַרייטונגס־ראַט" — זאָל זיך צוזאַמענקומען ביי אַ קאָנפערענץ און אויסאַרבייטן אַלע פּלענער פון דער באַוועגונג ווי אויך באַשטימען וועגן די וואָל פראַגן, ווי למשל:

ווי אַזוי זאָלן די קאַנדידאַטן פאַר אונזער גלות־רעגירונג באַשטימט אָדער דערוויילט ווערן? ווי אַזוי זאָל די רעגירונג גופא דערוויילט ווערן פון די קאַנדידאַטן — דירעקט פון אַלע מיטגלידער פון אַלע באַטייליגטע קערפּערשאַפטן אָדער יעדע קערפּערשאַפט זאָל צוערשט דערוויילן אַ געוויסע צאָל וויילער וועלכע זאָלן נאָכדעם דערוויילן די רעגירונג? ווי אַזוי זאָלן אַלע אידישע אָרגאַניזאַציעס און קערפּערשאַפטן צוגעצויגן ווערן צו דער גרויסער היסטאָרישער אונטערנעמונג? ווען און וואו זאָלן די וואַלן פּאַקומען? א. אַז. וו.

ווען מיר ריידן פון אונזערע גרויסע און וויכטיגע נאַציאָנאַלע קערפּערשאַפטן האָבן מיר אין זינען: די ציוניסטישע און רעוויזיאָניסטישע אָרגאַניזאַציע, דער אַמעריקאַנער און וועלטליכער אידישער קאָנגרעס, אַמעריקאַן דזשואיש קאָמיטי, די בני ברית, דזשואיש באָארד אָוו דעפּיוטיס, אַליאַנס איזראַעליט אוניווערסעל, אגודת ישראל, מזרחי, הדסה, פּועלי ציון, אידישער אַרבייטער קאָמיטעט, אַרבייטער רינג, אידיש נאַציאָנאַלער אַרבייטער פאַרבאַנד, אינד. אָרדער ברית אברהם, אינד. אָרדער ברית שלום, אָרדער בני ציון, די פאַרבאַנדן אָדער פעדעראַציעס פון אַלע לאַנדסמאַנשאַפטן, די יוניייטעד פּאַלעסטיין אַפּיל, די רבנ'ישע און קאָנגרעגיישאָן אָרגאַניזאַציעס, דזשואיש וועטעראַנס, אידישע יוניאָנס, א. אַז. וו.

עס איז אַ באַפרידיגונג צו וויסן, אַז אין דער איצטיגער קריטישער צייט פון אונזער קיום, האָבן מיר אַ צאָל אמת'ע פריינט אין דער קריסטליכער וועלט, וועלכע האָבן ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן

אַרויסגעוויזן זייערע וואַרעמע סענטימענטן צום אידישן פאָלק און אויך גאַנץ אָפט בייגעטראָגן זייער ווערטפולע הילף צו אונזער זאַך. עס וועט אפשר ניט זיין אויסערן וועג ווען מיר וועלן זיך ווענדן צו געוויסע קריסטליכע פריינט פאַר זייער מאָראַלישער קאָאָפּעראַציע אין דער גרינדונג פון אונזער גלות־רעגירונג. די סימפּאַטיען פון דער אויסערליכער וועלט אין אַזאַ היסטאָריש־וויכטיגן שריט זיינען זייער נויטיג — און מיר האָפן, אַז אַט־די סימפּאַטיען וועלן אונז אַרויסגעוויזן ווערן.

די אידישע גלות־רעגירונג מוז געשאַפן ווערן אַזוי שנעל ווי מעגליך. וואָס גיכער מיר וועלן זי גרינדן אַלץ מער אידישע אומ־גליקן וועלן מיר פאַרמיידן פון היינט און אַלץ בעסערע אויסזיכטן וועלן מיר שאַפן פאַר דער צוקונפט. אויב מיר וועלן איצט ניט גרינדן קיין אייגענע רעגירונג אין גלות, וועלן מיר ניט ווערט זיין צו האָבן אַן אייגענע רעגירונג אין אַן אייגן לאַנד. איצט האָבן מיר די בעסטע געלעגנהייט אויפגעלעבט און אויפגעריכט צו ווערן; ואם לא עכשיו, אימתי? — אויב ניט איצט טאָ ווען־זשע דען? די געשיכטע וועט אונז קיינמאָל ניט מוחל זיין אויב מיר וועלן דאָס איצט אַזוי לייכטזיניג פאַרנאַכלעסיגן.

●

צו וואָס אַ גלות־רעגירונג?

אַן אָפענע דיסקוסיע און אַלגעמיינער אויפרוף

(„אידישער פאַמיליען־זשורנאַל״, יאַנואַר, 1943)

קאָנדיציאָנעלע און אַנטרונענע אידן

שוין איבער צוויי טויזנט יאָר ווי מיר לעבן אין „גלות״ און עס איז אונז קיינמאָל ניט איינגעפאַלן דער געדאַנק, אַז די לאַגע וועלכע שאַפט זיך און עקזיסטירט אין גלות איז אַ פּרוכטבאַרער באָדן פאַר אַ ספּעציפישער גלות־רעגירונג. די אידייע איז אונז, דעם „עם חכם ונבון״, קיינמאָל אויפ׳ן געדאַנק ניט אַרויפגעקומען,

ביז עס זיינען געקומען „גוטע גוים" וועלכע האָבן אויך פאַרנומען אַ שטיקל חלק פון דעם „גלות" דורך דער צייט פון דער וועלט־מלחמה און האָבן, אָן לאַנגן ישוב־הדעת, געגרינדעט רעגירונגען אין גלות — די גלות־רעגירונגען פון די נאַצי־פאַרכאַפּטע לענדער, וועלכע זיינען אונז אַלעמען גוט באַקאַנט.

איצט לאָמיר זיך שטעלן די פראַגע: צו־וואָס דאַרפן מיר, אידן, אַ גלות־רעגירונג?

כדי די פראַגע צו פאַרענטפערן מוזן מיר, קודם כל, באַרירן צוויי טיפן „פרעגער" וועמען קיין אַרגומענטן און באַווייזן אין דער פראַגע וועלן סאַי ווי ניט העלפן. דאָס זיינען אונזערע אַסימילאַטאָרן פוןביידע עקסטרעמען: די עקסטרעם קאָנסערוואַטיווע „רעפאָרם" אידן און עקסטרעם ראַדיקאַלע „לינקיסטן". די ערשטע טענה'ן אַז מיר זיינען בלויז אַ רעליגיעזע סעקטע, און די אַנדערע ווילן פון אידן אַלס אידן אינגאַנצן ניט וויסן. איז בכן, הייסט עס, דאַרפן אידן ניט קיין אייגענע רעגירונג, קיין אייגן לאַנד, קיין אייגענע קולטור, און ממילא קיין באַזונדערע אידישע אינטערעסן...

צו די אַסימילאַטאָרישע קעגנער פון אידישן נאַציאָנאַליזם קען מען אויך צורעכענען אַ געוויסן טיפּ אידישע איזאָלאַציאָניסטן, וועלכע לעבן זיך באַקוועם אין זייער לאַנד און ווילן זיך ניט פאַרבינדן מיט זייערע ווייניגער גליקליכע ברידער פון אַנדערע לענדער.

אָט־די אַסימילאַטאָרן און קאָסמאָפּאָליטן זיינען אָבער צו קורצזיכטיג איינצוזען אַז די וועלט „אָנערקענט" אונז גראָדע יאָ ווי אַ באַזונדערע גרופּע — רופט עס „פאָלק", „נאַציע", „ראַסע", אָדער ווי איר ווילט. והא ראיה, מ'האָט אונז פיינט אַלס אידן, מען דיסקרימינירט קעגן אונז אַלס אידן, מען פאַרפאָלגט אונז אַלס אידן, מען טרייבט אונז, מען שעכט אונז נאָר אַלס אידן — אָן אונטערשייד צו מיר זיינען קאָנסערוואַטיוון אָדער ראַדיקאַלן, נאַציאָנאַליסטן אָדער קאָסמאָפּאָליטן, „רעכטע" אָדער „לינקע". אפילו די באַרבאַרישע אויסראָטונג און פאַרניכטונג וואָס די נאַצישע בעסטיעס פירן אָן קעגן אונז — בלויז אַלס אידן — וועלן אונזערע אַסימילאַטאָרן ניט אויסניכטערן פון זייער פאַר'שיכור'טן מיראַזש און זיי איבערציינן אַז, וואָס מיר זיינען מיר, אָבער א י ד ן זיינען מיר.

אַ פּראָבלעמע פאַר אמת־געטרייע אידן

און וויבאַלד מיר זיינען אידן, און ניט קיין טאָטערן אָדער אַ וועלכעס אַנדער פאָלק, האָבן מיר, פאַרשטייט זיך, ספּעציעלע אינטערעסן אַלס אידן, ספּעציעלע פּראָבלעמען, אויפגאַבן, פליכטן און אַספּיראַציעס אַלס אידן — שוין ניט ריידנדיג פון אונזער אומאונטערבראָכענער טויזנטער־יאָריגער עקזיסטענץ, אונזער קאָלירפולער פאַרגאַנגענהייט, אונזער קולטור, אונזער אייגנאַרטיגקייט א. אַז. וו., וועלכע טיילן אונז אויס צווישן אַלע אַנדערע פעלקער.

עס קען זיין, אַז פריער אָדער שפּעטער וועלן אונזערע אַסימילאַטאָרן דאָס איינזען און זיך קלאַפּן אין האַרצן פאַר זייער זינד קעגן זייער פאָלק. אין דעם איצטיגן מאָמענט, יעדנפאַלס, קען זייער גלייכגילטיגקייט, אָדער אַפילו קעגנערשאַפט צו אונזערע אידישע שטרעבונגען דעם מינדסטן איינפלוס ניט האָבן און מיר מוזן זיי, ליידער, איגנאָרירן. די וועלכע שליסן זיך אַליין אויס פון אידישן פאָלק מעגן בלייבן „הינטערן צאַם” און מיר וועלן זיך באַגיין אָן זיי.

די פראַגע פון אַ אידישער גלות־רעגירונג איז אַן ענין פאַר גאַנצע און באַוואוסטזיניגע אידן, וועלכע האָבן די אידישע לאַגע נאָענט צו זייער האַרצן און נעמען אַן אַנטייל אין די צרות און נחמות פון זייער פאָלק; אידן וועלכע פיגורירן אַלס אידן אונטער אַלע אומשטענדן — כאָטש זיי זיינען פון די לאָיאַלסטע בירגער אין אַלע לענדער — און חלום'ען פון אַ צייט ווען אידן וועלן קענען לעבן פריי און זיכער, מיט די זעלביגע רעכטן און פליכטן צוגלייך מיט די באַפעלקערונגען פון אַלע לענדער, אויך שאַפן אַן אייגענעם נאַציאָנאַלן לעבן אין אַן אייגן לאַנד פאַר אַ גרויסן טייל פון אידישן פאָלק מיט אַ געהעריגער השפעה אויף דעם אַלגעמיינעם וועלט־אידנטום. אָט פאַר די אידן — און גליקליכערווייז זיינען זיי די ריזיגע מערהייט פון אידישן פאָלק — איז דער ענין גלות־רעגירונג אַ ברענענדיגע פראַגע וועלכע פאָדערט אַ שנעלע באַהאַנדלונג.

באַזייטיגט דעם „ערב־רב” פון אונזערע אַסימילאַטאָרן אין באַצוג צו דערדאָזיגער פראַגע, קערן מיר זיך אום און פרעגן נאָכאַמאָל: צו־וואָס דאַרפן מיר, אידן, אַ גלות־רעגירונג?

אַזוי ווי שוין פריער אָנגעוויזן, איז אַחוץ דעם וואָס מיר זיינען לאָיאַלע און איבערגעבענע בירגער אין אַלע לענדער וואו מיר לעבן, זיינען מיר אויך פאַרבונדן מיט אינטערעסן, פּראָבלעמען, פליכטן און אַספּיראַציעס אַלס א י ד ן. דאָ, פאַרשטייט זיך, רעדט זיך ניט פון אינטערעסן און פּראָבלעמען פון לאָקאַלן באַדייט נאָר פון אַלוועלטליכע, וועלכע, דירעקט אָדער אומדירעקט באַרירן דעם וועלט־אידנטום — דעם גאַנצן אידישן פאָלק. דאַרפן מיר דאָך האָבן אַזאַ קערפּערשאַפט וואָס זאָל שטיין הינטער דידאָזיגע אינטערעסן און זאָל רעפּרעזענטירן דעם פאָלק אין אַלע פּראָבלעמען און אויף אַלע געביטן. אַזאַ קערפּערשאַפט, ווען ריכטיג פונקציאָנירט, דאַרף איינגעטיילט ווערן אין באַזונדערע דעפּאַרטאַמענטן פאַר פאַרשידענע ענינים, ווי אינטערנאַציאָנאַלע גלייכבאַרעכטיגונג, קולטור און רע־ליגיע, עקאָנאָמישער וואוילשטאַנד, פילאַנטראָפּיע און קעגנזייטיגע הילף, אינפאָרמאַציע און אויפקלערונג, א. אַז. וו.

איז דען אַזאַ קערפּערשאַפט פון אַזאַ פאַרנעם, מיט אַזעלכע אָפּטיילונגען פאַר די פאַרשידענע ענינים, אַנדערש פון אַ רעגירונג מיט אירע מיניסטעריומס?

אַ לעבנס־נויטיגע פאָלקס־רעגירונג

אמת, עס איז אונז ניט אַזוי לייכט צו קענען זיך צוגעוואוינען צו אַזאַ גרויסן נאָמען. מיר זיינען געוואוינט צו רופן „רעגירונג" אַן אַדמיניסטראַטיווע קערפּערשאַפט פון אַ פאָלק וואָס זיצט אויף זיין אייגענעם באָדן, און מיר אידן זיינען דאָך צעשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט. אָבער דאָ קומט טאַקע אריין דאָס ריכטיגע וואָרט וואָס כאַראַקטעריזירט אונזער לאַגע און באַרעכטיגט דעם נאָמען פון אונזער געפּלאַנטער רעגירונג: דאָס וואָרט איז, ווידעראַמאָל, „גלות". און אונזער רעגירונג וועט דאָך זיין אַ ג ל ו ת ־רעגירונג. מיר זיינען אפשר ניט קיין נאַציאָן אין דעם ענגן און טרוקענעם זין פון דעם וואָרט, אָבער אַזוי ווי אונזער לאַגע איז אויסערגעוויינליך קענען מיר זיך אידענטיפיצירן מיט אַן אויסערגעוויינליכן טערמין: מיר זיינען אַן „אינטערנאַציאָנאַלע נאַציע". אין פּשוט'ן זין הייסט עס אַ „גלות־פאָלק" — אונזער אַלטער, וואוילבאַקאַנטער טיטל — און אַלס אַ גלות־פאָלק זיינען מיר באַרעכטיגט צו אַ גלות־רעגירונג.

דער ענין איז אַזוי קלאָר און פשוט, אַז עס מעג אונז וואונדערן פאַרוואָס מיר האָבן דאָס ביז איצט ניט איינגעזען און געדאַרפט וואַרטן, ווי שוין פריער געזאָגט, אַז אַנדערע ניי־אונטערדריקטע פעלקער זאָלן אונז ווייזן דעם ביישפיל.

אויב אַ גוט־אָרגאַניזירטע גלות־רעגירונג וואָלט פאַר אונז געווען אַ גרויסע ישועה דורך אַלע יאָרן וואָס מיר זיינען אין גלות, איז ביי היינטיגן טאָג אַזאַ קערפערשאַפט פשוט אַ לעבנס־נויטווענדיגקייט פאַר אונז. מען דאַרף דאָ ערשט קיינעם ניט דערציילן פון דעם בלוטיגן חורבן וואָס אונזער פאָלק מאַכט דורך אין דער איצטיגער מלחמה. און פון דעם וואָס וועט פאָרקומען נאָך דער מלחמה דערוואַרט אונז אויך ניט קיין צופיל נחת, ווי איך האָב אָנגעוויזן אין אַ פריערדיגן אַרטיקל. דער שווערסטער מאָמענט דערוואַרט אונז ווען די מלחמה וועט זיך ענדיגן און די פעלקער וועלן זיך צוזאַמענקומען איינשטעלן די „נייע אָרדענונג" אין דער וועלט. צו אָט־דעם גרויסן טאָג, וואָס וועט זיין דער יום הדין פון לענדער און פעלקער, גרייטן זיך שוין אַלע פעלקער און פעלקערלעך, אַלע גרופן און באַוועגונגען, נאָר מיר, אידן, זיינען נאָך „ניטאָ אין דערהיים"... פון צייט צו צייט קומט אַרויס אַ גרופע און רעדט פון „פאַרטרעטערשאַפט צווישן די פעלקער". אָבער ווער וועט פאַרטרעטן? וועמען וועט מען פאַרטרעטן? ווער זיינען מיר? וואָס ווילן מיר?

דער כאַאָס אין אונזער לאַגער אין אַזאַ קריטישן מאָמענט איז שווידערליך. אמת, מיר האָבן גרויסע און איינפלוסרייכע אָרגאַניזאַציעס, פעהיגע און איבערגעבענע פירער; אָבער יעדע אָרגאַניזאַציע האָט איר אייגענעם פראָגראַם, איר אייגענע אידעאָלאָגיע, און אירע אייגענע פאַרלאַנגען, וואָס זיינען אָפט אין ווידערשפרוך מיט די פון די אַנדערע קערפערשאַפטן. ווען די מלחמה וועט זיך ענדיגן און עס זאָל פאַסירן אַ נס, אַז דער פאַראייניגטער פעלקערראַט זאָל באַשליסן איינצולאַדן און אנערקענען אַן אָפיציעלע פאַרטרעטערשאַפט פון אידישן פאָלק, וואָס וועט פאַסירן? עס וועלן זיך געפינען פאַרטרעטער, אָבער ניט קיין אַנערקענטע און באַפולמעכטיגטע פון אידישן פאָלק; זיי וועלן אַרויסשטעלן פאָדערונגען, אָבער ניט קיין פאָרמולירטע און באַשטעטיגטע פונ׳ם וועלט־אידנ־

טום. מיר זוכן אַנערקענונג, אין דער צייט ווען מיר האָבן נאָך זיך אַליין ניט אַנערקענט. מיר פּלאַנעווען אַרויסצושטעלן פאָדערונגען, אין דער צייט ווען מיר האָבן זיך אפילו נאָך גאָרניט צוזאַמענגע־רעדט וועגן דעם.

דערפאַר איז די באַלדיגע שאַפונג פון אַ גלות־רעגירונג אַזוי נויטיג פאַר אונז ווי לופט איז נויטיג צום לעבן. מיר טאָרן קיין מינוט ניט פאַרלירן כדי ניט צו פאַרזאַמען אונזער „טריין"...

עכטע דעמאָקראַטיע אין אונזער לאַגער

עס מוז דאָ אָבער גלייך באַטאָנט ווערן, אַז אונזער רעגירונג דאַרף געגרינדעט ווערן אויף ריינע דעמאָקראַטישע יסודות. מיר זיינען אַליין אַ דעמאָקראַטיש פאָלק און מיר קעמפן צוזאַמען מיט אונזערע „עלאַיס" פאַר דעמאָקראַטיע. איז דאָך ניט דערלאָזבאַר אַז אונזערע פאָלקס־פאַרטרעטער זאָלן זיין אַליין־באַשטימטע, אָדער אויטאָריזירטע פון אַ געוויסער אינדיווידועלער גרופּע, און האַנדלען אויף זייער אייגענעם חשבון. דערפאַר דאַרף אונזער גלות־רעגירונג, קודם־כל, דערוויילט ווערן דורך פרייע וואַלן פון גאַנצן אידישן פאָלק, אָדער פון וויפיל עס וועט זיך נאָר לאָזן אונטער די אומ־שטענדן, ווי אָנגעוויזן אין מיין פריערדיגן אַרטיקל. דאַן, און נאָר דאַן, וועט די קערפּערשאַפט קענען ריידן און האַנדלען אין נאָמען פון וועלט־אידנטום און זיין די געזעצליכע פאַרטרעטערשאַפט פון כל ישראל. דאַן, און נאָר דאַן, וועלן די פעלקער ערנסט זיך רעכע־נען מיט אונז און געבן אונז זייער געהעריגע אַנערקענונג.

די אונטערשטע שורה פון דעם אַלעם איז, אַז מיר טאָרן ניט פאַרשווענדן קיין ווערטפולע צייט, ענערגיע, און דעם גוטן ווילן פון אונזערע קריסטליכע פריינט אויף פרוכטלאָזע אַרויסטרעטונגען און פאָדערונגען פאַר אַנערקענונג. נאָר צוערשט זיך אַליין אַנערקענען: פאַראייניגן דעם גאַנצן פאָלק פאַר דער דערוויילונג פון אַ געזעצלי־כער פאָלקס־רעגירונג און איר איבערגעבן אונזער מאַנדאַט פאַר פאַרטרעטערשאַפט. ווען דאָס וועט דערגרייכט ווערן וועלן מיר דאַן ערשט מאַכן דעם צווייטן טריט: קומען צו דער וועלט ווי אַן אָר־גאַניזירטע נאַציע — אַ וועלט־נאַציע — און פאַר אונזערע דער־

ווײַלטע פּאַרטרעטער פֿאָדערן אַ פּלאַץ בײַם „רונדן טיש" פֿון די נאַציאָנען, וואו די נײַע וועלט־אָרדענונג וועט אײַנגעשטעלט ווערן.

און צום סוף וויל איך זאָגן אַט־וואָס:

די קערפּערשאַפט וואָס מיר וועלן דערוויילן צו פאַרטרעטן און באַשיצן דעם אידישן פאָלק זאָל הייסן ניט אַנדערש ווי „אידישע גלות־רעגירונג". דאָס קינד מוז האָבן דעם ריכטיגן נאָמען — און ניט קיין ערזאַץ נאָמען. אַט־דער נאָמען וועט שאַפן צוטרוי און רעספּעקט מצד דער אויסערליכער וועלט און וועט ברענגען טרייסט און דערמוטיגונג צו אַלע פאַרפאָלגטע און געפּײַניגטע אידן פון אַלע ווינקעלעך פון'ם ערדקוגל.

מיט דעם גאַנצן ערנסט פון מײַן האַרצן גיב איך דאָ, דערפאַר איבער מײַן פאָרשלאָג צום אידישן פאָלק און זײַנע פעהיגע, דער־פאָרענע און פאַראַנטוואָרטליכע פירער — און, ועל כולם, אונזערע ברייטע און באַוואוסטזיניגע פאָלקס־מאַסן — מיט דעם שפּרוך פון אונזער אומשטערבליכן דר. טעאָדאָר הערצל: אויב איר ווילט, איז דאָס ניט קיין פאַבל.

* *

עס דאַרף דאָ אָבער גלייך פאַרשטאַנען ווערן, אַז אויב אונזער שטרעבונג פאַר אַ אידישער מלוכה אין ארץ ישראל וועט פאַר־ווירקליכט ווערן, וועט אונזער גלות־רעגירונג זיך דאַרפן גלייך אויפלייזן. דאָס איז דער תנאי.

(די נעקסטע צוויי פעלעטאָנען זײַנען דער־שינען אין ניו יאָרקער „טאָגעבלאַט", 1910).

הגדה און קניידלעך

(אַ פסח'דיגער פעליעטאָן)

זאָגט דעם אמת, וואָס גלייכט איר בעסער, די הגדה אָדער די קניידלעך? — וואָס, די קניידלעך זאָגט איר? אַזאַ יאָר אויף מיר ווי איר זאָגט דעם אמת! ווער וויל דאָס היינטיגע צייטן וויסן פון דער הגדה? ווער וויל דאָס האָבן צו טאָן מיט דעם „תם" און דעם „שאינו יודע לשאול"? ווער וויל גאָר הערן פון די „עשרה מכות" און ווער איז פאַראינטערעסירט אין די מעשה פון דער „חד גדיא"? — די קניידלעך, רבותי, אַט דאָס איז דער עיקר, די פעטע קניידלעך!...

אַט האָבן מיר דאָ ניט לאַנג דורכגעלעבט אַ פּאָליטישן קאַמ־פּיין און אויף יעדן שריט און טריט האָבן מיר געהערט די „הגדה". מיר האָבן עס געהערט פון צייטונג, פון טראָק־וואַגן, פון פּלאַט־פאָרמע, פון איבעראַל האָבן מיר געהערט זאָגן „הלל" צו זייערע קאַנדידאַטן, פרעגן „קשיות" אויפ'ן אַלטן „סדר", באַווייגן די „לחמא עניא", איינטיילן „עשרה מכות" צו די קאַפּיטאַליסטישע בלוט־זויגערס און אַ „שפוך חמתך" צו די טראַסטס; געשריען „אדיר הוא" צו זייער פּרעזידענט־קאַנדידאַט און געזונגען „שיר השירים" צו דער צוקינפטיגער אָרדענונג... נו, טאַ וואָס־זשע, דענקט איר, זיינען זיי דאָס טאַקע אויסן געווען, די הגדה? — ניין, די קניידלעך, ליבע אידן! די פעטע דזשאָבס, רבותי!

אָדער איר האָט לעצטנס געזען, כדומה למשל, ווי אַלע צייטונגען זיינען פול געווען מיט „כל דכפין" וועגן אַ מיטל קעגן אַ מכה וואָס שטייט ניט אין דער הגדה — די ווייסע פעסט, רחמנא לצלן — וואָס אַ געוויסער דאָקטאָר האָט דערפונדן. איר לייענט ווי די ליידענדע מענשהייט ווערט באַפאַלן פון די מיקראָבן, די „משלחת מלאכי רעים", און ווי ער באַפרייט אַט־די אומגליקליכע „מעבדות לחרות"; וויפיל קרבנות ער האָט שוין געבראַכט (אָדער געמאַכט) פאַר דעם הייליגן אידעאַל צו ראַטעווען דער מענשהייט, און אַזוי ווייטער, און אַזוי ווייטער. איז מיינט איר טאַ־קע, רבותי, אַז ער איז אַזוי טוידט־ערנסט פאַראינטערעסירט אין

דער הגדה, וואָס ער דערציילט און לאָזט אַנדערע דערציילן פון אים? — אָבער גאָר לאַ, — ער מיינט דאָ פּשוט די קניידלעך און וויל דערפון אַרויסקומען „ברכוש גדול" — אַ מיליאָן טאָלער וויל ער פאַר זיין דערפינדונג, ניט ווייניגער!

אָדער נעמט אַ שטייגער — להבדיל אלף הבדלות — אַזאַ פערזענליכקייט ווי דזשעק ראָוז, דער באַרימטער געמבלער, וועל־כער האָט אָנגעפאַנגען זיין קאַריערע פון געמבלען אין „גיימס" מיט פּסח'דיגע ניס. פון איבעאַל הערן מיר איצט, אַז ער איז פלוצלינג געוואָרן אַזאַ צדיק אַז מען דאַרף „וואַשן די הענט און ניט מאַכן קיין ברכה על נטילת ידים" ווען מען דערמאָנט זיין כשר'ן נאָמען. אין אַלע ענגלישע (און אויך אידישע) צייטונגען לייענען מיר וועגן דער גרויסער פראַגע פון „חכם מה הוא אומר" — וואָס דער באַרימטער דזשעק ראָוז האָט צו זאָגן. און אָט־דער נייער חכם פון „מה נשתנא" שילדערט פאַר אונז דאָס לעבן פון דער אונטערוועלט, וואו רייכע הולטאַיעס און אויסגעלאַ־סענע פרויען הולטאַיעווען אין געוויסע נאַכט־קלובן „עד שיגיע זמן קרעת שמע של שחרית"; וועגן ניו יאָרקער גענגס און מערדערס, ביי וועמען די ערשטע מכה פון דער הגדה („דם") האָט אַ ווערדע אַזוי ווי וואַסער; וועגן די פּאָליס און שטאָט־באַאַמטע, וועלכע מאַכן „יחץ" מיט די געמבלערס; וועגן גנבים באַנדעס, וועלכע זיינען טעטיג „בחצי הלילה", און נאָך און נאָך. ער לערנט אונז ווי זיך אויסצוהיטן פון גנבים, פון „האָלד־אפּס", פון שווינד־לער — און זאָגט אונז אויך מוסר... נו, מיינט איר, אַז אָט־דער נייער צדיק אין פעלץ איז טאַקע אַזוי אויסן די הגדות וואָס ער דערציילט אונז? — אַ נעכטיגער טאָג! — ער מיינט דאָ פּשוט די קניידלעך! — ער קריגט, פאַרשטייט איר מיך, פאַר איין אַר־טיקל מער וויפיל אַ אידישער שרייבער קריגט שכירות פאַר אַ האַלב יאָר!

אָט אַזוי, ליבע אידן, איז מיט יעדן איינציגן. אַלע האָבן אין זינען בלויז די קניידלעך. און טאָמער הערט איר אימיצן זאָגנדיג, אַז ער האָט חס־ושלום קיין קניידלעך אפילו אין דער לינקער פיאַטע ניט, און אַז ער איז אויסן בלויז די הגדה, זאָלט איר אים אַנכאַפּן ביים לאַץ און זאָגן „ר' קרוב, בלאָפט ניט, — פעטער

מען קען אייך!״

עס זיינען, פאַרשטייט זיך, פאַראַן פאַרשידענע קניידלעך, און ניט אַלע קניידעליסטן האָבן איין געשמאַק.

איינער, למשל, גלייכט קניידלעך וואָס ווערן פאַרקאָכט אין אַ פּאָליטישער קאַשע, דורכגעוואָרפן מיט טערקישע פעפערלעך און באַלקאַנישע געווירץ... איבערהויפּט די, וועלכע ווערן צוגע־פאַרבן מיט בלוט און געבראָטן אויפ׳ן פייער פון אונטערגעצונדענע שטעדט...

אַ צווייטער איז אַ בעלן אויף קניידלעך, וואָס ווערן געמאַכט פון צוריבענע זייטן און אויסגעדראָשענע פראַזן, פאַרזיסט מיט צוקערדיגע חניפה׳לעך, און באַטעמ׳ט מיט דעם זאַפט פון געלע בלעטער...

אַ דריטער, ווידער, קען פאַרדייען נאָר אַזעלכע קניידלעך, וואָס ווערן אויסגעקנאָטן פון לאַנגע, אויסגעצויגענע אַרבייטער שטונדן, איינגענעצט און דורכגעווייקט מיט שוויס, אַריינגע־בראָקט אַ ביסל צעשניטענע און צעבערקלטע „ווידזשעס״, גע־קאָכט אויף אַ זינגער מאַשין, און אָפּגעקילט אויף דער „פרייער לופט״ פון סוועט שאַפּ...

אַ פירטער איז אַ ליבהאָבער פון קניידלעך, וואָס ווערן גע־מאַכט נאָר פון כשר׳ע פאַדים, פאַרמישט מיט די שריים פון קהל׳שן טייג, אַריינגעהאַקט „יעלה ויבא״ בלעטלעך, באַטעמ׳ט מיט דעם כשר׳ן „שמן זית זך״, פאַרזיסט מיט די מתיקות פון „שיר השירים״ און צוגעפאַרבן מיט דעם קאָליר פון אַן „עיט צבוע״...

אַ פינפטער, ווידער, גלייכט נאָר קניידלעך „אַ־לאַ־מאָוד״, געקאָכט לויט דער לעצטער מאָדע פון רעפאַרמירטן קאָך־בוך; קניידלעך וואָס ווערן פאַרקנאָטן פון גוט צומאָלענע, עכט אויס־געדראָשענע רעפאָרם דרשות, צוגעווירצט מיט אויסגעטריקנטע פראַזן פון דזשודאַאיזם, פאַרזיסט מיט זיסע חנ׳דעלעך צום גוי, און געקאָכט פון אַ קאָרוס שיקסע אין אַ מאָדערנעם טע(מ)פּל...

אַט אַזוי האָט זיך דאָס יעדערער זיין אייגענעם געשמאַק און פאַרשידענע קניידלעך ווערן געמאַכט „דיינו״ — אין פליין מאַמע־לשון: „פּלענטי״...

פאַרשטייט זיך, אַז וויבאַלד יעדער איינער זוכט נאָר די קניידלעך, קען שוין דערפון קיין גוטס ניט אַרויסקומען. מען ברעכט סייפס, און מען זוכט די קניידלעך; מען ברענט הייזער, צו באַקומען די קניידלעך; מען פאַרראַט אַ פריינט, ווען עס האַנדלט זיך וועגן קניידלעך; מען האָט אַפילו חתונה צוליב די קניידלעך — בקיצור, אַלע צרות קומען אַרויס פון די קניידל זוכעניש.

פיל מאָל שטעל איך זיך אַ פראַגע, און קום צום רבונו של עולם מיט אַ טענה:

טאַטע זיסער, צו־וואָס האָסטו אונז נאָך געשטראָפט מיט די קניידלעך? מילא פון די מצות, גאָטעניו, מוזן מיר שוין לײדן, ווייל דאָס איז ניט דיין שולד, נאָר די שולד פון אונזערע אייגענע ווייבער — כ׳זאָל ניט זינדיגן מיט די רייד. ווען אונזערע עלטער־באָבעס פון די יוצאי מצרים וואָלטן ניט געווען אַזעלכע שלימע־זאַלניצעס און וואָלטן פאַרזויערט דעם טייג אין דער ריכטיגער צייט, מיט זאַלץ און מיט הייוון, וואָלטן מיר היינט ניט געמוזט עסן אָט־די פאַרטריקנטע, אָן זאַלץ און אָן הייוועגדיגע אכילה, ווי די הגדה דערציילט אונז: „מצה זו שאנו אוכלין על שום מה, על שום שלא ה פ ס י ק בצקת של אבותינו להחמיץ" — ס׳געהערט אַ ביסל? זיי האָבן ניט אויספייעט! — פאַרנומען געווען מסתמא מיט זייערע טואַלעטן, פאַרבראַכט ביי די שפיגלען צו מאַכן זיך „רייזע־פערטיג" פאַר דער נסיעה, אָבער פאַרקנעטן חלה ווי ס׳געהער צו זיין — אַ נעכטיגער טאָג! „וגם צדה לא עשו להם" — ניט געמאַכט, צום מאָל, וואָס אָפצועסן! איז פאַר די מצות, רבש״ע, האָב איך צו דיר קיין טענות ניט. אָבער די קניידלעך, פאַרוואָס האָסטו אונז געשטראָפט מיט די קניידלעך?!

— — — — — — — — — — — — — — —

מיינט איר דאָך, ליבע אידן, אַז אייער קנעכט, דער שרייבער פון אָט־דער „הגדה", איז אַזאַ שונא די קניידלעך — ווייל איך זיך פאַר אייך מודה ומתודה זיין, אַז איך קען דאָס פאַרדייען פונקט ווי יעדער זינדיגער בשר ודם. אויב איר וועט האַלטן אַ סוד, וועל איך אייך אויסזאָגן, אַז איך אַליין בין דאָ אויך ניט אַזוי אויסן די הגדה ווי איך מיין דאָ די קניידלעך, — אַ טשעק, רבותי!

געשטויגן און געפלויגן

(פעלעטאָן)

ווען איך האָב זיך אויסגעניכטערט פון די חנוכה הוליאַנקעס האָט דער רעדאַקטאָר ביי מיר באַשטעלט אַ פעלעטאָן — און איך האָב דעם „דזשאָב" אַרויסגענומען צו מאַכן אין דער היים.

פאַרלייגט אַ פוס איבער אַ פוס, מיט אַ ציגאַר אין מויל (איך רויכער נאָר ווען איך שרייב אַ פעלעטאָן), זיץ איך ביי מיין שרייבטיש און טראַכט...

אַרויסגענומען די אַרבייט אין דער היים — טראַכט איך מיר — דאָס איז איצט אין דער מאָדע, ווי מיר האָבן דאָס ערשט געלייענט אין די צייטונגען. אָט, למשל, ווי מען מאַכט נאַשערייען פאַר דעם עולם: אַ צען יעריג אינגעלע צעקנאַקט די מאַנדלען און צעפּיצלט די יאָדרעס, און אַן אַכט יעריג אינגעלע צעמישט עס מיט צוקער, אַ זעקס יעריג מיידעלע שיט־צו די שאָקאָלאַד פּוידער, די מאַמע צעשמעלצט עס אין טייג און צעקנעט עס אין טייגלעך, דער טאַטע פאַרפּאַקט עס אין קעסטלעך און טראָגט עס אַוועק אין פעקטאָרי פאַר דעם אַלגעמיינעם פאַרקויף.

אָט אַזוי ווערט אָנגעפירט אַ גאַנצע קענדי אינדוסטרי, אויפ'ן טאָפּ פלאָר אין די ענגע און שמוציגע רומקעס פון די אָרעמע קוואַרטאַלן.

אָט אַזוי ווערן אויך פאַרבריצירט ציגאַרעטלעך, בלומען, פעדערן און — ווער ווייסט — אפשר אויך עדיטאָריעלס, לידער, ראָמאַנען און פעלעטאָנען...

אָ, ווען איך האָב אַ ווייב מיט קינדער — טראַכט איך זיך — ווי שנעל מיין פעלעטאָן וואָלט דאָס פאַרטיג געוואָרן! אַ בייבי וואָלט געבלעטערט די טעגליכע צייטונגען, אַ קינד וואָלט אָנגעצייכנט די אינטערעסאַנטע נייעס איבער וואָס צו שרייבן, אַ מיידעלע וואָלט געטראַכט, אַ אינגעלע וואָלט געשריבן, די פלונית'טע

וואָלט געמעקט, איך וואָלט זיך אונטערגעשריבן, אַריינגעטראָגן אין שאַפ (כ׳מיין אין רעדאַקציע) און באַקומען מיין טשעק — אַך, ווי גוט דאָס וואָלט מיר געווען!

האָב איך דאָך אָבער ניט קיין ווייב און ניט קיין קינדער, זיץ איך נעבעך אַליין ביים פּעלעטאָן און שוויג.

איך טראַכט... און ווייטער קומען מיר אַרויף די געדאַנקען פון די חנוכה פייערונגען. עפּעס מער ווי אַלע מאָל האָט דער עולם היינטיגן חנוכה זיך משמח געווען; דער יום־טוב פון אונזער אַמאָליגן זיג איבער די גריכן, איז היינטיגן חנוכה געפּראַוועט געוואָרן מיט מער פייער און התלהבות ווי אַלע מאָל. פון וואַנען נעמט זיך דאָס? אָבער נאָך אַ שטאַרקן קנייטש מיט׳ן שטערן איז מיר די קשיא פאַרענטפערט געוואָרן: יענער צוזאַמענשטויס פון די אידן מיט די גריכן, וועלכן מיר פייערן יאָר־איין, יאָר־אויס, האָט דאָך פּאַסירט מיט 2078 יאָר צוריק און האָט שוין געהאַלטן ביים פאַרגעסן ווערן. אָבער אַזוי ווי די גמרא פאַרזיכערט אונז, אַז דער חנוכה וועט קיינמאָל ניט בטל ווערן — „אם כל המועדים יהיו בטלים, חנוכה ופורים לא נבטלו" — האָט דער רבונו של עולם געטאָן אַ נס און אַראַנזשירט אויף היינטיגן חנוכה אַ נייעם צוזאַמענשטויס פון גריכן מיט אידן, דאָס מאָל אין סאַלאָניק, וואָס האָט אָפּגעפרישט אַלע אונזערע יום־טוב׳דיגע זכרונות פון דעם אַמאָליגן נס, ווען די אידן האָבן די גריכן פאַרפּאַקט...

אמת, דער היינטיגער צוזאַמענשטויס פון אידן און גריכן איז מער ענליך צו דעם „איכה ישבה" ווי צו דעם „על הנסים"; די מערדערליכע איבערפאַלן, די בלוטיגע פּאָגראָמען און ווילדע רציחות פון די גריכן איבער די עלנטע און אויסגעהונגערטע אידן אין סאַלאָניק, האָבן אפילו די גאַנצע וועלט אויפגעציטערט, אָבער וואָס קימערט עס אונז? דאָס האָט דאָך אַלץ פּאַסירט ה י י נ ט, און ווער אינטערעסירט זיך דאָס מיט דעם היינט? מיר זיינען אַ פאָלק פון נעכטן אָבער ניט פון היינט. מיט 2078 יאָר צוריק האָבן אידן צוריבן די זייטן פון די גריכן — איז „על הנסים" מיט לאַט־קעס. היינט האָבן די גריכן פאַראומגליקט טויזנטער אידישע פאַ־מיליעס — איז וואָס? שיקן הילף? עט! ס׳איז גענוג אַז דאָס

דערמאָנט אונז דעם אַמאָליגן נס — און מיר זייַנען זיך משמח לשם שמים...

און ווער קימערט זיך דאָס היינטיגע צייַטן איבערהויפּט פאַר אידיש בלוט? ווער ליגן דאָס אַזעלכע „קליינינגקייטן" אין זינען? אַ גוי, זעט איר, האָט שוין ביי אונזערע ברידער מער מזל. אַז מען האָט אין שפּאַניען הינגעריכטעט פראַנציסקאָ פערער, אָדער אַז מען האָט אין יאַפּאַן פאַר'משפּט עטליכע יאַפּאַנעזער רעוואָלוציאָנערן, האָבן אונזערע אייגענע „בלוט און פלייש" געקערט וועלטן, אָפּגעהאַלטן פּראָטעסט מיטינגען, געמאַכט דעמאָנסטראַציעס און פאַרשריען אַ וועלט. אָדער אַז מען האָט ביי אונז אין אַמעריקע גופא פאַראורטיילט די צוויי איטאַליענער סטרייק־פירער, עטאָר און דזשיאָוואַניטי, האָבן אונזערע געהאַלטן מאַס מיטינגען, אויסגעשפּיגן, שונאי ישראל, די נשמה שרייענדיג און פּראָטעסטירנדיג, געמאַכט קאָלעקשאָנס, ריזיגע דעמאָנסטראַציעס, געפּויקט אויף אַלע באַראַבאַנען, געשאָטן מיט אוצרות, צעטרייסלט גאַנץ אַמעריקאַ, ביז גאָט האָט געהאָלפן און זיי זייַנען באַפרייט געוואָרן. דאָס איז אַלץ פאַר אַ גוי, אָבער פאַר אַ איד — ווער האָט עס די צייַט צו „באַדערן" זיך? אונזערע ראַדיקאַלן זייַנען פאַרנומען מיט בעלער און וועטשערינקעס, אונזערע אָרטאָדאָקסן זייַנען באַשעפטיגט מיט קרקע און קלייבן פאַר „מאיר בעל הנס", אונזערע רעפאָרמער זייַנען ביזי מיט זוכן התירים אויף אויסטערס און בלאָזן שופר אויף אַ קלאַרנעט, אונזערע נאַציאָנאַליסטן גיבן זיך אָפּ מיט זאַמלען שקלים און באַקעמפן די „לינקע", אונזערע פילאַנטראָפּן זייַנען פאַרנומען מיט באַנקעטן און זוכן חטאים אויף די „גרינע", אונזערע קולטור־טוער זייַנען פאַרנומען אין דעם קאַמף צווישן אידיש און העברעאיש, און אונזערע שרייבער גיבן זיך אָפּ מיט שרייבן פעלעטאָנדלעך, וואָס זייַנען „ניט געשטויגן און ניט געפלויגן"...

דאָס איינציגע שטיקל טרייסט איז, וואָס כאָטש די גוים אינטערעסירן זיך מיט אונז און האָבן אונז אין זינען. ווען ניט, להבדיל, די גוים וואָלט מען גאָר אינגאַנצן פאַרגעסן אַז עס איז פאַראַן אַ אידיש פאָלק אויף דער וועלט. ענגלאַנד האָט אונז געלאָזט וויסן, אַז בירגער זייַנען טאָקע בירגער, אָבער אידן זייַנען פאָרט אידן. און ווען זי האָט גע'פּועלט ביים צאַר, אַז מען זאָל דאָרט באַהאַנדלען

אירע בירגער אַן דיסקרימינאַציעס, האָט זי אויסגעפירט, אַז פאַר אירע אידישע בירגער זאָל מען מאַכן ספּעציעלע דינים ומנהגים, כדי אויפצוהאַלטן דעם אידישן „כבוד״...

אַז דער צאַר גופא אינטערעסירט זיך מיט אונז און קען בייגאַכט אַן אויג ניט צומאַכן טראַכטנדיג וועגן אונז, דאָס ווייסט דאָך אַפילו אַ קינד אין וויג. אַזוי פאַרזאָרגט ער אונזער פּאָפּולאַ־ריטעט איבער דער גאַנצער וועלט און דער אידישער נאָמען גייט ניט אַראָפּ פון די צייטונגען. בלבולים — אויף אידן, פּאָגראָמען — אויף אידן, אַרויסגעטריבן — אידן, פאַרשיקט — אידן, אַלץ אידן און אידן. דאַרפן מיר זיך ניט פרייען?

אין דייטשלאַנד האָבן די סטודענטן אַפּעלירט צו דער רעגירונג מען זאָל פאַר די אידן גרינדן באַזונדערע אוניוורזיטעטן — אַזוי ליב האָבן זיי די אידן! די רעגירונג האָט מיט זיי איינגעשטימט אין פּרינציפּ, אָבער אַזוי ווי דאָס וואָלט געדאַרפט אָפּקאָסטן אַ שלל מיט געלט, האָט מען אין די אוניווערזיטעטן איינגעפירט פאַר די אידן באַזונדערע בענק... איז דאָס ניט אַ כבוד פאַר אונז אידן?

אַפילו אין אונזער אייגענער מדינה פון קאָלאָמבוס׳ן פאַר־לאָזט מען זיך ניט אויף אונז אַליין, כאָטש דאָס אידנטום בליט דאָ אויף אַלע פעלדער און דעכער, און מיר זיינען דאָ, ברוך השם, פאַר־פונדעוועט מיט קהילות, גבאים, חזנים, דרשנים, רעווערענדס, מוהלים, מקואות, צדקה־פּושקעס, מלקות־שלעגער, עין־הרע אָפּ־שפּרעכערס, באַנקעס שטעלערס און מיט כל טוב סלה. אונזערע גוטע גוים פאַרלאָזן זיך אָבער ניט אויף אונז אַליין און העלפן אונז אויפהאַלטן דעם אידישן נאָמען. ווען אַ אידישער יונגערמאַן (אָדער מיידל) קומט אַריין אין אַ קריסטליכן געשעפט, אָדער אָפּיס, וואָס האָט אַדווערטייזט פאַר „העלפּ״, פרעגט מען אים, קודם כל, זיין „נעשאָנאַליטי״, און ווען ער שטאַמלט אַרויס „היברו״, גיט מען אים צו פאַרשטיין, אַז ער דאַרף זיך גאַרניט שעמען וואָס ער איז אַ „דזשו״; עס זיינען צווישן אידן אויך פאַראַן אָרנטליכע מענשן... נאָר דער „דזשאָב״ איז שוין, ליידער, פאַרנומען...

און ניט נאָר אונזערע ביזנעס גוים, נאָר אַפילו אונזערע

שטאָטישע באַאַמטע און פאַרזאָרגער קימערן זיך אויך פאַר אונז. אַ גוי, זאָגן זיי, איז שטאַרק גענוג און פאַר אים איז גענוג צו רוען איין טאָג אין וואָך — זונטאָג. אַ איד, אָבער, איז בנאַטור אַ שוואַכע בריאה, אַן אײדעלע באַשעפעניש, דערפאַר מוז ער רוען צוויי טעג אין וואָך — שבת און זונטאָג. איז טאָמער פאַרקויפט אַ איד אַ שטיקל קענדי פאַר אַ פעני אום זונטאָג, קומט אַ בלויער ראָק, מוסר'ט אים אָן מיט'ן קלאָב, און פירט אים אַוועק פאַר אַ דין־תורה צום דזשאַדזש. אַ איד, זאָגן זיי, מוז פאַרהיטן זיין געזונט און זיך ניט איבעראַרבייטן... אַזעלכע גוטע פריינט האָבן מיר!

אָט אַזוי בין איך געזעסן פאַרלייגט אַ פוס איבער אַ פוס, געטראַכט און געריכערט, געגרויכערט און געטראַכט, און ווער ווייסט ווי לאַנג איך וואָלט נאָך אַזוי אַוועקגעטראַכט ווען איך וואָלט זיך ניט פּלוצלינג געכאַפּט, אַז מיין גאַנצער ציגאַר איז שוין אַוועק מיט'ן רויך, און איך האָב נאָך דערווייל קיין איינציגן וואָרט ניט אָנגעשריבן...

דאָס מזל־פויגעלע

צעטעלעך און קוויטלעך איבער אייער לאַגע, פאַרגאַנגענהייט און צוקונפט, געצויגן פון דער אידישער מזל־פויגעלע*).

מענער, ווייבער, יונג און אַלט,
טרעפן וועל איך אייך דאָ באַלד,
וואָס עס האָט מיט אייך פּאַסירט,
וואָס איר האָט אַמאָל פאַרפירט,
אייער מזל, אייער גליק,
אייער חלום, אייער בליק,
זייט איר אָרעם אָדער רייך,
אַלעס, אַלעס טרעף איך גלייך.

אָט מיט דעם לידל האָב איך זיך אַוועקגעשטעלט אין קאָני איילאַנד מיט מיין מזל־פויגעלע, וואָס איך האָב אָפּגעקויפט פון מיין איטאַליענישן שכן, מר. טרעמפּוניאָ לאַפּצערדיני באַמפּאַציאָ, און האָב געצויגן צו זיך אַן עולם.

צום קרעדיט פון מיין פויגעלע, מוז איך אייך זאָגן, אַז מיין פויגעלע איז אַזוי קלוג און געראָטן, אַז אין איין וואָך צייט האָט זי זיך אויסגעלערנט צו פאַרשטיין מיין פויגלדיגן אידיש, און האָט זיך נאָכדעם אויף אַזוי פיל פאַראידישיזירט, אַז זי האָט זיך שוין אָנגעפאַנגען צו שעמען מיט אידיש...

און קאָסטאָמערס באַווייזן זיך פון אַלע זייטן — אידן, גוים, גויאישע אידן, געאידישטע „גוים״, א. אַז. וו.

אָט קומט אַ געהויבענער קאָסטאָמער, אַ לעבעדיגער, אַ צאַפּל־דיגער, מיט אַ פּאָר שטאַרקע וואָנצעס, מיט אַן אויסגעשטשירעטן שמייכל אויפ׳ן פּנים, מיט ברילן אויף דער נאָז, און אַ „ביג סטיק״

---

*) „דאָס מזל־פויגעלע״ איז אַ וועכענטליכער פעלעטאָן, וואָס האָט פאַר אַ לאַנגער צייט זיך געדרוקט אין ניו יאָרקער „טאַגעבלאַט,״ דורכ׳ן יאָר 1909. דאָ ווערט געגעבן בלויז איין מוסטער פון די פעלעטאָנען.

אין דער האַנט. איך האָב גלייך דערקענט אַז דאָס איז „טעדי" רוזוועלט.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ מין פויגל? — פרעגט ער מיר, און זיינע ווייסע ציין דערשיינען הינטער זיין ברייטן שמייכל.

— אַ אידיש פויגעלע — ענטפער איך גלעטנדיג זי איבער'ן קעפל, — אַן אימיגראַנטקע, אָבער אַן ערליך פויגעלע, אַזאַ יאָר אויף מיר.

— אַ פאַריינער, האַ? — פרעגט ער שוין אָן אַ שמייכל — וואָס טוט זי דאָ?

— זי מאַכט דאָ אַ לעבן. פאַר איין ניקל קען זי אייך טרעפן ווער און וואָס איר זייט, אייער פאַרגאַנגענהייט, אייער צוקונפט, און אַזוי ווייטער.

— הם... ס'איז אינטערעסאַנט. אָט איז אַ ניקל. לאָמיך זען וואָס זי קען.

— אַנו, מיין פויגעלע — זאָג איך צו איר אַריינלייגענדיג דעם ניקל אין קעשענע — ציִ אַרויס אַ גוט קוויטל פאַר אונזער געערטן פרעזידענט.

דאָס פויגעלע האָט זיך פאַרנויגט, אַרויסגעצויגן אַ צעטעלע, און דער קאַסטאָמער האָט געלייענט:

> דו ביזט אַ גוטער רייטער, אָבער ניט אַלע פערד לאָזן זיך רייטן... דיין גדולה האַלט זיך ביים ענדיגן און דיין צוקונפט איז אומזיכער. אַ פעטער מאַן, וועמעס נאָמען פאַנגט זיך אָן מיט די בוכשטאַבן „וו. ה. ט.", וויל דיך אַרויסזעצן פון דיין וויסן וואוינונג. היט זיך פאַר אים דעם נעקסטן נאָוועמבער. דיינע מזלות זיינען „קשת" (אַ בויגן) און „אריה" (אַ לייב), וואָס מיינט, אַז דו וועסט האָבן מער מזל צו שיסן לייבן אין אַ ווייטן לאַנד.

איבערגעלייענט דאָס קוויטעלע, האָט דער קאַסטאָמער אַ שטשירע געטאָן מיט די ציין און מורמלענדיג אונטער'ן נאָז „איי וואַיז בוירד" (אַ חכם אַ פויגל) איז ער אַוועקגעגאַנגען פאָכנדיג מיט זיין „ביג סטיק".

און תיכף קומט־אָן אַ צווייטער קאַסטאָמער, וועלכער האָט

מיר פאַרזיכערט, אַז ער קומט דירעקט צו מיר מעבר לים — אַזש פון לאָנדאָן! דאָס האָט זיך מיר ניט געוואָלט גלויבן, אָבער ווען איך האָב באַטראַכט זיין שלאַנקן געשטאַלט, זיינע געקרייזלטע האָר, זיין עכט־אידישן נאָז מיט די פאָנסבע באַזעצט, זיין פאָלערינע מיט דעם ווייכן שוואַרצן הוט, האָב איך גלייך דערקענט אַז דאָס איז מר. זאַנגוויל.

— שלום עליכם, ר׳ ישראל! — גיב איך אים דער ערשטער מיין האַנט.

— האַו דו יו דו — ענטפערט ער מיר מיט אַ האַנט־דרוק, — כ׳האָב געהערט, אַז אייער פויגל קען טרעפן אַלץ אין דער וועלט. איז דאָס אמת?

— אַלץ אין דער וועלט אפשר ניט — זאָג איך, — ווייל אין דער וועלט זיינען פאַראַן אַזעלכע טעריטאָריעס וואָס קיין אידיש פויגל וויל פון זיי ניט וויסן... אָבער פאַר איין ניקל מעגט איר נעמען אַ „טשענס״.

ער באַצאָלט דעם ניקל און מיין פויגעלע ציט פאַר אים אַרויס דעם פאָלגענדן צעטל:

אַמאָל האָט זיך איינער געליבט אין אַ בת־מלכה, האָט דער מלך דעם שידוך געשטערט און דעם פאַרליבטן אין זיין פאַלאַץ ניט אַריינגעלאָזן. איז דער פאַרליבטער געוואָרן פאַרצווייפלט און אויס נקמה געוואָלט חתונה האָבן מיט אַ מיאוסער שוואַרצער דינסט. זיין משפחה האָט אָבער געשטאַמט פון אַ גרויסן יחוס, האָבן זיי ניט דערלאָזן צום גרויסן סקאַנדאַל („אוגאַנדאַ״ בלע״ז).

אַזאַ פאַסירונג איז אויך פאַרגעקומען אין דיין לעבן, אָבער דיין משפחה האָפט, אַז זי וועט איבערנעמען דעם פאַלאַץ און די בת־מלכה וועט זיך מגייר זיין... דו האָסט אָנגעפאַנגען צו קלייבן אַ נדן פאַר דער שוואַרצער כלה, אָבער דו מוזט זיך היטן פאַר פאַלשע מטבעות, וואָס לאָזן זיך לייכט צעשמעלצן אין אַ געוויינליכן שמעלץ־טאָפּ. דיין כוח ליגט אין אַ פּען און דיין מזל־דיגער נומער איז 439 (בגמטריא „גלות״).

ווען מיין קאָסטאָמער האָט דאָס צעטעלע איבערגעלייענט האָבן זיך אים געשטעלט צוויי טרערן הינטער זיינע פאָנסנע. ער האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר זיין האַרץ איז אים געווען פאַרקלעמט

און האָט ניט געקענט ריידן. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דאָס צעטעלע איז אים ניט געווען צום האַרצן און האָב אים געוואָלט טרייסטן, אָבער איידער איך האָב זיך אַרומגעקוקט איז ער שוין געווען פאַרשוואונדן.

ווען דער נעקסטער קאָסטאָמער האָט זיך צו מיר באַוויזן האָט מיר אָנגעפאַנגען צו וואַרפן הענט און פיס. אַזוי איבערראַשט און צושראָקן בין איך געווען, אַז איך האָב קוים געקענט צו זיך קו־מען. אודאי האָב איך אים גלייך דערקענט. ער אַליין איז אויך גע־ווען צושראָקן און האָט געציטערט ווי אַ בלאַט, זיין פּנים איז געווען בלייך, זיין געל בערדל צעשויבערט, זיינע בלויע אויגן ווילד, און ער האָט אין אַ נערוועזן טאָן געפרעגט אויב מיין פויגעלע פאַרשטייט רוסיש.

— קאַניעטשנאָ — ענטפער איך אים, — אַלע לשונות פאַר־שטייט זי...

— טאָ נאַ דיר הונדערט רובל און זאָל זי פאַר מיר אַרויסציען אַ צעטעלע.

— עס קאָסט בלויז פינף סענט — זאָג איך אים אין שרעק.

— טאָ גיב מיר רעשטע.

— איך האָב ניט אַזוי פיל געלט — זאָג איך, — אָבער וואַרט אַ ווײַלע און איך וועל גיין אָפּבייטן.

— ניין — זאָגט ער ציטערנדיג, — איך טאָר דאָ אַ מינוט ניט פאַרבלייבן. גיב מיר אַ צעטעלע און נעם די גאַנצע הונ־דערט רובל, טשאָרט פאָבערי!

— ווי איז אייער גנעדיגער נאָמען — פרעג איך אים אַריינ־לייגנדיג דעם הונדערטער אין בוזעם־קעשענע, כאָטש איך האָב זיין נאָמען גאַנץ גוט געוואוסט.

— מוזטו וויסן מיין נאָמען?

— געוויס, אויב ניט קען מיין פויגעלע ניט אַרויסציען דאָס ריכטיגע קוויטל...

— ניקאָלאַי ראָמאַנאָוו — זאָגט ער, גלויבנדיג אַז איך וועל ניט וויסן ווער ער איז.

איך מאַך זיך טאַקע ניט וויסנדיג און פרעג אים ווי־אַזוי ער קומט אַהער.

— מיט אַן אונטערוואַסער שיפל, אַזוי שנעל ווי איך האָב זיך דערוואוסט פון דיין וואונדער־פויגל. אָבער מאַך שנעל, אָדער איך אַנטלויף פון דיר אַן אַ צעטל!

— העלאָ, פויגעלע, פאָדאַוואַי צעטעלע — גיב איך איר אַן אוקאַז — און מיין געקרוינטער קאָסטאָמער האָט באַלד גע־לייענט:

גערבאָרן ביזטו אין אַ בעט, אָבער וואו דו וועסט אַהינקומען איז נאָך ניט באַשטימט. דיין נשמה איז געזאַלבט מיט דעם חסד פון דער נאַגאַיקע און דו ביזט אַראָפּגעשיקט אויף דער זינדיגער וועלט צו זיין אַ מלך חסד. דערפאַר טוסטו גרויסע חסדים מיט דיינע מיליאָנען אונ־טערטאַנען — מי במים ומי באש, מי בחניקה ומי בסקילה... אַלעמען העלפסטו מיט דיין גנעדיגער האַנט.

דיין מדינה ליידט פון מאַנגל אין ליכט. די זון האָט דאָרט קיין שליטה ניט און אַלץ איז פאַרפינסטערט און פאַרפראָרן. אָבער פאַרליר ניט דיין בטחון אין דיינע מיליאָנען קנעכט — זיי וועלן שוין אי״ה בקרוב באַפרייען דעם פייער־שפּייאיגן קוואַל פון אונטער דיינע פּאַלאַצן און עס וועט ווערן אי ליכטיג אי וואַרעם אין אַלע ווינקעלעך. דיין מזל׳דיגער שטערן איז „מאַרס“, — דער גאָט פון מלחמה. ער וועט דיך פירן צום קריג און דיין פאָלק צום זיג...

דאָס קוויטל האָט דעם רוסישן קאָסטאָמער אַזוי דערפרייט, אַז ער האָט מיר אַריינגעשטופּט אין האַנט נאָך אַ הונדערטער און איז שנעל אַנטרונען געוואָרן.

אונטער דער צייט, וואָס איך בין געווען פאַרנומען מיט מיין געזאַלבטן קאָסטאָמער האָט זיך אָנגעקליבן אַרום מיר אַ גרויסער עולם און יעדערער האָט געזוכט צו פלוירטן, ס׳הייסט חנדלען זיך מיט מיין פויגעלע.

— נעקסט, נעקסט! — גיב איך אַ באַפעל, — ווער איז נעקסט?

—איך בין נעקסט — רופט זיך אָפּ אַן עלטערער מאַן און הויבט אויף זיין האַנט.

איך קוק זיך אַרום און דערזעה מיינעם אַ גוטן פריינט. זיין באַזילבערטער קאָפּ מיט'ן יונג פּנים, זיין אַריסטאָקראַטישער אויסזען מיט זיין זיס שמייכעלע האָבן געצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון דעם נייגעריגן עולם און אַלע האָבן אים געגעבן דעם וועג צוצוקומען צו מיר.

— וואָס מאַכט איר, מיסטער פויגלמאַן? — האָט ער אויסגערופן מיך דריקנדיג די האַנט, — ווי גייט אייך אין די נייע ביזנעס?

— גאָט צו דאַנקען — זאָג איך, — ניט צו פאַרזינדיגן. און וואָס הערט זיך ביי אייך?

— מסתמא וועט מיך גאָט היינטיגן סעזאָן אויך ניט פאַרלאָזן. דער וואָס שפּייזט אַלע טראָסטס וועט מיין טראָסטעלע אויך ניט פאַרלאָזן.

— יאָ, אַ טראָסטעלע, כ'האָב געהערט, זאָל זיין מיט גליק. און וואָס זאָגט דערצו אייער יוניאָן?

— די יוניאָן קערט וועלטן. זי צינדט אָן נייע „שטערן" און גייט מאַכן אַן אייגענעם טעאַטער טראָסט.

— איז דאָס אַ יושר?

— ביי וועמען זוכט איר יושר, ביי די פּורצעס? נאָר לאָמיך טאַקע זען, וואָס פאַר אַ מזל אייער פויגעלע וועט מיר איינטיילן. אָט האָט איר מיין ניקל.

— אַנו, טייערע פויגעלע — זאָג איך, — ציִ אַרויס אַ גוט קוויטל פאַר אַ גוטן פריינט!

מיין פויגעלע האָט אים צוגעוואָרפן אַ שמייכל און אַרויסגעצויגן דאָס פאָלגענדע צעטעלע:

דיין שטערן איז מזל „נשר" און דו ביזט געקרוינט געוואָרן מיט דעם נאָמען „נשר הגדול" (דער גרויסער אדלער). דיין כאַראַקטער איז אומפאַרשטענדליך. אַמאָל זעט מען דיך ווי אַ „מטורף" און אַמאָל ווערסטו

אַ הייליגער „אלישע״; אַמאָל ביזטו אַ גאַנצער „שלמה חכם,״ און אַט דרייסטו זיך אויס און ווערסט גאָר אַ „שלמה׳לע שאַרלאַטאַן״; אַמאָל דערשיינסט דו ווי אַ „קעניג״ (ליר), און פּלוצלינג ווערסטו אַ „וויל־דער מענש.״

דיין פאַראייניגונג מיט אַנדערע באַלעבאַטים פון דיין פאַך איז העכסט דראַמאַטיש, אָבער די לאַגע פון דיינע אַרויסגעשטויסענע יונגע כוחות אין דעם פאַך איז העכסט טראַגיש. זיי פאַרזיכטיג, אַז די לאַגע זאָל ניט ווערן העכסט קאָמיש.

דיין מזל׳דיגער טאָג איז דער 14־טער טאָג אין חודש אדר (פורים). דער פורים־שפּיל וועט דיך פון אַלע דיינע טראָבלס אַרויסשלעפּן.

מיין חשוב׳ער קאָסטאָמער איז פון דעם צעטעלע געווען אַזוי באַגייסטערט, אַז ער האָט פון קעשענע אַרויסגענומען צוויי גאַלערי טיקעטס און דאָס געשאָנקען פאַר מיר מיט מיין פויגעלע.

— נעקסט, נעקסט! — גיב איך נאָכדעם אַ קאָמאַנדע, און נייע קאָסטאָמערס האָבן זיך גענומען שטופּן צו מיין פויגעלע.

פירטער טייל

אידישע חלומות

דראַמע אין 3 אַקטן

אָרט פון דער האַנדלונג — וואַרשע; צייט — אין יאָר 1919, ווען פוילן איז געוואָרן זעלבסט־שטענדיק נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה און אידן האָבן געקראָגן „גלייכע רעכטן"...

די פּערזאָנען

הרב יצחק וויינצוויינ, פאַרטרעטער פון אָרטאָדאָקסישן אידנטום אין פּוי־לישן סיים, 65 יאָר אַלט.

די רבי׳צין, זיין פרוי, עטליכע יאָר אינגער.

משה׳לע, זייער זון, 21 יאָר אַלט.

רחל׳ע, זייער טאָכטער, 19 יאָר אַלט.

איטשע־מענדל, דער שמש פון הרב וויינצוויינ, אַ רויט־בערדיג פריילינג אידל, 48 יאָר אַלט.

יאַן בערנהיימער, פאַרטרעטער פון אַסימילירטן אידנטום אין פּוילישן סיים, 55 יאָר אַלט.

מאַריאַנאַ, זיין טאָכטער, 25 יאָר אַלט.

אפרים שאַפּירא, דער נייער פאַרטרעטער פון אידיש־נאַציאָנאַלן אידנטום אין פּוילישן סיים, 30 יאָר אַלט.

דר. פעלדמאַן, אַן אַרצט, שאַפּיראָ׳ס אַ קאַמעראַד.

באָגוסלאַוו פּשעזמירסקי, פּרעזידענט פון סיים.

לייטענאַנט סטעפאַן נערודינסקי, אַ יונגער אָפיציר, 28 יאָר אַלט.

חוה־זלאַטע, אַ אידענע וואָס קומט אַלץ פרעגן שאלות.

אידן, זעלנער, און געסט.

ערשטער אַקט

שטעלט פאָר אַ גרויסן, שיינעם צימער אין הויז פון הרב יצחק ווייג־צווייג. אַ טיר אין דער אַנטקעגנדיגער וואַנט פירט צום דרויסן, אַ טיר רעכטס פירט צום קיך, און אַ טיר לינקס — צו די אַנדערע צימערן. אין מיטן צימער, אַ טיש מיט אַ טישטוך באַדעקט און 4 שטולן אַרום אים. אין אויבערשטן ווינקל צימער, צו רעכטס, אַ קליינער אָפענער שרייב־טיש מיט אַ לאָמפּ באַלויכטן. אין צווייטן ווינקל, צו לינקס, אַ בופעט מיט כלים און אַ מנורה. אין צימער שטייט אויך אַ זאָפע, אַן אַלמער ספרים, אַ קליין טישעלע מיט אַ טעלעפאָן אַפּאַראַט, און אַ קליידער־הייגער. אויף די ווענט, אַ „מזרח" און בילדער פון גאונים. משהל׳ע זיצט ביים שרייב־טיש און שרייבט אין אַ דיקן העפט; רחל׳ע זיצט אויף דער זאָפע מיט אַ האַנט־אַרבייט.

רחל׳ע (פאַרטראַכט זיך אַ ווײַלע און וואַרפט אַ בליק צום ברודער): דו ווייסט, משה׳לע, אַז אויב דער פּלאַן זאָל נאָר אָפּגיין גלאַטיג, וועט דאָס זיין זייער אַ שיינע זאַך. די איינציגע זאַך, וואָס מאַכט מיר פילן אַ ביסל אומאַנגענעם איז וואָס די גאַנצע זאַך קוקט אויס עפּעס ווי אַ מין שפּיאָנעריי.

משה׳לע: שפּיאָנעריי? ניין, רחל׳ע, דאָס איז ניט קיין שפּיאָנעריי. דאָס איז, פאַרקערט, אַ וויכטיגער און גאַנץ כשר׳ער טאַט, ווייל דורך דעם וועלן מיר אפשר אונזערע ברידער פאַרהיטן פון אַ צרה, ווער ווייס?

רחל׳ע: הלואי זאָלסטו אמת זאָגן.

משה׳לע: נו געוויס (אין אַ העכערן טאָן, זיך אויפשטעלנדיג), שטעל זיך פאָר: אַז אונזער פאָטער, וואָס איז כל ימיו אַ שונא די אַסימילאַטאָרן, איז פּלוצלינג געוואָרן מיט זיי אַ גאַנצער מחותן און האָט זיך פאַראייניגט מיט דעם דעפּוטאַט יאַן בערנהיימער, דער פאַרטרעטער פון די אַסימילאַטאָרן אין סיים, צו באַקעמפן אַלע אונזערע נאַציאָנאַלע שטרעבונגען. אַזוי זיינען זיי איינער מיט דעם אַנדערן ווי פייער מיט וואַסער (ווערט ערנטסער) נאָר דאָרט וואו מען דאַרף שפּילן די פאַרשימלטע מה־יפית פּאָליטיק, דאָרט וואו מען דאַרף רודפ׳ן אונזערע נאַציאָנאַליסטן און ציוניסטן, דאָרט קומען זיי זיך צוזאַמען אויף איין ברעטל און פּלאַנעווען זייערע קאָנספּיראַ־

ציעס בשותפות! נו, ווי קענען מיר דאָס אַלץ צוזען און בלייבן גלייכגילטיג? (ער זעצט זיך).

רחל׳ע: יאָ, משה׳לע, ביזט גערעכט. עס ליגט טאַקע אויף אונז אַ חוב זיי צו באַאיינפלוסן אויף אונזער זייט אָדער צו שטערן זייערע פּלענער (קליינע פּויזע). וויפיל אַזייגער דאַרף פאַן בערנהיימער דאָ זיין?

משה׳לע: אַרום אַכט אַזייגער (קוקט אויף זיין זייגער). באַלד וועלן זיי זיך צוזאַמענקומען.

(די קיך־טיר עפנט זיך, די רבי׳צין קומט אַריין ווישנדיג אַ טעלער).

רחל׳ע (לויפט איר אַנטקעגן באַגייסטערט): מאַמעשי, איך וועל דיר פאַרטרויען אַ שיינע זאַך:

רבי׳צין: נו, נו, מיין קינד, וואָס איז?

רחל׳ע: דו ווייסט דאָך מאַמעשי, אַז דער טאַטעשי דאַרף דאָ באַלד ווידער זיך צוזאַמענקומען מיט דעם אַסימילאַטאָר, פאַן בערנ־היימער, זיך דורכצורײדן וועגן געוויסע זאַכן, וואָס דאַרפן פאַר־האַנדלט ווערן אין סיים.

רבי׳צין: יאָ, נו?

רחל׳ע: פאַרשטייסטו דאָך שוין, מאַמעשי, אַז פאַר אונזערע נאַציאָנאַליסטן וועט דערפון קיין גוטס נ י ט אַרויסקומען.

רבי׳צין: אפשר...

רחל׳ע: נו, האָט משה׳לע אויף היינט אָוונט איינגעלאַדן דעם ניי־דערווײלטן דעפּוטאַט פון די אידישע נאַציאָנאַליסטן, אפרים שאַפּירא, ער זאָל זיך אויך עפּעס באַטייליגן אין זייערע געשפּרעכן. משה׳לע איז מיט אים פּערזענליך באַקאַנט און ער האָט אים פאַר־שפּראָכן צו קומען.

רבי׳צין: ס׳איז אַ גאַנץ גוטער איינפאַל פון אייך, קינדער־לעך, אָבער דער טאַטעשי וועט דאָך געוויס קיינזאַך ניט ריידן אַז יענער וועט זיין דערביי. און אַחוץ דעם וועט ער דאָך זיין אויף אייך מלא רציחה פאַר אַזאַ׳ן אַקט.

משה׳לע און רחל׳ע (כמעט צוזאַמען): דו פאַרשטייסט ניט, מאַמעשי. דער טאַטעשי און פאַן בערנהיימער קענען אים נאָך ניט

פּערזענליך (משה׳לע אַליין) ער וועט דאָך ערשט נעקסטע וואָך דערשיינען אין סיים צום ערשטן מאָל. וועל איך אים איצט פאַר זיי פאָרשטעלן גאָר מיט אַן אַנדער נאָמען, זאָל זיין — הער פיינשטיין...

רחל׳ע: יאָ, „הער פיינשטיין". עס וועט הייסן, פאַרשטייסטו מיך, אַז משה׳לע האָט אים איינגעלאַדן צו קומען זען זיין ווערק וואָס ער האָט אָנגעשריבן.

רבי׳צין (שמייכלט): טייערע קעפּעלעך! אויף לאַנגע יאָרן זאָלט איר מיר זיין. נאָר כ׳האָב מורא אַז שפּעטער, ווען זיי וועלן אים דערקענען אין סיים, וועט דער טאַטעשי אייך דאָס ניט פאַר־שווייגן.

משה׳לע: פאַרפאַלן, וועלן מיר דאַמאָלסט זען. מיר מוזן איינשטעלן.

(די דרויסן־טיר רייסט זיך אויף. ח ו ה־ז ל אַ ט ע פאַלט אַריין פאַר־סאָפּעט, אַ קוש טוענדיג די מזוזה, מיט אַן אָפּגעפּליקטע הון אין האַנט).

חוה־זלאַטע: רבי׳ניו, אוי אַן אומגליק! איך האָב אָפּגעצ־צאָלט פאַר אַ קליין דאַר הינדל פינף און אַכציג מאַרק, און צום סוף (קוקט זיך אַרום)... וואָס, דער רבי איז גאָר ניטאָ?

רבי׳צין: ניין, ער דאַרף באַלד קומען פון מעריב.

חוה־זלאַטע (לייגט אַוועק די הון אויפ׳ן טיש, זעצט זיך ברייט אַוועק): איך זאָג אייך, רבי׳צין, אַז עס איז ניטאָ קיין מזל דאַרף מען בעסער ניט געבאָרן ווערן. מיין חיים־שמואל איז קראַנק, האָט דער דאָקטאָר געהייסן פאַר אים אויסקאָכן אַ ביסעלע הינער־יויך. נו, קויף איך אַ הינדל, און צאָל אָפּ פינף און אַכציג מאַרק, צום סוף אַז איך שנייד זי פונאַנדער געפין איך אַ פעדער אין פּופּיק.

אַלע (פאַרוואונדערט): אַ פעדער?

משה׳לע: אַ פאַרזשאַווערטע פעדער?

חוה־זלאַטע: איך ווייס ניט, קינדערלעך, עס איז באַשערט אַן אומגליק און גאַר. מיין טאָכטער, זאָל לעבן, זאָגט אפילו אַז עס איז כשר. נו, וועל איך זיך גיין אויף איר פאַרלאָזן? אוי, קינדער־לעך, איז מען אויף צרות אַז מען פאַרלאָזט זיך אויף אַ טאָכטער! אָט האָט בתיה־רייזל זרח־וועלוול׳ס זיך פאַרלאָזן אויף איר טאָכטער, איז זי אַנטלאָפן מיט אַ שייגעץ און ער האָט זי אומגליקליך געמאַכט.

און מסתמא האָט איר דאָך געהערט פון ר׳ שאול דעם מילכיגער׳ס טאָכטער: זי האָט גע׳מסר׳ט איר אייגענעם טאַטן אַז ער גיסט מילך אין די וואַסער...

משה׳לע: איר מיינט וואַסער אין די מילך.

חוה־זלאַטע: איך ווייס ניט. אָבער אַזוי האָב איך געהערט.

רחל׳ע: אָבער צו וואָס זאָלט איר ריידן וועגן אַנדערע? פע, חוה־זלאַטע, ס׳איז ניט שיין.

חוה־זלאַטע: וואָס, איך רייד דען עפּעס חלילה אויף אימיצן? איך וויל נאָר זאָגן אַז אַ פּינסטערע ניכפּה זאָל כאַפּן בעריש דעם זשאַנצע׳ס צוויי מוידן, אַז אויסגעריסן זאָלן זיי ווערן! מען זאָגט אַז מען האָט זיי געכאַפּט אום שבת פאַרנדיג אין אַ טראַמוויי. און אַחוץ דעם, זאָגט מען, האָבן זיי צוגעזען ווי מען שלאָגט אַ אידן און זיי האָבן געלאַכט — אַז לאַכן זאָלן זיי שוין מיט הובלשפּעטער! און וועגן הירש דעם מלמד האָט איר שוין געהערט? מען זאָגט, יאַקבי, אַז זיין ווייב האָט...

רבי׳צין (שלאָגט איר איבער): שאַ, גענוג, חוה־זלאַטע, גענוג.

חוה־זלאַטע: וואָס, איך רייד דען חלילה אויף אימיצן?

(עס עפנט זיך די טיר און עס קומט אַריין הרב יצחק וויינצווייג מיט זיין שמש איטשע־מענדל).

דער רב: אַ גוטן אָוונט אייך אַלעמען! (דער שמש זאָגט אים נאָך „גוטן אָוונט״).

אַלע: גוטן אָוונט, גוט יאָר!

(דער רב טוט אויס זיין לאַנגן שוואַרצן מאַנטל מיט זיין שטריימל, דער שמש העלפט אים און הייגגט עס אויפן קליידער־הייגגער ביי דער טיר).

איטשע־מענדל (קוקט אויף חוה־זלאַטע׳ן סאַרקאַסטיש): שוין ווייטער אַ שאלה??!

חוה־זלאַטע: רבי׳ניו, אַן אומגליק האָט מיך געטראָפן. אויסגעגעבן אַ שטיק מיט גאָלד אויף אַ הינדל, און צום סוף געפין איך אַ פּופּיק אין פעדער.

איטשע־מענדל (לאַכט): איר מיינט אַ פעדער אין פּופּיק.

חוה־זלאַטע: זאָל זיין אַזוי. אַך דער קאָפּ איז מיר, שונאי־ישראל, אַזוי פאַרדרייט.

דער רב: אַ פעדער? — וואָס פאַר אַ פעדער, לאָמיך נאָר זען. (זעצט זיך ביים טיש, עפנט לאַנגזאַם די הון, באַטראַכט און גיט אַ שמייכל) הם, כ׳האָב געמיינט אַ שרייב־פעדער... ס׳איז דאָך אַ פעדער פון דער הון, אַריינגעפאַלן מסתמא אין מאָכן זי.

חוה־זלאַטע: איז עס כשר, רבי׳ניו?

דער רב (לאַכט, אַלע מיט אים): כשר, כשר, גייט אַהיים און עסט עס געזונטערהייט.

חוה־זלאַטע: רבי, דאָס איז חלילה ניט פאַר מיר. איך בין השם יתברך געזונט. נאָר עס איז פאַר מיין מאַן. ער איז, ניט פאַר קיין אידן געדאַכט, קראַנק אויפ׳ן מאָגן, האָט דער דאָקטאָר אים געהייסן עסן אַ ביסעלע הינער־יויך.

דער רב: נו, טאָ גייט אַהיים און דער רבונו של עולם וועט אים צושיקן אַ רפואה שלמה. (הויבט זיך אויף און נעמט אַרויס אַ ספר פון אַלמער).

חוה־זלאַטע: ווען איך זאָל אייך, רבי־לעבן, ווען אויסדערציילן פון מיין מאַן, וואָלט איר געזאָגט אַז איך בין שטאַרקער פון אייזן וואָס איך קען דאָס אויסהאַלטן. איך...

איטשע־מענדל (שלאָגט איר איבער): חוה־זלאַטע! דער רבי האָט דאָך געזאָגט אַז איר זאָלט גיין אַהיים וועט דער רבונו של עולם צושיקן אייער מאַן אַ רפואה שלמה, נו, דאַרפט איר דאָך גיין...

חוה־זלאַטע: וועל איך טאַקע גיין. האָט מיר אַלע אַ גוטע נאַכט. מיר זאָלן בעסער גיין אויף שמחות, טאַטע־זיסער (גיט אַ קוש די מזוזה), אַ גוטע נאַכט.

אַלע: גוט נאַכט, גוט יאָר.

(די רביצין גיט צו: „גייט געזונטערהייט". חוה־זלאַטע גייט אַרויס, דער רב זעצט זיך ביים טיש מיט׳ן ספר).

דער רב: דו ווייסט, רבי׳צין, אַז פאַן בערנהיימער דאַרף דאָ באַלד זיין?

רבי׳צין: אודאי ווייס איך. איר האָט דאָך אָפגערעדט נאָך יענע וואָך צו טרעפן זיך היינט נאָך אַמאָל.

דער רב: יאָ, ביזט גערעכט. וועסטו האָבן אַ גלעזעלע טיי מיט עפּעס צובייסן?

רבי׳צין: געוויס, ווי דען?

איטשע־מענדל: אָ, רבי׳צין, אפשר האָט איר נאָך פון די טייגלעך? אוי די טייגלעך (גלעט זיך איבער׳ן בויך), איך זאָג אייך, רבי׳צין, אַז מען קען מיט אַזעלכע טייגלעך מחיה־מתים זיין. ווען די אידן וואָלטן אין דער מדבר געהאַט אַזעלכע טייגלעך, וואָלטן זיי אַפילו ניט גע׳חלום׳ט פון גיין קיין ארץ ישראל.

דער רב: איטשע־מענדל, וואָס פלוידערסטו!

משה׳לע (שמייכלט): טאַטעשי, ר׳ איטשע־מענדל, ווערט אויף דער עלטער אַן אפיקורס!

רחל׳ע: ר׳ איטשע־מענדל, ווען מען זאָל איצט אונזערע אידן געבן געגוג אַזעלכע טייגלעך, דיינקט איר אַז זיי וואָלטן איצט אויך ניט וועלן גיין קיין ארץ ישראל? דיינקט איר אַז ציוניזם איז בלויז אַ מאָגן אידעאַל?

איטשע־מענדל: רבי, רחל׳ע איז געוואָרן אַ גאַנצע פילאָ־זאָפקע. (ער פאַרטראַכט זיך, דער רב שמייכלט) אַלזאָ איך וועל דיר ענטפערן, רחל׳ע, (מיט אַ גמרא ניגון) וואָס די ציוניסטן וואָלטן גע־טאָן ווען זיי קריגן אַזעלכע טייגלעך ווי די מאַמעשי׳ס, דאָס ווייס איך ניט. אָבער ווען איך וואָלט געקאָנט מאַכן אַזעלכע טייגלעך און וואָלט דערמיט געקענט איינהאַלטן אַלע ציוניסטן פון יאָגן זיך נאָך ארץ ישראל, וואָלט איך געשטאַנען טאָג און נאַכט און געמאַכט אַזעלכע טייגלעך.

(דער רב קוועלט אַן פונ׳ם ענטפער, די רבי׳צין שטימט צו: „גערעכט״).

משה׳לע (צום שמש): און איך זאָג, אַז ווען איר וואָלט געקענט מיט טייגלעך, צי מיט עפּעס אַנדערש, צוריק האַלטן די גאולה, וואָלט איר געקראָגן דאָס וואָס פרעה האָט געקראָגן פאַר׳ן מעכב זיין די אידישע גאולה. (זיך וויצלענדיג) און איר דאַרפט וויסן זיין אַז ווען איך רייד עפּעס פון אַ פרעה, ווייס איך וואָס איך רייד, ווייל מיין נאָמען איז „משה״!...

(רחל׳ע לאַכט האַרציג, דער רב שמייכלט איינגעהאַלטן).

רבי׳צין: דערמיט, משה׳לע, ביזטו טאַקע גערעכט.

דער רב: רבי׳צין, ווי־אַזוי איז דאָס מעגליך, אַז איטשע־

מענדל איז ביי דיר געֶרעכט, און משה׳לע, וואָס דיינקט פונקט פאַר־קערט ווי איטשע־מענדל, איז ביי דיר אויך גערעכט?

רביציְן: ביזטו טאַקע אויך גערעכט...

(אַלע לאַכן. עס קלינגט דער גלאָק ביי דער טיר).

דער רב: אַריין! (דער שמש עפנט די טיר. עס קומט אַריין ה׳ בערנהיימער).

בערנהיימער: גוטן אָוונט, מיינע דאַמען און הערן!

דער רב (קומט אים אַנטקעגן): גוטן אָוונט, פאַניע בערנהיי־מער (דריקט אים די האַנט. בערנהיימער גיט אויך די האַנט די אַנ־דערע אין הויז, אויסער דעם שמש. רחל׳ע ענטפערט אים באַשיידן. די רביצין ענטפערט אים די האַנט ווי ניט ווילנדיג און גייט אַרויס אין קיך. דער שמש העלפט אים אויסטאָן זיין אויבעררראָק און היינגט עס אויף צוזאַמען מיט זיין צילינדער־הוט אויפ׳ן הייג־גער) זיצט, פאַניע בערנהיימער.

(בערנהיימער זעצט זיך ביים טיש. רחל׳ע הויבט זיך אויף פון זאָפע און גייט זיך זעצן לעבן איר ברודער ביים שרייב־טיש. בערנהיימער פאַרהאַלט איר, באַמערקענדיג איר האַנט־אַרבייט. דער שמש קלייבט אַ ספר אין אַלמער).

בערנהיימער: אַך, וואָס פאַר אַ פּראַכטפאָלע אַרבייט דאָס איז! וואָס וועט דאָס זיין, פריילין ווייִנצווייג?

רחל׳ע: דאָס האַפט איך אויס אַ גאַרניטור פאַר מעבל.

בערנהיימער: אַהאַ, איך פאַרשטיי, דאָס איז פאַר די... ווי הייסט עס אין אידיש, די אויסשטייער (שמייכלט), יאָ, די גאַר־דעראָבע, האַ, געטראָפן?

רחל׳ע (האַלב פאַרשעמט): מעגליך, עס קען זיין... (זעצט זיך לעבן ברודער, קוקן זיך איבער, און אויף זיין וואונק גייען זיי ביי־דע אַרויס אין קיך. דער שמש נעמט אַרויס אַ ספר, אין דער זעל־ביגער צייט, און גייט דערמיט אַרויס אין אַן אַנדער צימער).

דער רב: יאָ, פאַניע בערנהיימער, עס איז זייער לייכט צו מאַכן זיך אַ גאַרדעראָבע, אָדער אויסשטייער, ווי איר רופט עס, אָבער עס איז זייער שווער צו הייראַטן ווי מען וויל.

בערנהיימער: אייער טאָכטער איז אויך שווער צו קריגן דעם פאַסענדן יונגעמאַן? זי איז דאָך זאָ רייצענד, זאָ קלוג, זאָ אינטע־

ליגענט, און דאַך — זאָ בעשיידן.

דער רב: יאָ, פּאַניע בערנהיימער, דאָס איז אַלץ גוט. אָבער עס האָט זיך ביי אונז געמאַכט אַ שטיקל פּאַרדרייעניש, וואָס גיט אונז פיל שמערצן און זאָרג.

בערנהיימער: מעג איך וויסן וואָס דאָס איז?

דער רב (האַלב אויפ'ן אויער): אַ געוויסער יונגער אָפיציר, מיט'ן נאָמען סטעפאַן נערודינסקי, האָט זיך פאַרליבט אין מיין טאָכטער און ער פאַרפאָלגט זי מיט זיין ליבע.

בערנהיימער (נייגעריג): נו?

דער רב: וואָס נו, איר פאַרשטייט דאָך אַז מיין טאָכטער וועט ניט הייראַטן קיין קריסט, מעג ער אַפילו זיין דער קרוינ־פּרינץ פון ענגלאַנד!

בערנהיימער: יאָ, איך פאַרשטיי, אָבער... עס קען דאָך זיין ער זאָל זיך מגייר זיין.

דער רב: ערשטנס וועט ער זיך **ניט** מגייר זיין. אַזאַ זאַך וועט ער קיינמאָל ניט טאָן. צווייטנס, ווען ער זאָל זיך אפילו יאָ מגייר זיין, וואָלט איך אויך ניט וועלן אַז מיין טאָכטער זאָל הייראַטן אַ גר.

בערנהיימער: נו, און וואָס זאָגט אייער טאָכטער? זי איז דאָך אַזאַ ליבעס קינד.

דער רב: מיין טאָכטער איז, נאַטירליך, אויך מיט דער זעל־בער מיינונג. זי ווייכט אים אויס און וויל פון זיין ליבע ניט וויסן. זיי האָבן זיך באַקענט ווען די נייע פוילישע אַרמיי האָט איבער־גענומען וואַרשא פון די דייטשן און דעם שונא פאַרטריבן. הונ־דערטע אידישע מיידלעך פון אַלע קלאַסן האָבן דאַן בלומען גע־טראָגן צו דער הויפּט קוואַרטיר פון די זיגרייכע גענעראַלן און אָפיצירן.

בערנהיימער (שלאָגט אים איבער): יאָ, יאָ, מיין טאָכטער מאַריאַנאַ האָט דאַן טאַקע אויך צו די זיגער בלומען געטראָגן. זי זאָגט אַז זי קען זיך טאַקע מיט אייער טאָכטער פון דאַן אָן.

דער רב: נו, האָט מיין טאָכטער זיך אויך באַטייליגט אין

דער פּאַטריאָטישער בלומען־דעמאָנסטראַציע. דער אָפיציר נערו־דינסקי האָט איר געשאָנקען מער אויפמערקזאַמקייט ווי אַלעמען, און כאָטש זי האָט געזוכט זיך אַרויסצודרייען פון אַ פּערזענליכער באַקאַנטשאַפט, דאָך האָט זי, אויף זיין פאַרלאַנג, געזאָגט אים ווער זי איז און וואו זי וואוינט.

בערנהיימער: דאָס ווערט אינטערעסאַנט. נו, און ווייטער?

דער רב: אין אַ פּאָר טעג אַרום קומט צו אונז אַ זעלנער און ברייִנגט אַ פּאַרפּאַקטן שאַכטל, אַדרעסירט צו מיין טאָכטער. זי עפנט אויף און געפינט דאָרט אַ פּראַכטפולן קראַנץ פון בלומען מיט אַ צעטעלע וואָס האָט געטראָגן דעם אויפשריפט „מיט ליבע, פון ליי־טענאַנט נערודינסקי”. דאָס האָט אונז אַלעמען געבראַכט אין אַ פאַרלעגנהייט. מיר האָבן דעם זעלנער געבעטן זיצן אַ ווײַלע, מיר זיינען אַריין אין אַן אַנדער צימער זיך מישב זיין ווי דאָ צו האַנדלען, און ס׳איז געבליבן זי זאָל אויס העפליכקייט אים באַדאַנקען, אָבער קורץ און קאַלט. האָט זי אויף איר׳ס אַ וויזיט־קאַרטעלע אָנגעשריבן דאָס איינציגע וואָרט „דזשענקויע” און דאָס אָפּגעשיקט מיט׳ן זעל־נער. פון דאַמאָלסט אָן זיינען פאַרלאָפן אַ פּאָר וואָכן צייט און מיר האָבן געמיינט אַז דער אונאָנגענעמער אינצידענט איז געענדיגט. נאָר פּלוצלינג קומט אָן אַ בריף פון דעם זעלביגן אָפיציר, דירעקט צו מיר, און ער בעט מיר אַ דערלויבעניש פאַר אַ באַזוך אין אונ־זער הויז. דאָס האָט שוין אונז אַלעמען געבראַכט אין אַ שטאַרקער פאַרלעגנהייט. אָפּזאָגן וואָלט געוועזן אַ צו שטאַרקע באַליידיגונג, און דאָס וואָלט אפשר פאַראורזאַכט אַ צרה; דערפילן זיין פאַרלאַנג איז ווייטער שלעכט. ענטפער איך אים אַזוי: „אויב איר דענקט אַז אייער וויזיט צו מיר אין הויז איז פון גרויס וויכטיגקייט, דאַן וועט אייער וויזיט אונז ווילקאָמען זיין”.

בערנהיימער. גוט געטאָן, זייער קלוג.

דער רב: בקיצור ער איז געקומען, און אָנגעפאַנגען ווערן אונזער אָפטער גאַסט. די ערשטע פּאָר מאָל האָט ער פאַרבראַכט מיט אונז אַלעמען, נאָכדעם האָט ער געזוכט נאָר מיט מיין טאָכטער צו פאַרברייִנגען. ער האָט זי אַ פּאָר מאָל איינגעלאַדן צו אַ באַל אין אָפיצירן־קלוב, האָט זי אים דערקלערט אַז זי קען ניט טאַנצן און

וויל דערפאַר ניט גיין. שפּעטער האָט ער זי איינגעלאַדן אויף אַ שפּאַציר־רייזע אין זיין אָטאָמאָביל, דאַן האָט זי אים שוין אָפן דער־קלערט אַז אַלס אַ טאָכטער פון אַן אָרטאָדאָקסישן רב פּאַסט איר ניט אַזאַ זאַך צו טאָן. אָט אַזוי פאַרפאָלגט ער זי מיט זיין ליבע און זי וויכט אים אויס. מיר האָט זי פיל מאָל פאַרגעוואָרפן וואָס איך דולדע אים אין אונזער הויז. אָבער ווי קען מען דאָס פאַרווערן דעם באַזוך פון אַ פּוילישן אָפיציר?

בערנהיימער: נו, און ער פילט גאָר ניט אַז זי ליבט אים ניט און וויל זיין פריינטשאַפט ניט האָבן?

דער רב: געוויס זעט ער אַז זי איז קאַלט צו אים. אָבער ער שרייבט דאָס צו מסתמא צו איר באַשיידנהייט אָדער צניעות אין אַלגעמיין.

בערנהיימער: און ווי האַלט עס איצט?

דער רב: איצט האַלט עס אַזוי: פאַריגע וואָך איז ער ביי אונז געוועזן און האָט מיר גאַנץ אָפן דערקלערט דעם צוועק פון זיין פריינטשאַפט אין אונזער הויז. איך האָב אים נאַטירליך גלייך דער־קלערט אַז מיין טאָכטער קען ניט הייראַטן קיין קריסט. אָבער איך האָב אים, יעדנפאַלס, דערלויבט מיין הויז צו באַזוכן.

בערנהיימער (פאַרטראַכט זיך, הויבט זיך אויף, גייט אום הין און צוריק, שטעלט זיך אָפּ און זאָגט אַנטשלאָסן): פּאַניע ראַבין, ביז איצט האָט איר געהאַנדלט ריכטיג מיט אים. ווען ער מער ניט קומען איז אַ שאַד, אָבער פאַרפאַלן. אויב אָבער ער וועט ווייטער קומען מיט זיין הייראַטס פאַרשלאַג, דאַן זאָלט איר אים אַזוי גיך ניט אָנטזאָגן. עס קען מעגליך זיין ער זאָל זיך מגייר זיין. ליבע קען ברענגען צו אַלעס. און אויב ער זאָל נאָר באַשליסן זיך מגייר צו זיין, דאַן וואָלט עס זיין דאָס גרעסטע גליק פאַר אייך! עס איז דאָך ניט געגען דער אידישער רעליגיאָן צו הייראַטן אַ גר. מיט טראַדיציאָנען און סענטימענטן טאָר מען זיך דאָ ניט רעכע־נען. אַ פיל העכערער אידעאַל ווי פּערזענליכע סענטימענטן שטייט אייך דאָ פאַר. (שטאַרקער) איר האָט דאָ די בעסטע געלעגנהייט צו דעמאָנסטרירן פאַר דער וועלט אייער פּאַטריאָטיזם און טאָלע־ראַנץ. שטעלט זיך פאָר, אַז עס וואָלט אין דער גאַנצער וועלט באַ־

קאָנט געוואָרן אַז די טאָכטער פונ׳ם גרויסן ראָבין יצחק וויינצוויג, דער פאָרטרעטער פון אָרטאָדאָקסישן אידנטום אין פוילישן סיים, האָט געהייראָט אַ פוילישן אָפיציר, וועלכער האָט זיך צוליב איר מגייר געווען! אַזאַ אינטערעסאַנטע פאַסירונג וואָלט דאָך פון דער גאַנצער וועלט אָפּלאָדירט געוואָרן, און דאָס וואָלט געווען דער גרעסטער פּאַטש אין פּנים אונזערע שונאים — סאַי אונזערע אי־דישע און סאַי אונזערע קריסטליכע שונאים. אויב ער זאָל נאָר וועלען, זאָג איך, זיך מגייר זיין, דאַן זאָלט איר געבן אייער צושטי־מונג מיט פרייד!

דער רב: פאַניע בערנהיימער, איר דאַרפט אָבער ניט פאַר־געסן אַז מיין טאָכטער האָט אויך אַ שטיקל דעה. מיין טאָכטער איז אַ פייערדיגע נאַציאָנאַליסטקע און גיט זיך אויך אָפּ מיט דעם ציוניזם. אויב איך זאָל אפילו באַשליסן צו פאַרבויגן מיינע פער־זענליכע סענטימענטן צוליב דער זאַך, וואָלט זי דאָס אָבער ניט טאָן. פערזענליכע סענטימענטן שטייען ביי מיין טאָכטער פונקט אַזוי הויך ווי רעליגיעזע פּרינציפּן. זי וויל הייראָטן דוקא אַ ציו־ניסט, אָדער איינעם פון די היינטיגע נאַציאָנאַליסטן. דאָס הייסט גראָדע פון יענע חברה וואָס מאַכן אונז צו חרפה און צו שאַנדע אין די אויגן פון דער קריסטליכער וועלט און פאַראורזאַכן די אַלע צרות אויף אונזערע אידן אין פוילן.

בערנהיימער: אויב עס זאָל נאָר האָלטן ביי אייער טאָכטער, וועט זי זיך שוין לאָזן איבעררייידן. זי איז דאָך אַזאַ ליבעס קינד.

(עס רייסט זיך אויף די טיר, חוה־זלאַטע לויפט אַריין פאַרסאָפּעט מיט די זעלביגע הון אין האַנט).

חוה־זלאַטע (אויפן קול): רבי׳ניו, איר זאָלט מיר לעבן און געזונט זיין, כ׳האָב דאָך פאַרגעסן אייך עפּעס צו פרעגן. דער קאָפּ איז מיר, שונאי־ישראל, אַזוי פאַרדרייט, אַז איך געדענק ניט פון דאַנען אַהין.

(פון אירע קולות קומען אַריין די רביצין און דער שמש).

איטשע־מענדל (גיט אַ פּאַטש מיט די הענט): געוואַלד, חוה־זלאַטע איז שוין ווייטער דאָ! (דאָ קומען אַריין משה׳לע מיט רחל׳ען).

דער רב (בייז): וואָס האָט איר פאַרגעסן צו פרעגן, רעדט!

חוה־זלאַטע: כ׳האָב דאָך אייך פאַרגעסן צו פרעגן, רבי־ניו, אויב דער פופיק איז אויך כשר; צי קען איך אים אָפּבראָטן אָדער איך זאָל אים אַרויסוואַרפן.

(אַלע צולאַכן זיך, בערנהיימער קוקט זי אָן איבערראַשט).

דער רב: וואָס פאַר אַ מאָדנע אידענע איר זייט. איך האָב דאָך אייך געזאָגט אַז עס איז כשר, פאַרשטייט איר דאָך אַז איר קענט דעם פופיק אויך עסן.

חוה־זלאַטע: רבי־קרוין, אָבער מען קען דאָך דאָס ניט עסן רויערהייט.

דער רב (גייט אַרויס פון געדולד): טאָ קאָכט עס אויס, בראָט עס אָפּ, זויערט עס איין, וואַרפט עס אַרויס, טוט מיט דעם וואָס איר ווילט, און גייט געזונטערהייט!

(מען קלינגט אין טיר. דער שמש עפנט, עס קומט אַריין **אפרים שאַפּירא**. דער שמש ווינקט צו חוה־זלאַטן זי זאָל גיין. קושט זי די מזוזה און רוקט זיך אַרויס).

שאַפּירא: גוטן אָוונט אייך! (ער נעמט אַראָפּ דעם הוט. אַלע ענטפערן אים „גוטן אָוונט״).

משה׳לע (לויפט אים אַנטקעגן): גוטן אָוונט אייך, פריינט — פיינשטיין... (דריקט אים די האַנט) קומט, איך וועל אייך פאַר־שטעלן: אָט דאָס איז מיין פאָטער, דאָס איז פאַן בערנהיימער, מיין מוטער, מיין שוועסטער, און דאָס איז ר׳ איטשע־מענדל (ווענדעט זיך צו אַלעמען אָנווייזנדיג אויף שאַפּירא׳ן) און דאָס איז מיין פריינט, פאַן — פיינשטיין...

כמעט אַלע: זעהר אנגענעם, זעהר אנגענעם.

(פילנדיג אַז ער געפינט זיך אין אַ רב׳ס הויז, וויל שאַפּירא צוריק אָנטאָן דעם הוט, ער צווייפלט און מאַכט אַ באַוועגונג אָנצוטאָן. רחלע באַמערקט עס).

רחל׳ע: פאַניע פיינשטיין, איר מעגט אויסטאָן דעם הוט. מיין פאָטער איז טאָלעראַנט צו געסט.

שאַפּירא: אָך, זייער שיין, זייער אנגענעם. (היינגט אויף זיין הוט אויפ׳ן היינגער).

איטשע־מענדל: אַזוי ווי די גמרא זאָגט: כל מה שאומר לך בעל־הבית עשה — אַלץ וואָס דער באַלעבאָס זאָגט זאָלט איר טאָן.

אָבער וואָס ער זאָגט ניט, מעגט איר זיך טאָן ווי אייער האַרץ געלוסט (אַלע שמייכלען, בערנהיים זעצט זיך).

דער רב: קומט זעצט זיך מיט אונז ביים טיש, פּאַניע פיינ־שטיין.

משה'לע: ניין, טאַטעשי, ה' פיינשטיין איז מ יי ן גאַסט, וועט ער זיך זעצן מיט מיר ביים שרייב־טיש (טראָגט צו אַ שטול צום שרייב־טיש).

שאַפּירא: איבעראַל איז מיר אנגענעם. זאָל זיין ביים שרייב־טיש (זעצט זיך מיט משה'לען ביים שרייב־טיש).

משה'לע (צום פאָטער): טאַטעשי, ה' פיינשטיין איז געקומען זען מיין בוך וואָס איך האַלט ביים פאַרענדיגן.

דער רב (פאַרדריסליך): דיין בוך, מיין זון, פאַרשאַפט מיר ווייניג נחת. ווען דו וואָלסט האָבן מער שכל און פאָלגן אַ טאַטן, וואָלסטו דעם בוך קיינעם ניט געוויזן, נאָר בעסער פאַרברענט איי־דער דו גייסט אים דרוקן.

שאַפּירא: אַזוי שלעכט איז דאָס? (נעמט דעם מאַנוסקריפּט פון אונטער משה'לעס הענט, באַטראַכט דעם פאָדערבלאַט, שטעלט זיך אויף, מאַכט אַ טריט נענטער צום טיש, און לייענט) „שתדלנות און קאַמף. — אַ פּאָפּולערע אָפּהאַנדלונג איבער די צוויי פאַרשי־דענע מיטלען צו געווינען פרייהייט און גלייכהייט. פאַרפאַסט פון משה וויינצוויג". רבי, דאָס איז דאָך אַן ערהאַבענע טעמע! דאָס איז וואַרשיינליך אַ פאַרגלייך צווישן אונזער אַלטן, פאַרשימלטן מיטל פון שתדלנות — צו בעטלען מענשליכע באַהאַנדלונג דורך דער הינטער־טיר פון פּריץ, מיט דעם מאָדערנעם און ווירדיגן מיטל פון קאַמף — דער שטאָלצער און זיכערסטער וועג דורך וועלכן פריי־הייט און גלייכהייט קענען דערוואָרבן ווערן.

דער רב: דערפאַר טויג עס דאָך טאָקע ניט! (קרימט זיך נאָך) קאַמף, שמאַמף — מיט אַזעלכע זאַכן וועט איר נאָך ברענגען, חלילה, אויפ'ן אידישן פאָלק אַזאַ צרה, אַז קיין זאַך וועט שוין ניט העלפן!

בערנהיימער: זיי וועלן נאָך ברענגען דערצו, אַז אפילו אַסי־מילאַציאָן וועט שוין אויך ניט העלפן.

איטשע־מענדל: איר פאַרשטייט? ס׳הייסט אַז אפילו טאַנצן קדושה מיט אַ שיקסע און שלינגען ראַקעס אָן אַ ברכה וועט שוין אויך ניט העלפן...

(אַלע לאַכן. בערנהיימער מאַכט זיך אויך לאַכנדיג, אָבער ער איז בייז. דער רב וואַרפט אויפן שמש אַ בייזן בליק. כאָטש ער האָט אויך אַ הנאה פון דעם וויץ).

רביצין: מילא צו וואָס זאָל מען זיך חקירה׳נען, איך וועל בעסער אַריינטראָגן גלעזלעך וואַרעמס מיט עפּעס צובייסן (גייט אַרויס אין קיך).

איטשע־מענדל: רבי׳צין, די טייגלעך! אוי, די טייגלעך... (גלעט זיך איבער׳ן בויך, גיט זיך אַ כאַפּ) רבי׳צין, איכ׳ל אייך בעסער העלפן... (גייט איר נאָך אין קיך. משה׳לע, רחל׳ע און שאַפּירא ריידן צווישן זיך שטיל. שאַפּירא קוקט אָפּט אַריין אין געשריבענעם בוך).

בערנהיימער (גיט אַ קוק אויפ׳ן זייגער): פּאַניע ראַבין, עס ווערט שפּעט. מיר האָבן דאָך צו פאַרהאַנדלען אייניגע פונקטן. די ערשטע זאַך איז, וואָס זאָל זיין אונזער שטעלונג וועגן דער פראַגע פון נאַציאָנאַלע רעכט פאַר אידן, וואָס דער ציוניסטישער דעפּוטאַט האָט אַריינגעבראַכט.

דער רב: דאָס מוזן מיר באַקעמפן! מיר ווילן ניט און מיר דאַרפן ניט קיין ספּעציעלע נאַציאָנאַלע רעכטן.

בערנהיימער (פרייליך): בראַוואָ, פּאַניע ראַבין, אָט דאָס האָב איך פון אייך דערוואַרט. מיר ווילן ניט מען זאָל אונז אָפּטיילן פון אונזערע קריסטליכע ברידער. פאַרקערט, מיר ווילן זיך מיט זיי אויסמישן, אַסימילירן, האַ?

דער רב: ניין, פּאַניע בערנהיימער, דאָס האָב איך ניט געמיינט. איך וועל שטענדיג באַקעמפן אַסימילאַציאָן, אָבער איך זאָג, אַז מיר דאַרפן ניט פאַרלאַנגען צו פיל. מיר ווייסן אַז מיר זיינען אין גלות און מיר דאַרפן ליידן ביז דער רבונו של עולם אַליין וועט אונז אויסלייזן. מיר דאַרפן זיך צופרידנשטעלן מיט די גענאָדן וואָס די פּוילישע רעגירונג טוט מיט אונז. אַז מיר וועלן אַרויסווייזן אונזער פּאַטריאָטיזם און ניט פאָדערן צו פיל, וועלן

זיי אונז באַהאַנדלען אָרנטליך, אָבער קוים וועלן מיר גיין מיט עקשנות און פאָדערן צו פיל, וועלן מיר זיי בלויז דערצאָרענען און מיר וועלן גאָרניט קריגן.

שאַפּירא: וועט איר מיר דערלויבן, אַלס גאַסט, צו שטעלן אייך אַ פראַגע, מיינע הערן?

דער רב: יאָ, איר מעגט פרעגן.

שאַפּירא (שטעלט זיך אויף): פאַרוואָס האָבן די פּאָליאַקן גופא אַלעמאָל געשטרעבט צו נאַציאָנאַלע רעכטן? פאַרוואָס האָבן זיי אונטער דעם צאַר, לעגאַל און אומלעגאַל, אַלע מיטלען אָנגע־ווענדעט זייער נאַציאָנאַליזם אויפצולעבן, כאָטש זיי האָבן גע־האַט אַלע רעכטן און פרייהייטן, פאַרוואָס? ווייל זיי האָבן זייער נאַציאָנאַלע קולטור, טראַדיציע, און נאַציאָנאַלן שטאָלץ געוואָלט האַלטן אין פולשטענדיגער פרייהייט. דאָס זעלביגע טוען אַלע פעלקער און אַלע מינאָריטעטן אין אַלע לענדער. פאַרוואָס־זשע זאָלן מיר דערצו קיין רעכט ניט האָבן?! ווען נאַציאָנאַלע רעכטן זאָלן אונז געזעצליך ניט פאַרזיכערט ווערן, וועלן די פּאָליאַקן האָבן אַ רעכט צו פאַרמאַכן אַלע אידישע צייטונגען און אפילו אינגאַנצן פאַרבאָטן די אידישע שפּראַך, ווייל די איינציגע נאַציאָנאַלע שפּראַך וועט דאָן זיין פּויליש. זיי וועלן האָבן אַ רעכט צו פאַרבאָטן אי־דישע חדרים, ווייל דאָס וועלן ניט זיין קיין נאַציאָנאַלע שולן. זיי וועלן אפילו מעגן אויסשליסן אידן פון סיים און פון אַלע עפנטליכע און רעגירונגס אינסטיטוציעס — און זיי וועלן דאָס געוויס טאָן אויך! אַז זיי טוען איצט קעגן אונז אַזעלכע זאַכן וואָס זיי טאָרן ניט, וועלן זיי שפּעטער, זאַכן וואָס זיי מעגן, אודאי טאָן. טאָ פאַר־וואָס זאָלט איר, אַלזאָ, זיין קעגן דער פאָדערונג פון נאַציאָנאַלע רעכטן?

(דער רב און בערנהיימער קוקן זיך אָן איינער דעם צווייטן אין שטאַר־קער פאַרלעגנהייט. בערנהיימער געפינט אַ וועג ווי זיך אַרויסצודרייען).

בערנהיימער: פאַניע פיינשטיין, איר האָט אונז געבעטן די דערלויבעניש צו שטעלן אַ פראַגע און מיר האָבן עס אייך באַווי־ליגט. אָבער דאָס מיינט דאָך ניט אַז מיר פאַרפליכטן זיך אייער פראַגע צו פאַרענטפערן. די צייט איז קורץ און מיר קענען זיך מיט קיינע דעבאַטן ניט פאַרנעמען.

דער רב (קוקט אויפ׳ן זייגער): יאָ, עס איז שוין טאָקע שפּעט. איר וועט אונז מוזן אַנטשולדיגן, פאַני פיינשטיין.

(די רבי׳צין ברענגט אַריין טיי מיט צובייסנס. דער שמש העלפט איר אַריינטראָגן און סערווירן).

רבי׳צין (דערלאַנגענדיג טיי אויפ׳ן טיש): פאַניע פיינשטיין, קומט זעצט זיך ביים טיש.

שאַפּירא: אַ דאַנק אייך, רבי׳צין, מיר איז דאָ אויך אנגענעם צו זיצן. איך וועל טרינקען צוזאַמען מיט אייערע קינדער.

רבי׳צין: נו, זאָל זיין דאָרטן צו געזונט. (דערלאַנגט דריי גלעזער טיי מיט צובייסן אויפ׳ן שרייב־טיש).

דער רב (צו בערנהיימער): איצט דאַרפן מיר באַשליסן ווי זיך צו פאַרהאַלטן אין דער פראַגע פון פאָגראָמען.

בערנהיימער: איר מיינט... די אומרוהען, די עקסצעסן...

דער רב: יאָ, יאָ, די עקסצעסן... דער נייער דעפּוטאַט, אפרים שאַפּירא, דער פאַרטרעטער פון די אידישע נאַציאָנאַליסטן און ציוניסטן, וועט דאָך מסתמא ניט זיין בעסער פון זיין פאָרגייער. געוויס וועט ער דאָך אויך מאַכן געוואַלטן אין סיים און אַלעמען אַזוי צורייצן, אַז מיר וועלן ווייטער מוזן זוכן מיטלען ווי אַזוי איינצו־שטילן דעם צאָרן פון גאַנצן סיים קעגן די אידן.

בערנהיימער: געוויס וועלן מיר אים מוזן גלייך אויפ׳ן פּלאַץ באַקעמפן. מיר טאָרן ניט דערלויבן אונזערע לינקע צו שטערן דעם גוטן פרידן צווישן אונז און אונזערע פוילישע ברידער. ניט קיין פּאָגראָמען זיינען דאָס, נאָר עקסצעסן, לייכטע אָנפאַלן פון לייכט־זיניגע קריסטן. אָט דאָס מוז זיין אונזער שטעלונג!

שאַפּירא (שטעלט זיך אויף): מיינע הערן, זייט איר איבער־צייגט, אַז עס זיינען קיין פּאָגראָמען ניט געוועזן? אויב איר ווייסט און זייט איבערצייגט, אַז עס קומען אין ערגעץ ניט פאָר קיין פּאָ־גראָמען, אַז מען רייסט ניט קיין אידישע בערד, אַז מען פּלינדערט ניט קיין אידיש האָב־און־גוטס, אַז מען פאַרגוואַלטיגט ניט קיין אידישע טעכטער, און נאָך אַזעלכע בעסטיאַלישע זאַכן — אויב איר זייט אין דעם איבערצייגט, דאַן וואָלט איך אייך ראַטן דעם נייעם דעפּוטאַט, אפרים שאַפּירא, צו פ אַ ר ש ט י י נ ע ן, אויב

ער וועט וואָגן צו מאַכן אַזעלכע בלבולים אויף די אומשולדיגע, גאָטספאָרכטיגע און נאָבעלע פוילישע כוליגאַנעס; יאָ, פאַרשטיינען זאָלט איר אים! אָבער אויב איר זייט אין דעם נ י ט איבערצייגט, אויב איר ווייסט פונקט אַזוי ווי אַלע אַנדערע, אַז די אַלע שרעק־ליכקייטן און אכזריות׳ן קעגן אידן ווערן טאָג־טעגליך ב אַ ג אַ נ־ג ע ן, נאָר איר ווילט עס לייקענען ווי פייגלינגע, אויס גרויס דרך־ארץ אָדער אויס מורא פאַר׳ן פוילישן פריץ — וואָס, פרעג איך אייך, וועט א י י ך דאַן קומען? וואָס וועט דאַן זיין א י י ע ר באַ־לוינונג פונ׳ם גאַנצן אידישן פאָלק?

(ער זעצט זיך. בערנהיימער קריצט מיט די ציין און שפרינגט פון שטול פאַר אויפרעגונג. דער רב ווערט בייז, אומגעדולדיג, און וואַרפט אַ שטרייגגן בליק אויף משה׳לען).

דער רב (גיט זיך אַ הויב־אויף): משה׳לע! קום נאָר אַהער! (משה׳לע ווערט צושראָקן, הויבט זיך אויף און מאַכט אַ פּאָר טריט צום טאַטן) זאָג מיר, ווער איז דער מאַן און צוליב וואָס האָסטו דאָ אים היינט אָונטגעבראַכט?!

משה׳לע (אין גרויס פאַרצווייפלונג): טאַטעשי, איך האָב דאָך דעם הערן פאַר דיר פאַרגעשטעלט און האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז ער איז געקומען זען מיין בוך...

דער רב (גיט אַ קלאַפּ אין טיש): משה׳לע, ס׳איז אַ ליגן! דו נאַרסט מיך!

שאַפּירא (שטעלט זיך אויף דרייסט, נעמט אָן משה׳לען פאַר׳ן האַנט און קוקט אים אַריין אין די אויגן): פריינט וויינצוויינ, איר האָט מיר אַמאָל געזאָגט, אַז איר האָט אין אייער גאַנץ לעבן אייער געערטן פאָטער אָדער מוטער קיין איינציגן ליגן ניט געזאָגט (ווענ־דעט זיין בליק צום רב) איז דאָס אמת?

דער רב: יאָ, אמת!

רבי׳צין (האַלב וויינענדיג): אַזאַ יאָר אויף מיר וואָס פאַר אַן ערליך קינד דאָס איז.

שאַפּירא: אַלזאָ, פריינט וויינצוויג, איר זאָלט אייער שיי־נעם פּרינציפּ ניט ברעכן — איבערהויפּט ניט ברעכן צוליב מיר.

ענטפערט אייער ווירדיגן פאָטער דעם ריינעם אמת אויף זיין פראַגע.

משה׳לע (דרייט זיך אין גרויס פאַרלעגנהייט און מאַכט זיך ענדליך מוט): טאַטעשי, איך האָב חלילה קיין שלעכטעס ניט געמיינט. איך האָב איינגעלאַדן מיין פריינט, כדי ער זאָל אומדי־רעקט זיך קאָנען באַטייליגן אין אייערע היינטיגע פאַרהאַנדלונגען וואָס זיינען אַזוי וויכטיג פאַר דעם גורל פון אידישן פאָלק. און מיין פריינט (קוקט אויף שאַפּירא׳ן) — איז ניט קיין אַנדערער ווי דער חשוב׳ער הער אפרים שאַפּירא, דער נייער דעפּוטאַט פון די אידישע נאַציאָנאַליסטן אין סיים.

(בערנהיימער לויפט אַרום איבער׳ן צימער ווי צומישט. דער רב כאַפּט זיך ביים באָרד און בלייבט שטיין ווי פאַרשטיינערט. די רבי׳צין ציט זיך אָפּ אַ ביסעלע, ווי זי וואָלט זיך ריכטן אויף אַ שטורעם־אויסברוך. דער שמש קוקט דאָ אויפ׳ן רב, דאָ אויף משה׳לען, און וויס ניט וואָס צו טראַכטן. שאַפּירא זעצט זיך אַוועק און קוקט אַלעמען אָן ערנסט. רחל׳ע איז נערוועז).

דער רב: ביזטו, הייסט עס, געוואָרן אַ שפּיאָן, האַ?! — אַ שפּיאָן קעגן דיין אייגענעם טאַטן!! (די רבי׳צין ווישט זיך די אויגן).

רחל׳ע (מיט געוויין): טאַטעשי, משה׳לע איז ניט אינגאַנצן שולדיג, איך האָב אויך אַ חלק אין דעם...

דער רב (הערכסט אויפגערעגט): זייט איר, הייסט עס, ביידע שפּיאָנען!!

שאַפּירא (שטעלט זיך אויף): רבי, עס קריינקט מיך שטאַרק אייער אויפרעגונג. איך בעט אייך אום אַנטשולדיגונג.

דער רב: צו אייך, פּאַניע שאַפּירא, האָב איך גאָרניט. איר האָט געטאָן אייער פליכט. אָבער מיינע קינדער... אָ, מיינע קינדער... (צעווײַנט זיך).

שאַפּירא: אייערע קינדער האָבן אויך געטאָן זייער פליכט. זיי האָבן געטאָן דאָס, וואָס זייער ריינער און ערליכער געוויסן האָט זיי דיקטירט.

(עס קלינגט דער גלאָק. דער שמש עפנט די טיר און עס קומט אַריין דער יונגער אָפיציר, ל י י ט ע נ אַ נ ט ס ט ע פּ אַ ן נ ע ר ו ד י נ ס ק י. די

גאַנצע האַלטונג ווערט פּלוצלינג געענדערט. די עלטערע צווינגען זיך אַרויף אַ פריילעכע מינע, דער רב לויפט אים אַנטקעגן).

נערודינסקי: דאָברי וויעטשור, פּאַני אי פּאַנאָוויע!

אַלע (כמעט): דאָברי וויעטשור, גוטן אָוונט אייך פּאַניע לייטענאַנט.

(דער רב דריקט אים די האַנט און שטעלט אים צוערשט פאָר פאַר בערנהיימער: „לייטענאַנט סטעפאַן נערודינסקי און פאַן יאַן בערנהיימער").

נערודינסקי (דריקנדיג בערנהיימער׳ס האַנט): בערנהיימער? דאָס איז מיר אַ באַקאַנטער נאָמען. זייט איר ניט פאַרוואַנדעט צו פריילין מאַריאַנאַ בערנהיימער?

בערנהיימער (פריליך איבעראַשט): מאַריאַנאַ? דאָס איז דאָך מיין טאָכטער! זייט איר באַקאַנט?

נערודינסקי: אָ, יאָ, מיר קענען זיך זייער גוט. מיר האָבן אונזער ערשטע באַקאַנטשאַפט געשלאָסן ביי דער זעלביגער געלעגנהייט, וואָס איך האָב זיך מיט פריילין וויינצוויג באַקאַנט.

בערנהיימער: דאָס איז ביי מיר אַ העכסט פריילעכע איבעראַשונג, פּאַניע לייטענאַנט.

(נערודינסקי שמייכלט און דער רב שטעלט פאָר פאַר אים שאַפּיראָ׳ן בלויז מיט׳ן נאָמען. ער דריקט די האַנט שאַפּיראָ׳ן און אויך משה׳לען און רחל׳ען).

דער רב: זעצט זיך מיט אונז, פּאַניע לייטענאַנט.

רבי׳צין: און טרינקען אַ גלעזעלע טיי.

נערודינסקי: מיט פאַרגעניגן (ער זעצט זיך). אַז מען איז מיט אידן, מוז מען טרינקען דאָס וואָס אידן טרינקען...

(די רבי׳צין מיט׳ן שמש גייען אַרויס אין קיך).

בערנהיימער (מיט התפעלות): דאָס איז פון אייך זייער ערהאָבן, לייטענאַנט נערודינסקי. און אונז פאַרשאַפט עס דעם גרעסטן כבוד צו זיצן ביי איין טיש מיט אַן אָפיציר פון דער גלאָררייכער אַרמיי פון אונזער ליבן פאַטערלאַנד.

(דער רב שמייכלט און שאָקלט צו מיט׳ן קאָפּ).

נערודינסקי (דרייט די וואָנצן): אין דער פּוילישער אַרמיי איז אַפילו אַ פּראָסטער זעלנער צו זיין אויך אַ גרויסע ערע.

דער רב און בערנהיימער: געוויס, אודאי.

נערודינסקי (כלומר׳שט שפּאַסנדיג): און דאָך זוכן אייערע אידן זיך אַרויסצודרייען פון אָט־דער גרויסער ערע, האַ?

דער רב (פילט זיך אומאַנגענעם, זוכט צו בייטן דעם גע־שפּרעך): אַלזאָ לאָמיר בעסער ריידן פון פריילעכערע זאַכן. וואָס הערט זיך נייעס, פּאַניע לייטענאַנט? האָט איר אונז געבראַכט עפּעס גוטע בשורות?

נערודינסקי: קיינע ספּעציעלע נייעס. איך... איך בין גע־קומען צו אייך בלויז וועגן דעם וואָס מיר האָבן פאַריגע וואָך גע־רעדט. אָבער איר האָט איצט געסט... איך גלויב אַז עס איז איצט ניט באַקוועם וועגן דעם צו ריידן.

(רחל׳ע מאַכט אַ זויערע מינע און לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ, שאַפּירא פאַר־טיפט זיך אין משה׳לעס בוך, בערנהיימער ווינקט צום רב, אַז ער זאָל אים יאָ לאָזן ריידן וועגן דעם, און ער וועט אים אַרויסהעלפן, אויב נויטיג).

דער רב: איר קענט ריידן, פּאַניע לייטענאַנט, דאָס זיינען אַלץ אייגענע מענשן.

נערודינסקי: אַלזאָ, פּאַניע ראַבין, איר ווייסט דאָך אַז איך האָב ליב אייער טאָכטער און וועל זיך פילן גליקליך זי פאַר מיין פרוי צו האָבן. איך פאַרזיכער אייך, אַז זי וועט ביי מיר לעבן ווי אַ קעניגין. (צו רחל׳ען) דו הערסט, רעגינטשקאַ? ווי אַ קעניגין וועל איך דיך האַלטן. (באַגייסטערט) איך וועל דיך פאַרגעטערן!

דער רב: דאָס איז אַלעס שיין, אָבער... איך האָב דאָך אייך שוין דערקלערט, אַז מיין טאָכטער קען ניט הייראַטן קיין קריסט; דאָס איז דאָך דער שטרענגסטער פאַרבאָט אין אונזער רעליגיאָן.

נערודינסקי: הייסט עס, אַלזאָ, אַז איר אָנטזאָגט מיך.

בערנהיימער (פאַרכאַפּט דעם ענטפער): לייטענאַנט נערו־דינסקי, דער ראַבין אָנטזאָגט אייך ניט, כאָטש עס איז אים שווער צו פאַרשפּרעכן. אָבער דערלויבט מיר אייך עפּעס צו פרעגן. ס׳הייסט ביי מיר פערזענליך איז דאָס ניט קיין פראַגע. ווען דאָס וואָלט זיך געהאַנדלט אום מ י י ן טאָכטער, וואָלט איך אַזאַ פראַגע ניט געשטעלט און וואָלט פון אייך אַזאַ זאַך ניט געפאָדערט. אָבער ביים ראַבין איז דאָס איינע פון די וויכטיגסטע זאַכן.

נערודינסקי: ביטע, פרעגט.

בערנהיימער: וויבאַלד אַז איר זייט אין איר אַזוי שטאַרק פאַרליבט, וואָלט איר אפשר איינגעשטימט אַנצונעמען די אידישע רעליגיאָן, כדי זי צו באַקומען?

נערודינסקי (אין פאַרלעגנהייט): הם... כ'מיין... עס קאָן זיין... אפשר יאָ...

דער רב: רחל'ע, וואָס זאָגסטו דערויף?

רחל'ע (פאַרביטערט): טאַטעשי, וואָס ווילסטו פון מיר? איך האָב דאָך דיר שוין לייַנגער געזאָגט מיין מיינונג (צוכליפּעט זיך).

שאַפּירא (גערידט): רבי, וועט איר מיר דערלויבן עפּעס אַריינצורידן אין דעם ענין?

דער רב: יאָ, איר מעגט ריידן...

שאַפּירא: לייטענאַנט נערודינסקי, ווייסט איר אַז אַזוי שנעל ווי איר נעמט־אָן דעם אידישן גלויבן פאַרלירט איר זאָפאָרט אייער ראַנג און אייער שטעלע אין דער אַרמיי?

נערודינסקי: אַלזאָ... וועל איך פאַרלירן... אויב איך וועל נאָר באַשליסן צו ווערן אַ... אַ איד, וועל איך שוין מסתמא צו־פרידן זיין אויך מיין פּאָזיציאָן אויפצוגעבן...

שאַפּירא: און צי ווייסט איר, אַז אַזוי שנעל ווי איר ווערט אַ איד, וועלן אייך די קריסטן באָיקאָטירן, וועט מען אייך פאַר־פאָלגן, וועט מען אייך פּאָגראָמעווען, וועט אייער לעבן יעדן טאָג זיין אין געפאַר? צי באַגרייפט איר דאָס אַלעס?

נערודינסקי (בייז): דאָס וועל איך שוין שפּעטער זען!... דערווייל בין איך אַ געטרייער זון פון דעם שטאָלצן און הערליכן פּוילישן פאָלק!

שאַפּירא (שטעלט זיך אויף): אַלזאָ, לייטענאַנט נערודינסקי, דערלויבט מיר צו ריידן צו אייך גאַנץ אָפן. איך בין בלויז אַ פרעמדער און אַ גוטער פריינט צו דער פרייליין וויינצווייג. אָבער איך קען זיך ניט איינהאַלטן צו זאָגן אייך אָפנהערציג דאָס, וואָס איך פיל. איר גוטער פאָטער איז צו אידל, און איך זע דאָס ער האָט קיין מוט ניט אייך קורץ און שאַרף צו אָנטזאָגן, טראָץ דעם וואָס ער וועט אונטער קיינע אומשטענדן זיין טאָכטער ניט דער־לויבן צו הייראַטן אַ קריסט, אפילו ווען ער זאָל אָננעמען דעם אי־

דישן גלויבן. דערפאַר ראַט איך אייך, אויפריכטיג, אַז איר זאָלט די גאַנצע זאַך אויפגעבן, ווייל רחל׳ע וועט אייער פרוי קיינמאָל ניט זיין!

נערודינסקי (שפּרינגט אויף אַן אויפגערייצטער): דו ראַטסט מיך? דו, אַ פאַרדאַמטער זשיד?! (ביי די ווערטער קומען אַריין די רבי׳צין מיט׳ן שמש פון קיך, טראָגנדיג טיי און צובייסן, נאָר זעענדיג די ווילדע אויפרעגונג פון אָפיציר בלייבן זיי שטיין צושראָקן ביים טיר מיט די טאַצן אין האַנט) דו וועסט זיך מישן אין מיינע פּערזענליכע אינטערעסן און מיר שטערן מיין גליק? — דו פאַרפלוכטער און גאָטס־פאַרדאַמטער זשיד!

שאַפּירא (שלאָגט אים איבער אויפגערעגט): לייטענאַנט, מאַכט צו אייער שמוציגן מויל, און באַליידיגט ניט די פּוילישע אַרמיי מיט אַזאַ כוליגאַנישן אָנפאַל פון אַ פּוילישן אָפיציר!

נערודינסקי (צעפלאַמט פון רציחה): אַ, דו פאַרשאָלטענער טייוול, איך דאַרף גאָר ניט דעבאַטירן מיט אַזאַ הונט ווי דו ביזט; איך דאַרף גאָר ניט ריידן (אַ קלאַפּ אין טיש) צו אַזאַ פאַרשאָלטענע בריאה, — מיין רעוואָלווער וועט ריידן פאַר מיר!

(ער כאַפּט אַרויס דעם רעוואָלווער און קראַכט אויס. שאַפּירא גיט זיך אַ כאַפּ ביי דער האַנט און פאַלט צוריק אויפ׳ן שטול. די רבי׳צין גיט אַ קוויטש, און וואַרפט אַראָב, צוזאַמען מיט׳ן שמש, דעם טאַץ און אַלץ וואָס זיי האַלטן. עס ווערט אַ געוואַלד, משה׳לע מיט רחל׳ען כאַפּן אַרום דעם געשאָסענעם, דער רב ברעכט מיט די הענט, בערנהיימער כאַפּט זיין הוט און מאַנטל און אַנטלויפט, נערודינסקי קוקט אויף דעם געשאָסענעם, שאָקלט מיט׳ן קאָפּ און שמייכלט).

פאָרהאַנג פאַלט.

צווייטער אַקט

שטעלט פאָר דעמזעלביגן צימער אין הויז פון הרב ווינצוויג, אַזוי ווי אין ערשטן אַקט. רחל׳ע זיצט מיט שאַפּיראָ׳ן צוזאַמען אויף דער זאָפע, וועלכע שטייט האַלב אויסגעדרייט, ווייט אָפּגערוקט פון וואַנט, און זי בינדט אים איבער די באַנדאַזשירונג פון האַנט.

רחל׳ע (באַנדאַזשירט פּלייסיג און האַלט שוין ביים ענדיגן): נו, איצט וועט איר פילן בעסער.

שאַפּירא (שמייכלענדיג): איך פיל שוין בעסער. (ווען רחל׳ע פאַרבינדט דאָס קניפּל) אָט אַזוי, אַ שיינעם דאַנק אייך, רחל׳ע, פאַר אייער צערטליכקייט. איך זאָג אייך דעם אמת, אַז עס האָט זיך שוין געלוינט צו ווערן געשאָסן פון דעם אָפיציר, אַבי באַ־האַנדלט צו ווערן פון אַזאַ צערטליכער און איידעלער נשמה ווי איר זייט. די באַרירונג פון אייערע ווייכע און וואַרעמע פינגערלעך היילט מיין וואונד פיל שנעלער ווי די בעסטע מעדיצינען.

רחל׳ע (באַשיידן): עס פאַרשאַפט מיר דעם גרעסטן פאַרגע־ניגן צו באַדינען און צו לינדערן אייער שמערץ, אויב איך קען נאָר. אָבער, מיין פריינט, איך גלויב נ י ט אַז ס׳האָט זיך געלוינט צו קריגן אַ קויל פון דעם לומפּ פאַר דעם פאַרגעניגן וואָס מיין באַהאַנדלונג פאַרשאַפט אייך. אוי, מיין פריינט, ווען איר וואָלט וויסן וויפיל איך האָב דערפון געליטן!

שאַפּירא: אָ, טייערע רחל׳ע (נעמט איר ביי דער האַנט), מיט וואָס קען איך אויסדריקן מיין דאַנקבאַרקייט צו אייך פאַר אייער גוט האַרץ און וואַרעמע געפילן! זאָגט, רחל׳ע, מיט וואָס? (רחל׳ע לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ און שווייגט. שאַפּירא גיט איר ליידנשאַפט־ליך אַ קוש אין האַנט) רחל׳ע, טייערע! איך האָב דאָך אייך אַזוי ליב!... האָסטו מיך אויך ליב? האַ, רחל׳ע?

רחל׳ע: יאָ.

(שאַפּירא נעמט זי אַרום און פּרעסט אָפּ אַ הייסן קוש אויף אירע ליפּן. רחל׳ע בלייבט זיצן אַ באַרוישטע. אין דעם מאָמענט קומט אַריין משה׳לע פון גאַס. ער קוקט זיך אַרום און דערזעט זיי ביידן זיצן אויף דער זאָפע, צוגע־טוליעט איינער צום צווייטן. פאַרגנבֿ׳עט ער זיך צו זיי, גאַנץ שטיל, פון הינטן).

רחל׳ע (באַגייסטערט): שאַפּירא, מיין טייערינקער, איך פיל מיך איצט עפּעס אַזוי... אַזוי גוט אויפ׳ן האַרצן, אַז... אַז עס ווילט זיך מיר — וויינען פון שמחה.

שאַפּירא: וויינען? ניין, מיין טייערע, פרייען וועלן מיר זיך, טאַנצן וועלן מיר פון שמחה.

(ביי די רייד נעמט ער זי אַרום און גיט איר נאָך אַ הייסן קוש. דאָ אָבער

באַווייזט זיך שוין משה׳לע פון זיין באַהעלטעניס און זיי דערזעען אים מאָ־מענטאַל נאָכ׳ן קוש. ער האָט זיך אָבער געמאַכט ניט זעענדיג און גענומען אַרומשפּרייזן איבער׳ן צימער, מיט די הענט פון הינטן, זינגענדיג אַ אידיש ניגון׳דל: טראַ לאַ לאַ לאַ אוי טידאַ לאַם טאַם טיאַ, טראַ לאַ לאַ אוי טידאַ לאַם טאַם טאַם (א. אַז. וו.).



רחל׳ע מיט שאַפּיראָ׳ן קוקן זיך אָן איינע די אַנדערע און שמייכלען. רחל׳ע, וועלכע פילט אויך גאַנץ אויפגעלייגט, ווערט באַלד הינגעריסן פון משה׳לעס לוסטיגן זינגען און פאַנגט באַלד אָן מיטצוזינגען דאָס באַקאַנטע ניגון׳דל. באַלד עפנט זיך די טיר און ס׳קומט אַריין איטשע־מענדל [זיין באָרד איז ביי אים אויסגעפליקט], קוקט ער זיך צו צו די זינגערס מיט אַ שמייכל און פאַנגט אויך אָן מיטצוזינגען. אין אַ פּאָר מינוטן אַרום עפנט זיך די טיר און די רבי׳צין קומט אַריין מיט פּעקלעך אין האַנט).

רבי׳צין: וואָס איז דאָס? וואָס עפּעס פלוצלינג אַזאַ שמחה?

שאַפּירא: אָט, סתם זיך אַזוי. ס׳איז זיי פריילך אויפ׳ן האַרצן זינגען זיי.

רבי׳צין (שמייכלט): **מאַכטייסע, זאָל זיי וואויל באַקומען.**

(זי לייגט אַוועק די פעקלעך, פאַנגט אָן אונטערצופּאַטשן מיט די הענט ביז זי פאַנגט אויך אָן מיטצוזינגען. עס איז ששון ושמחה. אין מיטן דער הוליאַנקע עפנט זיך לאַנגזאַם די טיר, עס דערהערט זיך אַ קרעכץ, און צוויי אידן פירן אַריין דעם רב אונטער די אָרעמס. זיין פּנים איז בלייך, פאַרבלוטיגט, און די באָרד אויסגעריסן. עס ווערט אַ גרויסע בהלה אין הויז, די רבי׳צין און רחל׳ע ווערן היסטעריש).

רבי׳צין: אוי אַן אומגליק! קינדערלעך, זעט וואָס האָט אונז געטראָפן!

די קינדער: געוואַלד, טאַטעשי, וואָס האָט פּאַסירט?

איטשע־מענדל (כאַפּט זיך ביי דער באָרד): **אוי, רבי־לעבן, אייך אויך?**

שאַפּירא: אַ נייער אומגליק! אָה, די באַנדיטן!

(רחל׳ע לויפט ברענגען אַ קישן, מען לייגט דעם רב אויף דער זאָפע).

דער רב: אוי, פון טראַמוויי, האָט מען אונז, אַראָפּגעשלעפּט, אוי, געשלאָגן, געריבעט, די בערד אויסגעריסן, אוי! (ער צוכליפּעט זיך).

שאַפּירא: ברענגט דערוויל וואַסער, אַ האַנטוך (דער שמש ברענגט וואַסער, די רבי׳צין דערלאַנגט אַ האַנטוך, שאַפּירא גיט אים וואַסער צו טרינקען, באַנעצט אַ ברעג האַנטוך און ווישט אים אָפּ דאָס בלוט, רחל׳ע שטייט און גלעט אים, משה׳לע מיט׳ן שמש העלפן אים אויסטאָן דעם ראָק מיט די שיך, די צוויי אידן שטייען פון וויטן פאַרטרויערט און קלייבן זיך אַוועקצוגיין).

די אידן: נו, אַ גוטע נאַכט, איר זאָלט זיין געזונט, רבי. (איינער:) **מיר זאָלן מער פון אַזעלכע צרות ניט וויסן, רבונו של עולם, — אַ גוטע נאַכט.**

כמעט אַלע: אַ גוט יאָר. אַ דאַנק אייך פאַר אייער טרחה (די אידן גייען אַוועק).

רבי׳צין (נאָך אַ קליינער פּויזע): **ווי פילסטו, רבי, אַ ביסעלע לייכטער?**

שאַפּירא: וואו טוט אייך וויי, רבי?

דער רב (גיט אַ זיפץ): **עס איז ניט געפערליך, עס ווערט אי־**

בערגיין. אָבער מיין באָרד!... (גיט זיך אַ טאַפּ ביי דער באָרד און צעווײנט זיך. כמעט אַלע וויינען מיט).

משה׳לע (באַהאַרצט): מיר לעבן איצט איבער איינע פון די שרעקליכסטע צייטן אין דער אידישער געשיכטע, וואָס וועט פאַרשריבן ווערן אַלס די בלוטיגע פּאַסירונגען פון דעם יאָר ניינצן־ניינצן. אָבער עס וועט באַלד נעמען אַ סוף צו אונזערע צרות. מיר וועלן אויסקעמפן אונזערע רעכטן און זיכערקייט!

דער רב (איראָניש): אויס־קעמ־פּען! (ער באַמערקט רחל׳ען וויינענדיג מער פון אַלעמען און ער זעצט זיך אויף, נעמט זי אָן ביי דער האַנט און זעצט זי אַוועק לעבן זיך) וויין ניט, מיין קינד, עס וועט אַלץ איבערגיין. דו ווייסט דאָך די מעשה פון דוד המלך, האַ? — גם זה יעבור, דאָס וועט אויך איבערגיין.

איטשע־מענדל: אַזוי ווי אין פּרקים שטייט: כל דאטפת אַטפוך — די אַלע וואָס טרינקען איצט דיין בלוט וועלן אַליין דערטרונקען ווערן.

(עס באַווייזט זיך אויף אַלעמען אַ פרייערע מינע דורך איטשע־מענדל׳ס תורה. אין דער מינוט רייסט זיך אויף די טיר און חוה־זלאַטע פאַלט אַריין, אַ קוש טוענדיג די מזוזה).

חוה־זלאַטע (נאָך אין טיר זייענדיג): רבי־לעבן, אַן אומגליק האָט מיך געטראָפן! מיין מאַן האָט געפילט אַ ביסעלע בעסער איז ער אַרויסגעגאַנגען אין גאַס. זיינען אים פּלוצלינג באַפאַלן די... (זי דערזעט דעם רב) אוי, אַ קלאָג, רבי׳ניו, אייך זיינען זיי אויך באַפאַלן, די רוצחים? אוי, קינדערלעך, איכ׳ל דאָס ניט אויסהאַלטן! (זי צעווײנט זיך, אַלע שטייען פאַרטרויערט) ניכאַי וואָלט זיי בעסער אָפּדאַרן די הענט איידער זיי רירן זיך צו צו אַזאַ צדיק, רבונו של עולם. מיין מאַן האָבן זיי דאָך די גאַנצע באָרד אויסגעריסן. אוי ווי איז מיר, אַזאַ קלאָג, אַזאַ׳ן אומגליק, אַזאַ פּורעניות, געוואַלד רבונו של עולם, טאַטע זיסער, אַ פינסטערע וויסטע מגפה זאָלסטו אַראָפּשיקן אויף אַלע רוצחים און רשעים וואָס ווילן אונז פאַרטיליגען. רבי־לעבן, זיי האָבן אייך געשלאָגן אויך?

דער רב (אומגעדולדיג): אַ ביסל. נו, חוה־זלאַטע, וואָס האָט איר פאַרלאַנגט?

חוה־זלאַטע (זיך אונטערשעמענדיג): איך בין אייך געקומען פרעגן אַ שאלה, בין איך, נאַר... אַז אייך, רבי׳ניו, האָט געטראָפן דער זעלביגער אומגליק וואָס מיין מאַן, איז... וויל איך שוין בעסער די שאלה גאָרניט פרעגן.

דער רב: וואָס האָט דאָס דערצו? פרעגט, חוה־זלאַטע, שעמט זיך ניט.

חוה־זלאַטע (שעמעוודיג און אין פאַרלעגנהייט): רבי׳ניו, וויבאַלד אַז מען האָט מיין מאַן די גאַנצע באָרד אויסגעריסן, איז האָב איך אייך געוואָלט פרעגן, רבי׳ניו, צי איך קען... ס׳הייסט צי איך מעג — —

דער רב: וואָס, רעדט!

חוה־זלאַטע: צי איך מעג, הייסט עס, לעבן מיט אים אָן זיין באָרד...

(איטשע־מענדל פּלאַצט אַרויס מיט אַ געלעכטער, אָבער ער האַלט זיך גלייך איין. אַלע שמייכלען).

דער רבי: אוי, חוה־זלאַטע. אייער מאַן האָט פאַרלאָרן זיין באָרד, אָבער זיין אידישקייט איז דורך דעם דערהויבן געוואָרן. די ענוים קשים וואָס ער איז אויסגעשטאַנען צוליב זיין אידישקייט האָט אים געמאַכט פאַר אַ הייליגן. גייט, חוה־זלאַטע, אַהיים. איר מעגט לעבן מיט אייער מאַן געזונטערהייט.

חוה־זלאַטע: אוי, רבי׳ניו, לאַנגע יאָרן זאָלט איר מיר האָבן, איר האָט מיר גאָר אַ נייע נשמה אַריינגעזעצט. נו, זייט געזונט און זאָל דער השם־יתברך אונז אַלעמען טרייסטן. אַ גוטע נאַכט.

אַלע: אַ גוטע נאַכט, אַ גוט יאָר.

(חוה־זלאַטע גייט צום טיר, אָבער אין דער זעלביגער צייט קלינגט דער גלאָק און דער שמש עפנט. עס קומט אַריין בערנהיימער, זאָגט גוטן אָוונט, גיט אַלעמען די האַנט, און שפּרינגט אויף ווען ער דערזעט דעם רב. חוה־זלאַטע בלייבט ביי דער טיר, פאַראינטערעסירט אין דעם גאַסט).

בערנהיימער: אַך, פּאַני ראַבין, וואָס האָט מיט אייך פּאַסירט?

איטשע־מענדל (פאַרכאַפּט דעם ענטפער ווייזנדיג זיין אויס־געצופּטע באָרד): איר זעט? — דאָס זעלביגע וואָס האָט מיט

מ י ר פאַסירט. (מיט כעס) אַ באַנדע פאַגראַמשטשיקעס ברענען און בראַטן און פאַגראַמעוועט יעדן אידן וואָס זיי כאַפּן!

שאַפּירא (קוקט סאַרקאַסטיש אויף בערנהיימער): ניין, דאָס זיינען ניט קיין פאָגראָמען, דאָס זיינען — ווי רופט איר דאָס — „עקסצעסן״, לייכטע אָנפאַלן...

בערנהיימער: אָבער אום גאָטעס ווילן, וואָס האָבן זיי צו א י י ך, פאַני ראַבין?

דער רב: וואָס האָבן זיי צו איטשע־מענדלען, און צו נאָך טויזענטער אַנדערע אידן? זיי דאַרפן דען עפּעס האָבן? זיי זעען אַ אידן שלאָגן זיי; זעען זיי אַ באָרד רייסן זיי.

בערנהיימער: דאָס איז, נאַטירליך, אַ גרויסער שמערץ, אָבער וואָס איז דאָ אייגענטליך דאָס אומגליק אין דער באָרד — קען מען דען ניט זיין קיין גוטער איד אָן אַ באָרד? (חוה־זלאַטע הערט זיך צו און פאַרברעכט מיט די הענט ביי בערנהיימער׳ס לעצטע ווערטער) אַז מען האָט ניט קיין באָרד האָבן זיי ניט וואָס צו רייסן. אָט מיר, זעט איר, קענען זיי גאָרניט טאָן (ער שמייכלט זיך אונטער און גלעט זיך ביי דער געגאָלטער מאָרדע) — מ י י ן באָרד קענען זיי שוין נ י ט רייסן...

איטשע־מענדל (מישט זיך אַריין, אויפגערעגט): זייט ניט אַזוי זיכער, פאַניע בערנהיימער. פאַרלאָזט זיך נאָר אויף די פאַגראַמשטשיקעס, זיי וועלן זיך שוין אַן עצה געבן אפילו מיט אַזאַ אידן ווי איר זייט אויך. אויב זיי וועלן אייך ניט קענען אַראָפּרייסן די באָרד, וועלן זיי אייך אַראָפּרייסן דעם קאָפּ!

(אַלע לאַכן איינגעהאַלטן. חוה־זלאַטע טוט אויך אַ הנאה דער ענטפער; גיט זי אַ בייזן מאַך מיט דער האַנט קעגן בערנהיימער, קושט די מזוזה און רוקט זיך אַרויס).

בערנהיימער (אויפגערעגט): איטשע־מענדל, איר זייט פאַרדאַמט צו פרעך! עס איז אונטער מיין ווירדע אייך אפילו צו ענטפערן.

איטשע־מענדל: נו, איז ניט געפּידלט!

דער רב: איטשע־מענדל, ווי קומט צו דיר אַזאַ חוצפה?

איטשע־מענדל (מיט כעס): רבי, אַז פאַן בערנהיימער נעמט

זיך די העזה חוזק צו מאַכן פון אַ אידישער באָרד, מעג איך מיר דערלויבן צו לאַכן פון זיין קאָפּ!

(די רבי׳צין טוט אַ הנאה איטשע־מענדל׳ס ענטפער. זי שאָקלט צו מיט׳ן קאָפּ און גייט אַרויס אין קיך).

שאַפּירא: געגוג, ר׳ איטשע־מענדל. איצט איז ניט די צייט צו קריגן זיך.

בערנהיימער (צו שאַפּירא׳ן): ווי פילט איר זיך מיט אייער האַנט, פּאַניע שאַפּירא?

שאַפּירא: איך האָב געהאַט אַ רעכט ביסל שמערצן, אָבער — עס האָט זיך געלויגט... (קוקט ליבליך אויף רחל׳ען) נאָך עט־ליכע מאָל איבערבינדן די האַנט און עס וועט אינגאַנצן פאַרהיילט זיין... איך האָב מורא אַז נערודינסקי׳ן וועט די קויל האָבן גע־טראָפן נאָך ערגער ווי מיר.

בערנהיימער: וואָס מיינט איר דערמיט?

שאַפּירא: גאַנץ איינפאַך. איך וועל אים פאַר אָט־דער שי־סעריי פאַרקלאָגן אין געריכט און וועל אים אַזוי לאַנג פאַרפאָלגן ביז ער וועט באַקומען זיין פאַרדינטע שטראָף. אַזעלכע רציחות וועלן מער ניט פאַרשוויגן ווערן. אונזער לעבן איז מער ניט הפקר.

(דאָ קומט אַריין די רבי׳צין פון קיך און טראָגט אַריין אַ גלאָז טיי מיט זאַפט. זי שטעלט עס אויף אַ שטול, צוגערוקט צום רב ביי דער זאַפע).

רביצין: נאַ, טרינק אַ גלאָז טיי, רבי, נעם עס מיט מאַלענעס־זאַפט.

דער רב (בויגט זיך איין, שטרעקט אויס די האַנט צו נעמען די טיי און גיט אַ קרעכץ): אוי — עס שטעכט מיר אין זייט, קינ־דערלעך, און קען גאָר די האַנט ניט אויסציען (אַלע דערשרעקן זיך).

שאַפּירא: רבי, איך וואָלט זאָגן מ׳זאָל גלייך ברייננעז אַ דאָקטאָר ער זאָל אייך גוט אונטערזוכן — און טאַקע שוין. מען טאָר ניט אָפּלייגן.

די רבי׳צין און רחל׳ע: אודאי דאַרף מען ברייננען אַ דאָק־טאָר, געוויס.

שאַפּירא: אָט וועל איך טעלעפאָנירן צו מיין אייגענעם דאָק־טאָר, מיינער אַ קאָלעגע, דר. פעלדמאַן (ער גייט צום טעלעפאָן און

נעמט די טרובקע צום אויער) נומער 268, ביטע. — — מאַדאַם פעלדמאַן? — דאָס איז אפרים שאַפּירא. איז דער דאָקטאָר אין הויז? — — אָ, אַ שאָד. איך דאַרף אים זייער נויטיג פאַר אַ וויכ־טיגן פּאַציענט. דאָס איז פאַר הרב ווינצוויג — — אַזוי שנעל ווי ער קומט אַריין שיקט אים גלייך צו צום רב. — אַ דאַנק, גוטע נאַכט. (ער לייגט אַוועק די טרובקע, טראַכט אַ מינוט) ניין, איך וועל בעסער אַליין צוגיין צו אים און אים גלייך אַליין ברייננגען. ער וואוינט דאָך דאָ דערביי (טוט זיך שנעל אָן דעם מאַנטל) אַנטשול־דיגט, איך קום באַלד צוריק (גייט שנעל אַרויס).

רבי׳צין: זיצט, פאַניע בערנהיימער, טוט אויס אייער מאַנטל און מאַכט זיך באַקוועם.

בערנהיימער: דאַנקע (טוט זיך אויס). אַ פעהיגער קערל דער שאַפּירא. אָבער ער איז אַ גרויסער היץ־קאָפּ און ער וואַגט צו פיל. דורך זיינע שאַרפע אַרויסטרעטונגען אין סיים ריזיקירט ער מיט זיין קאַריערע, און, ווער ווייסט, אפשר אויך מיט זיין לעבן. ער רייצט־אויף אונזערע פוילישע ברידער ניט נאָר קעגן זיך אַליין נאָר קעגן אַלע אידן.

משה׳לע: אייער באַגריף וועגן אים איז אַ פאַלשער, פאַניע בערנהיימער. ער איז ניט קיין היץ־קאָפּ, נאָר אַ לעבעדיגער מענש מיט אַ באַוועגליכן, געזונטן גייסט. ער קען אייך ניט געפעלן, ווייל ער איז ניט פון די מה־יפית אידן; ווייל ער באַקעמפט די אַלטע טאַקטיק פון קושן די רוט מיט וועלכער מען שמייסט. עס איז ניט אמת, אַז ער ציט אויף זיך אַרויף דעם האַס פון דער קריסטליכער וועלט; די וועלט האָט רעספּעקט פאַר דעם מוטיגן, דעם שטאַרקן, דעם אומדערשראָקענעם, וועלכער קעמפט פאַר זיינע רעכטן. אָבער אויב זיי היצן זיך איצט קעגן אים, וועלן זיי שפּעטער חרטה האָבן.

רחל׳ע: הלואי האָבן מיר אַ סך אַזעלכע אידן ווי שאַפּירא.

דער רב: דו מיינסט אַזעלכע מענשן ווי שאַפּירא.

רחל׳ע: טאַטעשי, אין אידישקייט ווייסטו בעסער פון מיר, אָבער איך בלייב ביי מיין מיינונג, אַז מיט אַזעלכע אידן ווי שאַפּירא מעגן מיר שטאָלצירן.

איטשע־מענדל (קוקנדיק אויף בערנהיימער): **כאָטש ער טראָגט נ י ט קיין צילענדער הוט...**

(בערנהיימער וואַרפט אויף אים אַ בייזן בליק. עס קלינגט דער גלאָק, איטשע־מענדל עפנט די טיר, און צו אַלעמענס איבערראַשונג קומט אַריין נע־רודינסקי. ער באַגריסט קאַלט און מען ענטפערט אים קאַלט. ער גיט קיי־נעם די האַנט ניט, אָבער בערנהיימער באַגעגנט אים פריינטליך און וויל אים געבן די האַנט. נערודינסקי איגנאָרירט אים און גייט־צו, אַן צערעמאָניעס, גלייך צום רב. עס פאַלט אַן אויף אַלעמען אַן אימה).

נערודינסקי (שטרייַנג): **פּאַניע ראַבין, איך בין איצט געקו־מען צו אייך פאַר אייער לעצטן וואָרט. אייער איצטיגער ענטפער וועט אונז אָדער פאַרבינדן אָדער אויף אייביג צושיידן.**

(רחל'ע לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ און גייט אַוועק אַן אַ זייט).

דער רבי: **וואָס איז?**

נערודינסקי: **איר מאַכט זיך ניט וויסנדיג, האַ? אַלזאָ דאָ האַנדלט זיך וועגן אייער טאָכטער. דאָס וואָס דער לומפּ האָט זיך יענעם אָוונט אַריינגעמישט צו שטערן מיינע האַפּענונגען, דאָס קימערט מיך ניט. עס פאַרדריסט מיר נאָר וואָס איך האָב אַ צווייטן מאָל ניט אויסגעשאָסן און אויפ'ן שטעל אים ווי אַ הונט ניט אַוועק־געלייגט. איצט בין איך אָבער געקומען דירעקט צו אייך און וויל הערן פון אייער אייגענעם מויל וואָס איר האָט באַשלאָסן. איר דאַרפט ניט פאַרגעסן ווער איך בין, און איר מוזט אויך באַגרייפן, אַז עס איז אונטער מיין ווירדע נאָכצולויפן אַ זשידופקע און זי זאָל זיך נאָך ברעקלען. אַלזאָ וויל איך הערן פון אייך דאָס לעצטע וואָרט, — יאָ, אָדער ניין?**

דער רב (אין שרעק): **לייטענאַנט נערודינסקי, איך האָב דאָך אייך שוין אַ פּאָר מאָל דערקלערט אַז מיין טאָכטער קען ניט הייראַטן קיין קריסט.**

נערודינסקי (דענקט נאָך אַ מינוט): **און צום ביישפּיל ווען איך זאָל אָננעמען דעם אידישן גלויבן?!**

בערנהיימער (פאַרכאַפּט דעם וועג): **ווען עס וואָלט זיך גע־האַנדלט אום מ י י ן טאָכטער וואָלט איך זיך געשעצט גליקליך מיט אייער פאָרשלאַג, אָבער דעם ראַבינ'ס טאָכטער, ווי איך פאַר־**

שטיי, וועט אייך ניט הייראַטן אפילו ווען איר זאָלט אָננעמען דעם אידישן גלויבן.

נערודינסקי (דרייט זיך אויס מיט רציחה און דערלאַנגט בערנ־היימער׳ן אַ הילכיגן פּאַטש): דו שוויג! דיך פרעגט מען ניט! — נו, פּאַניע ראַבין, ענטפערט מיר אויף מיין פראַגע. פון אייער מויל אַליין וויל איך הערן — יאָ, אָדער ניין?! (אַ טוידט־שרעק באַ־פאַלט אַלעמען).

דער רב (נעמט־אָן מוט, גלייכט זיך אויס, און זאָגט מיט אַ שטאַרקן אַנטשלאָסענעם טאָן): ניין, און נאָכאמאָל ניין! מיין טאָכ־טער וועט אייך אונטער קיינע אומשטענדן ניט הייראַטן!

נערודינסקי (צעקאַכט און צערייצט): זאָלט איר אַלזאָ גע־דענקען, אַז איר האָט מיר אַנטזאָגט אייער טאָכטער׳ס האַנט. מיר, לייטענאַנט סטעפאַן נערודינסקי, פון דער גרויסער, זיגרייכער, פּוי־לישער אַרמיי! רעדט זיך ניט אייך, אַז איך וואָלט צוליב אַ זשי־דופקע אָנגענומען דעם זשידופסקן גלויבן. משוגע וואָלט איך געווען דאָס צו טאָן! כ׳האָב נאָר געוואָלט אייך שטעלן צו פּראָבע. און וויסן זאָלט איר איצט, אַז איר וועט דערפאַר טייער באַצאָלן. איר וועט פאַרשילטן דעם טאָג (אַ קלאַפּ אין טיש) וואָס איר האָט מיך אַנטזאָגט! און מער האָב איך מיט די פאַרפלוכטע זשידעס קיין גע־שעפטן ניט.

(ער קערט זיך אום און גייט שנעל אַרויס, אַ האַק געבנדיג מיט דער טיר. אַלע בלייבן שטיין, אָדער זיצן, ווי פאַרגליווערט, אָן אַ וואָרט אויסצורייד ן. רחל׳ע רוקט זיך לאַנגזאַם צו צום פאָטער, נעמט אים אַרום און צעכליפּעט זיך. די רביצין ווערט פון דעם געריררט און וויינט אויך. בערנהיימער איז פאַרביטערט און טאַפּט זיך ביי דער געפּאַטשטער באַק. עס קלינגט ביי דער טיר, איטשע־מענדל עפנט אויף, עס קומט אַריין דער דאָקטאָר פעלדמאַן).

דער דאָקטאָר (זעענדיג אַלעמען אַזוי פאַרוויינט און פאַרטרוי־ערט): וואָס איז? איז דער רבי אַזוי ערנסט קראַנק? (ער גייט שנעל צו צום קראַנקן און עקזאַמענירט אים) וואָס זייט איר אַלע אַזוי פאַרקלאָגט? דער רבי איז גאָרניט אַזוי קראַנק. ער דאַרף נאָר אַ ביסל באַרוהיגן די נערוון, דאָס אַלעס.

דער רב: מיר זיינען דאָ איצט פאַרטרויערט גראָדע פון אַן אַנדער זאַך. אָבער עס טוט מיר וויי דאָ אין זייט און קען די האַנט

ניט אויסציען. עס איז מיר אויך געלאָפן אַ סך בלוט פון נאָז.

דער דאָקטאָר: קומט אַריין, רבי, אין אַן אַנדער צימער, וועל איך אייך אויסטאָן און גענויער אונטערזוכן.

(די רבי׳צין ברענגט אים אַ פּאָר שטעק־שיכלעך, משה׳לע מיט׳ן שמש העלפן אים אַראָפּגיין פון זאָפע און פירן אים אַריין אין אַן אַנדער צימער. דער דאָקטאָר גייט זיי נאָך).

רבי׳צין: אוי, רבונו של עולם, פאַרוואָס קומט דאָס אונז אַזוי פיל צרות, דערבאַרעמדיגער פאָטער.

בערנהיימער: אַלע צרות קומען פון אונזערע אידן אַליין. אָדער זיי זיינען אָרטאָדאָקסן, פאַנאַטיקער, וואָס אַ באָרד איז ביי זיי טייערער ווי אַ גאַנצער אוצר, אָדער זיי זיינען נאַציאָנאַליסטן, ציוניסטן, אויטאָנאָמיסטן, און נאָך אַזעלכע איסטן, וואָס ווילן דוקא קעמפן פאַר זייערע געוואָגטע פאָדערונגען.

רחל׳ע: און נאָך אַ דריטן קלאַס אידן האָט איר פאַרגעסן אַריינצורעכענען, פאַניע בערנהיימער. דאָס זיינען אונזערע אַסימי־לאַטאָרן, וועלכע זיינען אַנטלאָפן פון אונזערע אידן, אָבער ווערן צווישן די גוים ניט אַריינגלאָזן, ווייל די גוים האָסן זיי נאָך מער ווי די אָרטאָדאָקסישע אידן. דאָס זיינען די גייסטיג געפאַלענע אידן ביי וועמען אַ פּוילישער סטרוזש איז טייערער ווי אַן אָרטאָ־דאָקסישער רב, און וועלכע וועלן פאַר אַ שמייכל פון אַ גוי פאַר־קויפן זייער נשמה און זייער גאַנצן לייב און לעבן.

רבי׳צין: וואָס טויג דער חקירה׳נען זיך ווער עס איז שול־דיג. עס איז קיינער ניט שולדיג. עס איז דעם רבונו של עולם׳ס ווילן אַזוי און מיר טאָרן קיין קשיות ניט פרעגן. — אפשר וועט איר טרינקן אַ גלעזעלע טיי, פאַניע בערנהיימער?

בערנהיימער: זאָל זיין טיי.

רבי׳צין: אָט גיי איך מאַכן פרישע טיי (זי גייט אַרויס אין קיך).

בערנהיימער (נאָך אַ קליינער פּויזע): פריילין ווינצוויג זאָגט מיר דעם אָפנהערציגן אמת, צו מיר מעגט איר ריידן, ווייל אפשר קען איך אייך העלפן. וואָס זיינען אייערע אמת׳ע געפילן צו לייט־טענאַנט נערודינסקי׳ן? איז עס ניט מעגליך אַז טיף אין האַרצן

ליבט איר אים, נאָר איר זייט געצוואונגען צו אונטערדריקן אייערע געפילן, ווייל איר זייט ראַבין וויינצווייג׳ס טאָכטער?

רחל׳ע: פאַניע בערנהיימער, עס איז מיר אַ וואונדער וואָס איר פאַרשטייט מיך ניט. ניט נאָר ליב איך אים ניט, נאָר איך האָס אים און וואָלט אים ניט הייראַטן אפילו ווען ער זאָל זיך מגייר זיין. אָבער אפילו ווען איך זאָל אים ניט האַסן וואָלט איך אים אויך ניט געהייראַט, ווייל אום אימיצן צו הייראַטן איז נאָך ניט גענוג וואָס מען האָסט אים ניט, נאָר מען דאַרף אים אויך ליב האָבן.

בערנהיימער: וויבאַלד אַז איר אָנטזאָגט זיך פון אים, וואָלט איך אייך וועלן פרעגן וואָס איר דיינקט פון אים און מיין טאָכטער... איר קענט דאָך מיין טאָכטער זינט יענער פּאַטריאָטישער בלומען־דעמאָנסטראַציע. דיינקט איר, אַז ער וואָלט זיך אין איר פאַראינ־טערעסירט אַזוי ווי אין אייך?...

רחל׳ע: דאָס ווייס איך ניט — מעגליך...

משה׳לע (באַווייזט זיך מיט אַ צעטעלע אין האַנט אין טיר פון שלאָפצימער): רחל׳ע, דער דאָקטאָר בעט דו זאָלסט אָט דאָס־אַ (דערלאַנגט איר דאָס צעטעלע) אַריינברייינגען פון אַפּטייק. וועסט עס קריגן פאַרטיגע.

(רחל׳ע נעמט עפּעס אַרויף אויף זיך און גייט אַרויס מיט דעם רעצעפּט. משה׳לע גייט צוריק אַריין צום קראַנקן און בערנהיימער בלייבט גאַנץ אַליין. ער גיט אַ טראַכט און כאַפּט זיך נערוועז צום טעלעפאָן).

בערנהיימער (שטיל): נומער 432, ביטע. — — עליזאַבעטאַ? איך בין איצט ביי׳ן ראַבין. שיק צו מאַריאַנאַ׳ן צום טעלעפאָן, שנעל! — האַ, זי איז שוין אַרויסגעגאַנגען אַהער? אָך, אַ פאַרדרוס! — — ניין, איך האָב איר געוואָלט זאָגן, אַז זי זאָל איצט אַהער ניט קומען מיט דעם געלט. — — דאָס האָט געזאָלט זיין בלויז אַ תירוץ, פאַר־שטייסט? מיר האָבן אָפּגערעדט אַז זי זאָל מיר צוברייינגען מיין פּאַרטמאָנעי מיט דעם געלט וואָס איך האָב כלומר׳שט פאַרגעסן אין דער היים. דערווייל וועט זי דאָ קענען אַ רייד טאָן מיטן ראַבין׳ס טאָכטער און פון איר אויספאָרשן אַלץ וועגן נערודינסקי׳ן. — האַ? — — ניין, זי זאָל ניט קומען, ווייל עס האָט עפּעס פּאַסירט אין דעם ראַבין׳ס הויז און עס איז איצט ניט די פּאַסיגע צייט דערפאַר. אַחוץ

דעם האָב איך זיך איצט צוקריגט מיט נערודינסקי׳ן, און איך ווייס ניט אויב ער וועט וועלן זיך פאַראינטערעסירן אין מאַריאַנאַ׳ן. — איז זי שוין אַרויסגעגאַנגען אַהער? — שאַדע, שאַדע!

(די רבי׳צין קומט פּלוצלינג אַריין פון קיך מיט די טיי און בערנהיימער לייגט שנעל אַוועק די טרובקע, ער „צעהוסט זיך", כאַפּט נערוועז אַ בערשטל, וואָס ליגט גראַדע אויפ׳ן טעלעפאָן טישל, און מאַכט זיך פּוצנדיק זיין ראָק).

רבי׳צין (אַוועקשטעלנדיג די טיי אויפ׳ן טיש): אָט האָט איר פרישע טיי, פאַניע בערנהיימער.

בערנהיימער (זיך זעצנדיג טרינקען): דאַנק אייך זייער.

(רחל׳ע קומט אַריין סאַפּענדיג, מיט דער מעדיצין אין האַנט, און דערלאַנגט עס אימיצן דורך דער טיר וואו דער חולה ליגט).

בערנהיימער: איך זע איר זייט שנעל געלאָפן, פרייליין וויינ־צוויִיג.

רחל׳ע: אַזוי שנעל ווי איך האָב נאָר געקענט. מיין פּאַפּאַ איז ביי מיר זייער, זייער טייער.

בערנהיימער: דאָס איז גאַנץ שיין, פרייליין וויינצווייג. (ער טרינקט די טיי. קליינע פּויזע. עס עפנט זיך די טיר פון צימער און עס קומען צוריק אַריין דער רב מיט דעם דאָקטאָר, אויך משה׳לע און דער שמש).

רבי׳צין (אומגעדולדיג): נו, ווי איז עס?

דאָקטאָר: זייט רואיג, רבי׳צין, דעם רבי׳ן האָט חלילה, קיין בייזעס ניט געשען. עס פעלט אים קיינזאַך ניט, ער דאַרף זיך בלויז באַרוהיגן און אויסרוען. דאָס אַלעס.

רבי׳צין: נו, גאָט צו דאַנקן כאָטש דערפאַר.

איטשע־מענדל: יאָ, עס פעלט אים קיינזאַך ניט, — און וואו איז זיין באָרד?...

רחל׳ע (גיט זיך אַ כאַפּ): יאָ, פאַניע דאָקטאָר, איך האָב פאַר־געסן אייך צו פרעגן. וואו איז געבליבן העד שאַפּירא? ער איז דאָך אייך געגאַנגען ברייגגען, האָט ער ניט געזאָלט קומען אַהער צוריק מיט אייך צוזאַמען?

דאָקטאָר: פרייליין וויינצווייג, ער וועט קומען, אָבער... ניט אַזוי גיך...

רחל׳ע (צושראָקן): הער דאָקטאָר, וואָס האָט פּאַסירט?, אַך דערציילט (אַלע ווערן צושראָקן, אויסער בערנהיימער, וועלכער טרינקט זיך די טיי גאַנץ געלאַסן).

דאָקטאָר: גאָרנישט, גאָרנישט, איר האָט ניט וואָס צו זאָרגן. איר וועט אים זיכער זען מאָרגן אָדער איבערמאָרגן.

רחל׳ע (מיט געוויין): אַך, פּאַניע דאָקטאָר, אום גאָטעס ווילן, איר מוזט אונז דערציילן, איך וועל דאָס ניט אויסהאַלטן.

דער רב: פּאַניע דאָקטאָר, מיר מוזן וויסן וואָס אים האָט פּאַסירט, מיר קענען ניט בלייבן גלייכגילטיג, דערציילט.

דאָקטאָר: אַלזאָ עס טוט מיר לייד אייך צו זאָגן דאָס מיין קאָלעגע, אפרים שאַפּירא, איז אויפ׳ן גאַס אַרעסטירט געוואָרן.

אַלע (צושראָקן): ווי אַזוי? פאַרוואָס?

דאָקטאָר: אַרויסגייענדיג פון מיין הויז, האָבן מיר אויפ׳ן ווינקל פון גראַניטשנאַ און טוואַרדאַ גאַס דערזען ווי אַ פּוילישער בויאַן שלאָגט אַ אידן. מיין פריינט שאַפּירא האָט זיך גלייך אַריינ־געמישט און דעם אידן אַרויסגעריסן פון די בויאַנסקע הענט. דער מערדער האָט זיך דאַן אַרויפגעוואָרפן אויף שאַפּירא׳ן, אָבער טראָץ זיין קראַנקע האַנט האָט שאַפּירא מיט אים העלדיש געקעמפט און אים גאַנץ גוט אָנגעבראָכן די ביינער.

אַלע: נו? —

דאָקטאָר: אַלזאָ דער פּאָליציאַנט, וואָס האָט פריער צוגעזען דעם איבעפּאַל אויף דעם אידן און זיך געמאַכט ניט זעענדיג, איז פּלוצלינג זעענדיג געוואָרן ווען שאַפּירא האָט זיך געראַנגלט מיט זיין אָנגרייפער. איז ער שנעל צוגעלאָפן, דעם בויאַן באַפרייט און שאַפּירא׳ן אַרעסטירט.

רחל׳ע (ברעכט צוזאַמען די הענט): אוי אַן אומגליק!

דער רב: דאָס איז ווירקליך אַן אומגליק.

משה׳לע: וואו האָט ער אים אַוועקגעפירט?

דאָקטאָר: אין זעקסטן פּאָליציי בעצירק, וואו ער איז איינ־געשפּאַרט געוואָרן ביז זיין פּראָצעס וועט פאָרקומען. אָבער זאָרגט ניט. איך האָף אַז מאָרגן אָדער איבערמאָרגן וועט ער באַפרייט

ווערן. איך מיט נאָך איניגע וועלן זיין עדות פאַר אים, און אויב עס וועט נויטיג זיין וועט אונזער גאַנצע אידיש־נאַציאָנאַלע פּאַרטיי אַרויס אין קאַמף פאַר זיין באַפרייאונג. אָבער די רעגירונג וועט אים אַליין באַפרייען אַזוי שנעל ווי זיי וועלן זיך דערוויסן ווער ער איז. וואָרום זיי וועלן דאָך, נאָך אַלעמען, ניט וועלן אַז אַזאַ סקאַנדאַל זאָל צוקלונגען ווערן איבער דער גאַנצער וועלט. אַלזאָ זייט רואיג און זאָרגט ניט (טוט זיך אָן און נעמט זיין רענצל אינ־סטרומענטן). און איר, רבי, זאָלט זיך גוט אויסרוען וועט איר זיין געזונט. אַלזאָ אַ גוטע נאַכט, מיינע פריינט, גוט נאַכט.

אַלע: גוט נאַכט, גוט יאָר.

(משה׳לע גייט אים נאָך און גייט אַרויס מיט אים צוזאַמען).

רבי׳צין: וואָס קען מען טאָן אין אַזאַ׳ן אומגליק? — ער איז אונז פאַר דער צייט אַזוי איינגעבאַקן געוואָרן אין הארצן, אַז מיר באַטראַכטן אים פאַר אַן אייגענעם מענשן. אַלזאָ וואָס טוט מען?

בערנהיימער: איר קענט קיינזאַך ניט טאָן, מען מוז זען ווי די זאַך וועט זיך אַנטוויקלען. מען קען גאָרניט וויסן...

משה׳לע (צוריק אַריינקומענדיג): אַלזאָ, רחל׳ע, טו זיך אָן, מיר וועלן צופאָרן צום זעקסטן בעצירק און פּרובירן זיך זען מיט אים. אפשר קענען מיר שוין עפּעס טאָן פאַר אים. קום.

רבי׳צין: קינדערלעך, ווי גאָט איז אייך ליב, קריכט ניט אין פייער. עס וועלן זיין גענוג אַנדערע, וואָס וועלן טאָן פאַר אים. גייט ניט!

דער רב: ניין, איצט זאָלט איר ניט גיין. זיצט אין דער היים.

משה׳לע: טאַטעשי, מיר וועלן קיינזאַך ניט טאָן, מיר וועלן בלויז פּרובירן זיך זען מיט אים. דאָס אַלעס.

בערנהיימער: איך וואָלט אייך ראַטן צו פאָלגן אייערע עלטערן און טאַקע ניט גיין. וואָרום איר וועט זיך געוויס ניט קענען איינ־האַלטן און טאָן אָדער ריידן וואָס מען דאַרף ניט.

רחל׳ע: טאַטעשי, איך גיב דיר מיין ערנוואָרט, אַז מיר וועלן קיינזאַך ניט טאָן און קיינזאַך ניט ריידן. מיר וועלן בלויז אויף

אים אַ קוק טאָן, אויב מען וועט אונז לאָזן, דאָס אַלעס.

איטשע־מענדל: רבי, אפשר זאָלן מיר מאַכן אַ פשרה? אפשר זאָלן מיר לאָזן בלויז משה׳לען גיין? (דער רב טראַכט).

רחל׳ע: טאַטעשי, דו ביזט דאָך אַ גוטיטשקער, לאָז אונז ביידן גיין, דו וועסט קיין חרטה ניט האָבן, איך בעט דיך.

רבי׳צין: און אפשר?...

דער רב (דענקט נאָך): נו, — גייט. אָבער געדיינקט וואָס איר זאָגט מיר צו: הערן, זען, און שווייגן!

משה׳לע: יאָ, יאָ, טאַטעשי, מעגסט זיך פאַרלאָזן אויף אונז.

(זיי טוען זיך שנעל אָן און גייען... קוים עפנט רחל׳ע די טיר, קומט איר אַנטקעגן אַ זעלנער און גיט זי אַ שטויס־אַריין צוריק).

זעלנער: אַריין צוריק! (ער שטויסט אויך משה׳לען צוריק אַריין) וואו לויפט איר דאָס? זייט אין הויז, מיר דאַרפן אייך האָבן! (ער קומט אַריין אינעווייניג און עפנט ברייט די טיר) קומט אַריין, ברי־דער! (עס קומען אַריין נאָך 5 זעלנער. עס פאַלט־אָן אויף אַלעמען אַן אימה).

עלטסטער זעלנער (דער, וואָס איז צום ערשטן אַריינגעקו־מען): וואו איז דאָ דער באַלעבאָס?

דער רב (עס ציטערן אים די הענט): איך בין דער באַלעבאָס.

עלטסטער זעלנער: קריך אַראָפּ דאָרטן פון זאָפע, קום אַהער!

דע רב: איך בין קראַנק, איך קען ניט אַראָפּגיין, אָבער וואָס פאַרלאַנגט איר?

אַ צווייטער זעלנער: אָ, צום טייוול!

(ער לויפט צו צום רב, שלעפּט אים אַראָפּ פון זאָפע און פירט אים צו צום עלטסטן. דער רב קרעכצט, משה׳לע מיט רחל׳ען לויפן־צו צו דער מאַמען און נעמען זי אַרום אין גרויס שרעק, בערנהיימער איז נערוועז).

עלטסטער זעלנער: מיר האָבן אַ באַפעל צו מאַכן דאָ, ביי דיר אין הויז, אַ מיליטערישע אונטערזוכונג, דו פאַרשטייסט?

דער רב: אַן אונטערזוכונג? וואָס קען מען דען ביי מיר געפינען?

עלטסטער זעלנער: דאָס וועלן מיר שוין שפּעטער זען. (דאָ עפנט זיך לאַנגזאַם די טיר און עס רוקט זיך אַריין נערודינסקי, אַ ביסל פאַרשיכורט, מיט אַ טיזולשן שמייכעלע אויף די ליפּן. ער בלייבט שטיין ביי דער טיר). **נו, הויב־אויף די הענט!** (פויזע) **די הענט הייס איך דיר אויפהויבן, דו פאַרשטייסט צי ניין?!** (דער רב הויבט־אויף די הענט קרעכצנדיג און די זעלנער נעמען אַרויס פון די קעשענעס אַלץ וואָס זיי געפינען דאָרט. אין דער צייט וואָס זיי זיינען פאַרנומען מיט׳ן רב, רוקט זיך בערנהיימער לאַנגזאַם צו צום קליידער־הייַנגער און טוט זיך שנעל אָן זיין מאַנטל און הוט) **נו, איצט מעגסטו שוין גיין צוריק לייגן זיך אויף דער זאָפע.** (ער כאַפּט בערנהיימער׳ן ווי ער וויל זיך אַרויסרוקן) **וואָס איז דאָס? וואו גייסט דו?**

בערנהיימער (אין טוידט־שרעק)**: איך... איך בין ניט קיין היגער... איך בין דאָ אַ גאַסט, איך מוז גיין אַהיים...**

עלטסטער זעלנער (סאַרקאַסטיש)**: ביזט ניט קיין היגער? אָבער אַ ז ש י ד ביזטו? טאָ וואַרט ביז מיר וועלן דיך ה י י ס ן גיין.**

בערנהיימער: פאַנאָוויע, איך בין ניט קיין זשיד!

עלטסטער זעלנער: טאָ וואָס־זשע דען ביזטו אויב ניט קיין זשיד?

בערנהיימער: איך בין אַ פּאָליאַק פון משה רבינו׳ס גלויבן!

עלטסטער זעלנער: אַ וואָס?

בערנהיימער (דייטליך)**: אַ פּאָליאַק פון משה רבינו׳ס גלויבן!** (אַלע זעלנער צולאַכן זיך).

אַ זעלנער: פון אַזאַ מין חיה האָב איך נאָך קיינמאָל ניט געהערט. אָדער דו ביזט אַ פּאָליאַק, אָדער דו ביזט אַ זשיד!

עלטסטער זעלנער: נו, גענוג, הויב־אויף דיינע הענט און לאָז זיך באַזוכן!

בערנהיימער: מיינע הערן, איר זאָלט וויסן זיין, אַז איך בין אַ מיטגליד פון סיים. מיט אייער איצטיגן איבערפאַל אויף מיר ברייגנט איר שאַנדע צו אונזער פאַטערלאַנד!

משה׳לע: פּאַניע בערנהיימער, איז מיין פאָטער אויך אַ מיט־גליד פון סיים?

בערנהיימער: געוויס.

משה׳לע: וואָרום־זשע האָט איר געשוויגן און ניט פּראָטעס־טירט ווען מען האָט קעגן מיין אַלטן, קראַנקן פאָטער דיזעלביגע שאַנד־טאַט באַגאַנגען?

איטשע־מענדל: גיי פרעג קשיות ביי אַ צילענדער הוט!

עלטסטער זעלנער: שאַ! נו, דו הויבסט אויף די הענט מיט גוטן, אַניט וועסטו ערגער מאַכן!

(בערנהיימער הויבט אויף איין האַנט. אַ זעלנער שרייט אויס „פּשאַ קרעף״ און גיט אים מיט רוגזה אַ הויב־אויף די צווייטע האַנט. זיי געפינען ביי אים עטליכע ווערטפּולע זאַכן און אַ שווערן פּעקל פּאַפּיר־געלט).

בערנהיימער (צעקאָכט): וואָס האָט איר צו מיינע געלט! מיט וואָס פאַר אַ רעכט פאַרנעמט איר מיין געלט! איז מיינע געלט פאַלשע?

אַ זעלנער (שמייכלט און זוכט ווייטער): ניין, דיינע געלט איז גוט, קיין פאַלשע געלט נעמען מיר ניט...

בערנהיימער: לייטענאַנט נערודינסקי, און איר דערלויבט עס?

נערודינסקי: יאָ, דאָס איז זייער באַפעל. זיי נעמען צוזאַמען דאָס, וואָס די זשידעס האָבן ניט געגעבן צו דער מלחמה.

עלטסטער זעלנער (נאָכדעם ווי זיי האָבן שוין אַלע זיינע קעשענעס אויסגעליידיגט): נו, איצט קענסטו גיין. (ער נעמט אים אָן פאַר׳ן קאַלנער און שטויסט אים אַרויס דורכ׳ן טיר. ער נעמט זיך דאָן צו משה׳לען) נו, יונגערמאַן, איצט קום דו אַהער.

(משה׳לע לאָזט זיך ניט בעטן, גייט צו דרייסט, הויבט אויף די הענט און זיי באַזוכן אים. ווען זיי ווערן פאַרטיג מיט משה׳לען לאָזן זיי אים אָפּ און נעמען זיך צו איטשע־מענדלען, וועלכער גייט אַרום פון ווייטן ווי אַ פאַר־זאָרגטער).

עלטסטער זעלנער: נו, זשידעק, וואָס שפּאַצירסט דו עפּעס אַרום? קום אַהער (פּויזע) אַהער גיי!! (איטשע־מענדל שפּרינגט־אויף און גייט צו) הויב אויף די הענט! (ער פאָלגט. דער זעלנער

זוכט און טאַפּט אין אַלע קעשענעס, אָבער ער געפינט גאָרניט. ער ווערט בייז) **פּשאָ קרעף!** (ער קומט צום סוף צום טלית־קטן און דער־טאַפּט עפּעס אין כנפה) **אָט דאָ האָב איך עפּעס דערטאַפּט!** (ער שלעפּט פון דאָרט אַרויס אַ שטיק קנאָבל) **וואָס איז דאָס פאַר אַ כאָליערע?!**

איטשע־מענדל: **דאָס איז קנאָבל. איך האַלט דאָס פאַר אַ סגולה קעגן אַן עין־הרע...**

עלטסטער זעלנער (גיט די קנאָבל אַ שמיץ אָן דר׳ערד): **צום שוואַרץ יאָר, דו פּאַסקודנער זשידעק, דאָס איז אַלץ וואָס דו פאַר־מאָגסט?**

איטשע־מענדל: **און דאָס איז ווייניג פאַר איך?**

נערודינסקי: **שלעפּט אים אַראָפּ די שיך! אַזעלכע זשידקעס האַלטן זייערע געלט אין די שיך** (מען שלעפּט אים אַראָפּ די שיך און ער בלייבט שטיין מיט צוריסענע פּיאַטעס. זיי טרייסלען אויס די שיך, געפינען גאָרניט, און ווערן נאָך מער צורייצט).

אַ זעלנער: **לאָמיר צונעמען די שיך פון דעם פּאַסקודנעם שלעפּער!** (זיי פּאַקן איין זיינע שיך אין אַ זאַק און שטויסן אים אַוועק).

נערודינסקי (מיט אַ פאַרשיכור׳טן קול): **נו, ברידער, איצט נעמט זיך צום הויז. איך צוויי** (צום עלטסטן זעלנער מיט אַ צווייטן) **זאָלט בלייבן דאָ אַכטונג געבן ביי דער טיר; איך צוויי גייט אונ־טערזוכן יענע צימערן** (ווייזט אויף דער קיך), **און איהר ביידע גייט דורכקוקן אָט די צימערן** (ווייזט אויף די אַנדערע צימערן).

(די זעלנער צעלאָזן זיך איבער די צימערן און אין אַ פּאָר מינוטן אַרום דערהערט זיך פון דאָרט אַ קלאַפּן, ברעכן, בראַזגן, די רביצין פאַרברעכט די הענט, אַלע זיינען נערוועז, און נערודינסקי גייט אַרויס צו די צימערן זען ווי זיינע זעלנער גייען־אַן מיט דער אַרבייט. עס הערט זיך דאַן אַ קלונג ביי דער טיר, אַ זעלנער עפנט, און עס קומט אַריין מאַריאַנאַ).

מאַריאַנאַ: **גוטן אָוונט איך, מיין פּאַפּאַ איז דאָ ניטאָ?**

רחל׳ע: **ער איז דאָ פריער געווען, אָבער איז שוין אַוועק.**

מאַריאַנאַ: **מיין פּאַפּאַ האָט פאַרגעסן זיין פּאָרטמאָנעי מיט דעם געלט אין הויז. האָב איך עס אים צוגעבראַכט. מיר האָבן**

געהאַט גרויס פאַרדרוס וועגן דעם, ווייל ער דאַרף דאָס גראַדע זייער נויטיק האָבן מיט זיך, און ער וועט געוויס זאָרגן וועגן דעם...

עלטסטער זעלנער: יאָ, דיין פאַפאַ האָט טאַקע פריער גע־דאַרפט האָבן נאָך געלט... נאָר ס'איז נאָך איצט אויך צייט... אַ סך געלט האָסטו אים געבראַכט?

מאַריאַנאַ (קוקט זיך אַרום און באַטראַכט די זעלנער פאַר־וואונדערט): אַנטקעגן וואָס פרעגט איר דאָס?

עלטסטער זעלנער (גייענדיק צו איר): ווייל מיר קענען דאָס אויך געברויכן. נו, זשידופקע, ווייז אַהער! (מאַריאַנאַ ציט זיך אָפּ אין טוידט־שרעק) אַהער דאָס געלט, זאָגט מען דיר! (ער רייסט אַרויס פון איר דעם האַנט־בייטל, נעמט אַרויס פון דאָרט דעם פּאָרטמאָנעי מיט אַ פּאַק פּאַפּיר־געלט, און גיט דעם האַנט־בייטל מיט דעם פּאָרטמאָנעי אַ שמיץ אָן דר'ערד).

מאַריאַנאַ (צעפּלאָמט און צערייצט אויף אירע העכסטע טע־נער): רויבער! מיין געלט גיב מיר אָפּ! וואָס האָסטו צו מיר! (היסטעריש) געוואַלד!! (אויף אירע קולות לויפט אַריין נערודינ־סקי, זיך שאָקלענדיק אויף די פיס).

נערודינסקי: אָ, מיין קעצעלע, ד ו ביזט עס, מיין מאַריאַנינ־קע? (ער כאַפּט זי אַרום) וואָס שרייסטו, מיין ליבינקע?

מאַריאַנאַ: דיינע זעלנער האָבן פון מיר אַרויסגעריסן אַ פּאַק מיט געלט (צעוויינט זיך).

נערודינסקי: טאָ וואָס וויינסטו? וועסט קריגן אַנדערע, דיין פּאַפּאַ האָט גענוג געלט.

מאַריאַנאַ: דאָס איז אָבער מיין פּאַפּאַ'ס געלט, עס איז אַ גרוי־סע סומע.

נערודינסקי: איז דאָך נאָך בעסער אַז עס איז אַ גרויסע סו־מע. נאַרעלע וואָס דו ביזט. דאָס געלט נעמען זיי דען פאַר זיך?

מאַריאַנאַ: פאַר וועמען דען?

נערודינסקי: דאָס גיבן זיי אַוועק צו... צו אונזער מלחמה פאָנד...

מאַריאַנאַ (אַ ביסל באַרוהיגט): אַזוי? — אָבער פאַרוואָס באַ־פאַלן זיי ווי מערדער און נעמען איבער געוואַלד?

נערודינסקי: ווייל מיט גוטן וועלן דאַך אייערע זשידעס ניט געבן. און דאָ זיינען מיר, אַחוץ דעם, געקומען מאַכן אַן אונטער־זוכונג פון באַהאַלטענע וואָפן... פאַרבאָטענע ליטעראַטור... פאַר־שטייסט?

מאַריאַנאַ (באַטראַכט): אַה, איצט פאַרשטיי איך שוין.

(זי באַטראַכט דעם שמש אין זיינע צעריסענע זאָקן, דעם רב מיט דער אויסגעריסענער באָרד ווי ער זיצט אַ צעבראָכענער, די איבעריגע אין הויז ווי זיי זיינען פאַרווינט און צערודערט).

נערודינסקי: אַט אַזוי, קעצעלע, רעכענען מיר זיך אָפּ מיט אייערע זשידעס. זעסט אַט די זשידופקע? (ווייזט אויף רחל'ען) אַט זי האָט זיך נאָך געבערעקלט מיט מיין ליבע. איצטער נאָ, ווייס ווער איך בין! וואָס זאָגסטו, ליבינקע, דאַרף מען זיך ברעקלען מיט אַזאַ אַדלמאַן ווי איך בין?

מאַריאַנאַ: ניין.

נערודינסקי: אַט דערפאַר האָב איך דיך ליב. (ער נעמט זי אַן פּאָר ביידע הענט) האָסטו מיך אויך ליב?

(מאַריאַנאַ שאָקלט מיט'ן קאָפּ „יאָ". ער כאַפּט זי אַרום ליידנשאַפטליך און גיט איר אַ הייסן קוש. עס קומען אַריין די צוויי זעלנער פון קיך און ברייג־גען אַריין אַ האַק, אַ לאַנגן דראָט און אַ הענטל מיט וואָס מען שאַרט די קוילן אין אויוון, און נאָך אַזעלכע אַרטיקלען).

אַ זעלנער: אַט־די וואָפן האָבן מיר געפונען!

נערודינסקי (קוקט איבער): גוט, דאָס זיינען זשידופסקע געווער. (ער קוקט אַריין אין די אַנדערע צימערן), העי! וואָס הערט זיך דאָרטן? („אַט מיר זיינען שוין פאַרטיג", דערהערט זיך אַ שטימע פון דאָרטן. באַלד קומען זיי אַריין און ברענגען אַ לולב, אַ זילבערנעם אתרוג־האַלטער, אַ זילבערנעם חנוכה־לאָמפּ, און נאָך אַנדערע ווערטפולע זאַכן).

עלטסטער זעלנער (ווייזט־אַן אויפ'ן לולב): דאָ מוז זיין אַ שפּיז אינעווייניג. גוט, מיר וועלן דאָס מיטנעמען.

נערודינסקי: נו, איצט נעמט זיך צו דעם צימער.

(צוויי זעלנער נעמען זיך צום בופעט און די אַנדערע צוויי צום שרייב־טיש. זיי זוכן אין אַלע שופלאַדן, וואָס עס געפעלט זיי פּאַקן זיי איין און

די איבעריגע וואַרפן זיי אַרויס, ביז זיי קומען צום אויבערשטן קליינעם שופ־לאַד וועלכער איז פאַרשלאָסן).

עלטסטער זעלנער: אַהער די שליסל פון שופלאַד!

רבי׳צין: דאָרט איז קיינזאַך ניטאָ.

עלטסטער זעלנער (אַ טופּע מיט דער פוס): די שליסל אַהער, אויב דו ווילסט נאָך לעבן!

(די רבי׳צין דערלאַנגט דאָס שליסעלע מיט ציטערדיגע הענט, זיי עפע־נען אויף און נעמען פון דאָרט אַרויס אַ שאַכטל מיט צירונג).

רחל׳ע (לויפט צו פאַרצווייפלט): געוואַלד, אונזערע צירונג, וואָס האָט איר צו אונזערע צירונג?! (זי וויל אַרויסרייסן און קריגט אַ שטאַרקן שטויס אַז זי פאַלט צו דער ערד. אין דער זעלביגער צייט האָבן די אַנדערע צוויי זעלנער געפונען אין שרייב־טיש משה׳־לעס בוך, וואָס איז געשריבן אין זייט אויף אידיש און אויף דער צווייטער זייט אין פויליש, און דערלאַנגן דאָס נערודינסקי׳ן).

נערודינסקי: וועמעס מאַנוסקריפּט איז דאָס?

משה׳לע: דאָס איז מיין בוך.

נערודינסקי (באַטראַכט דעם פאַדערבלאַט פון דער פוילישער זייט און לייענט פאַר זיינע זעלנער): „שתדלנות און קאַמף. — אַ פּאָפּולערע אָפּהאַנדלונג איבער די צוויי פאַרשידענע מיטלען צו געווינען פרייהייט און גלייכהייט. פאַרפאַסט פון משה וויינצוויג.״ אַט־דאָ האָבן מיר געפּאַקט די ריכטיגע סחורה! (ער גיט אַ מיש אין מיטן בוך און לייענט ווייטער) „דער אויבנגעבראַכטער ביי־שפּיל פון דעם אַמאָליגן ,מאַשקע׳, וואָס פלעגט זינגען מה־יפית פאַר׳ן פוילישן פּריץ און זיך דערנידעריגן און מבזה מאַכן ווי דער ערגסטער שקלאַף פאַר דער קלענסטער טובה וואָס ער פלעגט אויס־שנאָרן פון פּריץ, איז אָבער גאָר אַ קלייניגקייט אין פאַרגלייך מיט דעם שקלאַפן־אידן פון היינט. אַנשטאָט וואָס אַמאָל האָט יעדער איד פון דעם טיפּ דאָס געטאָן פאַר זיך אַליין, פאַר זיינע אייגענע אינטע־רעסן און אויף זיין אייגענער פאַראַנטוואָרטליכקייט, טוען עס די שקלאַפן פון היינט אין נאָמען פון גאַנצן פאָלק, כלומרשט פאַר די אי־נטערעסן פון כלל, און זיי פאַרצייכענען דעם שמוציגסטן קאַפּיטל אין דער אידישער געשיכטע״.

עלסטער זעלנער: אָ, דאָ האָבן מיר דעם ריכטיגן פויגל! לייענט דעם סוף, פּאַניע לייטענאַנט.

נערודינסקי (זוכט אויף דעם סוף און לייענט): „מיר קומען אַלזאָ צום שלוס, אַז קיין פֿאָלק איז ניט באַפרייט געוואָרן דורך שתדלנות און דורך אונטערלעקעריי צו זיינע אונטערדריקער. קיין אונטערדריקטע נאַציאָן האָט ניט געקראָגן איר זעלבסטשטענדיגקייט דורך תחנונים און בקשות צו אירע באַהערשער. פרייהייט און גלייכהייט מוז אויסגעקעמפט ווערן. כדי ניט צו זיין אַ באַזיגטער מוז מען אַליין זיין אַ זיגער. אונזער קאַמף מוז אָנגעפירט ווערן דורך וואָרט און דורך טאָט, פאַר די אויגן פון דער גאַנצער מענשהייט. נאָר אַזוי קען אונזער פרייהייט און גלייכהייט אויסגעקעמפט ווערן". (ער פאַרמאַכט דאָס בוך מיט רוגזה) חברה, דאָס איז אַ געפערליכער רעוואָלוציאָנער! נעמט אים!!

די זעלנער נעמען אים פעסט, עס ווערט אַ געוואַלד, די רבי׳צין וויל אים פון זיי אַרויסרייסן און קריגט אַ שטאַרקן זעץ אַז זי פאַלט צו דער ערד, רחל׳ע חלש׳ט, דער רב רייסט זיך די האָר פון קאָפּ, איין זעלנער טראָגט אַרויס דעם פּאַק רויב, די איבעריגע שלעפּן משה׳לען, נערודינסקי נעמט מאַריאַנען אונטער׳ן אָרעם און גייט זיי נאָך).

פאָרהאַנג פאַלט.

דריטער אַקט

דער פאָדערשטער טייל פון דער בינע איז אָפּגעטיילט מיט אַ ספּעציעלן פאָרהאַנג, וואָס שטעלט פאָר (געמאָלן) אַ צימער, מיט אַ טיר אין מיטן, און אַ פּאָר בילדער ביי די זייטן. ביי דער רעכטער זייט, אויף דער בינע, שטייט אַ לייכטע זאָפקע מיט אַ קליין טישעלע דערביי. הרב ווינצוויג גייט אַרום הין־און־צוריק אין שטעק־שיכלעך, אָן אַ ראָק, און רייבט זיך די הענט נערוועז; די רבי׳צין זיצט אויף אַ שטול, אין דער לינקער זייט פון דער בינע, מיט עפּעס אַ האַנט־אַרבייט.

דער רב (שטעלט זיך אָפּ): מען קען דאָך משוגע ווערן פון אַזעלכע צרות. אָט דאָס איז די פרייהייט וואָס מיר אידן האָבן זיך דערלעבט פון די פּאָליאַקן נאָך דער מלחמה! אָ, ווי נאַריש און

פאַרפירט איך בין געווען! אָ, משה׳לע, ווי גערעכט דו ביזט געווען! ניט דורך פאַרשימלטע שתדלנות־פּאָליטיק, נאָר דורך אַן ערנוויר־דיגן קאַמף קען פרייהייט און גלייכהייט געוואונען ווערן! יאָ, מיין טייערער משה׳לע! אָבער וואו ביזטו אַצינד, מיין קינד? אין וועלכן געפענגניס וואַלגערן זיך דיינע ביינדעלעך, מיין קינד? וואו ביזטו, וואו ביזטו, מיין קינד? (ער צעכליפּעט זיך).

די רבי׳צין (זיך צוריקהאַלטנדיג פון וויינען): זע, איך בעט דיך, רבי־טייערער, באַרוהיג זיך. דער דאָקטאָר האָט דיר צענדליגע מאָל געזאָגט דו זאָלסט זיך ניט אויפרעגן. פאָלג מיר, לייג זיך בע־סער צו אַ ביסל און רו זיך אויס.

דער רב: אָ, ווי קען איך רוען, אַז אונזער משה׳לע איז פון אונז אַוועקגעריסן געוואָרן, און אַזאַ טייערער פריינט ווי אפרים שאַפּירא, דער אמת׳ער קעמפער פאַר אידישע רעכטן, איז אַזוי געמיין און נידערטרעכטיג איינגעשפּאַרט געוואָרן אין געפענגניס אומזיסט און אומנישט; אונזער היים איז צעראַבירט, מיין אידיש־קייט געשענדעט, אַך, רבונו של עולם (כאַפּט זיך ביים קאָפּ) ווי קען מען דאָס איבערלעבן אַזעלכע צרות!

רבי׳צין (הויבט זיך אויף פון שטול, נעמט אים אַן צערטלי׳ך ביי דער האַנט, און פירט אים צו דער זאָפקע): זע, טייערער, פאָלג מיר און פאָלג דעם דאָקטאָר. רעג זיך ניט אויף ווייל דאָס קאָסט דיר דיין געזונט. וועסט דערמיט סאַי ווי קיינעם ניט העלפן (זי העלפט אים זעצן זיך אויף דער זאָפקע). געדענק, אַז מיר האָבן אַ גוטן גאָט אין הימל. ער האָט אונז באַשיצט אין אַלע צייטן און ער וועט אונז איצט אויך ניט פאַרלאָזן (זי זעצט זיך צוריק מיט דער אַר־בייט אויפ׳ן שטול).

דער רב (נעמט זיין לאַנגע ליולקע פון טישעלע, צינדט אָן אַ שוועבעלע און פאַררויכערט. (אַ קליינע פּויזע): יאָ, רביצין, ביזט גערעכט. מיר מוזן האָפן, אַז דער רבונו של עולם וועט זיך אָננעמען אונזער קריוודע. יאָ, מיר דאַרפן האָפן.

(מיט איין האַנט שפּאַרט ער אונטער דעם אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, זיך אָנ־לענענדיג מיטן עלנבויגן אויף דער קני, מיט דער צווייטער האַנט האַלט ער די ליולקע, רויכערט און פאַרטראַכט זיך).

רבי׳צין (זעצט פאַרט): דו וועסט נאָך זען, רבי, אַז אַלץ וועט זיך אויסלאָזן צום גוטן. איך האָב בטחון אין דעם רבונו של עולם. עס וועט נאָך קומען אַ צייט ווען די פּוילישע רעגירונג וועט זיין געצוואונגען צו געבן אונז אידן אַלע רעכטן, פּונקט ווי אירע אייגענע פּאַליאַקן. זיי וועלן זיך סוף כל סוף אַרומזען אַז זיי קענען אָן אונז ניט אויסקומען.

דער רב (ציט זיך אויס אויף דער זאַפּקע מיט דער ליולקע אין מויל): יאָ, הלואי, רבי׳צין, זאָלסטו אמת זאָגן.

רבי׳צין (מיט ווייטערער באַגייסטערונג): און דאַן וועט אונז צוקומען אַ נייער יום־טוב. דאָס וועט זיין אַ באַפרייאונגס יום־טוב, וואָס מיר אידן וועלן פייערן יעדעס יאָר אין גאַנץ פּוילן. אונזערע קעגנער וועלן ווערן אונזערע פריינט, און אונזערע בלוטיגע שונאים וועלן כאַפּן המן׳ס מפּלה. דער מערדערישער אָפיציר, נערודינסקי, וועט האָבן אַ פינסטערן סוף און אפילו אונזער פאַלשער פריינט, בערנהיימער, וועט אויך קריגן זיין פּסק. איך האָף אויך אַז שאַ־פּירא וועט באַפרייט ווערן און וועט נאָך וואַקסן אין גדולה סאַי ביי אונז און סאַי, להבדיל, ביי זיי. און נאָך איין זאַך האָף איך צום רבונו של עולם, און דאָס איז, אַז אונזער משה׳לע וועט זיך אומ־קערן צו אונז אַ באַפרייטער, אַ געזונטער, אַ פריילעכער — אַ, טאַטע זיסער, ווי דערלעבט מען שוין די נחמה! — וואָס זאָגסטו צו דעם, רבי־לעבן? (זי וואַרפט אויף אים אַ בליק, הויבט זיך אויף פון שטול און באַטראַכט אים פאַרזיכטיק פון ווייטן) דו שלאָפסט?

(זי גייט צו אויף די שפּיצן פינגער צו דער זאַפּקע און איבערצייגט זיך, אַז ער איז פעסט איינגעשלאָפן. זי נעמט דאַן פאַרזיכטיג אַרויס די ליולקע פון זיין האַנט און לייגט עס אַוועק אויפן טישעלע. זי גייט צוריק אויף די שפּיצן פינגער, דרייט אויס די עלעקטריק, עס ווערט גאַנץ פינסטער, און אַלץ ווערט פון די אויגן פאַרשוואונדן... פּויזע).

• •

דער ספּעציעלער פאָרהאַנג הויבט זיך אויף

אַ פּראַכטפול שיינער, גוט באַלויכטענער עס־צימער. לוקסוסדיגע באַצירונגען און דעקאָראַציאָנען. אין מיטן וואַנט, אַנטקעגן, אַ אידישע און פּוילישע פאָן צוזאַמענגענומען, מיט אַ בילד פון דר. הערצל אויף איין זייט און אַ גאון פון דער צווייטער זייט. אַ לאַנגער, באַפּוצטער טיש, אַנגעשטעלט

מיט געטראַנקען, טאָרט, פּרוכט, איינגעמאַכטס א. אַז. וו. שטייט אויבנאָן, און אַרום אים זיצן אויסגעזעצט הרב וויינצוויג מיט נאָך צוויי רבנים, שאַ־פּירא, דר. פעלדמאַן, מיט נאָך צוויי געסט. איטשע־מענדל זיצט ביי אַ קליין טישל אָן אַ זייט, נעענטער צו פּאַרנט, וואו ער קריגט זיינע כיבוד באַזונדער, און די רבי־צין מיט רחל׳ן זיינען זיך מתעסק דערלאַנגענדיג צום טיש. ביי דער רעכטער וואַנט שטייט אַ פּאַרפּוצטער בופעט און ביי דער לינקער וואַנט — אַן אַלמער מיט ספרים און אַלגעמיינע ביכער.

הרב וויינצוויג (אויפגעלייגט, שטעלט זיך אויף): **און איצט, פריינדע, וועל איך אייך מאַכן אַן אינטערעסאַנטע איבערראַשונג** (אַלע ווערן נייגעריג) מיין ליבער איידים, אפרים שאַפּירא, האָט פאַר דעם היינטיגן אָוונט איינגעלאַדן זייער און זייער אַ גרויסן גאַסט, וועלכער וועט דאָ באַלד קומען. און דאָס איז ניט קיין אַנדערער ווי דער פּרעזידענט פון סיים, פּאַן באָגוסלאַוו פּשעזמירסקי! (אַלע דריקן אויס פרייד און באַוואונדערונג).

אַ רב: פּשעזמירסקי וועט דאָ קומען? דאָס איז טאַקע אַ גרויסע פּאַסירונג. אַז מיר האָבן זיך דערלעבט צו אַזאַ צייט מעגן מיר טאַקע מאַכן די ברכה „ברוך שהחינו וקימנו והגיענו לזמן הזה״.

דר. פעלדמאַן: רבי, וואָס דאַרפט איר זוכן אַזוי וויט? איך גלויב אַז דאָס, וואָס אונזערע נאַציאָנאַליסטן און ציוניסטן קומען זיך צוזאַמען מיט אייערע אָרטאָדאָקסישע רבנים ביי איין טיש, איז ניט קיין קלענערער וואונדער ווי דאָס וואָס פּשעזמירסקי קומט אונז באַזוכן...

שאַפּירא (שמייכלט, שטעלט זיך אויף): דאָס איז טאַקע אויך אַ נס. אָבער איר דאַרפט ניט פאַרגעסן, דר. פעלדמאַן, אַז אונזערע נאַציאָנאַליסטן מיט זייערע אָרטאָדאָקסן זיינען זיך קיין שונאים קיינמאָל ניט געווען. אונזערע מ ע ט א ד ן זיינען געווען פאַרשידן, אָבער אונזער צוועק איז שטענדיג געווען אַ געמיינשאַפטליכער וואונש צו העלפן דאָס אידישע פאָלק. דערפאַר איז אונזער איצטיגע צוזאַמענקונפט ניט אַזאַ גרויס וואונדער ווי דער פאַקט, וואָס דער פירער פון אונזערע געוועזענע שונאים קומט צו אונז אויסדריקן זיין פריינטשאַפט און סימפּאַטיען לכבוד אונזער באַפרייאונגס יום־טוב, וואָס מיר פייערן אין פוילן שוין דאָס פינפטע יאָר (די געסט פּאַטשן בראַוואָ).

איטשע־מענדל: פּאַניע שאַפּירא, אָבער מיט משה רבינו׳ס פּאָליאַקן האָט איר ניט געקענט קיין שלום מאַכן, האַ? הפּנים אַז די ראָקע־פּראָפעסערס זיינען אַזעלכע געטרייע אידן ווי זיי זיינען ער־ליכע גוים — אַזאַ מזל אויף זייער טאַטן! (אַלע צעלאַכן זיך).

הרב ווײַנצווייג (באַמערקנדיג ווי די רבי׳צין שטייט פאַר־טרויערט): וואָס ביזטו עפּעס אַזוי אומעטיג, רבי׳צין?

רחל׳ע: טאַטעשי, דו ווייסט דאָך שוין. היינט איז יום־טוב, טרויערט די מאַמעשי נאָך משה׳לען.

הרב ווײַנצווייג: נו, רבי׳צין, אַזוי איז מסתמא דעם רבונו של עולם׳ס ווילן, און מסתמא האָט עס געדאַרפט אַזוי זיין. אָבער דו געדיינקסט, רבי׳צין, ווי דו האָסט מיר געטרייסט מיט אָט די אַלע זאַכן, וואָס זיינען איצט מקוים געוואָרן? וועט, אם ירצה השם, משה׳לעס באַפרייאונג אויך מקוים ווערן.

רבי׳צין: יאָ, הלואי, רבונו של עולם!

(עס קלינגט דער גלאָק, דער שמש עפנט די טיר, עס קומט אַריין פּ ש ע ז־מ י ר ס ק י. אַלע הויבן זיך אויף אין זיין ערע, הרב ווײַנצווייג און שאַפּירא קומען אים אַנטקעגן, זיי פירן אים אַריין פאַר די אָרעמס און שטעלן אים פאַר פאַר אַלעמען: פּאַן באַגוסלאַוו פּשעזמירסקי, פּרעזידענט פון סיים).

פּשעזמירסקי (פאַרנויגט זיך צו אַלעמען זייער פריינטליך און קוקט זיך אַרום): איר האָט ביי אייך, זע איך, פאַרשידענע געסט. דאָס פרייט מירווירקליך צו זען.

שאַפּירא: די פאַרשידנאַרטיגקייט פון די געסט ווערט נאָך וויכטיגער מיט אייער אָנוועזנהייט, פּאַניע פּרעזידענט. דאָס מאַכט אונז פילן, אַז ניט נאָר אידן מיט אידן זיינען פאַראייניגט, נאָר אויך אידן מיט קריסטן זיינען פאַראייניגט אין אַ ברידערליכער פריינטשאַפט.

פּשעזמירסקי: אויב מיין באַזוך מאַכט אייך אַזוי צו פילן, שעץ איך מיך גליקליך. ווייל דאָס איז דאָך דער צוועק פון מיין איצטיגן וויזיט.

שאַפּירא: אונז פרייט עס געוויס. זעצט זיך פּאַניע פּרעזי־דענט.

(ער ווייזט אים אָן דעם שטול, וואָס איז ספּעציעל פאַר אים אָנגעגרייט

נעקסט צום שווער. פּשעזמירסקי באַדאַנקט און זעצט זיך. אַלע זעצן זיך צוריק. אויך די רבי'צין מיט רחל'ען זעצן זיך ביים טיש).

הרב וויינצוויי ג: עס נעמט נאָר צייט ביז מען קומט צו אַ ריכטיגער פאַרשטענדיגונג, און דאַן מוז אויפבליען אַ פולשטענדיגע האַרמאָניע פאַרביידע צדדים. בין איך גערעכט, פריינדע?

אַלע: געוויס, געוויס.

איטשע־מענדל: אודאי, אַט איז אַן עדות!

(ער ווייזט־אַן אויף דער צוזאַמענגעשלאָסענער אידישער און פּוילישער פאָן אויף דער וואַנט. אַלע קוקן זיך אום, שטעלן זיך אויף פאַר אַ מינוט און שמייכלען. פּשעזמירסקי פּאַטשט „בראַוואָ”).

הרב וויינצוויי ג (גיסט אָן שנאַפּס אין די קליינע גלעזעלעך אַרום אים; שאַפּירא טוט אים נאָך און פילט אָן די איבעריגע גלעזעלעך): נו, טאָ לאָמיר טרינקן פאַר דעם געזונט פון אונזער ווירדיגן גאַסט, אונזער פּרעזידענט, באָגוסלאַוו פּשעזמירסקי, זאָל לעבן, אויך פאַר דעם געזונט פון אַלע אונזערע געסט און פאַר דעם וואויל־זיין פון אונזער גאַנצן פאַטערלאַנד!

(אַלע ווינשן זיך „לחיים”, די רבנים מאַכן פריער אַ ברכה, אַלע טרינקען און פאַרבייסן. שאַפּירא נעמט־אַרויף אויפ'ן קאָפּ אַ קליינע יאַרמולקעלע ביי דער געלעגנהייט און נעמט עס נאָכדעם צוריק אַראָפּ).

רחל'ע: נו, געסט, עסט, טרינקט (זי הויבט זיך אויף און זעט אַז יעדערער זאָל אַלץ האָבן).

דר. פעלדמאַן: נו, וואָס הערט זיך עפּעס נייעס, פאַניע פּרעזידענט? דענקט איר אַז דעפּוטאַט בערנהיימער וועט טאַקע אויסגע־שלאָסן ווערן פון סיים צוליב די סקאַנדאַלן, וואָס קומען פאַר צווישן אים און זיין אידים נערודינסקי?

פּשעזמירסקי: אַזוי זעט עס אויס. דאָס איז דער אַלגעמיינער פאַרלאַנג פון די דעפּוטאַטן. עס איז אַן אָנגענומענער פּרינציפּ, אַז אַ דעפּוטאַט אין סיים מוז האָבן אַ ריינע און אומבאַפלעקטע רעפּו־טאַציע, און די רעפּוטאַציע פון דעפּוטאַט בערנהיימער איז די לעצ־טע צייט זייער שטאַרק געפאַלן. עס איז בלויז פינף מאָנאַטן ווי זיין אידים, דער געוועזענער לייטענאַנט נערודינסקי, איז באַפרייט געוואָרן פון געפענגניס פאַר זיין מערדערליכן איבערפאַל איבער אונזער ווירדיגן פריינט פאַן שאַפּירא (ווייזט אויף אים מיט'ן פינ־

גער), און פאַר דער קורצער צייט איז שוין צווישן שווער און איי־דים פאַרגעקומען אַזוי פיל שענדליכע סקאַנדאַלן אין דער עפנט־ליכקייט, אַז עס איז ווירקליך אַ שאַנדע פאַר׳ן סיים צו האָבן בערנ־היימער׳ן פאַר אַ מיטגליד.

שאַפּירא: ווען איך וואָלט געוואוסט פאַראויס אַז נערודינסקי וועט באַקומען אַזאַ שווערע שטראָף וואָלט איך אפשר ניט דורכגע־פירט מיין באַשלוס אים צו ברייננען פאַר׳ן געריכט.

רחל׳ע: דו ביזט אַ צו גוטער, מיין מאַן. אָבער ווען דו וואָלסט עס ניט געטאָן וואָלט א י ך עס געטאָן. ער האָט דיך געשאָסן און גליקליכערווייז בלויז אין האַנט געטראָפן. אָבער ער האָט זיך נאָכ־דעם אויפגעפרעסן פון פאַרדרוס פאַרוואָס זיין קויל האָט דיך אינ־גאַנצן ניט אַוועקגעלייגט. יאָ, ער האָט ערליך פאַרדינט זיין שטראָף.

הרב וויינצווייג: טאָכטער מיינע, האָסט דאָך געלערנט אין חומש, ווייסטו דאָך אָבער, אַז אונזער תורה זאָגט „לא תקום ולא תטור״ — זאָלסט ניט זוכן קיין ראָכע פון אימיצן.

פשעזמירסקי: דאָס איז ריכטיג, פאַניע ראַבין, אָבער די ביבל האָט דאָך אונז אויך געלערנט צו באַשטראָפן אונזערע אַנגרייפער מיט „אַן אויג פאַר אַן אויג״. (עטליכע געסט פאַטשן „בראַוואָ״. ער גיסט זיך אָן אַ גלאָז ווייַן און שטעלט זיך אויף): אַלזאָ איצט וועלן מיר טרינקען אין ערע פון דעם גרויסן יום־טוב וואָס אונזערע אידי־שע בירגער פייערן היינט איבער גאַנץ פוילן, אַלס דער טאָג ווען אונזער רעגירונג האָט אונטערגעשריבן דעם פרידנס־טראַקטאַט מיט די אַליאירטע לענדער, אין דעם יאָר 1919, אין וועלכן מיר האָבן זיך פאַרפליכטעט צו געבן אונזערע אידן אַלע בירגערליכע, ציווילע, פאָליטישע, און נאַציאָנאַלע רעכטן — כאָטש מיר האָבן, ל י י ד ע ר, אין אָנפאַנג אונזער פאַרפליכטונג ניט געהאַלטן און אין דעמזעלבן יאָר אייך פיל צרות פאַרשאַפט. פריינדע, עס איז איצט פינף יאָר פאַריבער זינט די אַלע רעכטן זיינען אייך גאַראַנטירט געוואָרן, און עס פרייט מיר צו זען, אַז וואָס ווייטער ווערן די שיינע פּרינציפן פון פרייהייט און גלייכהייט פאַר אידן אַלץ מער אָנגע־ווענדעט אין דער פּראַקטיק, סאַי פון דער רעגירונג און סאַי פון גאַנצן פוילישן פאָלק, און וואָס ווייטער ווערט דיזער אידישער יום־

טוב אַלץ מיט מער ענטוזיאַזם געפייערט, אמת? (אַלע פּאַטשן „בראַ־וואָ״) אַלזאָ טרינק איך אין ערע פון דיזן גרויסן יום־טוב, וועלכער איז ביי אונז קריסטן ניט ווייניגער רעספּעקטירט ווי ביי אייך, ווייל דורך די פרייהייט און גלייכהייט וואָס מיר האָבן אייך געגעבן האָבן מ י ר געוואונען ניט ווייניגער פון אייך — נו, לעכאַים!

(ער טרינקט, אַלע פרייען זיך און פּאַטשן „בראַוואָ״).

פּשעזמירסקי: איך וויל צוגעבן, אַז איך טרינק אויך פאַר דעם געזונט פון אונזער געערטן פריינט, וועלכער האָט מער ווי אַלע אַנדערע אידישע דעפּוטאַטן מוטיג געקעמפט אין סיים פאַר די אידישע אינטערעסן און האָט מער ווי אַלע אַנדערע געהאָלפן צו דער פאַרווירקליכונג פון די אידישע האָפענונגען. דאָס איז ניט קיין אַנדערער ווי אונזער געאַכטעטער פריינט ה׳ אפרים שאַפּירא (אַלע פּאַטשן „בראַוואָ״ און דריקן שאַפּיראַ׳ן די האַנט).

שאַפּירא (שטעלט זיך אויף): וואוילגעערטער פריינט, פּרע־זידענט פּשעזמירסקי, און געסט! עס איז פאַר מיר איבעריג אָנצו־ווייזן, אַז מיר פייערן היינטיגן יום־טוב מיט פרייד און באַגייסטערונג, ווייל דאָס איז זעלבסטפאַרשטענדליך. און אַז דאָס, וואָס אונזער געשעצטער פריינט, פּרעזידענט פּשעזמירסקי, האָט אונז צוגעטיילט דעם כבוד מיט זיין וויזיט איז ביי אונז העכסט אָנגעלייגט, איז אויך זעלבסטפאַרשטענדליך. איך וויל דאָ נאָר נביאות זאָגן, אַז די פייע־רונג פון היינטיגן טאָג, וועט פאַרבלייבן אין דער אידישער געשיכ־טע אַלס אַן אמת׳ער יום־טוב ווי אַלע אַנדערע אונזערע יום־טובים, וועלכע האָבן הינטער זיך אַ רעקאָרד פון טויזנטער יאָרן (פּשעזמירס־קי פּאַטשט בראַוואָ). אויך וויל איך אויסדריקן מיין האָפענונג און גלויבן, אַז אַזעלכע פריינט אונזערע ווי פאַן פּשעזמירסקי, וועלן איינגעפלאָכטן ווערן צווישן די איבעריגע פריינט פון אונזער פאָלק און פאַראייביגט ווערן אין אונזער געשיכטע, וועלכע, איך האָף, וועט זיך נאָך ציען פאַר טויזנטער יאָרן (פּשעזמירסקי פּאַטשט „בראַ־וואָ״). איך וויל דערפאַר אויסדריקן מיין וואונש אַז — — (דאָ ווערט ער אונטערבראָכן פון אַ אינגל, וואָס איז ביי די לעצטע ווערטער אריינגעקומען פון גאַס).

דאָס אינגל: ווער איז דאָ פאַן שאַפּירא?

שאַפּירא: וואָס זאָגסטו?

דאָס אינגל: איך פרעג ווער איז דאָ פאַן שאַפּירא.

שאַפּירא: דאָס בין איך. וואָס איז?

דאָס אינגל: אימיצער וויל אייך זען אין דרויסן.

שאַפּירא: און ער וויל איך זאָל אַרויסקומען צו אים?

דאָס אינגל: יאָ, ער וואַרט פאַר אייך.

שאַפּירא (צו די געסט): אַנטשולדיגט, פאַנאָוויע. איך וועל באַלד אַריינקומען (ער גייט אַרויס מיט׳ן אינגל, אַלע ווערן ערנסט).

הרב וויינצוויג (פאַרזאָרגט): וואָס קען דאָס זיין? ווער קען דאָס אים פונקט איצט נויטיג האָבן?

די רבי׳צין: אפשר זאָל אימיצער אַרויסגיין און זען וואָס דאָס איז?

דר. פעלדמאַן: איך גלויב אַז דאָס איז ניט ראַטזאַם, ווייל אפשר איז דאָס אַ פּריוואַט־זאַך, און מען דאַרף אים ניט שטערן.

רחל׳ע (נערוועז): טאַטעשי, איך קען זיך ניט איינהאַלטן. איך וויל אַרויסגיין זען — אפשר דאַרף ער הילף (ביי די רייד עפנט זיך די טיר און שאַפּירא קומט אַריין אַ באַרוישטער).

שאַפּירא (מיט באַגייסטערונג) פריינדע, איך האָב פאַר אייך אַן איבערראַשונג (לויפט־צו צו די רבי׳צין און רחל׳ען) אַ פריילעכע איבערראַשונג איבערהויפט פאַר אייך (נעמט אַן די שוויגער פאַר דער האַנט), און פאַר דיר, רחל׳ע, און פאַר׳ן שווער, זאָל לעבן. איך האָב פאַר אייך אַ ליבן און טייערן גאַסט (אַלע ווערן העכסט געשפּאַנט, די רבי׳צין מיט רחל׳ען שטעלן זיך אויף מיט קלאַפּעדיגע הערצער, שאַפּירא עפנט ברייט די טיר) קום אַריין!

(משה׳לע קומט אַריין. דער רב, די רבי׳צין, רחל׳ע און דער שמש גיבן אַ געשריי „משה׳לע!״ — די רבי׳צין לויפט אים אַנטקעגן, פאַלט אים אויפ׳ן האַלז און צעוויינט זיך; רחל׳ע האַלט אים אַרומגענומען און כליפּעט; דער רב האַלט אים פאַר דער האַנט און קען קיין וואָרט ניט אויסריידן פון איבערראַשונג. אַלע געסט שטעלן זיך אויף געריהרט און דריקן אויס זייער פרייד און מיט־געפיל).

רבי׳צין: משה׳לע, מיין קינד, וואו ביזטו געווען? דערצייל, משה׳לע!

משה׳לע: מאַמעשי, איך בין געווען אַן אַרעסטאַנט. אין

זיבן פאַרשידענע געפענגנישן האָב איך זיך אויסגעוואַלגערט דורך די פיר־פינף יאָר פון מיין פאַרהאַפטונג. איך בין געזעסן אין די געפענגנישן פון וואַרשאַ, פשעמישל, ווילנע, קראָקע, ברעסט־ליטאָווסק, ביאַליסטאָק, און לעמבערג.

הרב וויינצווייג (נעמט אַרויס אַ פּאַפּיר פון ביכער אַלמער): קינד מיינס, דו ביזט דאָך אָבער שוין לאַנג אַ באַפרייטער. אונזער ליבער אפרים, וועלכער איז מיט גליק רחל׳עס מאַן געוואָרן, האָט דאָך געקעמפט פאַר דיין באַפרייאונג און דיין אומשולד איז באַוויזן געוואָרן. עס איז דאָך שוין אַריבער דריי יאָר ווי אפרים האָט באַקומען דירעקט פון יוסטיץ מיניסטער דיין באַפרייאונגס־אַקט, אָט איז עס (ווייזט אויף דעם פּאַפּיר), פאַרוואָס־זשע האָט מען דיך די גאַנצע צייט פאַרלייקנט און געזאָגט, אַז דו ביזט אַנטלאָפן פון געפענגניס און פאַרלאָרן געגאַנגען?!

משה׳לע: ס׳איז ניט אמת, טאַטעשי, זיי האָבן אייך גענאַרט.

פשעזמירסקי (גייט צו צו משה׳לען און דריקט אים די האַנט. ווענדעט זיך צו שאַפּיראַ׳ן): אויב איר ווילט קענט איר אויפהויבן אַ קלאַגע קעגן די באַאַמטע פאַר האַלטן אים אין געפענגניס אומגעזעצליך.

הרב וויינצווייג: מיר וועלן קיינעם ניט קלאָגן. אַבי גאָט צו דאַנקען ער לעבט און איז ווידער מיט אונז.

שאַפּיראַ (צו משה׳לען, אָנווייזנדיג אים אויף פשעזמירסקי׳ן): ווייסטו, משה׳לע, ווער דער הער איז?

משה׳לע: ניין.

שאַפּיראַ: דאָס איז פאַן באַגוסלאַוו פשעזמירסקי, אונזער ווירדיגער פּרעזידענט פון סיים!

משה׳לע (איבעראַשט): אַך, פאַן פשעזמירסקי! אַזאַ ערע, אַך ווי ערהאַבן!

פשעזמירסקי: וואונדערט זיך ניט, פאַניע וויינצווייג. פאַר דער צייט פון אייער אבוועזנהייט האָבן זיך פיל, פיל זאַכן געענדערט. איר וועט שפּעטער דערפאַרן פון אַלץ.

רביצ׳ין: אָבער זאָג מיר, מיין קינד, ווי אַזוי ביזטו אַצינד פריי געוואָרן?

משה׳לע (האַלב פאַרשעמט): איך וועל דיר אויסזאָגן אַ סוד, מאַמעשי. איך בין דורך אַ געלונגענעם צופאַל פון געפענגניס אַנט־לאָפן. אָבער ניט מיט דריי יאָר צוריק, ווי מען האָט איך איינ־גערעדט, נאָר טאַקע איצט־אָ, מיט אַ פאָר טעג צוריק.

פשעזמירסקי: איר האָט גאָרניט וואָס מורא צו האָבן, פאַניע וויינצווייג. איר האָט געהאַט פולע רעכט דעם געפענגניס צו פאַר־לאָזן, ווייל איר זייט דאָרט געווען פאַרשפּאַרט אומגעזעצליך. איר זייט אַ פרייער מענש פּונקט ווי מיר אַלע.

רבי׳צין (קוקט משה׳לען אָן מיט פרייד און כאַפּט אים נאָכ־אַמאָל אַרום מיט באַגייסטערונג): משה׳לע, מיין קינד, מיין טרייסט!

הרב וויינצווייג: נו, איך דאַנק און לויב דיך, השם יתברך, פאַר דיינע גרויסע חסדים!

רחל׳ע: משה׳לע טייערער, דו האָסט דאָך נאָך מיר ניט געגעבן קיין מזל־טוב פון מיין חתונה.

(משה׳לע נעמט אַרום זיין שוועסטער, גיט איר אַ קוש און זאָגט איר „מזל־טוב״. נאָכדעם נעמט ער אַרום שאַפּיראָ׳ן, גיט אים אַ קוש, און זאָגט אים אויך „מזל־טוב״).

דר. פעלדמאַן: נו, רבי, איצט מעגן מיר אייער פאַמיליע אָפּ־געבן טאַקע אַן אמת׳ן „מזל־טוב״.

אַלע: מזל־טוב, מזל־טוב, (דר. פעלדמאַן גיט צו:) איצט זאָלט איר שוין פון אייער זון בלויז נחת האָבן. ער האָט עס כשר פאַר־דינט.

הרב וויינצווייג: הלואי, רבונו של עולם!

שאַפּירא: נו, משה׳לע, איצט באַגריס זיך מיט די איבעריגע פריינט אונזערע. דו קענסט דאָך זיי אַלעמען, מסתמא.

משה׳לע (אויפגעלייגט): אַך אודאי (ער לויפט צו צו איטשע־מענדלען) איטשע־מענדעלע לעבן! (כאַפּט אים אַרום) וואָס מאַכט איר, מיין טייערער פריינט?

איטשע־מענדל (האַלב וויינענדיג פון שמחה): איך זאָג דיר, משה׳לע, אַז מיין לעבן איז מיר ניט ניחא געווען אָן דיר. דו פלעגסט מיר קומען צו חלום כמעט יעדע נאַכט, פלעגסטו. אַך, משה׳לע, משה׳לע! נו, געלויבט איז דער השם יתברך.

(משה׳לע גריסט זיך אויך מיט די איבעריגע געסט, און אַלע דריקן אים די האַנט).

פשעזמירסקי: איצט וועלן מיר טרינקען אַ טאָוסט אין ערע פון אונזער טייערן און אונערוואַרטעטן גאַסט (אַלע גיסן זיך אָן די גלעזלעך. הרב וויינצווייג גיסט אָן אַן עקסטראַ גלעזל און דערלאַנגט עס משה׳לען). אַלזאָ מיר טרינקען אַלע פאַר אייער באַפרייאונג און פאַר אייער געזונט. אין דערזעלבער צייט גראַטולירן מיר אייך פאַר אייער וואונדערבאַרן בוך, וואָס האָט פיל בייגעטראָגן צו דער שאַפונג פון דער גלענצענדער לאַגע אין וועלכער די אידן אין אונזער לאַנד געפינען זיך איצט (ער דריקט משה׳לען די האַנט און טרינקט. אַלע זאָגן משה׳לען „לחיים" און טרינקען אויך).

משה׳לע (רופט אָפּ שאַפּיראַ׳ן אָן אַ זייט, ווען אַלע טרינקען): וואָס פאַר אַ בוך מיינט ער, פאַן פשעזמירסקי?

שאַפּירא: דאָס וועסטו שפּעטער וויסן.

(עס רייסט זיך פלוצלינג אויף די טיר און עס פאַלט אַריין חוה־זלאַטע, מיט אַ גרויסן אַלטן פעלץ אונטער די אָרעמס).

חוה־זלאַטע (נאָך אין טיר זייענדיג, פאַרסאָפּעט): רבי׳ניו־קרוין, אַן אומגליק האָט מיך געטראָפן, אַ טייערער פעלץ געווען, נאָך אַ ירושה פון מיין מאַנ׳ס זיידן, ר׳ חצקל׳ע טשענסטאָכאָווער, עליו השלום, נעם איך און מאַך אים טריף. אוי אַ בראָך איז צו מיר (זי דערזעט פלוצלינג משה׳לען, וואַרפט אַראָפּ דעם פעלץ אויף דער ערד און כאַפּט אים אַרום) משה׳לע!! וואָס מאַכסטו, טייערער משה׳לע! ביזט שוין באַפרייט געוואָרן?

משה׳לע (קלאַפּט איר אין פלייצע), יאָ, חוה־זלאַטע, באַפרייט.

חוה־זלאַטע: גאָט צו דאַנקען, אַז מען לעבט דערלעבט מען.

משה׳לע: און וואָס מאַכט איר, חוה־זלאַטע? וואָס מאַכט אייער מאַן וואָס איז אַמאָל קראַנק געווען?

חוה־זלאַטע (לאָזט אומעטיג אַראָפּ דעם קאָפּ און גיט אַ שטאַרקן זיפץ): אוי, משה׳לע, וואָס זאָל איך דיר זאָגן — אַז עס איז באַשערט געווען אַן אומגליק...

משה׳לע (ווי צושראָקן): וואָס פאַר אַן אומגליק, חוה־זלאַטע, ער איז געשטאָרבן?

חוה־זלאַטע (גענאָסן): נײן — ער איז געזונט געוואָרן...
(לײכטער געלעכטער פון די געסט) איצט האָב איך אים טריף געמאַכט און מוז אים אינגאַנצן אַרויסוואַרפן.

משה'לע און רבי'צין: וועמען?

חוה־זלאַטע: דעם פּעלץ, מײן מאַנ'ס פּעלץ. אוי אַן אומגליק, אַזאַ טײערער פּעלץ געוועזן.

(אונטער דער צײט פון חוה־זלאַטע'ס טענות, רעדט שאַפּירא אַ פּאָר מאָל צו פּשעזמירסקי'ן אויפן אויער, ווײזט אָן אויף חוה־זלאַטן און דערקלערט אים וואָס זי פאַרלאַנגט. פּשעזמירסקי הערט זיך אײן מיט אינטערעס און שמײכלט).

הרב ווײנצווײג (פאַרלאָזט דעם טיש און גײט אַרויס צו חוה־זלאַטע'ן): וואָס אַזוינס האָט פּאַסירט מיט אײער פּעלץ? ווי אַזוי האָט איר אים טריף געמאַכט?

חוה־זלאַטע: רבי'ניו, איך האָב אים טריף געמאַכט מיט שעטנז (זי עפנט פונאַנדער דעם פּעלץ און ווײזט אים די גרויסע שטעך וואָס זי האָט געמאַכט אויף אַ לאַטע) איר זעט, רבי, עס איז דאָך אַ וואָלענער פּעלץ, און איך האָב אים פאַרלאַטעט מיט באַוול. ווען איך האָב געענדיגט די אַרבײט האָב איך זיך ערשט געכאַפּט, אַז וואָל מיט באַוול איז שעטנז, אוי אַן אומגליק האָט מיך געטראָפן! וואָס זאָגט איר, רבי־לעבן דערצו?

הרב ווײנצווײג (באַטראַכט די לאַטע): ס'שאַט נישט!

חוה־זלאַטע: שעטנז! אוי אַן אומגליק, אָבער איך האָב גלײך געזאָגט אַז עס איז שעטנז, אוי אַ בראָך איז צו מיר.

הרב ווײנצווײג: חוה־זלאַטע, איר האָט מיך ניט גוט געהערט. איך האָב ניט געזאָגט „שעטנז" נאָר „ס'שאַט נישט".

חוה־זלאַטע: נו יאָ נו, זאָג איך דאָך „שעטנז", אוי ווי איז מיר.

הרב ווײנצווײג (הויך און קלאָר): אידענע וואָס איר זײט! איך זאָג ניט „שעטנז" נאָר „ס'שאַט נישט", איר פאַרשטײט? (דײטליכער) עס שאַט נישט. עס איז ניט טריף! וואָל מיט פלאַקס טאָר מען ניט מישן, אָבער וואָל מיט באַוול מעג מען. אַלזאָ גײט אַהײם, אײער פּעלץ איז כשר.

חוה־זלאַטע: אוי, רבי׳ניו, לאַנגע יאָרן זאָלט איר האָבן. איר האָט מיר גאָר אַ נייע נשמה אַריינגעזעצט. (צו די רבי׳צין) וואָס, ס׳איז ביי אייך אַ שטיקעלע שמחה לכבוד משה׳לען?

רבי׳צין: יאָ, לכבוד משה׳לען און לכבוד דעם אידישן באַ־פרייאונגס יום־טוב.

חוה־זלאַטע: אָ, יאָ, כ׳האָב גאָר פאַרגעסן אַן היינטיגן יום־טוב. דער קאָפּ איז מיר, שונאי ישראל, אַזוי פאַרדרייט — נו, האָט מיר אַ גוטיטשקע נאַכט. דער רבונו של עולם זאָל געבן מיר זאָלן גיין אויף שמחות. גוט נאַכט (מען ענטפערט איר „גוט נאַכט״, זי נעמט דעם פעלץ אונטערן אָרעם, קושט די מזוזה און גייט אַרויס).

הרב וויינצווייג: נו, משה׳לע, דערצייל אונז וואָס מיט דיר איז פאָרגעקומען פאַר דער צייט, דערצייל, משה׳לע.

משה׳לע: אוי, טאַטעשי, בעסער פרעג מיר דאָס ניט. איך האָב זיך אָנגעזען אין די געפענגניסן מיט אַזעלכע גרוילטאַטן, אַז איך וויל גאָר בעסער דערפון ניט טראַכטן. בעסער דערציילט מיר וואָס א י ר אַלע מאַכט, וואָס ביי א י י ך איז אונטער דער צייט פאָרגעקומען. איך פאַרשטיי, אַז איר האָט בערג מיט אינטערעסאַנטע זאַכן צו דערציילן.

הרב וויינצווייג: קינד מיינס, ווען מען זאָל נעמען דיר אַלץ אויסדערציילן, וואָלט עס דאַרפן נעמען ארבעים יום וארבעים לילה — פערציג טעג מיט פערציג נעכט. ביסלעכווייז וועסטו וויסן פון אַלץ.

משה׳לע (צו שאַפּירא׳ן): יאָ, עס איז מיר אינטערעסאַנט צו וויסן, ווי לאַנג זייט איר דאָ געזעסן איינגעשפּאַרט, פּאַניע שאַפּירא?

שאַפּירא: ערשטנס, משה׳לע, זאָלסטו מיך מער ניט רופן „פּאַ־ניע שאַפּירא״ נאָר „אפרים״, און צווייטנס זאָלסטו מיר מער ניט זאָגן „איר״ נאָר „דו״, דו הערסט?

משה׳לע (שמייכלענדיג): יאָ, אפרים, דו ביזט גערעכט.

דר. פעלדמאַן: איר געדיינקט, פּאַניע וויינצווייג, ווי איך האָב אייך דאָ פאַרזיכערט אַז אונזער פריינט שאַפּירא וועט ניט זיצן מער ווי אַ פּאָר טעג?

משה׳לע: יאָ, אוודאי געדיינק איך.

דר. פעלדמאַן: אַזוי איז דאָס טאַקע געווען. קיין ערנסטע קלאַגע קעגן אים האָבן זיי ניט געהאַט, און אַזוי שנעל ווי זיי האָבן זיך דערוואוסט ווער פריינט שאַפּירא איז, האָבן זיי אים באַלד באַפרייט.

משה׳לע (צו שאַפּירא׳ן): און וואָס טוט אונזער פאַרפאָלגער, לייטענאַנט נערודינסקי, וואָס האָט דיך געשאָסן, אונזער הויז צע־ראַבירט, און מיך אַרעסטירט?

שאַפּירא: נערודינסקי׳ן האָב איך פאַרפאָלגט דורכ׳ן געזעץ פאַר די אַלע מעשים, ביז ער איז פּראָצעסירט געוואָרן און איז פאַר׳־משפּט געוואָרן צו דריי יאָר געפענגניס, וואָס מיינט אַז ער האָט אויך פאַרלאָרן זיין ראַנג און אַלע פּריווילעגירטע רעכטן.

איטשע־מענדל: דו פאַרשטייסט, משה׳לע? דאָס איז נאָך מער קונץ: ער האָט זיך ניט מגייר געווען צוליב רחל׳ען, און דאָך האָט ער פאַרלאָרן זיין ראַנג און הכל־בכל־של־הכל (אַלע לאַכן).

שאַפּירא: מיט אַ פינף חדשים צוריק האָט זיך געענדיגט זיין דריי־יעריגער געפענגניס טערמין, און מען דערציילט, אַז ער איז אַ צעבראָכענער שאַרבן. קיין רעגירונגס־שטעלע קען ער מער ניט קריגן, צו קיין אַנדער זאַך טויג ער ניט, האָט ער זיך אַריינ־געלאָזן אין שכרות און איז געוואָרן, זאָגט מען, אַ פּשוט׳ער גאַסן־יונג, פון די ריכטיגע געזונקענע. פריינט האָבן מיר דערציילט, אַז ער קלייבט זיך צו קומען צו אונז און בעטן מחילה פאַר זיינע מער־דערליכע טאָטן קעגן אונז. ער זוכט נאָר, זאָגט מען, אַ פּאַסיגע גע־לעגנהייט דערפאַר.

משה׳לע: דאָס איז טאַקע וואונדערליך. מען זעט אַז דאָ שטעקט גאָט׳ס האַנט.

רחל׳ע: דאָס אינטערעסאַנטסטע איז, וואָס אַ פּאָר חדשים נאָך דיין אַרעסט האָט נערודינסקי חתונה געהאַט. אָבער ווייסטו מיט וועמען? טאַקע מיט בערנהיימער׳ס טאָכטער!

משה׳לע (פאַרוואונדערט): מיט בערנהיימער׳ס טאָכטער חתונה געהאַט!?

רחל׳ע: יאָ, מיט זיין טאָכטער. בערנהיימער האָט ווי אַן עכ־טער מה־יפית׳ניק אַראָפּגעשלונגען דעם פּאַטש, וואָס ער האָט דאַן פון נערודינסקי׳ן געקראָגן; ער האָט אים אויך מוחל געווען דאָס געלט וואָס ער האָט דאַן פון אים און פון זיין טאָכטער אָוועקגערויבט, און האָט אים נאָך צוגעגעבן אַ גרויסן נדן, אַבי ער זאָל הייראַטן זיין טאָכטער. נאַטירליך האָט זיין טאָכטער זיך גע׳שמד׳ט צוליב איר „באַשערטן" — נו, דאָס איז דאָך קיין נייעס ניט ביי אונזערע אַסימילאַטאָרן — אָבער שטעל זיך פאָר זייער ביטערן סוף: באַלד נאָך זייער חתונה האָט זיך אָנגעפאַנגען דער פּראָצעס, וואָס אפרים האָט קעגן אים פאַרפירט, און האָט איינגעשלונגען ניט נאָר נערו־דינסקי׳ס גאַנצן נדן, נאָר אויך דעם גרעסטן טייל פון בערנהיימער׳ס פאַרמעגן. עס האָט זיי אָבער גאָרניט געהאָלפן, ווייל די רעגירונג אַליין האָט דאָס איבערגענומען אין אירע הענט און נערודינסקי איז איינגעשפּאַרט געוואָרן אין געפענגניס פאַר דריי יאָר.

משה׳לע: טאַקע אַ רחמנות, אָבער זיי האָבן דאָס כשר פאַר־דינט. כן יאבדו!

רחל׳ע: נו, און וואָס פון אים איז איצט געוואָרן האָסטו דאָך שוין געהערט. ער איז געוואָרן אַ שכור, אַ הפקר־יונג, ער בעט פון שווער געלט און יענער גיט ניט, שלאָגט ער דאָס ווייב און טרייבט זי אַרויס. אָדער ער קומט שכור און זי טרייבט **אים** אַרויס. די סקאַנדאַלן צווישן אים און זיין שווער זיינען געוואָרן אַזוי גרויס און עקלהאַפט, אַז עס האָלט דערביי דאָס מען זאָל בערנהיימער׳ן אויס־שליסן פון סיים און פון גאַנצן עפנטליכן לעבן צוליב דעם.

משה׳לע: טאַקע שרעקליך.

איטשע־מענדל: אַט פונקט ווי דער פסוק זאָגט: „בור כרה ויחפרהו ויפול בשחת יפעל" — געגראָבן פאַר אימיצן אַ גרוב און דאָרט אַליין אַריינגעפאַלן.

דר. פעלדמאַן: איצט, פאַניע וויינצווייג, וועט איר זיך מוזן אויסרוען, דערהאָלן זיך, און דאַן וועט איר ווערן איינער פון אונזערע טיכטיגע פריינט אין דעם עפנטליכן לעבן. אַזאַ יונגערמאַן ווי איר וועט געוויס פאַרנעמען אַ בכבוד׳ן און אָנגעזעענעם פּלאַץ אין דער געזעלשאַפט.

פשעזמירסקי: יאָ, דער פּאַרפעסער פון דעם וואונדערבאַרן **בוך** זאָל קריגן זיין געהעריגע אנערקענונג!

איטשע־מענדל: משה׳לע, דו ביזט שוין אַ פּאַרזאָרגטער. הלואי אויף מיר געזאָגט געוואָרן.

הרב ווײַנצוויג: נו, געסט, וואָס זייט איר עפּעס אַזוי לאַנג־זאַם? (וויזט־אָן אויפ׳ן טיש מיט די כיבוד).

פשעזמירסקי: צו מיר, פאַניע ראַבין, קענט איר גאַרניט האָבן. איר זעט? (ער וויזט־אָן אויף אַן אָראַנדזש וואָס ער האַלט אין שיילן) איך טו מיין בעסטעס.

אַ גאַסט: איך גלויב אַז מיר לאָזן זיך קיינער ניט אָפּנאַרן, הע הע.

(עס קלינגט דער גלאָק, דער שמש עפנט די טיר, און צו אַלעמענס איבער־ראַשונג באַווייזט זיך נערודינסקי, אַנגעטאָן אין אָרעמע, ציווילע קליידער און פאַר׳חושכ׳ט, בלייבט שטיין ביי דער טיר).

נערודינסקי (שפּל׳דיג): גוטן אָוונט אייך אַלעמען.

דער רב, שאַפּירא, און אַ פּאָר געסט: גוטן אָוונט, גוט יאָר.

הרב ווײַנצוויג: קומט ווייטער, פאַניע נערודינסקי (נערו־דינסקי מאַכט אַ פּאָר טריט נענטער, דרייט נערוועז דאָס היטל אין האַנט און האָט קיין מוט ניט אימיצן צו קוקן אין די אויגן). **וואָס וועט איר עפּעס זאָגן גוטעס, פאַניע נערודינסקי?**

נערודינסקי (הויבט אויף די אויגן, קוקט זיך אַרום און ווען ער דערזעט פשעזמירסקי׳ן שרייט ער אויס צו זיך מיט איבער־ראַשונג): **פּאַן פשעזמירסקי!...** (ער פּירט ווייטער זיין בליק און דערזעט משה׳לען. ער שפּרינגט אַזש אָפּ פון איבערראַשונג און שרייט אויס צו זיך) **שוין באַפרייט!** (ער לאָזט ווידער אַראָפּ די אויגן און שטייט ווי אַ פאַרשולדיגטער).

הרב ווײַנצוויג: נו, רעדט, פאַניע נערודינסקי. וואָס קענען מיר טאָן פאַר אייך?

נערודינסקי (פּאַסט מוט): **פאַניע ראַבין, איך בין געקומען אייך בעטן בלויז איין זאַך. איר זאָלט מיר מוחל זיין פאַר מיינע פאַר־ברעכנס קעגן אייך. מיין געוויסן האָט מיך שרעקליך געפּלאָגט און**

איך האָב געזען ווי גאָט האָט מיך געשטראָפֿט פֿאַר מיינע זינד קעגן אַזעלכע פֿיינע און נאָבעלע מענטשן ווי איר זייט. איך האָב געקראָגן מיין שטראָף און איך קען זיך ניט באַרוהיגן סאַידן איך זאָל אייך בעטן אום אַנטשולדיגונג און הערן פֿון אייך, אַז איר זייט מיר מוחל (ער לאָזט ווייטער אַראָפּ דעם קאָפּ).

הרב וויינצווייג (מיט רחמנות): פֿאַניע נערודינסקי, אונזער תורה האָט אונז פֿאַרבאָטן צו נעמען נקמה אָן אימיצן, און אונזער תלמוד האָט אונז געלערנט צו רעספּעקטירן אַ בעל־תשובה. דערפֿאַר זיינען מיר אייך פֿולשטענדיג מוחל פֿאַר אייערע טאָטן קעגן אונז.

שאַפּירא: פֿאַניע נערודינסקי, איר זייט ניט געווען דער איינ־ציגער וואָס האָט די אידן פֿיל צרות פֿאַרשאַפֿט אין דעם יאָר 1919. מיר האָבן אַלעמען מוחל געווען און מיר זיינען אייך אויך מוחל.

נערודינסקי (באַגייסטערט; פֿאַלט קושן די הענט פֿון שאַפּי־ראָ'ן און פֿון הרב וויינצווייג): אָך, טייערע פֿריינט, איר זייט וואונ־דערליכע מענטשן! ווי דאָס האַרץ האָט מיר געזאָגט, אַז איך וועל געפֿינען פֿריינטשאַפֿט ביי אייך. איך האָב ספּעציעל אויסגעקליבן היינטיגן אָוונט אייך צו באַזוכן, ווייל איך האָב פֿאַרשטאַנען אַז צו־ליב דעם יום־טוב וועל איך אייך אַלעמען געפֿינען אין דער היים און מיט אויפֿגעלייגטע געמיטער. איך פֿיל מיך דערפֿאַר גליקליך וואָס איך בין ניט אַנטוישט געוואָרן (קליינע פּויזע). און איר פֿאַניע וויינצווייג (צו משה'לען) זייט מיר אויך מוחל?

משה'לע: געוויס. דאָס וואָס מיין ליבער פֿאָטער און ליבער שוואָגער פֿילן, פֿיל איך אויך.

נערודינסקי: און וואָס דיינקט איר, מאַדאַם שאַפּירא, און אייער נאָבעלע מוטער?

רחל'ע: מיר דיינקן אויך אַזוי. מיר זיינען אייך אויך מוחל. (די רבי'צין שאָקלט צו מיט'ן קאָפּ).

איטשע־מענדל (נאָך אַ קורצער פּויזע): און מיר, פֿאַניע נערו־דינסקי, פֿרעגט איר גאָרניט?

נערודינסקי: אייך, דאַכט זיך, האָב איך קיין שלעכטעס ניט געטאָן...

איטשע־מענדל (צו די געסט): אַ ברירה האָט ער געהאַט, אַז זיינע זעלנער האָבן ביי מיר קיין צעבראָכענע פרוטה ניט געפונען.

נערודינסקי: פונדעסטוועגן בין איך גרייט אייך אויך צו פרעגן אויב איר זייט מיר מוחל.

איטשע־מענדל (גיט אַ מאַך מיט דער האַנט): מוחל, מוחל!

שאַפּירא: נו, פּאַניע נערודינסקי, עס איז ביי אונז היינט יום־טוב און איר מוזט טרינקען אַ גלעזעלע וויין אָדער שנאַפּס.

רבי׳צין: געוויס, נאָך מיט צובייסן אויך.

איטשע־מענדל (הויבט זיך אויף פון זיין שטול, ווייזט אָן נערודינסקי׳ן אויף זיין פּלאַץ און פאַרנויגט זיך צו אים סאַרקאַסטיש): פּאַניע לייטענאַנט, אַט דאָ האָט איר מיין שטול. איר קענט קריגן די פּלאַץ טאַקע אַט דאָ־אָ, ביי דעם טישעלע... (נערודינסקי זעצט זיך מיט הכנעה).

רבי׳צין (ברענגט צום טיש נאָך אַ פלאַש משקה, טאָרט, פרוכט, איינגעמאַכץ): נו, פּאַניע נערודינסקי, שעמט זיך ניט!

נערודינסקי: אַ דאַנק אייך, מאַדאַם, אַ דאַנק. (גיסט זיך אָן אַ גלעזל) מיר זאָלן אַלע זיין געזונט און לעבן אין פריינטשאַפט (טרינקט אויס און פאַרבייסט).

משה׳לע: פּאַניע נערודינסקי, איך האָב אייך פאַר אַלצדינג מוחל געווען, נאָר פאַר איין זאַך וועל איך אייך קיינמאָל ניט מוחל זיין.

נערודינסקי (נייגעריג): פאַרוואָס?

משה׳לע: פאַר מיין בוך וואָס איר האָט פאַרניכטעט. דאָס בוך איז געווען ביי מיר די גרעסטע האָפענונג אין מיין לעבן.

נערודינסקי: פריינט וויינצוויג, איך האָב אייער בוך ניט פאַרניכטעט. איך האָב עס איבערגעגעבן דער רעגירונג.

משה׳לע: און נאָכדעם?

נערודינסקי: וואָס נאָכדעם איז געוואָרן ווייס איך שוין ניט ווייל איך בין דאַן אַרעסטירט געוואָרן און בין אָפּגעזעסן דריי יאָר צייט.

(פּשעזמירסקי און דר. פעלדמאַן ווילן עפּעס ריידן צו משה׳לען, אָבער שאַפּירא גיט זיי אַ וואונק זיי זאָלן שווייגן).

שאַפּירא: **וואָס פון דיין בוך איז נאָכדעם געוואָרן וועל א י ך דיר דערציילן: די רעגירונג האָט דעם בוך געפונען פאַר פולשטענ־דיג ריין און לעגאַל. האָבן זיי דעם מאַנוסקריפּט, סאַי דעם אידישן און סאַי דעם פּוילישן, אומגעקערט צו אונז.**

משה׳לע (אומגעדולדיג): **נו, נו?**

שאַפּירא: **אַלזאָ אויב דו ווילסט וויסן וואָס פון דיין בוך איז געוואָרן, טאָ מאַך צו די אויגן פאַר אַ ווײַלע.**

(משה׳לע מאַכט צו די אויגן און איטשע־מענדל פּרובירט אים אויס מיט פאַרשידענע קאָמישע באַוועגונגען צו זען אויב ער האַלט טאַקע אויף אַן אמת די אויגן פאַרמאַכט. אין דער זעלביגער צייט נעמט שאַפּירא אַרויס פון ביכער־אַלמער אַ שיין־געבונדענעם בוך און רוקט עס אַריין משה׳לען אין האַנט. משה׳לע עפנט די אויגן, גיט שנעל און אומגעדולדיג אַ קוק אויפ׳ן רוקן, עפנט דעם טאָוול, דערזעט דעם פאָדערבלאַט און שפּרינגט־אויף פון איבעראַשונג).

משה׳לע: **מיין בוך!!** (לייענט דעם פאָדערבלאַט באַגייסטערט) **„שתדלנות און קאַמף. — אַ פּאָפּולערע אָפּהאַנדלונג איבער די צוויי פאַרשידענע מיטלען צו געווינען פרייהייט און גלייכהייט. פאַרפאַסט פון משה ווײַנצווייג״** (ער כאַפּט אַרום שאַפּירא׳ן) **אַך, ווי גליקליך איך בין!**

ער בלעטערט דעם בוך און שאַפּירא נעמט אַרויס, אונטער דער צייט, אַ צווייטן שיינעם בוך פון ביכער־אַלמער און רוקט עס אים אַריין, אומדער־וואַרטעט).

משה׳לע: **וואָס איז דאָס?** (ער גיט אַ קוק אויפ׳ן רוקן, עפנט נערוועז דעם טאָוול, דערזעט דעם פאָדערבלאַט און ווערט העכסט (איבעראַשט) מיין בוך אין פּויליש!!** (ער לייענט) **„קאַלאַטאַניע אי וואַלקאַ. — פּאָפּולאַרנע סטודיום אַ דוואוך רוזשניך קיערונקאַך דליאַ אוזיסקאַניאַ וואָלנאָסצי אי רוואוּנאָסצי. פּשעז מאָיזעשאַ ווײַנ־צווייגאַ״. מיין טייערער אפרים! ווי ערהאַבן דאָס איז!** (ער בלע־טערט זיין בוך אין פּויליש מיט באַגייסטערונג, און שאַפּירא טראָגט אים אונטער אַ דריטן בוך).

משה׳לע (עפנט נערוועז דעם טאָוול און ווערט אויפגעטרייסלט פון שמחה): **העברייאיש! מיין בוך אין העברייאיש!! אַך, אַך —**

(עס שטעלן זיך אים טרערן אין די אויגן פון פרייד, און ער לייענט דעם פּאַדערבלאַט) „שתדלנות ומלחמה. — מחקר פפולרי על שני האמצאים להשיג חרות ושוויון, מאת משה בן הרב יצחק וויינצוויג". אַך, מיין טייערער אפרים'ל! (ער כאַפּט אים ווידער אַרום) איך בין דאָך אַזוי גליקליך, אַזוי גליקליך! טאַטעשי, וואָס זאָגסטו אויף דעם? מאַמעשי, רחל'ע! !

שאַפּירא: אַט די העברייאישע איבערזעצונג, איז געמאַכט און אַרויסגעגעבן געוואָרן אין ירושלים פון דעם באַרימטן פאַרלאַג „המצפה", און איז פון דאָרטן פאַרשפּרייט געוואָרן איבער דער גאַנצער וועלט.

משה'לע: אַך ווי ערהאַבן, אַך ווי וואונדערליך!

שאַפּירא: איצט וועל איך דיר צוגעבן נאָך עפּעס און דו וועסט שוין וויסן אַלץ וועגן דיין בוך: פאַר דעם רעכט אַרויסצוגעבן דיין בוך אין אידיש און אין פויליש, האָב איך פון דעם וואַרשאווער פאַרלאַג „פּראָגרעס" באַקומען פופציג טויזנט קראָנען מיט אַ געוויסן פּראָצענט פון די פּראָפיטן, וואָס איך קריג צוגעשיקט יעדן חודש; פון פאַרלאַג „המצפה" האָב איך פאַר דעם רעכט אין העברייאיש באַקומען דריי הונדערט ענגלישע פונט. דאָס בוך האָט דיך געמאַכט מער פּאָפּולאַר ווי דעם גרעסטן מלחמה העלד. איך האָב אַ גענויעם חשבון פון אַלע געלטער, וואָס איך האָב אַריינגענומען ביז איצט, און דאָס געהערט אַלץ, נאַטירליך, צו דיר.

איטשע־מענדל: משה'לע, איך האָב דאָך דיר שוין פריער געזאָגט, אַז דו ביזט שוין גאָט צו דאַנקען אַ פאַרזאָרגטער, הלואי אויף מיר און אויף אַלע אידישע קינדער געזאָגט געוואָרן.

משה'לע (גערירט): איך... איך וועל אייך זאָגן דעם אמת — איך פיל מיך איצט אַזוי באַרוישט פון גליק אַז... אַז עס ווילט זיך מיר וויינען פון שמחה... יאָ, וויינען פון שמחה — אַזוי ווי דו, רחל'ע, האָסט אַמאָל געזאָגט ווען שאַפּירא האָט דיך געגעבן דעם ערשטן קוש — הייבט מעג מען דאָך שוין דאָס אויסזאָגן — און איך האָב זיך פאַרשטעקט הינטער דער זאָפע און האָב דאָס צוגעזען אָבער זיך געמאַכט ניט זעענדיג. געדיינקסט, רחל'ע?

רחל'ע (פאַרשעמט): יאָ, איך געדיינק.

שאַפּירא: און דעם ניגון'דל וואָס דו, משה'לע, האָסט זיך דאָן צוגעזונגען — געדיינקסטו?

משה'לע: יאָ, דאָס באַקאַנטע ניגון'דל (ער צעזינגט זיך):

(איטשע־מענדל העלפט אים אונטער, באַלד שטייט צו רחל'ע, נאָכדעם זינגט אויך מיט הרב ווײַנצוויג מיט זײַנע פּרײַנט, דער אָרקעסטער פאַלט צו, און דאַן זינגען שוין אַלע אויסער פשעזמירסקי און נערודינסקי. משה'לע מיט איטשע־מענדלען כאַפּן אַ טענצל, נאָכדעם ווערן אויך די איבעריגע מיטגעריסן מיט זייער טאַנץ, עס ווערט לוסטיג און לעבעדיג. די רבי'צין מיט רחל'ען טאַנצן ניט, נאָר שטייען אָן אַ זייט, זינגען און פּאַטשן מיט די הענט. נערודינסקי זיצט פאַרטרויערט בײַם טישעלע, קוקט זיך צו צום לוסטיגן עולם און גיט אָפּט אַ טיפן זיפץ. פאַר צרות גיט ער פון צייט צו צייט אַ מאַך מיט דער האַנט און פאַרטרינקט מיט אַ גלעזל משקה. צום סוף ווערט געמאַכט אַ „בייגעלע", הרב ווײַנצוויג כאַפּט זיך אַרויס, לויפט־צו צו פּרעזידענט פשעזמירסקי'ן, שלעפּט אים אַריין אין מיטן פונ'ם קאַראַהאָר, אַלע טאַנצן אַרום זיי און פשעזמירסקי קוועלט אָן. עס איז שמחה וששון אויפ'ן העכסטן עקסטאַז).

דער ספּעציעלער פאָרהאַנג פאַלט.

(עס ווערט מיטאַמאָל עכט פינסטער, און נאָך אַ קורצער פּויזע ווערט שטופּנ־ווייז דער פאָדערשטער טייל פון דער בינע באַלויכטן מיט אַ לבנה־ליכט. הרב ווײַנצוויג שלאָפט אויף דער זאָפקע ווי אין אָנפאַנג פון דעם אַקט. די רבי'צין זיצט אויך ווי פריער אויפ'ן שטול מיט איר האַנטאַרבייט, נאָר איר קאָפּ איז אַראָפּגעלאָזן און איז אויך איינגעדרעמלט. דער רב שלאָפט אומרוהיג, גיט אַ לייכטן ברום און כאַפּט זיך אויף. ער זעצט זיך אַוועק און רייבט זיך אויס די אויגן).

הרב ווײַנצוויג (פאַטעטיש און מיט גרויס פּאַרדרוס): **אָ, אַ חלום איז דאָס גאָר געווען!...** (טראַכט אַ מינוט און וואַרפט זיין בליק אויף דער רבי'צין) **אַ חלום פון דעם, וואָס דו, מיין טייערע ווייב, האָסט גערעדט צו מיר און געטרייסט איידער איך בין איינגעשלאָפן געוואָרן... אָ, אַ חלום!!...** (ער שטעלט זיך אויף און מאַכט אַ פּאָר טריט צום צענטער פון דער בינע) **אָבער אַ שיינער און זיסער חלום איז דאָס געווען! אַ חלום, וואָס וואָלט זיך געוואָלט ער זאָל זיך ציען און ציען אָן אַ סוף און מען זאָל זיך קיינמאָל ניט דאַרפן אויפכאַפּן... אַה, רבונו של עולם — ווען וועלן שוין אַזעלכע גליקליכע א י ד י ־ ש ע ח ל ו מ ו ת מקוים ווערן?!...**

הויפּט פאָרהאַנג פאַלט.

ענגלישע ווערטער אין אַמעריקאַנער אידיש

ענגליש־אידישע ווערטער, וועלכע ווערן נויטיגערוויז געברויכט אין דעם בוך, לויט אָנגעוויזן אין מיין איינלייטונג, זייט 22, האָב איך דאָ איבערגעגעבן אין אַלפאַבעטישער אָרדענונג און פאַרטייטשט. אין אַנדערע פאַלן, וואו עס איז נאָר פאַסיג געווען, זיינען אין דעם בוך אַזעלכע ווערטער פאַרטייטשט געוואָרן אויפ'ן פלאַץ.

די ווערטער וועלכע האָבן מער ווי איין אויסטייטשונג ווערן דאָ פאַרטייטשט הויפּטזעכליך אין דעם זין ווי זיי ווערן פאַרשטאַנען אין די באַטרעפענדיגע פלעצער. דאָס האָב איך, פאַרשטייט זיך, געטאָן פאַר דער אינפאָרמאַציע און באַקוועמליכקייט פון די אויסלענדישע לייענער. אגב קען דאָס אויך נוצן פאַר די ניי־איינגעוואַנדערטע.

ל. מ.

איידזשענסי — אַגענטור.
אינשורענס — פאַרזיכערונג.
איסט סאַיד — מזרח זייט (אידישע געגנט אין ניו יאָרק).
אָלרייט — רעכט, גוט.
אַמבולאַנס — אַ קראַנקן־וואָגן.
אָפּיס — קאַנטאָר.
באַדערן — מטריח זיין, באַאומרואיגן.
באָים — אינגלעך, זין.
באַנגעלאָ — אַ לייכטע הויז, מערסטנס פאַר זומער.
באַנדס — אַבליגאַציעס פון געלט, אייגנטום.
באָס — אַ באַלעבאָס, אַרבייטס־געבער.
באַר — פלאַץ וואו מען סערווירט משקאות.
ביג סטיק — גרויסער שטעקן.
ביזי — באַשעפטיגט, פאַרנומען.
ביזנעס — געשעפט, האַנדל.
בייבי — קליין קינד.
בייבי קערידזש — קינדער־וועגעלע.
ביידינג סוט — באָד קאָסטיום.
בלאָף — נאַרעריי, שווינדל.
בלעק־אַוט — פאַרפינסטערונג.
ברענטש — אָפּטיילונג.

גאָלדן וועדינג — גאָלדענע חתונה.
גאַראַזש — אַ שטאַל פאַר אַן אָטאָמאָביל.
גוד באַי — זיי געזונט, אַדיע.
גוד נאַיט — גוטע נאַכט.
גיים — אַ שפּיל־גאַנג.
גענג — אַ באַנדיטן־רינג.
גענגסטער — באַנדיט.
געשייווטער — אָפּגעגאָלטער.
גראָסערי סטאָר — שפּייז געוועלב, באַקאַליי קראָם.
גרענד־מאַ — גרויסמוטער, באָבע.
גרענד סטענד — גראַנדיעזער געשטעל, פּלאַטפאָרמע.
דזשאַב, — אַרבייט, שטעלע.
דזשאַדזש — ריכטער.
דזשו — איד.
דזשועלערי — צירונג.
דימאַוט — פאַרטונקלונג.
דינער — מיטאָג, וואַרעמעס.
דעדי — פאָטער, טאַטע.
דעטעקטיוו — געהיים פּאָליציסט.
דענטיסט — צאָן־דאָקטאָר.
דעפענס — פאַרטיידיגונג.
דרעפט — רעגיסטרירונג פאַר אַרמיי דינסט.
האַו דו יו דו — וואָס מאַכט איר ?
האָלד אַפּ — אַן איבערפאַל.
העלפּ — הילף, געהילפן.
העפּי — גליקליך, פריילעך.
וואוירקינג פּייפּערס — דערלויבענים־אָנווייזונג צו אַרבייטן.
וואָר דעפּאַרטמענט — קריגס־מיניסטעריום.
ווייזשעס — געהאַלט.
ווייסטל — אַ יאַקל.
ווייער טעפּינג — אונטערהערן טעלעפאָן געשפּרעכן.
וויקטאָרי — נצחון.
וויק־ענד — סוף־וואָך.
טאַקסידאָ — אַ פאָרמעלער אָוונט זשאַקעט.
טיקעט — בילעט.

טעקסי — אַטאָמאָביל פאַר פּאַסאַזשירן.
טראָבל — שוועריגקייטן, פּלאָגעניש.
טראָסט — אַ קאַפּיטאַליסטישע פאַראייניגונג.
טראָק — פראַכט־אַטאָמאָביל
טרייד — פאַך, באַשעפטיגונג.
טריין — צוג, אַ באַן.
טרעזשורי — די קאַסע.
טרעזשורער — קאַסירער.
טרענטשעס — טראַנשייען, פעסטונג גריבער.
טשיעף אָוו דעטעקטיווס — הויפּט פון געהיים פּאָליציי.
טשיקען — אַ הון, הינער־פלייש.
טשענס — אַ געלעגנהייט, ריזיקירן.
טשעפּליין — אַ גייסטליכער (אין דער אַרמיי).
טשעק — אַ באַנק אָנווייזונג.
טשער — אַ שטול.
יוראָפּ — אייראָפּע.
יעס — יאָ.
לאָדזש — אַ בענעפיט אָרגאַניזאַציע, חברה.
לאָיער — אַדוואָקאַט.
לאַיף אינשורענס — לעבנס־פאַרזיכערונג.
לייבראַרי — ביבליאָטעק.
לינטשן — הינריכטן.
לענדלאָרד — הויז־אייגנטימער.
מאַטוירניטי האָספּיטאַל — שפּיטאָל פאַר קינדער־געבורט.
מאָרגאַן — (אַ נאָמען פון אַ געוויסן מיליאָנער).
מואווי — קינאָ בילד.
מופן — אַרויסציען (פון וואוינונג).
מיטינג — פאַרזאַמלונג.
מערידזש לייסענס — אַ דערלויבניס־שיין צו חתונה האָבן.
נוירס — ווערטערין, דאָקטאָר׳ס געהילף.
נייווי דעפּאַרטמענט — פלאָט מיניסטעריום.
ניקל — אַ 5־סענט שטיק.
נעשאָנאַליטי — נאַציאָנאַליטעט.
סאָבוויי — אונטערערדישער באַן־פאַרקער.
סאָסייעטי לײדי — אַ געזעלשאַפטס־דאַמע.

סאַפער — אָוונט־ברויט, וועטשערע.
סוועט שאַפ — שוויץ פאַבריק.
סופאָרטן — שטיצן, אויסהאַלטן.
סטאַרם — שטערן, גרויסע אַקטיאָרן.
סטיישאָן — אַ סטאַנציע.
סטענד — אַ געשטעל פאַר סחורה.
סייף — שטאָלענע פייער־קאַסע.
סלעק — מאַנגל אין אַרבעט.
סעלעברייטן — פייערן, משמח־זיין.
סעמעטערי — בית עולם.
ספאָרט — פיזישער שפיל, אַ פראַנט.
ספיטש — אַ רעדע.
סקול — שול, לער־אַנשטאַלט.
עדיטאָריעל — רעדאַקציאָנעלער אַרטיקל.
עלים איילאַנד — אַ קליין אינזל ביי ניו יאָרק.
עלעווייטאָר — דער באַן־סיסטעם אין דער הויך.
עקזעמפשאָן — באַפרייאונג פון פליכט.
פאָלים — פאָליציי.
פייפער היינגער — טאַפצירער.
פינטשן — אָנגרייפן, צודריקן.
פליי — אַ טעאַטער פאָרשטעלונג.
פליין — איינפאַך.
פלענטי — גענוג, אַ סך.
פעי־ראָל — אויסצאָלונגס־ליסט.
פריזאַן — טורמע, קאַרצער.
פרייז פאַיט — פרייז קאַמף, פויסטן געוועט.
פאַונטיין פען — פילפעדער.
פאָן — שפאַס, צייטפאַרטרייב.
פאָריינער — איינגעוואַנדעטער, אַ „גרינער“.
פאָרמאַן — הויפט־מייסטער אין אַ פאַבריק.
פאָרמער — אַרענדאַר, דאָרפסמאַן.
פאָרניטשור — מעבל.
פאָרנישד אַפאַרטמענט — מעבלירטע וואוינונג.
פלאָר — עטאַזש, גאָרן ; אַ דיל, פאָדלאָגע.

פלעט — צימערן צום וואוינען.
פעקטאָרי — פאַבריק.
קאָלעקשאָנס — געלט־זאַמלונגען.
קאָמפּיין — קאַמפּאַניע, אַ ווענדונג צום פובליקום
קאָני אײלאַנד — אַמוזירונגס־אינזל ביי ניו יאָרק.
קאָסטאָמער — קונה, קונה.
קלאָב — אַ פּאָליציייסקער שטעקן.
קענדי — צוקערקע, נאַשעריי.
קערידזש — אַ קינדער־וועגעלע.
רומקע — אַ צימערל.
רעדזשיסטריישאַן — רעגיסטרירונג (פאַר מיליטער דינסט).
שאָו — טעאַטער פאָרשטעלונג.
שאָפּ — פאַבריק.
שאַרפּ — שאַרף, פינקטליך.
שור — זיכער, געוויס.
שייוו — אָפּגאָלן, אָפּראַזירן.
שיפינג קלוירק — עקספּעדיציע קלערק (פאַר סחורה).

פינפטער טייל

מוזיק

צו 6 לידער אין דעם בוך

צוויי געסט לידער

איינלייטונג־אַרטיקלען אין ענגליש

די זעקס לידער

די ווערטער פון די לידער זיינען געדרוקט ווי פאָלגט:

1) ניט גע׳דאגה׳ט — זייט 42.
2) די באַפרייאונג — זייטן 44־45.
שיר הגאולה — זייטן 45, 46.
Hymn of Jewish Freedom — 47
3) אַ מלחמה — זייט 33.
4) אידיש — זייט 324.
5) אַ נדבה — זייט 325.
A Donation — 326
6) דער טאָג, דער ים — זייט 26.

דער טעקסט אונטער די נאָטן באַשטייט אָבער בלויז פון דעם ערשטן פערז פון יעדן ליד. די איבעריגע פערזן, אין יעדן פאַל, קענען גאַנץ לייכט צוגעפּאַסט ווערן צו זייער מעלאָדיע, ווייל דער ריטם אין יעדן ליד איז דורכאויס שטריינג איינהייטליך אין דער צאָל זילבן ווי אויך אין אַקצענטירונג. וועגן די געסט לידער 4 און 5, איז דערקלערט אין דער „איינלייטונג,” זייט 21.

אידיש

פון א. אַלמי

1

איך צי דורך לענדער יאָרן לאַנג,
כ'האָב שפּראַכן שוין געהערט אַ סך,
דאָך איז צום שענסטן מיר דיין קלאַנג,
מיין ליבע, צאַרטע, מוטער־שפּראַך.

איך ווייס דיין רייכקייט, דיין פאַרמעג,
דיין יעדער פאַרב, דיין יעדן טאָן;
דו ביזט אין מיינע לעבענס־טעג
מיין יוגנט־פרייד און שטאָלצע פאָן.

2

ווער ס'האָט נאָר, אידיש, פון דיין חן
און פון דיין צאַרטקייט אַ באַגריף,
ווער ס'פילט אין דיר זיין „איך" אַליין,
דער מוז ווי איך דיך ליבן טיף.

איך זינג אין דיר און וויין און לאַך,
איך פאָר מיט דיר די וועלט אַרום;
דו ביזט און דו פאַרבלייבסט מיין שפּראַך
ביז מיינע ליפּן ווערן שטום...

מוזיק, פון לאַזאַרוס מאַנפריד
— אין דער מוזיק אָפּטיילונג.

אַ נדבה

פון א. ל. באַראָן

צוויי שיינע איסט סאַיד מיידלעך
שפּאַצירן גאַס אַראָפּ,
און ביי אַ בלומען פענסטער
אַ אינגל שטעלט זיי אָפּ.

מיט הונגעריקע אויגן
„אויף קאָפע״ בעט ער זיי,
אַ קוואָדער גיט אים דזשעני,
נאָר סיידי׳ס האַרץ טוט וויי ; —

זי האָט ביי זיך קיין סענט ניט
און אַרבעט שוין ניט לאַנג ;
זי שיינקט אַ קוש דעם אינגל
און קוקט אויף אים מיט באַנג.

נאָר אָט פאַר דזשעני׳ס קוואָדער
דאָס אינגל קויפט אַ בלום,
דערלאַנגט עס גלייך צו סיידי׳ן
און נעמט זי הייס אַרום.

מוזיק, פון לאַזאַרוס מאָנפריד
— אין דער מוזיק אָפּטיילונג.

A DONATION

By A. L. BARON

English Version and Music
By LAZARUS MONFRIED

Two charming East Side maidens
Are strolling down the street,
And at a flower window
A hungry youth they meet.

He begs them for a coffee
With pitty in his eyes,
A quarter gives him Jennie,
But Sadie deeply sighs;—

Without a job all winter,
In wallet — not a cent;
A kiss as her donation
On hungry lad she spent.

But soon for Jennie's quarter
A flower buys the boy,
And hands it right to Sadie
Embracing her in joy.

DER TOG, DER YAM

(The Day, The Sea)

Words & Music by
LAZARUS MONFRIED

Maestoso




Sa- die deep- ly sigh- s; with-out a job all win-ter, in
Sa-die's hartz tut wei; zi hot bei zich kein cent nit, un
wal-let not a ce- nt; a kiss as her do- na- tion on
ar-beit shoin nit la- ng; zi shenkt a kush dem yin- gl un
hung-ry lad she spe- nt. But soon for Jen-nie's quar-ter a
kukt oif im mit ba- ng. Nor ot far Jen-nie's kwo-der dos
rit.
flow- er buys the boy, and hands it right to Sa-die, em-bracing her in joy.
yin-gl koift a blum, der-langt es gleich tzu Sa-dien un nemt zi heis a-rum.
rit.

A N'DOVOH

(A Donation)

Lyrics by A. L. BARON

English Version & Music by LAZARUS MONFRIED




f
weis dein reich-keit, dein far-me-g, dein ye-de fa-rb, dein
ye-dn ton; du bist in mei-ne le-bns te-g mein
mp
yu-gnt freid un shtol-tze fon. Wer shtum.
rit.
1.
2.

YIDDISH

Lyrics by A. ALMI

Music by
LAZARUS MONFRIED




kost a welt kor - bo- ne - s, mit ye-
f
animato
soi - mim mit al- mo- ne - s, her- tzer
f
animato
pla- tzn far rach- mo- ne - s
un far shre - k.
dim.


Andantino
a shtrai — t. Un di koi-les un dos
bru-me - n, bis tzu Got in Hi-ml ku-me -
-n, un dos feld mit blut far-shwu-me - - n,
on an e —— k; un es


roi - shn s'wei - hen fo - nen, er -
getz wai — t; di trom - pei - tn di sig-na-ln,
on an oif-her hil-chn sha- ln,
fel - ker si - gn fel - ker fa-ln, s'is

A MILCHOMOH

(War)

Words & Music by
LAZARUS MONFRIED





and the mor-row brings no fear. Proud-ly strides the jew— to free-dom
pa-chad yo-mim ku-lo som. Ho-leich lo Yis-ro-eil so-vo
un der mor-gen shrekt nit mer. S'geit dos al-te folk-tzu frei-heit
p
più allegro
bit-ter ex-ile draws a-way; Oh, how splen-did,
min ha-mei-tsar el— ha-dror; hoy, ma go-dol
un tzum go-lus nemt— an end; grois un her-lich
a tempo
rit.
full of won-der, great and sac— red is the day!
zeh ha-pe-leh, mah me-u—shor zeh ha-dor!
is dos wun-der, grois un hei—lig der mo-ment!
Andante maestoso
Introduction to the 2nd and 3rd Stanzas:
פארשפיעל צו דעם
2-טען און 3-טען פערז:

DIE BAFREIUNG – SHIR HAG'ULLOH

HYMN OF JEWISH FREEDOM

Words & Music by
LAZARUS MONFRIED




oif an - ort; ku - men wet a na - ier wint
un far - trai - bn im fun dort; ku - men we - t a
rit.
na - ier wint, un far - trai - bn im fun dort.
rit.
After the last stanza — נאך דעם לעצטן פערז
ff
Nor nit ge - zorgt!
ff

NIT GEDAIGET

(Do Not Worry)

Words & Music by
LAZARUS MONFRIED

Andante espressivo



MUSIC OF SIX SONGS

The lyrics of the songs appear as follows:

1) Nit Gedaiget (Do Not Worry) — page 42.
2) Die Bafreiung (The Liberation) — 44-45.
Shir Hag'ullah (same) — pages 45-46.
Hymn of Jewish Freedom — page 47.
3) A Milchomoh (War) — page 33.
4) Yiddish — page 324.
5) A N'dovoh (A Donation) — page 325.
English version — page 326.
6) Der Tog, Der Yam (The Day, The Sea) — page 26.

The text under the music consists only of the first stanza of each song. The remaining stanzas, in each case, are easily adjusted to their tune, since their respective rhythms are strictly uniform throughout in number of syllables as well as in accentation. Regarding the invited songs, 4 and 5, please see "Author's Preface," page 18.

In conclusion, I wish to express here my gratitude to my esteemed literary colleagues, who have constantly encouraged me and eventually influenced me to publish at least one collection of my writings.

LAZARUS MONFRIED

and which reflect various phases of life—Jewish and general alike. It is therefore understood that certain belletristic offerings and general articles deal with subjects of bygone days, the circumstances and situations of which no longer exist, or have been forgotten. In order to indicate to the reader the periods when the conditions motivated the themes of such writings, I have, wherever necessary, stated when and where they were written and their purpose.

With regard to the type of Yiddish employed in this book, I do not desire to engage in extensive discussion here. My position in this matter is, however, clarified in my article, "The Chaos in Yiddish," which is reprinted in this volume. I should but like to add here that, whether we like it or not, we often feel the need of an Anglicized word in American Yiddish; particularly in a story, when the "hero" speaks for himself. The English word, when necessary, lends color and flavor to the particular thought expressed in American Life. The Germans, Russians, Italians, etc. in America do likewise—and it is quite "Kosher"... However, I have assembled, in alphabetical order, all English-Yiddish words used in this book and have listed them, along with their translations, in the form of a dictionary, placed in a special portion of this volume.

Concerning the orthography, I may say here briefly that I have chosen the "happy medium"—between the traditional Yiddish, as used in our daily press, and the "modern" Yiddish, as employed in books and magazines.

have made a contribution to the annals of Jewish history in Poland.

Part 5—music—is, in my opinion, a novelty in a collection such as this. Since such inclusion is, as I believe, unprecedented, I had my doubts as to the advisability of adding it here. However, my literary colleagues have strongly advised me to do so, pointing out that this would in no way diminish the literary value of the book, particularly so since the material referred to consists of music which I have written to my own lyrics, included in this collection.

Following my decision to incorporate music in this book, I invited two colleagues, the distinguished poet and author, A. Almi (Eliash), and the well-known A. L. Baron (Rabbi Zeidman), to contribute their beautiful songs here—"Yiddish," by Almi, and "A Donation," by Baron — to both of which I composed the music, published herein.

Thus I agreed with my colleagues that this supplement will not reduce the literary standard of this book in the judgment of the critic, while the possessors of the book may, all the better, be grateful for this musical gift...

THE MATERIAL AND USE OF LANGUAGE

At this time, I should like to dwell briefly upon the selection of material in this book and the type of Yiddish employed here.

As the reader will find, I have included in these pages writings which I have penned in various periods

tents—and perhaps, indirectly, its author—a matter which is entirely against my grain and cannot be done.

That's where the difficulty comes in.

In the light of this, I have decided to "suppress," at this writing, my personal feelings concerning this book, and leave it to the judgment of the intelligent reader and upright critic. As for myself, I have reserved only the privilege of making a few explanatory remarks concerning the technical side of its contents.

THE FIVE PARTS AND THEIR ARRANGEMENT

As the reader will note, I have gathered "under one roof" four various forms of literature, which have come from my pen in the course of many years: (1) Poems, (2) stories, (3) articles, (4) drama. If so desired, one may subdivide these classifications into further groupings, as for example: Poems—serious, satiric, festive, etc.; stories—sketches, pen portraits, humoresques, etc.; articles—editorials, essays, etc. I have not classified them in such detail, but have assembled them, more or less, according to their type.

The drama, "Yiddishe Chaloimes" (Jewish Dreams), is a part (4) in itself, and I feel that its inclusion in this volume is justified. I have included it here not only because it is part of my writings, but particularly, because it portrays an epoch in Warsaw Jewish life, which has, unfortunately, vanished with all its dreams, struggles and aspirations. Should this darama serve as a reminiscence of distruction of that era, I shall feel I

AUTHOR'S PREFACE

As I procceded to write a preface to this book, I quickly discovered that to write a few short stories or articles would have been a far easier task for me than to pen this preface. Why? Not because I do not have anything to say, but simply because I find it hard to speak about myself and my work. The main difficulty is for the reason that I cannot be frank and outspoken in this case, which is indeed a considerable drawback. Of what value is the pen, or the spoken word, when they cannot convey candidly what the mind thinks and the heart feels?

The reason for my inability to express a frank opinion of this book—and voice, indirectly, a word about myself—is probably self-evident. If I should have said here with sincerity what I think of its contents and feel about myself, I would have been tempted to reveal my personal enthusiasm for all that I have presented in this volume—for had I not been enthusiastic about it, I would not have written it; and whatever I have written with less enthusiasm I did not include in this collection.

Directly or indirectly, I would have also been moved to give credit to myself for the various sentiments which prompted me to write what the reader will find here.

I maintain, therefore, that in order to be frank and sincere in voicing my opinion of the contents of this book, I would have been tempted to boast of its con-

mous poet-author, Zalman Shneour, who began his literary career in Warsaw almost simultaneously with Lazarus Monfried. Appearing on the grand program of that festival, Monfried greeted the author-poet and lauded his great literary achievements in the past forty years, during which time he did not lay down his pen for a single day. At the same time Monfried confessed that he himself had, regrettably, not created enough during this period. He attributed this to the fact that, during these four decades he was interested in another "love"—music. However, he promised the Jubilee host and the audience that he would rectify this neglect and make it up during the "next forty years"...

The audience responded to Monfried's remarks by a burst of a hearty applause and voiced hope that he would fulfill his promise...

largely circulated in United States and also abroad.

In the musical field, Lazarus Monfried has for many years been known as a successful violin teacher. He also composed violin renditions and music for a number of English and Yiddish lyrics, most of them his own.

During World War II, Monfried composed the text of "Service Men's Prayer"—a Divine offering for our armed forces of all faiths—which was published in many thousands of copies by Philamerica Publishing Co., New York. This Prayer was highly commended and endorsed by eminent Protestant and Catholic Bishops, leading Rabbis and other religious spokesmen, whose testimonial letters were published separately. With the cooperation of the War and Navy Departments, this prayer was distributed among the Chaplains of all faiths on the War fronts, and Hon. Samuel Dickstein, then Congressman and now New York State Supreme Court Justice, presented this Prayer to Congress. The Prayer was then perpetuated in the Congressional Record, issue of April 12, 1945.

In the same year, the Jewish Artists Fraternity, in cooperation with a number of distinguished writers, friends and admirers of Lazarus Monfried, celebrated his 40th Literary Jubilee at New York's famed Town Hall. A large assemblage filled the hall, upon which occasion a fine program of music and literary renditions—mostly his own creations—was presented, and the audience enjoyed with the Jubilee host a most unforgettable evening.

One week prior to this event, the Jewish literary world celebrated the 40th Literary Jubilee of the fa-

composed the music of "Zion's Flag," and was also active as choir leader at Temple "Shaare Zion" and of a choral society, which grew into the famed "Hazomir."

Following the outbreak of the Russo-Japanese War, he joined his father in South Africa, where he contributed to the Jewish periodicals there—"Hakochov," "Folkszeitung," "Afrikaner"—and served also as correspondent of some European and American newspapers.

In 1908, Lazarus Monfried arrived in America, together with his parents, sisters and brothers. For a time he was a frequent contributor to the "Yiddishes Tageblatt," and his writings, including poems, short stories, feulletons and essays, were published also in other newspapers and magazines. Subsequently, he also wrote a great deal in English.

In the United States, Monfried also edited "Der Letz" (The Jester), a humorous weekly postcard-magazine, New York; "Die Yiddishe Stimme" (The Jewish Voice), a Cincinnati, O. weekly; and three New York publications—"Jewish Drama and Family Journal," "Musical World and Theatre Magazine," and, for several years, "The Jewish Family Journal" (English and Yiddish). He is also the author of a three-act play, "Yiddishe Chaloimes" (Jewish Dreams), and of "Goddess of Music," a musical drama in English.

In 1944, Bookfolk Publishing Co. published Monfried's book of humor, "Freilichkeiten" (Cheers)—Gems of Humor and Satire—consisting of curious anecdotes, keen jokes and amusing riddles. The book was

"The room on Swiento Jerska rented for ten Rubles per month. Nevertheless, I had a partner for it, Lazarus Monfried—a very young lad at that time, who showed ambition; whether as a poet or violinist was not yet determined. I became acquainted with him at the editorial office of 'Der Yud,' where the editor, Dr. Joseph Lurie, introduced him to me as a talented and promising youth.

"Monfried became very much attached to me. He was refined, courteous, youthful, and I took a liking to him. Eventually, I shared my dwelling with him. Paying his rent in advance promptly, he influenced me in being likewise more prompt . . . The room was narrow, but long; it contained a bed, sofa, table and chairs. However, Monfried rarely spent his time in the room during the day. Though hardly seventeen years old, he was already matured as to hatching plans—literary, musical, and even commercial. I delightfully enjoyed watching his development. When M. Spector needed a poem for the Passover issue of his 'Folkszeitung,' Monfried immediately got wind of it and penned one, named 'Die Kashes' (The Four Questions)—almost a philosophic offering."

The good-natured Abraham Reisen, who sees in everything and everybody the better and finer lines, continues in a later passage:

"Lazarus Monfried slept on the sofa and smiled in his sleep, as if he were preparing to play the violin, or as if he were dreaming that Spector was accepting a poem from him for the 'Folkszeitung.' "

In Warsaw, Lazarus Monfried contributed to "Der Yud," "Yiddishe Folkszeitung," "Freind," "Tog," and Appelberg's "Yom Tov Bletter,"—a Holiday publication, which, in 1904, Monfried began to publish on his own.*) At the same time, he wrote the lyrics and

---

*) The recently departed, well-known novelist, Lamed Shapiro, frequently cited the fact, and also stated in his biography, that Lazarus Monfried was his first editor, when the latter, in his "Sukkoth Blatt," published Shapiro's first short story, "Die Fliegel" (The Wings).

LAZARUS MONFRIED: A BIOGRAPHY

From the "Lexicon of the Yiddish Literature," edited by Zalman Reisen, Wilno, 1927; *"Lexicon of the Yiddish Theatre," edited by Zalmen Zylbercweig, Warsaw,* 1934, *and from other sources.*

Lazarus (Eliezer) Monfried was born in Shadove, Lithuania. His father, Reb Yehuda Leib Monfried, of blessed memory, was a scholar and Talmudist, and sought to rear his son, "Leizerl," in the same spirit and footsteps. The lad, who in his childhood displayed talent in music and literature, began violin-playing at 8, under the tutorship of a local musician and later under a prominent violin instructor in Shavli (Lithuania), where he continued also with his other studies. At 15 he arrived in Warsaw, where he studied the violin and music generally at the Conservatory of Music of that city.

Upon his arrival in Warsaw, Lazarus Monfried became acquainted with Dr. Joseph Lurie, editor of "Der Yud," who introduced him to the famous poet and novelist, Abraham Reisen. The latter took a keen interest in him, shared his quarters with him, and exercized a great influence over him.

In his memoirs, "Episodes of My Life," (Volume 2, Chapter 32), Abraham Reisen writes about Monfried as follows:

another. Why, therefore, squabble and scrap? Let's live in peace and harmony; let's not get into each other's way, but march on calmly, in measured step, without losing our heads.

This is Lazarus Monfried. This is his credo, his message.

Lazarus Monfried—the man of harmony, rhythm and tact, which characterize his musical spirit.

Lazarus Monfried—the unchangeable.

the world; a symbol of completeness and harmony, whom we, the ever polemists and quarrellers, torn and divided, may envy.

However, I do not, by any means, intend these evaluations to indicate that Monfried is cold, indifferent, untouched by upheaval. That is the superficial impression one might gain. A warm-hearted and emotional person, as Monfried is in reality, cannot be apathetic and indifferent in such crucial and decisive era as ours. His inner emotions and reactions are evident by his poems, short stories and essays, which reflect his views and comment upon the issues of the day. However, he possesses self-control, and in his writings as well as in his personal relations, masters his emotions with dignity and tact. He doesn't lose his head or balance. In the midst of a blaze or shipwreck, when people run about wildly in confusion, howling, wailing, cursing and trampling each other, he is the man who does not lose himself. Treading with steady, measured steps, he goes forth towards the proper direction of rescue. Thus he calms the rest, bidding them to save themselves without hysteria.

The title of his book, "Under One Roof," not merely represents a true characteristic of its contents, embracing in one volume his best poems, short stories, humor, satire, drama, articles and music—a choice collection of his diversified literary creations since his teen-age,—but is also indicative of his entire attitude toward the world: We all live "under one roof," in one world, with all our movements, trends, isms, idealogies, and all of us aspire to a better world, some via one way, some via

and reactionaries—revolutionists.

But Lazarus Monfried has remained unchanged—in his appearance as well as in his writings and activity. The years have left little mark upon his physical appearance; he possesses the selfsame freshness, calmness, neatness, elegance and measured tread of bygone days. Idealogically, too, he is the same Monfried, as is revealed in his writings and actions. Evidencing keenest interest in everything constructive in Jewish life and everything of human value, Monfried has constantly maintained a friendly attitude toward everyone with whom he came into contact, irrespective of the individual's identity, as long as he was no swindler, traitor or criminal. He has never questioned anyone concerning party affiliation. Naturally modest, he has never sought to thrust himself into public spotlight and gain popularity upon various opportunities.

Not in a single instance has Monfried ever irritated one through a harsh word or action. Nor has he ever attempted to obstruct one in pursuit of that individual's idealogical convictions. One will, therefore, never hear a word of anger on his account. None has ever come into conflict with Monfried—be he religious or atheist, rightist or leftist, conservative or revolutionist. An introduction to his book might have gladly been written by a conservative or orthodox colleague, as well as by an extreme leftist. The privilege of writing such introduction has been conferred upon me, probably because to me, Monfried is a fusion of legend—as I viewed him in my youth—and of reality; a concrete exemplar of peace—peace with oneself and with

while a young lad, composed the song "Zion's Fon." I was therefore greatly surprised when, shortly following my arrival in America, in 1913, an elegantly-attired, dark-haired, sympathethic youth, of dignified appearance and measured tread, entered the editorial office of the "Tageblatt," where I had become a staff member, and was introduced to me by one of my colleagues:

"Lazarus Monfried!"

Thus, Monfried was not a legend, after all; a person bearing this name really existed . . . and to my joy, he was also a "Tageblatt" contributor. Be that as it may, Monfried and I struck up a close bond of friendship since that day. His amiable manner, dignified bearing and friendly disposition left a profound impression upon me. Our ties of friendship have continued uninterruptedly throughout these years, dispite the fact that since then I have, it seems to me, undergone various spiritual changes. This unbroken comradeship might, perhaps, be attributed to the fact that he, Monfried himself, has *NOT* changed.

He is the selfsame Monfried that he was thirty-odd years ago. This is neither exaggeration nor mere rhetoric. During the past decades, since my friendship with Monfried began, the world was rocked by the greatest upheavals, wars, revolutions, civil conflicts. In the Jewish world, too, many historic changes have transpired among classes, groups, individuals: "Isms" have been revised, values reshuffled; atheists have turned religious and radicals—conservative, anti-Zionists have become Zionists, revolutionists have become reactionary

edited by Lazarus Monfried. These journal-cards, captioned "Der Letz" (The Jester), were replete with wit and humor, including also an editorial, as well as advertisements and address space on the reverse side. They were indeed a unique and original attainment, and passed through many hands as a rare novelty. I collected and preserved these cards, and in later years, when I had already made my mark in the Jewish literary world, I showed them to Yiddish writers, who snatched them from me as if they were a precious prize. The well-known author, Noah Prilutsky, was enthused over these cards, and one copy, which he secured from me, was preserved by him as a sacred antique.

From these journal-cards, I learned that Lazarus Monfried is not only a poet and musician, who creates both the lyrics and melodies of his songs, but that he is also a humorist and feulletonist. Years later, rooted in American soil, I learned of Monfried's general versatility—that he writes short stories and feulletons, poems and essays, humor and drama; plays the violin and composes music; is active in pharmacy and medical chemistry; and above all, is imbued with interesting ideals and plans for solving vital Jewish and general problems, which, under more favorable conditions, might have been realized.

Until my arrival in America, however, Lazarus Monfried had been a legendary figure to me. I did not have the slightest conception of his appearance. I did not even know that he lived in Warsaw for a number of years, sharing an apartment with Abraham Reisen, and that in the very Polish capital he had,

no room for conflict or contradiction. That comes later, with years. Youth is harmonious; all is well.

As that wonderful era—remote and yet so near to me—resurects itself in my memory, with its scenes, personalities and songs, a song of Jewish awakening, "Zion's Fon" (The Flag of Zion), resounds in my mind. The popularity of this song in Warsaw and, no doubt, in many other Jewish communities, equalled that of "Hatikvah" or "Dort Voo de Tzeder," and it ran:

Wach shoin oif mein folk,
Nem dein Fon in hand,
Un Marshir arois
Tzu dein Foterland... (etc.)

(Awake, my people, take thy Flag in hand, and march on to thy Fatherland).

All sang it. It was chanted in Jewish homes, streets, at gatherings, and wherever youth assembled.

One day, while we sang this popular song, I suddenly heard the name "Monfried"—probably uttered in reply to someone's query as to the identity of its author. Thus, the name Monfried—Eliezer or Lazarus Monfried—etched itself for the first time in my memory.

Since then I have frequently encountered this name —at first as a by-line to poems published in the magazine, "Der Yud," (Warsaw), to which we subscribed, and subsequently on unique postcards, which reached us from relatives in America . They were "journals" in postcard form, printed in very tiny type and

LAZARUS MONFRIED — SYMBOL OF HARMONY

(An Introductory Pen Portrait)

By A. ALMI

The impressions of one's childhood and early youth, unburdened and unhindered by complex problems, worries and ideas, are the boldest, most profound, finest. They remain carved in one's memory and heart throughout life. Even the heavy mass of experience and disappointments of later years cannot blot them out. On the contrary, in the midst of tragic experience and despair, they reappear before one's eyes, infuse new life in the bygone past with its tender dreams, purity and beauty—and so instil consolation, strength and new hope.

Frequently, in moments such as these, bygone Warsaw recreates itself in my mind; my childhood in it, my youth, my embrionic literary aspirations and inspirations. Wonderful days they were—the time when I, a young lad of the crowded Warsaw ghetto, first heard the then popular songs of movements and struggle, such as those of Zion, or revolution. They blended in my mind with impressions of The Bible, Talmud, Jewish literature, Mendele, Peretz, Dr. Herzl, Nordau —all harmoniously fused in my thoughts into one entity, like one poem or symphony.

In one's youthful dreams and awakening, there is

A WORD BY THE PUBLISHER

We take the liberty, and pleasure, of allocating in this volume a few words on the present publication.

Our previous experience in having published a book by the esteemed author, Lazarus Monfried, has been highly gratifying. This experience fortifies our faith and confidence in the success also of this book, which includes "Under One Roof," as it is called, the author's best writings, penned since his youth days.

This experience we have attained by our publishing, in 1944, his book "Freilichkeiten" (Cheers)—Gems of Humor and Satire—which was a huge success. A large number of copies of that book were printed and rapidly sold, thus leaving very few in our possession.

We trust, with complete justification, that the reader will find this volume equally enjoyable and interesting from cover to cover. This is the least we permit ourselves to say, with utmost sincerity, concerning its contents, as the reader will readily realize for himself.

We hope, therefore, that this book will faithfully fulfill its mission to serve as a source of spiritual enjoyment to the reader and prove to be a worthy addition to his bookshelf.

BOOKFOLK PUBLISHING CO.

P.S. In appreciation of the numerous friends which Lazarus Monfried has gained through his English writings, the introductory articles, along with his biography, are given here in English as well.

Under One Roof

Poems, Short Stories, Articles,

Drama, and Music

— By —

Lazarus Monfreid

Published by

Bookfolk Publishing Co., New York 3, N. Y.

Lazarus Monfried in his younger age as violin instructor